STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09102

IN MITELE YORN

Israel Emiot

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל עמיאָט • אין מיטעלע יאָרן

איבערדרוקן און דער הערלויבעניש
פון העם מחבר — איז פאַרבאָטן.

ניו־יאָרק, 1963.

ישראל עמיאָט

אין מיטעלע יאָרן

עסייען, דערציילונגען, לידער

• • •

אַרויסגעגעבן:
יידישער קאָמיוניטי קאָונסיל, ראָטשעסטער, נ. י.

ISRAEL EMIOT

IN MITELE YORN

(IN MIDDLE AGES)

הילע און צייכענונגען פון יצחק ליכטענשטיין

Published by
JEWISH COMMUNITY COUNCIL OF ROCHESTER
Rochester, New York
1 9 6 3

(All Rights Reserved)

Printed in U.S.A.

GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York City

166

אָפטיילונג

• איינס

אויף סאָוועטיש־יידישע טעמעס

אָפּהאַנדלונגען און קאַפּיטלען זכרונות

אויף סאָוועטיש־יידישע טעמעס זיינען אָפּהאַנדלונגען וועגן די אומגעבראַכטע סאָוועטיש־יידישע שרייבער אויך וועגן סאָוועטיש־יידישע פּראָבלעמען.

צוויי אָפּהאַנדלונגען וועגן לייב אָליצקי, און הדסה רובין זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין הער אָפּטייל, ווייל זיי זיינען געשריבן געוואָרן בעת די דאָזיקע שרייבער זיינען געווען אין פּוילן. היינט צו טאָג זיינען ביידע אין מדינת ישראל. הדסה רובין איז פאַר איר בוך אויסגעצייכנט געוואָרן פון מועצת הפועלות.

אויף סאָוועטיש־יידישע טעמעס

דער נסתר אין בירָאָ בידזשאַן

(אַ בינטל זכרונות)

פיר וואָכן איז דער נסתר געווען אין בירָאָ בידזשאַן, אָבער די פיר וואָכן האָבן אַריינגעטראָגן אַ נײַ לעבן אין די קולטור־קרייזן פון דער שטאָט און איבערהויפּט צווישן דער גרופּע יידישע שרייבערס.

ס'איז געווען אין סאַמע אויפלעב פון דער איבערוואַנדערונג אין 1947 יאָר. נײַע עשאַלאָנען מיט איבערוואַנדערער זײַנען אָנגעקומען פון אוקראַינע. נײַע פּנימער האָבן זיך באַוויזן אויף די בירָאָ בידזשאַנער גאַסן. עס איז געווען אַ נײַער צושטראָם פון בלוט. דער עשאַלאָן, מיט וועלכן דער נסתר איז געקומען, איז באַזונדער געווען רייך אין מענטשן און מען האָט אים אויפגענומען מיט אַן אויסערגעוויינלעכן ענטוזיאַזם.

מען האָט דעם עשאַלאָן באַגעגנט שוין אין אָבלוטשע, די ערשטע סטאַנציע אין דער געגנט; דער וואָקזאַל איז געווען העקאָרירט מיט אַ גרויסער לענטע און אויף איר די יידישע ווערטער „ברוך הבא” צו די נײַע איבערוואַנדערער. דער יידישער נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע האָט זיך געפלייסט זײַנע פּאָר ווערטער יידיש צו רעדן געלויפיק. עס האָט אויך האַרציק באַגריסט דער סעקרעטאַר פון „רייקאָם” און דער פּאָרזיצער פון „גאָרסאָוועט”. אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט יידישע פאָלקסמאַרשן. אַ גרופּע יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין וואַגאָן, וואו עס איז געזעסן דער נסתר און זיין באַגלייטער, דער יידישער זשורנאַליסט ליומקיס, און מען איז שוין מיטגעפאָרן מיט אים דעם גאַנצן קרוב צוויי הונדערט קילאָמעטערדיקן וועג קיין בירָאָ בידזשאַן.

די אויפנאַמעס מיט מוזיק האָבן זיך איבערגעחזרט אויף די קלענערע סטאַנציעס, ביז דער שטאָט בירָאָ בידזשאַן. אויפן בירָאָ בידזשאַנער וואָקזאַל האָט זיך די פייערלעכע אויפנאַמע געצויגן עטלעכע שעה. כמעט אַלע אײַנוואוינער פון שטאָט זײַנען אַרויס צום וואָקזאַל. דאָרט איז אויפגעבויט געוואָרן אַ ספּעציעל דעקאָרירטע טריבונע, אויף איר זײַנען אַרויסגעטראָטן די אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער געגנט: דער ערשטער סעקרעטאַר פון „געגנטקאָם”, פאָרזיצער פון געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט, קולטור־טוערס און שרייבערס; אַלע פּיאָנערן פון שטאָט זײַנען מאָבילידזירט געוואָרן צו ברענגען בלומען, און דער צוג איז ממש פאַרוואָרפן געוואָרן

מיט בלומענקרענץ. וואו עס איז נאָר געווען אַן אָרקעסטער אין שטאָט, איז ער געווען אויפן וואָקזאַל און אַלע צוזאַמען האָבן געשפּילט ייִדישע ניגונים. נישט קיין וואונדער, וואָס די נייע איינוואַנדערער האָבן פאַרגעסן זייער לאַנגן, אויסמאַטערדיקן וועג און זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון די אַלטע תושבים. אויב די בירא בידזשאַנער תושבים זיינען אין דער צייט פון מלחמה נישט געפּראָוווט געוואָרן מיט עוואַקואַציעס — זיינען די אַלע ניי־אָנגעקומענע געווען אויסגעפּייניקט פון די פיל עוואַקואַציעס פון די היטלעריסטיש־אָקופּירטע געביטן אין די ווייטע געגנטן פון אַזיע, קאַזאַכ־סטאַן, אוזבעקיסטאַן, און שפּעטער, נאָך דער מלחמה דעם וועג צוריק, וואו זיי האָבן אָנגעטראָפן אַ שווידערלעך־פאַנאַנדערגעבליטן אַנטיסעמיטיזם. די וואָרעמע באַגעגעניש מיט זייערע ברידער, די ענטוזיאַסטישע אויפנאַמע האָט פאַרשיכורט נישט איין ניכטערן מענטשן, בפרט אַזאַ געפילפולן שרייבער ווי דער נסתר. דער נסתר איז, דעם אמת געזאָגט, געקומען אַן שום דירעק־טיוון. ס׳האָט אים קיינער נישט געשיקט אין קיין שליחות. זיין „קאָמאַנ־דיראָווקע״, וואָס איז נייטיק געווען אין יענער צייט צו פאָרן אויפן ווייטן מזרח, האָט אים געגעבן דער סאָוועטישער שרייבער־פאַראיין. ער איז גע־פאָרן דעם לאַנגן וועג מיטן איינציקן ציל: אַריינצובלאָזן אַ רוח־חיים אין דער יידישער קולטור־אַרבעט פון דער געגנט.

נאַטירלעך, כדי ער זאָל קענען האָבן אַ צוטריט צו די פירער פון דער געגנט, האָט ער זיך אויך באַזאָרגט מיט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, אָבער איך שטרייך דאָ ספּעציעל אונטער, אַז די גאַנצע אויסמאַטערנדיקע נסיעה האָט דער נסתר געמאַכט פון זיין אייגע־נער איניציאַטיוו, ווי אַ הייסער ייד, געטריי און איבערגעגעבן צו די קול־טור־אוצרות פון זיין פאָלק און טיף באַזאָרגט וועגן גורל פון זיינע ברידער. פאַר דער צייט פון מיין זיין אין בירא בידזשאַן, האָבן נאָך עטלעכע ייִדישע סאָוועטישע שרייבערס באַזוכט די געגנט, אָבער כאָטש אַ רייזע קיין בירא בידזשאַן איז פאַר קיינעם נישט געווען קיין „שפּרונג״, איז אָבער קיינער פון זיי נישט געפאָרן אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען ווי דער נסתר; צוזאַמען מיט איבערוואַנדערער, אין עשאַלאָנען, וואָס האָבן זיך געשלעפּט ביי ניינצן טעג — און דאָס, ביי זיין שוואַכן געזונט, מיט אַ צענדליק מיחושן און אַ קראַנקן מאָגן, וואָס האָט פאַרדייעט בלויז מילכיקס. צום שבח פון די אָנפירערס פון דער געגנט דאַרף געזאָגט ווערן, אַז מען האָט דעם נסתר אַרומגערינגלט מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט. איינקוואַרטירט האָט מען אים אין דעם בירא בידזשאַנער איינציקן האָטעל אויף דער לעניך־גאַס, וואָס הגם ער קען זיך נישט רימען מיט קיין קאָמפאָרט פון אַ גרויס־שטאָטישן האָטעל, איז ער אָבער פאַר די באַדינגונגען אין אַזאַ העק ווי בירא בידזשאַן, געווען באַקוועם. אַזוי ווי דער נסתר האָט צוליב זיין מאָגן־קראַנקייט געלעבט מערסטנס אויף מאַנע־קאַשקע מיט מילך, איז אים צוגעטיילט

געוואָרן אַ באַזונדערע קעכין, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין מעניו. אין פאַרגלייך מיט זיין „דירה", מ'שטייגס געזאָגט, אין מאָסקווע, אַ קליין פּיטשעמאָנטשיק צימערל הינטער די קוליסן פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, — איז דער הויכער, געראַומער צימער אין האָטעל געווען אַן אַפּרו־אַרט. דער נסתר איז טאַקע די ערשטע עטלעכע טעג געלעגן אויפן בעט, אויסגערוט זיך פונעם לאַנגן, שווערן וועג, און האָט זיך פשוט גע־קוויקט מיט דער רו און שטילקייט. אָבער גלייך אויפן דריטן טאָג, האָט ער זיך אַליין און אַנדערע נישט געגעבן קיין רו.

צוערשט האָט ער געמאַכט אַ פיר־שעהדיקן באַזוך ביים סעקרעטאַר פון דער געגנט. פון אָט דעם באַזוך איז דער נסתר צוריקגעקומען אַן אויפ־געלעבטער; דער נסתר האָט גערעדט צו אים יידיש.

— ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען און צוגעזאָגט באַכצוקומען אַלע מיינע בקשות.

דעם נסתרס בקשות זיינען געווען: עפענען וואָס מער יידישע שולן, גרינדן אַ יידישן פאַרלאַג, מאַכן פון דער קליינער צייטונג אַ לייטישע טעג־לעכע אויסגאַבע, און באַזונדערס איינאָרדענען ווי געהעריק די נייע איינ־וואוינער, זיך מענטשלעך צו זיי באַציען: — באַציט זיך צו זיי, כאַטש אַ העלפט אַזוי ווי איר באַציט זיך צו מיר — האָט ער געבעטן.

אויפן וועג פון מאָסקווע קיין בירא בידזשאַן איז דער נסתר ווייט נישט געווען קיין אָבסערוואַטאָר; ער האָט זיך פאַר דער צייט באַוענט צונויפגע־לעבט מיט צענדליקער פון די איבערוואַנדערער, און אין בירא בידזשאַן זיינען זיי צו אים געקומען נישט נאָר מיט פריינדלעכע וויזיטן, נאָר אָפט מיט בקשות וועגן זייער איינאָרדענונג. נישט אַלעמען האָט זיך געגלוסט פאַרוואָגלט צו ווערן אין ווייטע פונקטן פון דער געגנט, ווייט פון אַ קול־טורעלן צענטער, עס איז געווען מערסטנטייל אַ שטאָטישער עלעמענט, און דער נסתר האָט זיך באַמיט זיי בעסער איינצואָרדענען.

אַ פּראָדוקט פון אָט דער רייזע איז געווען זיין סעריע וואונדערלעכע וועג־רעפּאָרטאַזשן „מיט אַן עשאַלאָן איבערוואַנדערער קיין בירא בידזשאַן", וואָס האָט זיך געדרוקט גלייכצייטיק אין דער אָרטיקער יידישער צייטונג און אין דער מאָסקווער איינ־קייט. די רעפּאָרטאַזשן זיינען נישט קיין גע־וויינלעכע פאַרצייכענונגען פון אַ טאַלאַנטפולן שרייבער, נאָר אַן אמתע מגילה פון יידישע יסורים אין דער צייט פון היטלער־אָקופּאַציע, אַ געזאַנג צום יידישן הערהאַלטונגס־געפיל און צום פון דור־דורות פאַרוואָרצלטן געפיל פון בטחון.

איך האָב דעם נסתר שוין געקענט ווי אַ שרייבער פון מיין פריער יוגנט. ווען איך בין נאָך געווען אַ ישיבה־בחור און בגנבה געלייענט וועלט־לעכע ליטעראַטור, האָב איך אין איינעם פון די זומערן שטראַל, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אונטער דער

רעדאַקציע פון י. מ. פריד, געליִיענט דעם נסתרס מעשהלעך און פערזען און שפּעטער אויך געליִיענט זיינע מיסטישע דערציילונגען. אין רוסלאַנד האָב איך זיך באַקענט מיט זיין וואונדערלעך ווערק די משפּחה מאַשבער און אין 1944 אָנגעקניפּט אין מאָסקווע מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אים.

דער נסתר איז בטבע געווען אַ גרויסער שוויגער. ער האָט זייער ווייניק גערעדט און מער ליב געהאַט צו הערן, דאָך האָט זיך אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט באַלד פאַרבונדן אין אַן אמתער, נאָענטער חברשאַפט. איך דערקלער דאָס דערמיט, וואָס ער און אויך אַ טייל אַנדערע סאָוועטישע יידישע שרייבערס האָבן אין מיר — און מעגלעך אין אַנדערע געקומענע פון די מערב־געביטן, — געוואָלט זען עפּעס פון דעם נאָך געבליבענעם יידישן מענטש און פון נישט־פאַרקרימטער יידישקייט. איך האָב אוודאי נישט געהאַט וואָס מחדש צו זיין אַזאַ תלמיד־חכם ווי ער. ער איז געווען זייער געלערנט און אַ סך אָנגעליִיענט. ער האָט אַ סך שטעלן אין זוהר ציטירט אויף אויסנווייניק, שוין אָפּגערעדט פון חסידישע ספרים, דעם ליקוטי מהר״ן פון ר׳ נחמן בראַצלאָווער האָט ער געקענט כמעט בעל־פּה און דאָך, ווייסנדיק, אַז איך שטאַם פון ייד הקדוש, איז ער שטענדיק אין זיינע געשפּרעכן מיט מיר געווען געשפּאַנט עפּעס צו געניסן. איך דערמאָן זיך ווי באַגייסטערט ער האָט זיך מיטן ייד הקדושס אַ וואָרט, וועלכן מען זאָגט נאָך אין זיין נאָמען. דער ייד הקדוש, וואָס איז באַקאַנט געווען ווי אַ גרויסער גיבור, האָט געהאַט אַזאַ פּחד פאַרן רבונו־של־עולם, אַז אַלע זיינע ציין זיינען פון פּחד אַרויסגעפאַלן. בלויז איין צאָן איז אים געבליבן, האָט ער אים גערופן רשע, ווייל ער איז נישט אַרויסגעפאַלן פאַר פּחד ווי די אַנדערע ציינער... — אָט דאָס, זעט איר, כאַראַקטעריזירט די גרויסע, גוטע יידן, זיי האָבן נישט געשפּילט מיט יידישקייט, זייער יעדער רגע איז געווען אַ גיין צו דער עקידה. מיר, די מאָדערנע יידן, האַלטן אין איין סטי־ליזירן יידישקייט. עס קאָסט אונדז גאַנץ ווייניק. — האָט דער נסתר זיך נישט געקענט אָפּלויבן פון אָט דעם זאָג. — עס פעלט אונדז דער ״אדם כי ימות באהל״. אין אהל־תורה דאַרף מען קענען שטאַרבן, דאַרף מען קענען זיך מקריב זיין.

***

און דאָך איז דער נסתר געווען און פאַרבליבן אַ וועלטלעכער ייד. ער האָט נאָר געפאָדערט קעמפערישקייט, וואָס אַ סך אָנגעזעענע סאָוועטישע שרייבערס האָט עס געפעלט. ער האָט געפאָדערט דעם „כי ימות באהל״ אפילו פאַר דער מאָדערנער יידישקייט. הגם ער האָט קנאַפּע דרייסיק יאָר געלעבט אונטערן סאָוועטישן רעזשים, האָט ער דאָך אַ סך זאַכן אויפגענומען מיט אַלטע באַגריפן. ער האָט געגלייבט אין שתדלנות ביי נידעריקע אינסטאַנצן. נישט אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד ווערט אַלץ באַ־

שטימט פון אויבן. אַזוי איז ער געווען גרייט צו זאַמלען חתומות פון שטוב צו שטוב ביי יידישע מענטשן, אַז זיי ווילן יידישע שולן, אַ יידישע הערציאונג.

אַזעלכע מענטשן ווי ער, ווי אַ האַלקין, הגם זיי האָבן געהאַט אַן עכט יידיש געפיל, זיינען ווייט געווען פון פירן אַ קאַמף קעגן דער סאָוועטנמאַכט. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז אַט די מענטשן האָבן בייגעוואוינט די פאָגראָמען אין אוקראַינע, אין די צוואַנציקער יאָרן. זיי האָבן געגלויבט, אַז גיכער וועט אויפשווימען די שוואַרצע מאה, וואָס איז פאַרשטעקט אין די טיפע־נישן פון רוסישן פאָלק און וואַרט נאָר אויף דער פאַסיקער שעה אַרויסצוגיין פון דער נאָרע — אָבער אַ קאַמף האָבן זיי געפירט קעגן די, וועלכע ווילן באַציִיטנס אָנוואַרפן אַסימילאַציע, וועלנדיק דערמיט זיך אויסצייכענען ביי זייערע פאַרטיי־נאַטשאַלניקעס.

עס איז נישט ריכטיק די השערה, אַז דער נסתר האָט געהאַט אַ וועלכע עס איז פאַרבינדונגען מיט ליובאַוויטשער חסידים, ווי איך האָב עס ערגעץ געלייענט. אין אַלע מיינע געשפּרעכן מיט אים, האָב איך געזען פאַר זיך אַ מאָדערנעם יידן, אַ נאַציאָנאַלן יידן, אָבער נישט קיין רעליגיעזן יידן. ער איז געווען אַ שטאָלצער, קאָמפּערישער ייד, אַן עקשן, וואָס קען ברענגען קרבנות פאַר זיינע איבערצייגונגען; אַן ערלעכער מענטש דורך און דורך, אָבער פונקט ווי אַ סך אונדזערע שרייבערס, הגם זיי פאַרהערלעכן חסידות, זיינען דאָך נישט פאַרבונדן מיט חסידים, אַזוי איז אויך געווען דער נסתר.

אין דער צייט פון זיין פיר־וואָכיקן באַזוך אין בירא בידזשאַן האָב איך דעם נסתר געבראַכט פון דער ביבליאָטעק אַ ריי ספרים און ביכער. ער האָט אויף זיין טיש געהאַט אַן ענציקלאָפּעדיא יודאיקא, ביכער פון לעאָפּאָלד צונץ, גרעצס געשיכטע אין אָריגינאַל, עטלעכע ביכער וועגן חסידות, צווישן זיי פון מאַרטין בובער, און דאָך האָט ער געמוזט לייענען זיין באַליבטן טשעכאָוו יעדן טאָג; ער האָט טשעכאָוון פאַרהערלעכט און אים גענומען פאַר אַ מוסטער פון סטיל. מאָדנע! איך האָב אים געוואָלט אַמאָל מאַכן אַ סורפּריז און ווייסנדיק, אַז צו אים איז נישט דערגאַנגען דער זאַמלבוך פון שרייבער־פאַראיין אין וואַרשע פון די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן מיטן אויס־געצייכנטן אָריגינעלן עסיי פונעם גרויסן פאָעט און עסייאיסט, ישראל שטערן, „קרוינען צו די קעפּ פון דער יידישער קריטיק״, וואו עס רעדט זיך וועגן י. ל. פּרץ (וועמען דער נסתר האָט פאַרהערלעכט), האָב איך אים דאָס בוך געבראַכט פון דער ביבליאָטעק, מיינענדיק, אַז עס וועט אים באמת הנאה טאָן, אָבער דער נסתר האָט מיר צומאָרגנס זויער באַגעגנט: — ער פלאָנ־טערט, אַ סך מליצה. ער האָט מסתמא נישט געלייענט בעלינסקין.

***

דער נסתר האָט ליב געהאַט צו מאַכן יעדן טאָג אַ פרימאָרגן־שפּאַציר. ער פלעגט גיין פון שטאָט צו דער בירא בידזשאַנער „סאָפּקע״ און צוריק,

אַ וועג פון זעקס קילאָמעטער. שטערן דעם דאָזיקן שפּאַציר האָט נאָר געקענט אַ רעגן, וואָס איז אגב אַן אָפּטער גאַסט אין בירא בידזשאַן זומער־צייט. איך פלעג אים טייל מאָל באַגלייטן אויף די שפּאַצירגענג. געוויינטלעך פלעגט מען רעדן וועגן דורכגעלייענטע ספרים אָדער ביסער, וועגן זיינע סימפּאַטיעס צו די אָדער יענע וועלט־שרייבערס. זייער זעלטן האָט דער נסתר גערעדט וועגן דער טראַגעדיע מיט זיין קינד, אַ ווייטיק, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אויף זיין נשמה. נאָך וויניקער האָט דער נסתר געלאָזט הערן וועגן די לאַנגע יאָרן פון געצוואונגענער שווייגעניש, וועגן זיין בוך די משפחה מאַשבער איז אויסגעלעגן אין די שיפלאָדן פון פאַרלאַג דער עמעס און מען האָט דאָס בוך נישט געדרוקט. ער האָט זייער באַוואונדערט די נאַטור, די רייכע פלאָרע פון בירא בידזשאַן. ער האָט נישט פאַרבאָהאַלטן זיין פרייד, וואָס זיין בוך די משפחה מאַשבער איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש אין ארץ־ישראל, און מיר הערביי דערציילט וועגן צוויי מאמרים אין דער העברעאישער פרעסע וועגן אים און דוד בערגעלסאָן. וועגן נסתר האָט דער אַרטיקל געזאָלט הייסן „עושה מעשה בלעם״ (הייסט עס, אַז אין משפחה מאַשבער האָט דער נסתר, ווי אַ סאָוועטישער שרייבער, דאָך באַדאַרפט שילטן, און ס׳איז אַרויסגעקומען גאָר, אַז ער בענטשט דעם אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער) און בערגעלסאָן איז אַ ״מכחש אל לבו״, ער פאַרלייקנט זיינע אייגענע געפילן, ער נאַרט זיך אַליין אָפּ.

דער נסתר האָט גערעדט מיט צער דערוועגן, אַז מען שאַצט אים שלעכט אָפּ און אַז מען מעסט אַלע מיט איין אַרשין.

***

דער נסתר האָט געשריבן זייער שווער. ער איז נישט געווען פון די לייכטע שרייבער. ער האָט געקענט איבער אַ זייטל אָפּזיצן אַ טאָג. ער פלעגט ביים שרייבן זייער אַ סך רייכערן. די באַדינערין פון האָטעל האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס פּעקל „סעווערנאַיאַ פּאַלמיראַ״, וואָס זי האָט אים איינדערפרי אַרויפגעטראָגן, וועט נישט קלעקן, האָט זי אים אַרויפגעטראָגן אַ צווייטס. בשעת ער האָט געשריבן איז ער געווען אָפּגעשלאָסן און די דיזשורנע פון האָטעל האָט אפילו קיין טעלעפאָן־קלונג נישט פאַראייניקט מיט אים. — „פּיסאַטיעל פּישעט!״

פאַר אַלע זיינע יאָרן אין רוסלאַנד, האָט דער נסתר, דאַכט זיך, נישט געגעסן פון אַזאַ פאַרהערלעכונג ווי בעת די פיר וואָכן פון זיין וויזיט אין בירא בידזשאַן.

כדי צו מאַכן נאָך אַ גרעסערן טומל אַרום דעם נסתר צווישן די רוסן, איז געווען געגנוג דאָס צווידייטיקע געבן אָנצוהערן, אַז זיין אמתער נאָמען איז קאַגאַנאָוויטש, און וואָס דער נאָמען האָט באַדייט יענע צייטן אין ראַטנ־פאַרבאַנד, ווייסט יעדער איינער.

דער נסתר האָט זיך אָבער נישט געלאָזט צופיל קעכלען. ער האָט יעדער פרייע צייט אויסגענוצט אויף צוזאַמענטרעפן מיט די יידישע שרייבערס, ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען פאַר די איבערוואַנדערער, שמועסן מיט דער אָנפירערשאַפט פון געגנט, באַזוכן די גרויסע שטחים, באַקענען זיך מיטן לאַנד, אַ וואַרעם טאָן די פאַרוואָרפענע קאָלווירטלער.

אַן אָפשייד־אָוונט מיטן נסתר איז פאָרגעקומען אין אַ הויז פון אַ ביראָ בידזשאַנער שרייבער. ביי אַלע באַניטע האָפענונגען איז עפּעס פאַרט געווען ביטער און בענקשאַפטלעך אויפן האַרצן. מ׳האָט זייער אַ סך געטרונקען און דער נסתר האָט אַרויסגעזאָגט אַ סך שיינע געדאַנקען. ער האָט גערעדט געפּרעסט. יעדער וואָרט אַ פלאַם.

מער האָב איך דעם נסתר נישט געזען.

אויף מיין אויספאָרשונג האָט מען מיר געליינט אַ „פּאָקאַזאַניע״ (אַן עדות־זאָגן) פון נסתר. מ׳האָט דעם נסתר אין זיין טורמע אויסגעהערט אויך וועגן מיר.

— צי ער האָט מיך געקענט?

— יאָ, ער האָט מיך געקענט.

זייענדיק אין ביראָ בידזשאַן פלעג איך צו אים קומען אין האָטעל. ער האָט פאַר מיר אַרויסגעזאָגט זייטע נאַציאָנאַליסטישע אָנשויאונגען און איך האָב נישט נאָר נישט קעגנגעשטעלט זיך, נאָר אפילו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זיי זיינען ריכטיק (אָן ניע טאָלקאָ ניע וואָזראַזשאַל, נאָ דאַזשע פּאָדטאַקיוואַל). און ווייטער האָט מיין שלימזלדיקער אויספאָרשער זיך פאַר־געסן און געליינט:

„וסיאָ טשטאָ יאָ סקאַזאַל עטאָ לאָזש, ניעפּראַוודאַ! ווי מעניאָ מוטשילי!״ (אַלץ וואָס כ׳האָב געזאָגט איז ניט ריכטיק, איר האָט מיך גע־פּייניקט...).

וויסנדיק פון מיין אייגענער דערפאַרונג די אַלע יסורים פון די סטאַ־ליניסטישע אויספאָרשונגען, אַלע זייערע אינקוויזיטאָרישע מעטאָדן, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט ווי מ׳האָט דעם נסתר געפּייניקט. איך האָב געזען פאַר זיך אין דער ביהדריקער, געבויגענער געשטאַלט פון נסתר, אַ מאָדער־נעם ר׳ עקיבא, אַ בן־טרדיון, אַ שמעון בן־גמליאל, אַ מאָדערנעם ייד, מיטן פייער פון זיינע הייליקע אורעלטערן, די מאַרטירער פאַר זייער אמת.

***

אַלע יאָרן וואָס מיר זיינען געווען צוזאַמען אין די לאַגערן, אַ גרופּע יידישע שרייבערס, האָבן מיר זיך באַמיט עפּעס געוואָר צו ווערן וועגן גורל פון די סאָוועטישע יידישע שרייבערס, פון וועלכע עס זיינען צו אובדן דער־גאַנגען די פאַרשיידנסטע גרוסן. איבער די לאַגערן זיינען אַרומגעגאַנגען עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז ערגעץ אויף אַ פּונקט, נישט וויט פון בראַטסק,

געפינט זיך, אָדער האָט זיך געפונען, דוד בערגעלסאָן און געאַרבעט ווי אַ ביבליאָטעקאַר פון „קאַ־והע־טשע" (קולטורנאַ וואָספּיטאַטיעלנאַיאַ טשאַסט); עפּעס איז אויך פאַרבייגעלאָפן אַ שמועס וועגן מאַרקישן. טייל האָבן דערציילט, אַז מען האָט אים געזען אין אַ וואַלד האַקן ביימער, טייל האָבן דערציילט, אַז מען האָט אים געזען ביי דער לענאַ. מיר, די גרופּע יידישע שרייבער־אַרעסטאַנטן מיט משה בראָדערזאָן בראש, זיינען נישט גלייכגילטיק געווען צו די אַלע „סלוכן" — אויף דער פריי איז אַ וועג פון אונדז צו דער לענאַ נישט אַזוי ווייט, אָבער אין די לאַגערן קענסטו אַמאָל נישט וויסן וואָס עס טוט זיך געענוי אין אַ שכנותדיקן לאַגער, וואָס ליגט אַ פינף קילאָמעטער פון דיר, בפרט ביי אַזאַ שרעקלעך שווערן רעזשים ווי אונדזער לאַגער־סיסטעם, ווען מיר זיינען געווען ביז 1954 אויף דער נאַכט אָפּגעשלאָסן אין די באַראַקן אויף שלעסער.

מיר האָבן אויך נישט אויפגעהערט צו זוכן די פאַרשוואונדענע שפורן פון נסתר ז"ל, וועגן וועמען משה בראָדערזאָן האָט נישט אויפגעהערט צו דערציילן וואונדער, קענענדיק אים פון מאָסקווע, און מ. גערץ (מאָושאָוויטש) פון ריגע איז באַזונדער געווען באַגייסטערט פון זיינע ווערק. די איינציקע פאַרבינדונג, וואָס מיר האָבן געהאַט, איז געווען מיט דער קאָלאָנע נומער פערציק, אַ לאַגער־פונקט פאַר פרויען, דריי קילאָמעטער פון אונדז, וואו עס איז געזעסן די אַרעסטירטע פרוי פון איציק פעפער, פרוי קאַליש. די ערשטע צייטן האָבן מיר געוואוסט, אַז די טאָכטער שיקט טאָפּלטע פעקלעך דעם טאַטן און דער מאַמען. שפּעטער האָט פרוי פעפער געגעבן אָנצודייטן, אַז די טאָכטער שיקט איצט בלויז איר אַליין פּאַקעטן. דאָס הייסט, אַז די טאָכטער ווייסט מער נישט וואו איר פאָטער געפינט זיך. וועגן גורל פון די אַנדערע סאָוועטישע שרייבערס האָט זי נישט געוואוסט, אָבער מיר האָבן דורך די גוט־אָרגאַניזירטע אוקראַאינער־אַרעסטאַנטן אין לאַגער, וועלכע האָבן געהאַט איינגעשטעלטע פאַרבינדונגען איבער דער גאַנצער לענג פון טיישערער לאַגער־סיסטעם, זיך דערוואוסט, אַז דער נסתר, בערגעלסאָן, מאַרקיש און אַנדערע פון די אָנגעזעענע סאָוועטישע שרייבערס זיינען דאָרט נישט געווען.

שפּעטער איז באַשטעטיקט געוואָרן דאָס, וואָס די גאַנצע יידישע וועלט ווייסט ערשט: דער נסתר, ווי דאָברושין, ווי דוד האָפשטיין, זיינען פאַרפּייניקט געוואָרן דורך די הענקער נאָך ביז זייער פּראָצעס. זיי זיינען אויסגעגאַנגען אין די תפיסות. זכרונם לברכה והי"ד.

בלומען אויפֿן אומבאַקאַנטן קבר

(וועגן פּרץ מאַרקישן)

שווער צו שרייבן וועגן פּרץ מאַרקישן, דעם דיכטער און זיין פּערזענלעכקייט, אַז די פּעדער זאָל נישט פֿאַרכליבען אין בלוט. אין אַנבליק פֿון דער גרויסער טראַגעדיע פֿאַלן אָפּ אַלע קריטעריעס און קילע, לאַבאָראַטאָרישע אַנאַליזן. און דאָך זאָל מיר דער לייענער מוחל זיין, אויב מיר וועלן אויף אַן אייגענעם אופֿן וואַרפֿן אַ שיין אויף דער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט מאַרקישעס. ס׳איז אַזויפֿיל וועגן דעם גרויסן דיכטער געשריבן געוואָרן, אַז ס׳איז שווער זיך נישט איבערצוחזרן. די פֿאָלגנדיקע רעפֿלעקסן האָבן דעם ציל אויפֿצודעקן אַזעלכע מאָמענטן אין דער שאַפֿונג פֿונעם גרויסן דיכטער, וואָס זייַנען טיילווייז געשטעלט געוואָרן אין שאָטן, אָבער שפּילן נישט קיין קליינע ראָל אין מאַרקישעס געשטאַלטונג.

מאַכן אַ שפּאַציר איבער פּרץ מאַרקישעס שאַפֿונג איז ווי מאַכן אַן עקסקורסיע אין אַ גרויסער שטאָט: זוניקע, ריזיקע אַלייען, פֿאַרבויטע מיט צען־שטאָקיקע הייזער, מיט אַ באַוועגונג וואָס גייט נישט, נאָר שטראָמט ווי אַ קוואַל; מיט טאַקסעס און טראַמווייען הין און צוריק צו פֿאַרלוירן ווערן, און דערביי זייַנען אויך אַזויפֿיל שאָטנדיקע פּאַרקס פֿאַראַן, וואו דער גערויש זייעט זיך דורך דורכן טונקעלן צווייגן־בלעטער־געפֿלעכט, און געסלעך און ליקלעך זייַנען אַזויפֿיל פֿאַראַן, שטילע, פֿאַרחלומטע, וואָס לעבן, דאַכט זיך, אַ באַזונדער לעבן, און אַן אַלטשטאָט איז פֿאַראַן, וואו יאָרהונדערטער דרימלען פֿאַר יעדער שוועל, וואו אויף די בוידעם־שטיבלעך וואוינען מענטשן, וואָס גייען אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו דער וועלט און וועלן הייַנט־מאָרגן עפּעס טאָן אַזוינס, וואָס די גאַנצע שטאָט, דאָס גאַנצע לאַנד וועט אַ רעד טאָן וועגן זיי, אָדער וועגן משיחים, אָדער וועגן פֿאַרברעכער, נאָר אומבאַדינגט וועט מען וועגן זיי רעדן.

מאַרקיש האָט זייער אַ סך געשריבן נישטאָ איין געביט פֿונעם קינסטלערישן שאַפֿן, וואו דער גרויסער דיכטער זאָל נישט זיין פֿאַרטרעטן. ער האָט געשריבן לידער און פּאָעמעס, דערציילונגען און דראַמעס, ראָמאַנען און קריטישע סטודיעס, אומעטום מיט אַ פֿאַרנעם אין דער ברייט, מיט אַ גליענדיקן אָטעם, מיט גוואַלדיקער בילדערישקייט, וואָס שאַפֿט אַטמאָספֿער און שטימונג, אינגאַנצן ביי, מעשה־בראשית.

***

מ׳איז געוואוינט צו שרייבן וועגן מאַרקישן, ווי וועגן אַ שטורעם, ווי וועגן אַ ברויזנדיקן ווייכער, וועגן אַ פּאָעט, וואָס הערט די וועלט אין גערויש.

אָבער קיינעם נישט, אַזוי ווי מאַרקישן איז באַוואוסט געווען, אַז „לא ברעש אדני", אַז פּאָעזיע איז דווקא דאָס מאַטעריאַל, וואָס באַצווינגט דעם שטורעם און קען אים אויס אין קרעאַטור. אָט איז זיין דיכטערישער קרעדאָ:

„נאָר אונדז, נאָר אונדז אַליין —
פאַרשוואוירענע באַצווינגער פונעם שטורעם —
געגעבן איז באַזיניקן דעם ווי
און דאָס געשריי
פון קרעאַטורן".

ווייל נאָר נאַראָנים קענען פּאַרטיילן לודוויג בעטהאָווען צו די שטורעמדיקע, און פרעדעריק שאָפּען צו די שטילע, ווייל אינעם קאַץ־און־מויז־שפּיל פון טאָג און נאַכט און לעבן־טויט גייען שטילקייט און שטורעם ווי געאַרעמטע שוועסטער, און דער מייסטער פון דער „ניינטער סימפאָניע", וואָס איז קעגן זיין טויבקייט געווען אַזוי מעכטיק, איז צו דער ליבער זיינער, צו עליזען, געווען אַן אוממעכטיק קינד, און געלאָזט זיך אַזוי שטיל פירן פון עליזעס דינער האַנט דורכן לעבן דורך, דורכן טויט, ווי אַ פּראָווינצער, וואָס קען די רוישיקע גאַס נישט דורכגיין אין דער גרויסער שטאָט. און דער האַרבסטיק־פאַרחלומטער, קול־דממה־דקהדיקער שאָפּען האָט אַ געשריי געטאָן שטילערהייט אין זיין „זיבנטן וואלס" צו דער חכמת זשאָרזש סאנד, וואָס איז ביי איר גאַנצער חכמה, געלערנטקייט און עספּרי פון אַ וועלט־דאַמע נישט געווען מער ווי אַ טאַלאַנט און נישט פאַרשטאַנען דעם געני פון איר מאַן.

מאַרקיש דער עפּיקער, דער ברייט־שפּרייזנדיקער, דער צעשויבערטער, האָט שוין ייִנגלווייז, ווען ער האָט זיך נאָך אין זאַמד געשפּילט, אַ קנעט געטאָן קינדעריש אַזאַ וואונדערלעך שפּילעכל פון ליים:

„די ווייטן ווערן גאָלדענער און בלויער,
און ס׳שטאַרבט אַ ווינטל מיט אַ בלאַט ערגעץ אין מויל".

***

אין פּרק מאַרקישן איז שטענדיק פרילינג, אייז אויף די טייכן פּלאַצט און וואַסער־שטראָמען ברעכן זיך דורך, אויפן ברעג טייעט שוין און עס ריזלט און דונערס ברעכן אויף דעם פאַרטייעטן ווינטער:

„דונערן אַזעלכע,
פייערן געקנוילטע;
אויסבלוטיקן וועל דיך,
פרילינג פון מיין מויל!"



מיין טאַטע, דער תלמוד־חכם און משכיל,
ר׳ נתן דוד יאַנאָווסקי, ז״ל

עס גייען אַזעלכע פּאָעמעס ווי „וואָלין" מיט אַזאַ פרישער, יונגער ערשטיקייט פון לאַנגפעלאָס פרעיריעס, אַ מין „הייאַוואַטאַ", אין דעם ציקל „שטאַמען" וועגן זיידן און זיינע וואָלינער פעטערס. אַט דאַכט זיך, אַז ער האָט קיין אָנהויב נישט און האָט נישט קיין סוף, ער איז אַ קינד פון דער נאַטור: „כ'בין קיינעמס נישט, אָן אָנהויב, אָן אַ סוף":

„איך גיי אַ שלאַקס־רעגן אַראָפּ
אויף זיך אַליין..."

אָבער טיף אין אים נורטעוועט שוין גאָר פון זיין יוגנט אָן נאָך אַ שטראָם, אַ קוואַליע פון טיפער פאַרטראַכטקייט, פון גוואַלדיקער עמפינד־לעכקייט אויף אַלץ אַרומיקן, וואָס לאָזט אים נישט זינגען „ווי דער פויגל זינגט" און עס קומט די פייער־צעגליטע פּאָעמע „די קופע". דער פלאַמי־קער פּראָטעסט קעגן די פּאָגראָמען אויף אוקראַינע. און וואָס אַמאָל אַלץ מער ווערט דער דאָזיקער שטראָם געלייטערט, און דעמאָלט קומען די וואונדערלעכע לירישע סאָנעטן פון פּאַריז:

„און געל און אויסגעלייענט מישט זיך איבער שטיל דער טאָג,
ווי ס'מישט אַ בלאַט זיך איבער פון אַן אַלטן ספר,
אין טונקעלער מנחה־צייט פון שאָטנס און געשפּענסטער,
ס'איז אומעטיק און איינזאַם אויפן זעקסטן שטאָק,
עס קוקט אַריין דער דאַרער שפּיץ פון טורעם־אייפל,
ווי אַ פאַרלאָשענער טויבן־שלאַק מיט האַרבסטיק־וויסטע נעסטן".

די, וואָס ווערן פאַרכאַפּט פון דוד האָפשטיינס געשליפענער ליריק, וועלן זיך נישט אַנטוישן, לייענענדיק פּרץ מאַרקישעס דרייצן סאָנעטן „פון דער היים", וואו דער פּאָעט — דער פייער־שפייענדיקער וואולקאַן מאָלט אַזעלכע שטילע, פאַרחלומטע בילדער פון בענקשאַפט נאָך די אַלע פאַרלאָזענע ערטער פון זיין היימישער קינדהייט.

***

ביי יעדן גרויסן פּאָעט קענט איר געפינען איבעריקייטן, וועט איר זאָגן: מאַרקישעס „מלחמה" האָט געניאַלע שטעלן, נאָר פאַראַן אויך איבערפלוסן. „אנשל זשעלאָזניק" האָט ערטער, וואָס פאַרשעמען זיך נישט פאַר דער „איליאַדע" און „אָדיסייע" (sic!). אָבער אויף די טויזנט העקטאַר פּאָעזיע וויגן זיך אויך לײדיקע זאַנגען.

וואָלט איך אַזוינע געבעטן זיך מטריח זיין און איבערלייענען געטהעס „ווילהעלם מייסטערס לעריאָרן" (דיכטונג אונד ווארהייט), און זאָלן זיי דורכאַקערן די טויזנט זייטן און זיך וואונדערן אויפן גאָעני, ביי וועמען עס

איז דאָך אַ העווייז געווען: „אין געצוימטקייט ליגט דער מייסטער״. אַז דאָס ווערק האָט געקענט געשניטן ווערן אויף אַ גאַנצער העלפט, אָבער דער גאַנצער געטהע בלייבט געניאַל ווי אַ דערשיינונג. פונעם קורצן „איבער אַללען גיפּפּעלן״ ביז „פאַוסט״, פון „עגמאָנט״ ביז זיינע אַרבעטן איבער אַנאַטאָמיע פון מוח־שאַרבן, פון „יונגען ווערטערס ליידן״ ביז די אויפטוען אין דער פאַרבן־לערע.

מאַרקיש איז אַ פּאָעט פון אַ וועלט־פאַרנעם! אַ פּאָעט, וועמעס יעדער נערוו איז צוגעבונדן צו דער וועלט און צו זיין פאָלק.

ביי אונדזער בידנער דאָליע ליידן מיר נישט וויניק פון אַ מינדער־ווערטיקייט־געפיל און דערשאַצן נישט אונדזערע אוצרות. די וועלט קען וואָלט ווהיטמאַנען, נאָר זי קען נישט מאַרקישן, קוויקט זיך מיט רילקען און ווייסט ניט פון אַזאַ פּערל, ווי האַפשטיינס „עס שטאַרבט דער שבת שוין״. פאַרוואָס איז עמיל ווערהארן גרויס און מאַרקישן קען די וועלט נאָך וויניק, און פאַרוואָס ווערט ער אַזוי שוואַך איבערזעצט און דערגייט נישט?

***

מאַרקישעס לעצטע פּאָעמע „מלחמה״ — אַ בוך איבער צוואַנציק טויזנט שורות, איז דאָס שוואַנען־געזאַנג פון פּאָעט. ס׳איז די ענציקלאָפּע־דיע פון צער און צאָרן אויף דער היטלעריסטישער בעסטיע, וואָס האָט פּלאַנירט אומצוברענגען די וועלט און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

אין דעם ווערק האָט מאַרקיש אַן עפן געטאָן אַלע שליוזן פון זיין פּאָע־טישער באַגאַבונג; אַ גוואַלדיקע שפע פון בילדער, וויזיעס און רעאַליען, עפּישע שילדערונגען און לירישע אָפּנויגונגען, כדי צו שאַפן אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם שוידער, וואָס האָט אַ זעץ געטאָן אויף דער מענטשהייט.

אָבער ווי שטענדיק איז מאַרקיש אין זיין וויזיע דער לעבנס־באַיאָער. ער גלויבט אין די כוחות פון דער מענטשהייט און אין דער שטאַנדהאַפטי־קייט פון זיין פאָלק, וועמעס קערן בלייבט אייביק. גור אריה — דער הויפט־העלד מאַרקישעס, נעמט נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט, זאָגט אָן טויט דעם ווייסטן פיינט און זעט די וויזיע פון קומענדיקן ליכטיקן טאָג.

דאָס בוך איז אַ וואונדערלעכער סינטעז פון אַלטן און נייעם. יעדע געשטאַלט איז פאַרבונדן מיט דער פאַרגאַנגענהייט און וואָרצלט דאָך אינעם היינט. רעדנדיק מיט דער שפּראַך פון מוזיק, איז דאָס ווערק אַ גוואַלדיקע סימפאָניע, וואו עס בייטן זיך פון מינאָר צו מאַיאָר, פון שטילער, לירישער אידיליע צו ריזיקן אויפברויז. אין אונדזערע טעג, ווען אונדזער פאָלק ווערט ווי אַ באַל געשליידערט אינעם קאַמף צווישן ליכטיקע און פינצטערע כוחות, איז די פּאָעמע „מלחמה״ באַזונדער אַקטועל מיט איר טיפן גלויבן אין די גוטע כוחות פון דער מענטשהייט, ווען:

„עס וועלן קינדער שלאָפן רואיק און באַהיט,
און ס׳וועט די וועלט, אַ גליקלעכע זיי גיין אַנטקעגן,
און מענטש צו מענטש אין ברודערשאַפט פאַרטרויט,
פאַראייניקט אין באַשאַף אַן אומה צו אַן אומה,
ס׳וועט קיינער מער נישט טרעטן אויף די פעלדער ס׳ברויט,
באַרופן אויף די בייטן בליען וועלן בלומען״.

כ׳האָב געהאַט דאָס גליק צו זיין באַעקאַנט באַקאַנט מיט מאַרקישן, זיין ביי אים אינדערהיים, לאַנג מיט אים שמועסן, זיך מיט אים איבערשרייבן, אַ סך מאָל אים הערן אַרויסטרעטן.

כ׳האָב פאַר זיך געזען אין דער פּערזענלעכקייט פון מאַרקישן אַ מענטשן מיט אַ קאָלאָסאַלער יידישער און וועלטלעכער ערודיציע, דערביי אַ מענטש מיט אַ גליענדיק יידיש האַרץ, ווי אַ סייסמאָגראַף פאַרן קלענסטן ווייַ פון זיינע ברידער. איך געדענק די אויפמערקזאַמקייט, וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן די יונגע, יידישע פּאַרטיזאַנער, כמעט נאָך קינדער, וועלכע זיינען אָנוועזנד געווען אויפן מיטינג פון יידישן פאָלק אין יאָר 1944 אין מאָסקווע, אָרגאַניזירט דורכן יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט.

צווישן זיי איז געווען אַ יונג מיידעלע, וועלכע האָט אַרויסראַטעווענדיק זיך פונעם ריוו אַריבער אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. דאָס מיידל האָט, זייענדיק אין געטאָ, פאַרפאַסט לידער. כ׳בין בייגעווען, ווען דאָס מיידל האָט פאַר מאַרקישן אויף אויסנווייניק פאָרגעלייענט אירע אויסגעוויטיקטע שורות. פון מאַרקישעס אויגן האָבן זיך טרערן געגאָסן. ער האָט זיך צע־וויינט ווי אַ קינד און מיר מיט אַ דערשטיקטער שטים געזאָגט: — ווי קאָן מען אַזעלכע בלוטיקע שורות שרייבן, נישט אַרויסברענגען די טראַגעדיע פון פאָלק אין דער גאַנצער גרייס? — אָבער גלייך דערביי צוגעגעבן:

— היינט האָבן מיר דעם סאַלוט פאַר איינגעמען אָדעס. יעדער סאַלוט איז אַ האַמער איבער דער הידרע. מען טאָרף נישט זיין פאַרצווייפלט!

דער טויט פונעם סאָוועטיש־יידישן שרייבער, עמאַנועל קאַזאַקעוויטש

אַ קורצע ידיעה פון לאָנדאָן טיילט מיט וועגן טויט פון עמאַנועל קאַזאַ־קעוויטש, דעם סאָוועטיש־יידישן שרייבער, „ערגעצוואו אין רוסלאַנד". אַ ביסל איז די ידיעה „מאָדנע" און עפּעס גאַרניט צוגעפּאַסט צו דער צייט.

„ערגעצוואו אין רוסלאַנד" זיינען מיליאָנען אויסגעגאַנגען אין סטאַלינס צייטן, און וואו איז עס עמאַנועל געשטאָרבן, וואָס מען טאָר נישט דערמאָנען דאָס אָרט ?

אָבער אַלצאיינס : קאַזאַקעוויטש איז מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע.

און עס ווילט זיך אַ ביסל טיילן מיט זכרונות וועגן דעם דאָזיקן, באמת טאַלאַנטפולן שרייבער, וועלכער האָט די לעצטע יאָרן נאָכן קומען פון פראַנט געשריבן רוסיש, אָבער האָט אָנגעהויבן אין יידיש, האָט אַרויסגעגעבן אין 1932 אַ ביכל לידער אין ביראָ בידזשאַן אויף יידיש, און אין 1940, צוויי ביכער : אַ בוך איבערזעצונגען פון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, און אַ גרויסע אָריגינעלע פּאָעמע „שלום און חוה", וועגן ביראָ בידזשאַן, אין נוסח פון „יעווגעני אָניעגין".

אין יאָר 1940, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין מאָסקווע אויף דער איינלאַדונג פון דער יידישער סעקציע ביים פאַראיין פון די סאָ־וועטישע שרייבער, האָבן אַ גאַנצע ריי שרייבער אַרום מיר זיך געפּאַרעט. ספּעציעל פּראָפעסאָר י. נוסינאָוו און דער דיכטער עזרא פינענבערג. בייביידן האָב איך געגעכטיקט און צו עטלעכע טעג פאַרבראַכט. די יידישע שרייבער פון פוילן, וועלכע זיינען דעמאָלט לויט דער רייע, פאַרבעטן גע־וואָרן קיין מאָסקווע, געדענקען די גאַסטפריינדלעכקייט פון די סאָוועטישע יידישע שרייבער. גאַסטפריינדלעכקייט איז בכלל אייגנטימלעך אין רוסלאַנד, און אין דעם פּרט זיינען די שרייבער נישט קיין אויסנאַם פון די רוסישע יידן און רוסישע מענטשן בכלל. אַ באַזונדערס גוטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט עמאַנועל, אָדער ווי מען האָט זיין נאָמען פאַרקירצט אויף „עמי" קאַזאַקעוויטש. ער איז געווען פול מיט הומאָר, מיט שאַרפזין ; ער האָט נישט מורא געהאַט צו זאָגן אַ גוטן וויץ ; בכלל געווען אַן אָפענער מוח, געהאַט עפּעס פון אַן עילוי.

דער זשורנאַליסט גוטמאַן, אַ יונגער בחור, וואָס האָט מיט עמין גע־אַרבעט אין ביראָ בידזשאַן און איז אין 1939 אַראָפּגעקומען אַרבעטן אין ביאַליסטאָקער ראַדיאָ־קאָמיטעט, האָט מיר דערציילט וועגן עמין וואונדער און די דאָזיקע וואונדירים האָב איך אַליין געזען באַשיינפּערלעך אין מאָסקווע,

ווען איך האָב זיך נעענטער באַקאַנט מיט אים. און באַקענט זיך מיט אים האָב איך זיך טאַקע ביי פינענבערגן, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע פּאָעטן און אויך פאַר אַ גוטן איבערזעצער. ער האָט שוין געהאַט איבערזעצט געטהעס „פאַוסט‟, רוסטאַוועליס פּאָעמע און אַ סך לידער פון דער רוסישער דיכטונג. פינענבערג איז עס געווען דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון עמיס איבערזעצונגען פון מאַיאַקאָווסקיס דיכטונג.

איך געדענק ווי פינענבערג האָט נישט געוואָלט אונטערשרייבן די איבערזעצונג צום דרוק, ווייל עמאַנועל קאַזאַקעוויטש האָט געגראַמט „אַקאַרשט מיט באַרשט‟... (עס איז באמת נישט געווען קיין אַנדערער גראַם).

באַקענט זיך מיטן קאַזאַקעוויטשן — האָט ער מיך שוין אַרומגעפירט איבער מאָסקווע און מיר אַזוי אינטערעסאַנט דערקלערט אַלץ, מיט אַזוי פיל חכמה, אַז כאָטש ס'איז שוין געווען אַ פרעסטלדיקער אָקטאָבער, האָב איך זיך אַלץ מיט אים נישט געוואָלט שיידן. אַ מיטלוואוקסיקער, מיט אַביסל אַן איינגעבויגענע פּלייצע און זייער דיקע ברילן (ער איז געווען שטאַרק קורצזיכטיק), האָט ער מיר דערמאָנט אין איזאַק באַבעלן, וועמענס בילד מען האָט אין רוסלאַנד נישט געזען, ווייל ער איז שוין געווען אַרעסטירט, אָבער איך האָב דאָס בילד געדענקט פון די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער‟, וואו עס פלעגן זיך דרוקן איבערזעצונגען פון זיינע וואונדערלעכע דערציילונגען.

קאַזאַקעוויטש האָט זיך אַזוי באַענט צוגעבונדן צו מיר, אַז ער איז שוין געווען דער הויפּט־רעדנער אויף מיין אָוונט, איינעם זאַל פון פאַרלאַג „עמעס‟. איך געדענק נישט גענוי וואָס ער האָט דעמאָלט גערעדט, אָבער איך געדענק יאָ, אַז זיין רעדע האָט זיך אַ סך אונטערשיידט פון די אַלע איבעריקע רעדנער מיט איר שאַרפן אַנאַליז און אמת־איינפּפּעאַישן צוגאַנג, אַן „קאַנאַנען‟ און מיט אַן אויסערגעוויינלעכן וויסן אפילו אין די קליינע אותיותלעך, וואָס איז ביי מיר גאָר געווען אַ וואונדער, ווייסנדיק אַז ער האָט דאָך קיין נאָרמאַלע יידישע דערציאונג אין אַ חדר, שוין אָפּגערעדט פון אַ ישיבה, ניט באַקומען.

שפּעטער אין 1944, ווען איך בין געקומען קיין בירא בידזשאַן, האָב איך ערשט דערפילט די גאַנצע לעגענדע אַרום די קאַזאַקעוויטשעס — דעם טאַטן, הענעך, וואָס איז אין 1938 געשטאָרבן און וואָס אַ גאַס איז (ביז דער טרויעריק באַרימטער „יעזשאָווטשינע‟) געווען אָנגערופן אויף זיין נאָמען, און דעם זון זיינעם, עמי. וועגן טאַטן האָט מען גערעדט ווי וועגן אַ גאון און ווי וועגן דעם בעסטן רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטונג. ער האָט געקענט גוט לערנען, געקענט שפּראַכן, איז געווען אַ וויסנשאַפטסמאַן, און איז אויך געווען אַזוי שאַרפזיניק קלוג און געהאַט אַזאַ אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג צווישן „שיינעם מין‟ ווי דער זון זיינער, עמי.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, איז עמאַנועל קאַזאַקעוויטש אַוועק

אויפֿן פראָנט און זיך דערדינט צום ראַנג פֿון אַ מאַיאָר און אַדיוטאַנט פֿון אַ גענעראַל פֿון אַן אויסשפּיר־אָפּטיילונג. אין דער כּסדרדיקער ריזיקע און געפֿאַר איז געבוירן געוואָרן זיין נישט־גרויסע דערציילונג „דער שטערן״ וועגן דער אויסערגעוויינלעכער העלדישקייט פֿון די אויסשפּירער אין קאַמף מיט די היטלעריסטן. פֿאַר דעם דאָזיקן ווערק האָט ער באַקומען די סטאַלין־פּרעמיע פֿון דער צווייטער מדרגה (די צווייטע מדרגה איז אַ פּרייז פֿון פֿופֿציק טויזנט רובל).

די דערציילונג איז געשריבן געוואָרן אין רוסיש, אָבער זי איז באַלד איבערזעצט געוואָרן אין יידיש און האָט נאָך באַוויזן צו דערשיינען אינעם פֿאַרלאַג „עמעס״ אין 1947. אָבער עמאַנועל קאַזאַקעוויטש האָט שוין מער קיין יידיש נישט געשאַפֿן. צי דאָס איז געווען דער שטילער פּראָטעסט וואָס זיין פּאָעמע אין יידיש „שלום און חוה״ (אגב, זייער טאַלאַנטפֿול אָנגעשריבן) האָט נישט אַזוי אויסגענומען ביי דער קריטיק, ווי ער האָט דערוואַרט, צי דערפֿאַר וואָס דער פֿראָנט האָט אים אַזוי אַסימילירט? ער האָט גענומען שרייבן איין גרויס ווערק נאָכן צווייטן, און יעדעס ווערק איז געווען אַ בייער הערפֿאָלג. ער באַקומט נאָך אַ מאָל די סטאַלין־פּרעמיע. זיין „זוויעזדאַ״ (דער שטערן) און אויך די אַנדערע ווערק ווערן איבערזעצט אין צענדליקער שפּראַכן. זיין נאָמען פֿיגורירט צווישן די ערשטע נעמען פֿון די רוסישע שרייבער. ער אָריענטירט זיך אויסערגעוויינטלעך ווי צו האַלטן די ליניע, און אַז ער „גליטשט״ זיך אויס, מאַכט אים דערויף אויפֿמערקזאַם נישט קיין אַנדערער ווי דער צענטראַל־אָרגאַן פֿון דער פּאַרטיי, די „פּראַוודאַ״ אין לייט־אַרטיקלען.

ער איז נישט געווען קיין שאָלאָכאָוו, קיין קאָנסטאַנטין פֿעדין, קיין פּאַוטאָווסקי, אַפֿילו נישט קיין ערענבורג, אָבער צווישן די יונגערע שרייבער, וועלכע זיינען אויפֿגעקומען אין דער רוסישער ליטעראַטור אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ער פֿאַרנומען דעם אויבנאָן. זיין רוסיש איז נישט אָפּגעשטאַנען פֿון אַ וועראַ פּאַנאָוואַ, פֿון אַ גאַלינאַ ניקאָליעוואַ. קיין גאָר גרויסע קונסט, וואָס אַן אמת, איז אין זיינע ווערק נישט געווען, אָבער ער האָט געקענט גוט אויפֿבויען אַ ווערק, האַלטן געשפּאַנט דעם לייענער, און דער עיקר — ער האָט געקענט אויסגעצייכנט דעם קעגנשטאַנד, וועגן וועלכן ער האָט געשריבן. די מלחמה־פֿראָנטן זיינען פֿאַר אים געווען אָפּן ווי פֿאַר אַ גוטן סטראַטעג. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער שילדערער פֿון מאַסן־סצענעס.

באַלד נאָך דער מלחמה, דערציילט מען, איז ער נאָך אַזוי פּשוט היימישלעך געווען, אַז אַראָפּקומענדיק קיין מאָסקווע פֿון פֿראָנט מיט זיין גענעראַלס מתּנה, מיט אַן אויטאָמאָביל און אַ פּולער ברוסט מיט מעדאַלן, האָט ער דעם און יענעם אָנגעבאָטן אַ „ראַיד״ איבער מאָסקווע מיט זיין מאַשין.

אָבער ער האָט זיך אַלץ מער איינגעלעבט אין דער רעאַלע פון אַ רוסישן שרייבער. ווען מען האָט ליקווידירט די יידישע שרייבער, האָט מען אויך די שפּאַלטן פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" קריטיקירט זיינס אַ ווערק, אָבער מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. איז ער, צוזאַמען מיט קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, געווען דעלעגירט צו דער שרייבער־קאָנפערענץ פון די וויט־מזרחדיקע שרייבער אין כאַבאַראָווסק (100 מייל סך־הכל פון בירא בידזשאַן). ווי מען האָט מיר נאָך מיין צוריקקומען פון לאַגער איבערגעגעבן, האָט מען אויף יענער קאָנפערענץ שטאַרק קריטיקירט „די יידישע נאַציאָנאַליסטן", די שרייבער פון בירא בידזשאַן, וואָס זיינען געוואָרן שפּיאָנען. מען דער־ציילט, אַז צווישן 1937־1938 האָט מען סיי דעם טאַטן הענעך, סיי דעם זון געזאָלט אַרעסטירן, האָט דער טאַטע זיי אָפּגעטאָן אויף טערקיש און איז אַליין געשטאָרבן און דער זון, האָן נאָך אַ קאָמסאָמאָליעץ (אַ קאָמוניסטישער יוגנטלעכער), איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן געוואָרן קיין מאָסקווע און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט. דאָס מאָל האָט שוין עמי קאַזאַקעוויטש אין ערגעץ נישט געדאַרפט אַנטלויפן, אים האָט מען אין נאַציאָנאַליזם שוין נישט חושד געווען; ער האָט כמעט שטענדיק פאַרגעפילט ווען די „ליניע" וועט זיך ענדערן...

ער ווערט אַ שטיקל צייט אפילו דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „מאָסקאָווסקי אַלמאַנאַך", דאָס זאַמל־בוך פון די מאָסקווער רוסישע שרייבער, און אין דער סאַמע לעצטער צייט האָבן מיר פון אים געהערט אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין דערציילונג „שונאים", וועלכע איז געדרוקט געווען אין „איזוועסטיאַ" און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן, צווישן זיי אפילו אין דעם מערב־דייטשן זשורנאַל „דער שפּיגל".

די דאָזיקע דערציילונג איז פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט זייער שוואַך. זי שילדערט ווי לענין האָט אַרויסגעשמוגלט זיין קעגנער, אַ מענשעוויק, קיין אויסלאַנד און אים אַזוי אַרום געראַטעוועט פון דער „טשעקאַ". זי איז אָבער אַקטועל פּאָליטיש און דינט אַ געוויסע איינשטעלונג, עס הייסט, אַז כרושטשאָוו נעמט אויך אָן אַט די דאָזיקע מילדע טאַקטיק קעגן זיינע קעג־נער, קעגן דער „אַנטי־פּאַרטיי גרופּע" און ער ליקווידירט זיי ניט.

אויפן קבר פון עמאַנועל קאַזאַקעוויטשעס טאַטן בין איך געווען צופע־ליק: ביי אַ שרייבער אין בירא בידזשאַן איז געשטאָרבן אַ קינד, אַן איינ־אונאיינציק יינגעלע, וואָס ער האָט אָנגערופן נאָך אַ ברודערל, וואָס איז אומגעקומען אין מינסקער געטאָ. עס איז געווען אַ שרעקלעכער פראָסט און דער באַגראָבער האָט נישט געאַרבעט. איך האָב געהאָלפן דעם שרייבער

מקבר זיין דאָס קינד און שפּעטער זיך אַרומגעקוקט אויף די מצבות אַרום און געשטאַנען אַ מינוט ביי העגעך קאַזאַקעוויטשעס קבר, אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ מצבה מיט אַ רויטן שטערן אויפן שפּיץ.

אין לאַגער האָב איך אָפט דערמאָנט בראַדערזאַנען די מצבה, האַלב אין שניי, אין ווייטן, ווייטן מזרח, פון אַ יידישן קולטור־טוער, אַ בן־תורה. מיר האָבן דעמאָלט מקנא געווען דעם טויטן, וואָס האָט געהאַט אַ פּיצל מצבה. מען פלעגט דאָך אין לאַגער אַ געשטאָרבענעם אַוועקלייגן אויף אַ פעלד מיט אַ נומער בלויז צוקאָפּנס.

איך יענע שווערן יאָרן האָב איך זיך נישט געריכט, אַז עמאַנועל גענ־ ריכאָוויטש קאַזאַקעוויטש וועט אַזוי יונג אַרויסווייגען פון דער ערד, ווי דער טאַטע זיינער פונעם בירא בידזשאַנער בית־עולם.

שמואל האַלקין — דער פּאָעט און דראַמאַטורג

נישט מיט דרך־המלך איז אין דער סאָוועטישער יידישער דיכטונג געקומען שמואל האַלקין, און האָט דאָך גלייך פאַרנומען איינע פון די אָנ־געזעענסטע ערטער.

די סאָוועטיש־יידישע דיכטונג האָט שוין דעמאָלט געהאַט צו פאַרציי־כענען אומגעהייער־גרויסע דערגרייכונגען. עס איז שוין געווען דוד האָפ־שטיינס ברילאַנטענע ליריק, טרויעריק און שיין, ווי דער דעמער אויף שניי, קאַרג אויף אַ וואָרט און געשליפן ווי פּערל, דערהויבן אין איר איינגעהאַל־טענער פּאַטעטיק, און געווען איז אויך דער זייער אָריגינעלער דיכטער, אהרן קושניראָוו, און מאַרקישעס כוואַליע־שטראָם און קוויטקאָס טשעקאַ־ווער גאַנג, פעפערס לייכטער, שפּילעוודיקער פערז, רופנדיק צו זיך, ווי אַ פאָן פאַרשטעקט אין המון. און דאָך האָט ש. האַלקין מיטגעבראַכט מיט זיך נייעס. זיין אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו פערזנלעכן און געזעלשאַפטלעכן. דאָס איז געווען ש. האַלקינס טיפע באַזינונג און פילאָזאָפישע פאַראַלגעמיי־נערונג פון דער טעמע, פאַראייניקט מיט דער נאַאיווקייט פון פאָלקס־טאָן.

דערצויגן און אויפגעוואַקסן אין אַ שטוב פון חב״דער חסידות האָט ער אין זיך פון דער יוגנט אָן אַריינגעזויגן די בייגונג צו שטילער און קילער דבקותדיקער באַטראַכטונג. זיין ליד דערמאָנט אָפט (איבערהויפט אין דער פערזענלעכער ליריק) דעם באַרימטן „ניגון" פון ר' שניאור זלמן פון ליאָדי.

אויב מיר רעדן אַמאָל וועגן דיכטער, וואָס „בליצן אויף מיט זייער וואָרט אַ פאַרכמאַרעטן הימל", איז עס זיכער נישט געזאָגט געוואָרן אויף ש. האַלקינען. ביי האַלקינען איז נישט פאַראַן קיין פאַרכמאַרעטער הימל. דער הימל איז ביי אים ריין פיר און צוואַנציק שעה פון זיין מעת־לעת. פונקט אַזוי ווי זיין פערז האָט נישט קיין מינדעסטן שאָטן פון פאַרנעפלקייט. זיין טיפער וויטיק, ווי זיין פרייד, זיינען פאַר אים קלאָר און באַזיניקט.

אין ש. האַלקינס דיכטונג איז שטענדיק פאַראַן די גרויסע קלוגשאַפט און געלייטערטע שיינקייט פון אַ האפיז, אָמאַר כאַיאַם, רוסטאַוועלי און ניזאַמי. אַ געמיש פון שלאַגנדיקן עפּיגראַם און פאַרבענקטער דביקות. דאָס איז די חכמה, אָבער נישט קיין חכמהנען זיך. עס זיינען גרויסע נמשלס אָן אַ משל, קלוגשאַפטלעכע סענטענצן געפּאַסט אין אַ וואונדערלעכער ציזעלירטער פאָרם.

עטלעכע ביישפּילן:

„אַט דער שטערן איז מיר טייער
פאַר דער ריינקייט פון זיין פייער,
פאַר זיין קומען צווישן הונדערט,
פאַר זיין לייכטן זיך באַזונדער,
און דערפאַר, וואָס גאָר זיין שיין
אין איין טראָפּן שליסט ער איין.

אַט דער שטערן איז מיר טייער,
ווייל עס צווייט זיך נישט זיין פייער,
ווען ער שיקט זיין ליכט דעם וואַסער, —
ס׳ווערט נישט טונקעלער, נישט בלאַסער
אויפן לאַנגן, גאָלדענעם וועג:
פון דער הויך און ביזן דעק.

אַט דער שטערן איז מיר טייער,
ווייל זיין גרויס איז אומגעהייער,
ווייל אין אים אַ מאָס געפין איך,
ווייל זיין ליכט אין זיך פאַרשפין איך
און דערפאַר, וואָס ער געהערט
אי דעם הימל, אי דער ערד״.

פון דעם זעלבן מין איז אויך דאָס ליד „דאָס גלאָז איז ריין״ און אַ ריי אַנדערע.

באַזונדערס שיין זיינען ש. האַלקינס ליבע־לידער. איך קען מיך נישט אָפּהאַלטן פון ציטירן אינגאַנצן איינע פון זיי „אָבער רו״:

וויפל פרויען כ׳האָב געקענט —
פיל פון זיי — מיין האַרץ געצויגן:
די — מיט אירע גרויסע אויגן,
די — מיט אירע קליינע הענט.

די — מיט רייד מיט ניין מאָס,
די — מיט איר באַחנטן שווייגן;
די — ווייל ס׳איז אַ זינד פאַרבייגיין
און ס׳איז זאָגן שווער פאַרוואָס.

די — מיט איר פאַרטיפט געפיל
די — מיט אירע קני געטאָקטע,
די — מיט ווערטער נישט דערזאָגטע,
וועלכע זאָגן דייער פיל...

די — וויל ס׳רעדט איר יעדער טראָט:
איך בין שטיל און פרום און ערלעך,
די — וויל ס׳איז מיט איר געפערלעך
צו פאַרבלייבן אין איין שטאָט.

די — כדי נישט צו פאַרזאַמען
אָפּרייסן דעם קוויט אין טוי;
די, וויל זי איז פּאָרט אַ פרוי
און ווי איז מען נישט צוזאַמען?

די — מיט בלוי, און די — מיט שוואַרץ
איינצייטיק אין קלעם מיך נעמען;
די — וויל נישט געהאַט פאַר וועמען
כ׳האָב דאַן אויסגיסן דאָס האַרץ.

אָבער דו — ביסט אַנדערש — דו,
דיך מיט די פאַרגלייכן כ׳טאָר ניט;
שוין אַדורך אַזויפיל יאָרן
דיין נישט אויפגעוועקטער חן,

און מיך לאָזט אַלץ נישט צורו
דיינע גרינע אויגן, קאַלטע
וואו די זון האָט זיך פאַרהאַלטן
און זי וויל מער נישט פאַרגיין...

⁂

באַזונדערס שטאַרק און אוממיטלבאַר זיינען ש. האַלקינס לידער גע־שריבן אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער שונא איז געשטאַנען ביי די מאָסקווער טויערן. דאָס טיפע פּאַטריאָטישע געפיל פון דיכטער צו זיין סאָוועטיש היימלאַנד קומט דאָ צום אויסדרוק אין אַ ריי פּרעכטיקע לידער, ווי אין באַרימט געוואָרענעם ליד „טיפע גריבער, רויטע ליים״.

און באַזונדער אין ליד „מאָסקווע״:

„אין וואָס דו זאָלסט נישט זיין געצירט,
מיין שטאָט, מיין היים, מיין לאַנד, מיין פעסטונג:
אין זעק מיט זאַמד ביי יעדער טיר,
פאַרקלאַפּט, פאַרטונקלט און פאַרשמירט, —
אַלצאיינס געוועז און בלייבן מיר
די שענסטע און די בעסטע״.

און אָט אויף וואָס פאַראַ אייגנאַרטיקן אופן ש. האַלקין באַשרייבט דעם אינערלעכן קאָנפליקט ביים פאָטער, וועלכער ווייסט נישט אפילו אויף וואָסער זאָוואָד זיין זעכצן־יאָריקער זון אַרבעט אין דער צייט פון דער מלחמה. פון איין זייט איז דער טאַטע נייגעריק צו וויסן וואו זיין זון פאַרנעמט זיך אויף אַ גאַנצן טאָג, פון דער צווייטער זייט אָבער פאַרשטייט ער דעם שטרענגן מלחמה־סוד, וועלכן זיין קינד פאַרבאַהאַלט פון אים, דעם טאַטן:

„די פּעטע אויסגעשמירטע הענט דיינע, מיין זון,
זיי לייכטן מיר ווי פליגלען ווייסע אויף דער זון,
און ביי די אויגן — יענער טונקעלער, פעטער פּאַס,
וואָס שטענדיק ברענגסטו אים אַהיים פון גאַס,
ווען פון דער אַרבעט שפּעטלעך קערסטו זיך אום, —
מיין זון, דער טונקעלער פּאַס באַגלייט מיך אומעטום...״

און גלייך קומט די פּאָעטישע פאַראַלגעמיינערונג, פאַרטיפט, אייגנאַרטיק האַלקיניש:

„אַזאַ מין טבע שוין ביי מיר, עס ליגט אַ וויס,
אַ ריינס, — אַ בויגן שטראַלנדיק פּאַפּיר, און איז
דאַרף זיין דאָס האַרץ, מע זאָל נישט מאַכן גלייך קיין טראָט
צום טיש, און דאָן... דער טיפסטער סוד — אויס סוד
און רו — ביי זעכצן יאָר דיין סוד טראָגסטו אונטער הויט,
און נישט נאָר דעם פּאַפּיר וואָלטסטו נישט פאַרטרויט
דו סוד, נאָר אויך פון מיר באַהאַלטסטו אים אויס:
איך וויס דען, וואו און ווען, אין וועלכן צעך
מיין קינד פאַרברענגט די טעג, און אָפּט די נעכט?
באַהאַלט, באַהאַלט, מיין זון, דו ביסט גערעכט.
די פליכט — צו וויכטיק איז, דער סוד צו גרויס״.

(„מיין בלוט, מיין לייב״)

דאָס איז דער סוד פון האַלקינס שטאַרקייט. אים איז פרעמד דאָס פאַרנעפּלטע, אים לאָקט דאָס קאָנקרעטע. ער וואָלט נישט געקענט זאָגן אויף זיך, ווי היינע: „איך ווייס נישט וואָס זאָל עס באַדייטן, וואָס איך בין אַזוי טרויעריק״. ער, האַלקין, איז קיינמאָל נישט פאַרוויגט אין בלויע רויכן פון פאַרנעפּלטער וויזיע, אָבער ער האָט דעם כוח דאָס קאָנקרעטע, דאָס טאָג־טעגלעכע אָנצוטאָן אין שבת־יום־טובדיקע בגדים, באַשיינען עס מיט דער פילאָזאָפישער פאַראַלגעמיינערונג.

*
**

מיט זיין קלאַסישער שלימות פון דער פאָרם, מיט זיין פילאָזאָפישער טענדענץ אין דער ליריק, דערמאָנט האַלקין אָפט יהואשן. דאָס אָנבינדן דאָס טאָג־טעגלעכע, פאַרגענגלעכע צום אייביקן, דערנענטערט אים צו אָט דעם גרויסן מייסטער. אַזוי ווי יהואש איז האַלקינס שפּראַך פון בוך צו בוך אַלץ רייכער, זאַפטיקער און פאַרביקער. אגב איז האַלקין געווען דער, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אין אַ מער־היינטצייטיקן יידיש די אַמאָליקע יהואש־איבערזעצונג פון לאָנגפעללאָס „הייאַוואַטאַ".

פאַרגאַנצט און מאָנאָליט־געבויט, שטרענג־געצוימט אין דיאַלאָג, פול מיט טיפן געדאַנק און שיינקייט זיינען ש. האַלקינס דראַמאַטישע פּאָעמעס, וועלכע זיינען מיט אַזאַ דערפאָלג אין זיין צייט געשפילט געוואָרן אויף די בינעס פון די יידישע מלוכה־טעאַטערס אין ראַטנפאַרבאַנד.

איבערהויפּט איז פול מיט געשפּאַנטער דינאַמיק זיין דראַמאַטישע פּאָעמע „בר־כוכבא". דאָס איז אַ מייסטער־ווערק אין פולן זין פון וואָרט. ביים שאַפן אָט דאָס ווערק האָט האַלקין אויסגענוצט אַלע זיינע פּאָעטישע מעגלעכקייטן; דעם איינגעהאַלטענעם, שטילן אָטעם, וואָס ריזלט ווי אַ שטראָם אונטער אייז און ברעכט אויס אין דער סאַמער בויטיקער מינוט; די גוואַלדיקע געשליפנקייט פון פערז, זיין טיף באַנעמען, אָפּשאַצן, אַנאַליזירן און פאַראַלגעמיינערן היסטאָרישע געשעענישן; זיין גרויס יידיש און וועלטלעך וויסן, מיט וועלכן ער וואַרפט זיך נישט אַרום און באַוויזט זיך נישט דערמיט, נאָר אַנטפּלעקט זיך פאַר איך ביי יעדן שמועס מיט אים, וועלכע טעמע איר זאָלט נישט באַרירן.

נישט אומזיסט קלינגט דער דיאַלאָג פון אליעזר מיט ר' עקיבאַן אַזוי היינטצייטיק ביי, עס איז דער אייביקער קאָנפליקט צווישן פויזנדיקער הכנעה און העלדישן קאַמף צווישן שוואַכקייט און גבורה, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער גאַנצער געשיכטע אונדזערער.

שמואל האַלקין

(אַ וואָרט אויפֿן פֿרישן קבר פֿון דעם ערשט־פֿאַרשטאָרבענעם סאָוועטיש־יידישן דיכטער)

ער האָט געהערט צו דער מינסקער גרופּע יידישע דיכטער. קיין מאָסקווע איז ער געקומען שפּעטער, און גלייך מיט זיין ליד זיך אָנגעגע־שטעלט ביים אויבנאָן פֿון דער סאָוועטיש־יידישער דיכטונג. ער איז געווען אַ נאָענטער חבר פֿון דיכטער איזי כאַריק; ביידע האָבן זיי פֿאַרמאָגט גרויסן טאַלאַנט, אָבער פֿאַרשיידן זיינען זיי געווען לויט זייער כאַראַקטער און זיי־ער אָפּשטאַם.

האַלקין איז געקומען פֿון אַ חסידישער היים; דור־דורות חב״ד׳ער חסידים; געלערנט אין ישיבות, אַריינגעזויגן אין זיך אַ סך תורה און שיטת חב״ד; זיין ליד איז שטענדיק געווען, ביי דער גאַנצער אינערלעכער די־נאַמיק, אויסערלעך קיל און סענטענץ־אַרטיק אַפאָריסטיש־קלוג. שמואל האַלקינס ליד האָט פֿאַרמאָגט אויסערגעוויינלעך מייסטערהאַפֿטע פֿאָרם, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט וואונדערלעכער שיינקייט, אָבער ס׳האָט באַדאַרפֿט נעמען אַ שטיקל צייט ביז דו האָסט זיך מיטן ליד אָנגעוואָרעמט, ביז דער שיינער געדאַנק, אָנגעטאָן אין אַזעלכע פּרעכטיקע קליידער, איז איבערגע־גאַנגען אין עמאָציע. טייל האָבן קיין צייט נישט געהאַט צופֿיל זיך צו פֿאַר־טיפֿן, ווייל די צייט אַליין איז צו דינאַמיש געווען, האָט זיי מער פֿאַרכאַפּט איזי כאַריק, וואָס האָט אוממיטלבאַר אויסגעדריקט די צייט.

דערפֿאַר האָט שמואל האַלקין געהאַט זיינע געשוואוירענע חסידים צווישן דער אינטעליגענץ.

מיר איז באַקאַנט, אַז אַפֿילו משה ליטוואַקאָוו האָט פֿאַרטיידיקט שמואל האַלקינען פֿון די אַטאַקעס, וועלכע ער האָט געהאַט אויסצושטיין אויף זיך אין די דרייסיקער יאָרן.

פּונקט ווי אין זיין ליד, אַזוי איז ער אויך אין לעבן געווען דער פֿילאָזאָף און דענקער, מיט אַ צומיש פֿון געבענטשטער גוטסקייט און פֿילאָזאָפֿישער רואיקייט.

ס׳איז פּשוט אַ פֿאַרגעניגן געווען צו פֿאַרברענגען אין זיין געזעלשאַפֿט.

ער איז ווייט געווען פֿון דער קנאה־שנאה, וועלכע האָט געהערשט צווישן טייל סאָוועטישע יידישע שרייבער.

פֿאַר אים זיינען אַלע געווען גוט און ער האָט אויף קיינעם קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט.

איך בין נישט איינמאָל געווען אין זיין הויז אויף פֿורמאַנאָווע 3, וואָס

אין מאָסקווע. ער האָט בכלל מקרב געווען שטאַרק די ביי־געקומענע שרייבער פון פוילן. איך פלעג באַוואונדערן זיין ענוות. ביי אים האָט איר געקענט פועלן, אַז איר זייט גרעסער פון אים, כאָטש דער „איר" איז נישט געקומען צו זיינע קנעכלעך, סיי אין פאַרנעם, סיי אין וויסן.

ש. האַלקין איז אוודאי געווען אַ סאָוועטישער מענטש, וועלטלעך און פרייגעזאָנען, אָבער דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט יידישקייט, מיט יידיש וויסן קודם־כל (כאָטש ער איז גאָרנישט קיין קליינער געווען אין וועלטלעך וויסן און קולטור). ער פלעגט מיט שטאָלץ מיר באַווייזן צווישן זיין רייכער ביבליאָטעק זיין ש"ס, זיין זוהר, זיינע פילע חסידישע און קבלה־ספרים, וועלכע ער האָט נישט געהאַלטן בלויז אין שאַפע פאַרשלאָסן...

כ'האָב נישט גראַד פאַר זיך יענע לידער, אָבער אַ סך פון זיי האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, און מער פאַר אַלע — זיינע לידער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און וועגן די היטלעריסטישע גרויזאַמקייטן. דאָס זיינען אַזעלכע שירים, וואָס אַ סך פון זיי דאַרפן נישט פעלן אין יעדער אַנטאָלאָגיע פון יידישער דיכטונג.

***

כ'וויס, אַז האַלקין איז פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרויס מיט אַ קראַנק האַרץ. ער האָט עטלעכע מאָל געהאַט האַרץ־אַטאַקעס און דאָך ווי עס איז געלעבט, אַפילו געווען אַקטיוו. איך געדענק וויפל ער האָט בשעת דער מלחמה אין מאָסקווע געאַרבעט ביים אָרגאַניזירן דאָס באַקליידן און באַשוכן די יידישע שרייבערס, פון די מלבושים וואָס זיינען אָנגעקומען קיין מאָסקווע פון אַמעריקע לויטן „לענד־ליס".

עס דערמאָנט זיך:

אין דרייען האָט אונדז ערגעץ ש. האַלקין „געפּאַקט", דעם נסתר, עזרא פינינבערג און מיך, אַריינגעשלעפּט צו סטראַנגגין (דער געוועזענער דירעקטאָר פון „עמעס"־פאַרלאַג, ביי וועמען עס זיינען געווען די אַמעריקאַנער מלבושים) און אונדז איבערגעטאָן אין זעלבן אונטערעם; נייע קאָסטיומען, נייע פאַלטאָס און געל־געשניצטע שיך מיט ווייסע געמזענע ראַנדן. אַז מיר זיינען אַרויס אויף דער גאַס, האָט דער נסתר ז"ל אַ זאָג געטאָן:

— מיר זעען אויס ווי יתומים פון אַ יתומים־הויז...

***

אין סאָוועטישן לאַגער, וואו ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין דער צייט פון פּאָגראָם אויף דער יידישער קולטור איז ער אויך חדשים גאַנצע אָפּגעלעגן אין די שפּיטעלער. דערנאָך האָט ער באַקומען די אַרבעט פון אַ פעלדשער (אין לאַגער־באַדינגונגען הייסט עס איינער פון די „גוטע" דזשאָבס).

אַלץ איז „גוט״ ביז עס ברעכט נישט אויס קיין שריפה, און טאַקע אָט די שטענדיקע שרעק דערפאַר, און דאָס אַרומגייִן אַ לאַגער־טעריטאָריע אָן אויפהער גאַנצע צען שעה וואַכנדיק פאַר שריפות, האָט אוודאי פאַרקירצט זיין לעבן, און דער רעזולטאַט: זיין פלוצעמדיקער טויט, ביי אַזאַ פאַר־העלטניסמעסיק יונגן עלטער.

און ווי טרויעריק איז דאָס נייע רעמעלע „ש. האַלקין — טויט!״

כ׳מיין, אַז נישט איינער וועט זיך פאַראייניקן צום טרייסט־וואָרט, וואָס איז קיין טרייסט נישט צו זיין פרוי, זיינע באַגאַבטע קינדער, זיין אײדעם, דעם טאַלאַנטפולן סאָוועטיש־יידישן דיכטער, י. ל. באָרוכאָוויטש, און זיין טאָכטער, — אַ זייער פייאיקע מאָלערין.

תנצב״ה.

דער מחבר ווי אַ יינגל פֿין 9 יאָר.

דער טראַגישער פּלאַנעטער

צופעליק איז מיר געקומען אין האַנט אַריין אַ קליין ביכעלע לידער אויף רוסיש פון דעם סאָוועטיש־יידישן פּאָעט חיים מאַלטינסקי. דאָס בי־כעלע פאַרמאָגט פערציק זייטלעך און איז דאַטירט 1960, אַרויסגעגעבן אין טאַשקענט, דורכן מלוכה־פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור פון דער אוזבעקישער רעפּובליק. דאָס ביכעלע הייסט „אופּאַרסטוואָ" (עקשנות).

חיים מאַלטינסקי, ווי עס זעט אויס, גרייטיקט זיך נישט אין קיין איבער־זעצער, ווי די אַנדערע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס, וועמעס ווערק ווערן איבערגעזעצט אויף כל־ערליי לשונות אין רוסלאַנד, נאָר ווערן נישט גע־דרוקט אויף יידיש, מאַמע־לשון.

מיר שרייבן דאָ נישט קיין רעצענזיע, און ווילן זיך נישט אָפּשטעלן צופיל אויף די לידער. זיין רוסיש — נאָך יעסענינען, וועט ער אודאי נישט אַריין אין דעם פּאַנטעאָן פון דער רוסישער דיכטונג, ווי איבעריקנס עס וועלן נישט אַריין די סאָוועטישע יידישע דיכטער, וועמעס לידער מען זעצט איבער. דאָס איינציקע: ער שרייבט אין אַ קאָרעקטן רוסיש. אין די לידער גיט ער איבער אוממיטלבאַרע, מענטשלעכע געפילן. מען מעג שוין היינט שרייבן אַ ביסל ליריק אין רוסלאַנד. צופיל זינדיקן דערמיט טאָר מען טאַקע נישט. געבן יעדן „ניין" מוז זיין אַ „יאָ", וווען אַ האַלבער פּנים ווייִנט, מוז נאָך אויפן צווייטן האַלבן פּנים זיין אַ שמייכל, אַביסעלע איראָניע אויפן שפּיץ מעסער, אַ טראָפּן עכטן געפיל. אָבער מיר ווילן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף איין ליד, וואָס דעקט אויף די טראַגעדיע פון סאָוועטיש־יידישן שרייבער, וואָס רייסט זיך אַרויס דורך אַלע געצוואונגענע אָנשטעלן, „ס'איז גוט און ס'איז וואויל". מיר וועלן דאָ ציטירן דאָס ליד אויף רוסיש מיט יידישע אותיות. דאָס ליד געפינט זיך אויף זייטל 34 פונעם ביכל:

„פּיסאַל, דרוזיאַ, יאַ דפראַוואָי סטאַראַני,
סעיטשאַס סטאַראַטעלנאַ פּישו יאַ ד'לעוואָי.
נאַ טעזשע מיסלי ו'סטראָקי וולאַזשעני
אי טעזשע טשוואוסטווא אי נאַפּעווי,
אי דאַטשעריאַס מאַים פּאַניאַטען יאַ וואַ ווסיאָם
נאַ רוסקאַם יאַזיקע ראַדנאַם.
ליש אינאָגדאַ, קאָגדאַ בערו יאַ נאָוואָי טעטראַד,
טאַ פּוטאַיו, ז'קאַקאָי סטאָראַני נאַטשאַט".

אין יידישער איבערזעצונג קלינגט עס אומגעפער אַזוי:

„כ'האָב געשריבן אַמאָל פון דער רעכטער זייט,
ערשט באַמי איך זיך שרייבן פון דער זייט, דער לינקער,
נאָר די שורות, — דער זעלבער מיין און באַדייט,
די זעלבע מחשבות, די זעלבע געפילן.
עס פאַרשטייען מיך וואויל און גלייבן
מיינע טעכטער,
אויף דער רוסישער מוטער־שפּראַך,
נאָר דאָך עס טרעפט,
ווען איך נעם אַ נייעם העפט,
איך פלאַנטער און טראַכט פון וועלכער זייט מיר אָנצוהויבן..."

עס איז קלאָר, אַז דער דיכטער האָט מורא געהאַט צו זאָגן, אַז אים ציט צו שרייבן אויף יידיש, האָט ער גענוצט די קונץ וועגן „שרייבן פון רעכטס", און די קאָמיסאַרן אין טאַשקענט האָבן מסתמא נישט פאַרשטאַנען.

חיים מאַלטינסקי געהערט צו דעם ייִנגערן דור סאָוועטיש־יידישע שרייבערס. ער איז אויפגעקומען אַ ביסל שפּעטער נאָך דער טאַלאַנטפולער גרופּע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס אין ווייס־רוסלאַנד, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן: משה קולבאַק, איזי כאַריק, זעליג אַקסלראָד און אייניקע אַנדערע. מאַלטינסקי איז אויפגעקומען צוזאַמען מיט ה. שוועדיק (אומגעקומען אויפן פראָנט), מאָטל גרוביאַן, מ. טייף. כ'האָב אים פאַר דער מלחמה ווייניק געקענט. כ'האָב אים געקענט מער ווי אַ קינדער־דיכטער. רייף געוואָרן ווי אַ לירישער פּאָעט איז ער ערשט נאָך דער מלחמה, און גאַנץ טאַלאַנטפול. פיר יאָר איז ער אָפּגעווען אויפן פראָנט אין קאַמף מיט די היטלעריסטישע האָרדעס. אין אָנהויב איז ער באַשטימט געוואָרן אין דעם ראַנג פון אַן אָפיציר, ווי אַ קאָמיסאַר פון אַ באַטאַליאָן. עס האָט זיך אים נישט געגלוסט צו קאָמיסאַרעווען, ער האָט זיך געריסן אין קאַמף און ער איז אַריבער אין דער אַרטילעריע. שפּעטער אין דער פעכאָטע, הערגאַנגען ביז די טויערן פון בערלין, דאָרט האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ מינע, וואָס האָט אים צעשמעטערט ביידע פיס. איין פוס האָט מען אים אַמפּוטירט און פון צוויטן האָט ער ס'גאַנצע לעבן צרות, ווייל די 9 שפּליטערס, וואָס זיינען אַריין אין שלאָס־ביין, קען מען נישט אַרויסנעמען. דאָס האָט דעם פוס פאַרשטייפט, אַז ער בויגט זיך נישט און פאַרשאַפט אים אויסטערלישע יסורים.

מאַלטינסקיס באַטאַליאָן האָט מסתמא נישט ווייניק היטלעריסטן צעשמעטערט, אויב מ'האָט אים, דעם אָפיציר פון באַטאַליאָן, באַשאָנקען אַזש מיט זיבן הויכע קאָמפּס־אויסצייכענונגען, אויסער די געוויינלעכע מעדאַלן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון געוויסע שטעט. פון דעם אַלעם איז צו זען,

אַז מאַלטינסקי איז ווייט נישט קיין פּחדן, קיין שרעקעוודיק באַשעפעניש, קיין ציטערדיקער האָז, און אויב מ׳קען האָבן צו אים פּרעטענזיעס פאַר געוויסע לידער זיינע און געוויסע האַנדלונגען אין די סטאַלין־צייטן, איז עס די שולד פונעם רעזשים, וואָס כּאָוועט פון איך זייט העלדן, און דער צווייטער זייט מאַכט ער פון די העלדן שניי־גאָמעלקעס, ווען ער באַדאַרף דאָס, ווען עס איז נייטיק פאַר דער „אַלגעמיינער זאַך”... מיט צענדליקער אַזעלכע בין איך אין די לאַגערס געזעסן.

יאָ, כ׳האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען חיים מאַלטינסקין אין סאָוועטישן לאַגער, אינעם „באַרימטן” אָזער־לאַגער נומען 7. אים האָט מען אַרעסטירט פון די סאַמע לעצטע, ערשט אין סוף 1951, און זיין משפּט איז געווען פּונקט אין דעם טאָג, וואָס ווערט באַצייכנט אין רוסלאַנד ווי דער „טאָג פון דער רויטער אַרמיי”: דעם 23טן פעברואַר 1952. אים, וואָס האָט פּאַקטיש ביידע פיס פאַרלוירן אויפן פראָנט ווי אַ רויט־אַרמייער, האָט מען געמשפּט אין אָט דעם רויט־אַרמייער־טאָג צוזאַמען מיט אַ גרופּע הויכע סאָוועטיש־יידישע באַאַמטע און קולטור־טוער. צוויי פון זיי האָבן באַקומען טויט־שטראָף, וואָס איז דורך אַ נס פאַרביטן געוואָרן אויף 25 יאָר תּפיסה. מאַלטינסקין האָט מען „אָפּגעפּטרט” מיט 10 יאָר לאַגער, לאַגער פון שווערסטן רעזשים און שווערסטער אַרבעט.

וואָס טוט מען אָבער אין לאַגער מיט אַזאַ חרובֿדיקער קאַליקע אָן פיס, וואָס באַוועגט זיך קוים אויף קוליעס?

מ׳האָט פאַר אים געפונען אָן אַרבעט: ער האָט געמאַכט טשוועקעס פון גראָבן, פאַרזשאַווערטן דראָט. ווען ער איז קראַנק געוואָרן אויף דער אַזיאַטישער מאַלאַריע און דער היטלעריסטישער דאָקטער ביי אונדז, ד״ר מאַזעבאַך, וואָס האָט אים „געהיילט” אין דער סאַניטאַר־אָפּטיילונג אין לאַגער, האָט אים שיער נישט אַריבערגעפירט בכיוון אויף יענער וועלט, האָט דער גוטער אוקראַינישער דאָקטער, סעמעץ, זיך מרחם געווען, זיך איינגעשטעלט פאַר אים און אים געגעבן דעם „פּאָסטן” פון אַ נאַכט־וועכטער אין איינעם פון די באַראַקן.

איך בין מיט אים אין לאַגער זייער ווייניק צייט געווען צוזאַמען. מ׳האָט אים איבערגעפירט אין אַ צווייטן לאַגער. חיים מאַלטינסקי האָט זיך מיט מיר נישט איבערגעשריבן. כ׳האָב זייענדיק אין פּוילן געהערט, אַז ער איז אַוועק, שפּעטער, נאָך דער רעהאַביליטאַציע קיין טאַשקענט, וואו זיין פרוי איז אַ לערערין, און ער האָט מיט איר צוויי טעכטער (זיין ערשטע פרוי און בן־יחיד האָבן די היטלעריסטן אומגעבראַכט אין מינסקער געטאָ).

פונעם ליד, וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט, זעען מיר אַרויס דעם פאַרלאַנג צו שרייבן דווקא „פון דער רעכטער זייט”, אפילו ביי די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס, וואָס האָבן זיך שוין אויסגעלערנט שרייבן רוסיש.

מאָלטינסקי שרייבט, אַז ער פּלאָנטערט זיך נאָך אַלץ אָנהויבנדיק אַ נייעם העפט און אים גלוסט שרייבן יידיש. איך שרייב דעם דאָזיקן ליד נישט צו קיין העלדישקייט. אויך איז אָט דעם ליד גיט דער דיכטער דאָס ביסל ציינז מיטן זאָג, אַז זיינע טעכטער פאַרשטייען אים אויסגעצייכנט אויף דער רוסישער מוטער־שפּראַך (נאַ רוסקאָם יאַזיקע ראָדנאָם). אין דער צייט ווען אַ האַלבער מיליאָן יידן האָט אָנגעגעבן יידיש ווי זייער מוטער־שפּראַך. אָבער, ווייזט אויס, אַז מען מוז נאָך אַלץ אין יענעם לאַנד אָפּגעבן דאָס פּונ־טעלע פּלייש פאַרן אַרויסזאָגן אַן עכטן געפיל, כאָטש דאָס דאָזיקע געפיל שטייט נישט אין סתירה צום „סאָוועטסקי סטראָי”.

אַ טראַגישער פּלאָנטער.

משה בראָדערזאָן

ער איז געווען איינער פון די וועלטלעכסטע אין דער יידישער דיכטונג.

פּאַראַלעל מיט לייב ניידוסן האָט ער געזוכט און פּראָקלאַמירט די פאָרעם־קונסט.

די יידישע דיכטונג איז אין גרונט גענומען אָן איינהייטלעכע. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט תחינות און געענדיקט מיט השתפכות הנפש.

דאָס פאָלק האָט געזונגען סאָציאַלע מאָטיוון צוליב זייער אינהאַלט.

אנאַקרעאָנטיק איז אַזוי פרעמד געווען דער יידישער ווי דער העברע־אישער ליטעראַטור.

טשערניכאָווסקין האָט מען אַ שטיק צייט געהאַלטן פאַרן „גריך" אָדער סתם פאַרן „גוי", פאַרן פרעמדן גייסט, מ'האָט ליב געהאַט ביאַליקן.

שפּיל צוליב שפּיל, אַליטעראַציע, וואָרט־קאָמבינאַציע איז געקומען שפּע־טער.

עס האָבן זיי אַריינגעבראַכט יענע געבענטשטע פּרינצן פון וואָרט, אויסגעטאָן איינגאַנצן פון גלות, פאַרקוקט אויף דער שיינקייט.

„מה נאה אילן זה? ווי שיין איז דער בוים, ווי שיין איז די וועלט! ווי שיין איז די פאָרעם פון זאַכן, פון באַגריפן, ווי שיין איז דאָס וואָרט אַליין.

בראָדערזאָן האָט טיילמאָל מיט אַ מאָדנעם זעקסטן חוש דערשנאַפּט איינ־האַלטלעכע, טראַדיציאָנעלע מעטאַפאָריק.

אין מיין זכרון האָבן זיך פאַרשניטן שורות פון זיינעם אַ טריאָלעט:

„כ'האָב דיין ליבע ווי אַ באַרג איבער זיך געטראָגן,
און וויל איך נישט גלויבן, דערשטיקט מיך דער באַרג..."

ווען כ'האָב אַמאָל געפרעגט בראָדערזאָנען צי ער האָט געלערנט מדרש, וואו עס ווערט געשריבן, אַז ווען משה האָט געגעבן יידן די תורה „כפה עליהם הר כגיגית ואמר להם, אם תקבלו את התורה מוטב ואם לאו שם תהיה קבורתכם". ער האָט איבער די יידן אויפגעהויבן דעם באַרג סיני און זיי געזאָגט: אויב איר וועט נעמען די תורה איז גוט, אַנישט וועט דאָ זיין אייער קבורה. איז עס נישט אַ פּאַראַפראַזע? רופט עס זיך נישט איבער מיטן דאָזיקן פאַרגלייך?

בראָדערזאָן האָט מיר דערקלערט, אַז ער האָט נאָך דאַן קיין מדרש נישט געלערנט (דאָס ליד איז געשריבן אָנהויב צוואַנציקער יאָרן), נאָר אָט אַזוי איז אים איינגעפאַלן, אינטואיטיוו האָט ער עס דערפילט. אין דעם זין איז ער אַוועק אַ סך ווייטער פון ניידוסן.

אויסגעוואַשן און אויסגעקעמט דאָס יידישע וואָרט, אָנגעטאָן עס אין בגדי מלכות און עס אַוועקגעשיקט אין דער וועלט:

— אונדזער לשון איז אַ שפּראַך מיט לייטן גלייך און מיר האָבן זיך נישט וואָס צו שעמען.

און וואָס שייך אינהאַלט — קומט ביי בראָדערזאָנען אויף דער אינהאַלט מיט דער פאָרעם. ווי אַ ביישפּיל קען דינען זיין פּאָעמע „יוד" — לידער פון פאָלק און פאָלקישקייט.

ווער האָט עס אויסגעטראַכט דאָס שפּאָרעניש העברעאיש־יידיש?

מענדעלע האָט געזאָגט: „איך אָטעם מיט בידע נאָזלעכער".

זעט ווי וואונדערלעך בראָדערזאָן אַסימילירט דאָס העברעאישע וואָרט אין יידיש. וואָסער טעם עס באַקומט ביי אים!

דאָס איז שוין נישט בלויז שפּראַך־מייסטערשאַפט, דאָס איז אויך גרויסע חכמה און שאַרפזין.

וואַרפן אים פאַר טייל קעגנער אין געוויסע לידער עלעמענטן פון בדחנות, אָבער, אַז איר וועט הערן אַ „באַדעקנס", אַט יענעם מאָמענט, ווען דער בדחן באַזינגט די כלה, די יידישע כלה, וועלן אייך טרערן שטיין אין די אויגן און איר וועט זען פאַר זיך גאַנצע דורות.

וואַרפט זיך נישט אַזוי מיטן וואָרט בדחן. דער בדחן איז געווען דער פאָלקס־פּאָעט. דאָס פאָלק האָט דורך זיין מויל געוויינט און געלאַכט דורות גאַנצע.

***

יאָרן האָב איך געחלומט זיך מיט אים צו באַגעגענען.

אין מיין פריער יוגנט, ווען עס זיינען נאָך אַזויפיל שפּראַכלעכע באַריערן געשטאַנען צווישן מיר און דער דיכטונג פון דער וועלט, האָב איך זיך דאָך אויף אים געלערנט פאָרעם.

איך דערמאָן זיך איינעם טאָג, צוויי יאָר פאַר דער מלחמה. איך בין געווען אין לאָדזש. און ווי איז מען עס אין לאָדזש און זיך נישט אַריינכאַפּן צו בראָדערזאָנען?

נאָר איך האָב קיין מזל נישט געהאַט, אין זיין וואוינונג אויף דער זאַוואַדזקע האָט מיר געעפנט די טיר זיין טאָכטער:

— דער טאַטע איז נישטאָ. ער איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ.

צונויפגעטראָפן האָט אונדז אין גורל אין יאָרן אַרום.

...פון יענעם גרויזאַמען מעשהלע, אויסגעטראַכט פון אַ מטורף זיינען מיר בידע געווען די העלדן.

די „איראָניע פון גורל" האָט אונדז דאָס ערשטע מאָל באַקענט ערגעץ וויט, וויט, אַזש זעקס הונדער קילאָמעטערס פון אירקוטסק אויף צפון. און די

צווי הונדערט פופציק מעטער פון אונדזער דערלויבטן באַוועגונג־קרייז איז געוואָרן דער צענטער פון דער וועלט.

די זון פלעגט אונטערגיין יעדן פאַרנאַכט אויף מער נישט אויפצושיינען, און זי איז פאָרט אויפגעגאַנגען, געטיילט אונדז לעקעכלעך מיט שטראַלן ווי גאָרניט וואָלט געשען:

פאַרוואָס שעמט זי זיך נישט? — האָבן זיינע שוואַרצע אויגן געפרעגט.

מיר האָבן זיך דאָך אויך נישט געשעמט צו עסן אונדזער טעגלעך ברויט געקנאָטן מיטן בלוט פון אונזער האַרץ.

פיר יאָר האָבן מיר זיך געטוליעט אייטער צום צווייטן ווי קינדער פאַר־בלאָנדזשעטע אין וואַלד.

אַ קלייניקייט האָט געפעלט מיר זאָלן פון פאַרצווייפלונג אַ געשריי טאָן: מ־מאַ־מע!

און מיר האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט צום נייעם, אַז עס זיינען ביי אים גע־בוירן געוואָרן טויזנטער קאַלאַמבורן, די נשמה איז פון זיי אויפגעפלאַצט גע־וואָרן, ווי אַ בלאָטער.

וואָס וואָלט איך געטאָן אָן זיין וואַרעם וואָרט אָט די פיר יאָר, אָן זיין ליכטיקן שמייכל, אָן זיין דערמוטיקונג־וואָרט?

— אַלץ איז ביז אַ צייט, ס'וועט דורכגיין, 'עסט זען, ס'וועט דורכגיין.

און אַז ס'איז ליכטיקער געוואָרן אויף דער וועלט, האָט ווידער די „אי־ראָניע פון גורל" מיך געפירט צו זיין קבר.

קען איך אַלץ נישט גלויבן, אַז ער איז טויט און וויל אים אַ רוף טאָן ווי כ'האָב אים דאָרט גערופן:

— ר' משה!

— ר' משה, „כי בא אורך, קומי אורי", ווייל דיין ליכט איז געקומען, נעם לייכט אויף!

ווער ווייסט נאָך ווי איך ווי ער האָט ליב געהאַט דאָס פאָלק, ווי ער האָט ליב געהאַט מענטשן. שיין אויף, דיכטער, דיין צייט איז געקומען!

ער איז טויט, מיין פריינד, און מיין ביינטל בלומען וועט זיך שפּילן מיט דער זון, ווי ער האָט זיך געשפּילט מיטן יידישן וואָרט.

דאָס בוך פון סאָניע מאַלאַדיעץ

מיר איז ליב אָנצורופן שיינע מרים בראָדערזאָן, ווי מיר, לאַגערניקעס האָבן זי גערופן אין לאַגער „סאָניע מאַלאַדיעץ״. צווישן אונדז זיינען געווען זיכער אַ סך וואָס האָבן קיין אות נישט באַקומען פון דער היים און אפילו קיין היים נישט געהאַט. די הונדערטער, הונדערטער קאַרטלעך, וואָס שיינע מרים בראָדערזאָן האָט געשריבן צו משהן, זיינען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. פון די קאַרטלעך האָבן מיר זיך דערוואוסט פון די אומאויפהערלעכע באַמיאונגען פון שיינע מרים פאַר איר מאַן. בגנבה האָבן מיר זיך דערוואוסט עפּעס פון דער פרוי, דערפאַר האָבן מיר אַרעסטאַנטן זי גערופן סאָניע מאַלאַדיעץ, די בראַווע סאָניע, אָדער די העלדישע סאָניע.

איך בין אַנומלט געווען צוגאַסט ביי שיינע מרים בראָדערזאָן, וועלכע וואוינט ערגעץ ווייט אין ברוקלין. איך בין, הגם מיט אַ פּאָר וואָכן פאַרשפּע־טיקונג געקומען איר מנחם־אבל זיין נאָכן נייעם, שווערן קלאַפּ אין איר לעבן, דער טויט פון איר ברודער אין פּוילן.

שיינע מרים, די אַרטיסטין, שיינע מרים, וואָס מיט אַ 25 יאָר סך־הכל צוריק אין פּוילן,האָט מען נישט אַנדערש אַרויסגעזאָגט ווי די שיינע, שיינע מרים, לעבט זייער איינזאַם און דערשלאָגן. זי איז פון די פרויען, וואָס וויסן ווי אָפּצושאַצן זייערע באַגאַבטע מענער און זיינען געבענטשט (אָדער פאַר־שאָלטן) מיט אַ צו־גוטן זכרון, זיי היטן אָפּ די ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צום געליבטן ביזן סוף פון זייער לעבן.

פאַר דער קורצער צייט וואָס זי איז אין אַמעריקע, האָט זי באַוויזן שוין אָפּצוטאָן די ערשטע זייער וויכטיקע זאַך: דאָס צונויפזאַמלען און אַרויס־געבן די געקליבענע לידער און פּאָעמעס פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, אָפּראַ־טעווענדיק אין די סאַמע שווערסטע סטאַליניסטישע יאָרן אַ סך פון בראָדער־זאָנס נישט פאַרעפנטלעכטע מאַנוסקריפּטן, און דאָס, לעבנדיק אין די שווער־סטע מאַטעריעלע באַדינגונגען (הינטער מאָסקווע אין אַ דירה, וואָס איז געווען חצי שטאָל, חצי דירה און מיט שכנים, וואָס האָבן זי גרויזאַם און מערדערלעך פאַרפאָלגט).

אין די טעג איז אין „פאַרלאַג פון פּוילישן יידנטום״, אין בוענאָס איירעס, באַצייכנט מיטן נומער 153 דערשינען איר מעמואַרן־בוך א. ב. „מיין ליידנסוועג מיט משה בראָדערזאָנען״.

מיט משה בראָדערזאָנען ז״ל, דעם זייער באַגאַבטן פּאָעט און אינטערע־סאַנטן מענטשן, איז מיר אויסגעקומען צו טיילן צוזאַמען די ליידן גאַנצע פיר יאָר אין אין לאַגער־סיסטעם, אין דער אַזוי באַרימטן „אָזער־לאַג נומער 7״, (לאַגער פון באַזונדער שווערן רעזשים נומער 7) אָדער טיישעט־לאַג, טיישע־

טער לאַגער, די צענטראַלע געפינט זיך אין שטעטל טיישעט, אירקוטסקער געגנט, און אַז מען וויל נישט לאַנג פּאַרציען, רופט מען דעם לאַגער אויפן נאָמען פון שטעטל, וואו עס געפינט זיך די צענטראַלע: טיישעט־לאַגער.

דער דאָזיקער סיסטעם איז איינגעטיילט אין אָפּטיילונגען, יעדער אָפּטיי־לונג האָט זיך זיינע אונטערגעאָרדנטע לאַגער־פּונקטן, פון אירקוטסק ביז דער לענאַ זיינען אין יענער צייט (כ׳רעד פון 1948־1956) אויסגעשיט געווען הונדערטער אַזעלכע לאַגער־פּונקטן, פון 500 ביז 2 טויזנט אַרעסטאַנטן אין יעדן פּונקט. כ׳האָב פאַרגעסן דעם נומער פונעם ליטווישן צייכענער, דעם שיינעם יונג מיטן אַמפּוטירטן פוס (דעם פוס האָט ער אָנגעוואוירן אויף אַ פראָסט, אַרבעטנדיק אין וואַלד). די צייכנונג איז פרימיטיוו לויט אונדזער־רע באַגריפן פון צייכנונגס־קונסט, אָבער קיין מער רעאַלע קאַריקאַטור פון דעם, ווי בראָדערזאָן האָט אויסגעזען אין אונדזער לאַגער קען מען נישט געבן. דאָס בילד געפינט זיך אויף זייט 104 אין בוך. עס ווייזט ווי בראָדער־זאָן זיצט אויף זיין דניעוואַלני־בענקל (אויפן בענקל פון אַ נאַכט־וועכטער אין באַראַק). דעם פרימיטיוון קינסטלער איז געלונגען איבערצוגעבן די גאַנצע עלנטקייט, דעם גאַנצן וויטיק פונעם עלעגאַנטן פּאָעט, וואָס איז ביי זיך אין לאַדזש אַמאָל געווען דער „אַרביטער עלעגאַנציארום״, און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לאַגער אין אַ פּאַראַשע־טרעגער, דער טרעגער פון אומרייניקייטן פון דער נאַכט.

„מיין ליידנס־וועג מיט משה בראָדערזאָנען״ פּרעטענדירט אויך נישט אויף קיין קונסט, שיינע מרים האָט אפשר נישט ווייניקער געליטן, נישט־זיצנדיק ווי איר מאַן אין לאַגער און אין טורמע, אַזעלכע מענטשן קונסטעווען נישט, זיי דערציילן איינפאַך און פשוט זייערע שווערע איבערלעבונגען.

ווי כ׳האָב שוין אין דער הקדמה געשריבן: אין לאַגער האָבן מיר, מאָיסעי מיראָנאָוויטשעס (ווי אַרעסטאַנטן האָבן אים גערופן) ווייב גערופן „סאָניע מאַלאַדאַיעץ״.

מיר איז אויסגעקומען צו זיצן מיט טויזנטער אַרעסטאַנטן און איך האָב נישט באַגעגנט אַן אַרעסטאַנט פּאָר וועמען ס׳ווייב זאָל אַזויפיל איינלייגן וועלטן ווי שיינע מרים (סאָניע) האָט עס געטאָן פאַר איר מאַן.

סאָניע האָט בוכשטעבלעך יעדן טאָג געשריבן דעם מאַן אַ קאַרטל. מיר האָבן טאַקע געהאַט דאָס רעכט צו ענטפערן נאָר 2 מאָל אַ יאָר, אָבער שיינע מרים האָט זיך דערמיט נישט גערעכנט.

פון די פּאָר הונדערט רובל, וואָס זי האָט פאַרדינט (כ׳ווייס נישט צי זי האָט פאַר דעם געלט געקראָגן צו קויפן דעמאָלט וואָס מען באַקומט דאָ הי פאַר 20 דאָלאַר) איז מער ווי העלפט אַוועק אויף שיקן דעם מאַן פּעק־לעך. ערשט אירע באַמיאונגען צו באַפרייען איר מאַן? זי איז גאַנצע טעג און נעכט אויסגעשטאַנען אין רייען אין דער פּראָקוראַטור אָנצוקומען צו עפּעס אַ „קנעפּל״ אויף באַמיען זיך איבערצוקוקן נאָכאַמאָל די „דיעלאָ״ פון

איר מאַן. אַ שטיקל צייט נאָך סטאַלינס טויט אין 1955 האָט זי זיך אפילו דערשלאָגן, אַז דער גענעראַל־פּראָקוראָר אַליין האָט אַריינגעשיקט אַ טע־לעגראַמע אין לאַגער מען זאָל בראָדערזאָנען נעמען צו אַ מעדיצינישער קאָמיסיע, וואָס זאָל באַטראַכטן זיין געזונט־צושטאַנד, און אויב מען וועט גע־פינען, אַז ער איז געפערלעך קראַנק אָן דער אויסזיכט געזונט צו ווערן, זאָל מען אים באַפרייען.

אמת טאַקע, אַז אונדזער באַטשאַלניק האָט זיך נישט אַזוי געאײַלט און בראָדערזאָן איז נאָך אַ שיינע פּאָר חדשים אָפּגעזעסן אין לאַגער, אָבער מ׳האָט אים נאָך שפּעטער געפירט אין אַ צווייטן לאַגער, אָבער „סאָניע מאָ־לאָדיעץ״ האָט זיך אירס דערשלאָגן.

איך דערצייל דאָס אַלץ אַנטקעגן דעם, אַז אַזאַ גרויס געפיל פון ליב־שאַפט צו איר מאַן האָט געבוירן ביי איר די מאָס און געצוימטקייט אין איר שרייבן. יעדעס בלעטל פון בוך איז ווי אַדורכגעזאַפּט פון בלוט און טרערן. עס זיינען נישטאָ דאָ קיין איבעריקע רייד. די 57 קאַפּיטלעך פונעם בוך האָב איך איבערגעלייענט פאַר איין מאָל. די קאַפּיטלעך נעמען אַרום אַ פּעריאָד פון 17 יאָר אָפּזיין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין פלוג דאַכט זיך, אַז אַזאַ פּעריאָד איז שווער איינצופּאַסן אין 172 זייטן, אָבער שיינע מרים האָט דאָס באַוויזן צו טאָן. איר באַקומט אַ באַגריף פון דער צווייטער זייט אויסערן לאַגער, פון דער כסדרדיקער שרעק און קאַשמאַרן, אין וועלכע ס׳איז אויסגעקומען צו לעבן נישט איין שיינע מרים, און שיינע מרים בראָדערזאָן איז דער אויס־דרוק פון אָט דעם אָנגעזאַמלטן צער. ביי אונדז פאַרגעסט מען זייער גרינג העלדישקייט. כ׳קען עדות זאָגן, אַז שיינע מרים בראָדערזאָן האָט אויף דער „פריי״ זייענדיק, געטיילט דעם מאַרטירער־וועג פון איר מאַן. מיר לאַגער־ניקעס האָבן עס שוין יאָ געוואוסט ווי אָפּצושאַצן.

כ׳געדענק סצענעס ווי אונדזערע לייט פלעגן זיך בעטן ביי בראָדערזאָנען ער זאָל זיך נישט אָפּלאָזן און עסן (ער איז געווען הויט און ביין) ער פלעגט טעג גאַנצע אָפּקומען מיט „קיפּיאַטאָק״ (הייס וואַסער) און אַ סוכאַר. פון די שווערע איבערלעבע איבערלעבונגען, כאָטש שיינע מרים האָט אַליין געהונ־גערט און אים געשיקט. מען פלעגט זיך ביי אים בעטן:

— מאָיסעי מיראָנאָוויטש, עסט בלויז צוליב איער סאָניע, זי איז עס ווערט, זי ליידט מער פון אייך.

איך גלויב, אַז דאָס דאָזיקע בוך וועט געלייענט ווערן מיט גרויס אינ־טערעס.

עס בלייבט איצט פאַר דער געטרייער און בראַווער שיינע מרים צונויפ־צוזאַמלען די זייער אינטערעסאַנטע בריוו פון איר מאַן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַזויפיל שאַרפזין און פקחות.

לייב אַליצקי — דער משלים־שרייבער

בישטאָ, דאַכט זיך, אין ליטעראַטור אין דער וועלט, וואָס זאָל האָבן אַזאַ פריע געשיכטע פון משל ווי די יידישע.

דער יידישער משל ציט זיין יחוס־בריוו אַ סך פריער ווי דער גריכישער (עזאָפּ), ווי דער אינדישער (סורפּיי), ווי דער אַראַבישער (לעקמאַן) און דער רוימישער (פעדרוס). נאָך אין די אַלטע, ביבלישע צייטן איז קולטיווירט געוואָרן דער משל — יותם בן ירבעל האָט שוין פאַרשטאַנען מיט דער הילף פון פאַבל רעדן צום פאָלק וועגן „דיביימער, וואָס האָבן זיך געוואָלט מאַכן אַ קעניג". די בעלי התלמוד האָבן דעם משל אַנטוויקלט, אַסימילירנדיק אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. דעם גריכישן משל האָבן זיי אויסגעברייטערט. אויב עזאָפּ רעדט בלויז וועגן בעלי חיים, באַקומט ביי די חכמי התלמוד לשון אפילו דער בוים און די גראָזן.

דער משל איז ווייטער אַנטוויקלט געוואָרן אין דער מאָדערנער, העבּ־רעאישער און יידישער ליטעראַטור דורך יהודה לייב גאָרדאָן, דר. שלמה עטינגער, ר' מרדכילע (טשעמערינסקי), יהואש, ראַוויצקי און באַזונדערס דורכן גאָניאַלן אליעזר שטיינבאַרג. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער גאָר אַלטער ליטעראַטור אונדזערער, איז אויפן נמשל געלייגט געוואָרן מער אַכט ווי אויפן משל. דער משל איז געווען בלויז אַ מיטל, אויף צו פאַרשטיין דברי תורה, שפּעטער ווערט דער משל אַליין שטאַרק קולטיווירט און דערגייט צו דער הויך פונעם שטיינבאַרג־משל.

און דאָך — און דאָך איז מען געוואויינט ביי אונדז צו קוקן אויפן משל ווי אויף אַן אונטערגעוואָרפן קינד אין דער פּאָעזיע.

נעמען נעמט זיך עס דערפון, וואָס מענטשן, וועלכע זיינען נישט געגוג קלוג (דער ערשטער באַדינגג פאַר אַ משלים־שרייבער), און נאָך ווייניקער טאַלאַנטירט האָבן זיך גענומען שרייבן משלים. זייערע בילדער קלעפּן זיך ווי אַרבעס צו דער וואַנט, זייער טענדענץ איז אַזוי גרויס ווי זייער מוח. אָרעמע אין גייסט — האָבן זיי דעם משל אויסגעשטעלט צו שאַנד, אים פאַרפלאַכט, געמאַכט אים לאַנגווייליק.

ווייל עס גייט דאָך נישט אין רעדן וועגן לייב און פוקס, בער און לעמפּערט, גאָלד און אייזן און צו שרייבן „פאַבל", אַז עס זאָל ווערן אַ משל. האָט דאָך אַזאַ דיכטער ווי לוצקי אייגנטלעך נישט געשריבן קיין משל. לייענט אָבער איבער ביי אים אַזאַ ליד ווי „הייזער":

„אַ מויער אַליין — אַן אַלטער בחור
לאַכט בייטאָג פון ווייב און קינד,
אָבער אַז עס קומט די נאַכט —
ווערט אים אומעטיק און קאַלט״.

און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז ביי אים איז יעדע באַוועגונג, יעדער קלאַנג, אַ מין משל און דאָס שטיין פון די הייזער איז אַ משל מיט אַ נמשל...

דער דאַנקבאַרסטער אָפּנעמער פונעם משל איז דאָס קינד. מען וועט זיך אפשר אַמאָל דערקלייבן צום סוד, פאַרוואָס דאָס קינד האָט אַזוי ליב די חיות־וועלט, שרעקט זיך און האָט גלייכצייטיק אויף איר רחמנות און פאַרוואָס דאָס קינד איז אַזוי פאַרגלויבט אין איר מאָראַל, גלויבט איר מער ווי דעם מענטשן. דאָס קינד גלויבט דער לבנה, אַז זי איז אַ מענטש, כאָטש מענטשן זאָגן, אַז די אויגן אירע זיינען בערג אָדער טיפע טאָלן פון אַ פּלאַנעט אַן אָפּגעלאָשענעם, האָט עס טאַקע ליב די לבנה, דאָס קינד, און טרייבט אַרויס די נאַכט, וואָס האָט זיך איינגעריסט אין שוואַרץ און שרעקט עס איבער: אַ בער!

פאַרן קינד איז דער וואָלף נאַריש און דער פוקס איז קלוג, דעריבער איז הונגעריק דער וואָלף און דער פוקס איז זאַט. דערוואַקסענע וויסן שוין, אַז מען קען זיין הונגעריק זייענדיק קלוג, אָבער הערנדיק ווערן זיי אויפסנייַ קינדער און גלויבן, אַז די חכמה איז דער מקור פון אַלעם גוטן. דער אַלטער גריכישער פילאָסאָף, פּלאַטאָן, האָט געהייסן די זייגערינס ביים זייגן די קינ־דער דערציילן זיי משלים מיט עטישע טענדענצן, כדי די קליינע זאָלן אַריינ־זייגן מיט דער מילך גוטע מידות און ערלעכן מוסר השכל.

לייב אַליצקיס אָריגינעלע משלים זיינען אין דעם הינזיכט אַ גרויסער צושטייער צו דער משלים־ליטעראַטור פאַר קינדער. איך האָב אַמאָל אַזוי נישט געהאַלטן, אָבער איצט וואָלט איך געזאָגט, אַז ביי אים איז דער משל זיין סטיכיע, כאָטש לייב אַליצקי איז אויך אַ טאַלאַנטפולער דערציילער און זיין ערשט ווערק איז טאַקע געווען אַ באַנד נאָוועלן „אין אַן אָקופּירט שטעטל״ און נאָך טאַלאַנטפולע ראָמאַנען און נאָוועלן, און צווישן די פיר ביכער, וואָס ער האָט פון דעמאָלט אָן אָנגעשריבן זיינען קוים פיר בענדער משלים. אָבער לייב אַליצקי האָט גוטמוטיקייט און לעבנס־חכמה און דער עיקר: די רו פון געמיט, וואָס איז דער הויפּט־באַדינג פאַר אַ משלים־שרייבער, און דאָס איז ער טאַקע. לייב אַליצקי איז געבענטשט מיט פאָלקס־טימלעכער פשטות און זיין חכמה איז אויך אַזוי אַ פשוטע ווי זיין שפּראַך, זי איז נישט שאַרפזיניק, אָבער ווירקט מיט איר לעבנס־אמת.

אין גרונט איז דער דאָזיקער אמת: דער מענטש איז גוט (אַ נאָמען פון זיינס אַ ביכל) און אויב ער איז נישט אַזוי גוט — דאַרף מען שטרעבן אים

צו מאַכן גוט, און אַז מען שטרעבט און ער איז פּאָרט נישט בעסער געוואָרן — וועט שוין ווי עס איז גוט זיין...

ס'איז דער אייביקער יידישער אָפּטימיזם, דער דאַזיקער בטחון, וואָס האָט צעמענטירט דאָס פאָלק און זיינע אומגליקן; ס'דאַרף ווערן גוט! ווי אונדזערע זיידעס האָבן אין זייער גלויבן געוואָרט אויף משיחן און אַף על פי שיתמהמה, עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבא (און כאָטש ער וועט זיך פאַרזאַמען, וועל איך אויף אים יעדן טאָג וואַרטן, אַז ער וועט קומען).

די דאָזיקע מעלות זיינען נישט צוזאַמענגעבונדן ביי אַליצקין און אַלע משלים זיינע, מיר רעדן דאָ וועגן זיינע בעסטע משלים ווי אַ „קאמאד — א מכניס אורח", דער וואָס איז אויף זיך אַ „מבין", דער „פוקס וואָס ליבט דעם דרייסטן", „דער שול-טאָוול און דאָס קריידל" און אַנדערע. אַליצקי איז אַ טיפּישער פאָלקס-משלים-שרייבער אין בעסערן זין פון דאָזיקן וואָרט.

רעדנדיק וועגן קרילאָווס משלים באַמערקט דער גרויסער רוסישער קריטיקער, וו. ג. ביעלינסקי, „דער פאָלקס-פּאָעט איז אַ רעאַלע דערשיינונג אין פילאָסאָפישן באַדייט פון דעם וואָרט; אויב אַפילו זיין פּאָעטישער טאַלאַנט איז נישט גרויס, שפּאַרט ער זיך תמיד אָן אויף פעסטן יסוד — אויף דער נאַטור פון זיין פאָלק און אין דער אויפמערקזאַמקייט צו אים דריקט זיך אויס דער אַקט פון דעם פאָלקס-זעלבסטבאַוואוסטזיין".

איך וואָלט נישט געזאָגט, אַז אין אַליצקיס משלים איז דער בער — אַ יידישער בער און דער האָן—אַ יידישער האָן, ווי דער גרויסער קריטיקער האָט באַצייכנט קרילאָוון ווי אַ רוסישן. אַליצקי פאַרמאָגט ניט שטיינבאַרגס געניאַלן גראָטעסק און אַוודאי נישט קרילאָווס וואונדערלעכע סאַטירע. אָבער אַליצ-קי איז אינגאַנצן יידיש מיטן אופן פון באַנעמען זאַכן; דאָס רחמנות-געפיל, די טיפע הומאַניסטישע טענדענץ איז דאָמינירנדיק. זיין אויסלאָכן איז נישט קיין בייזע, נאָר ס'איז גיכער אַ מילדער מוסר-זאָגן פון אַ גוטן טאַטן צו זיין בן-יחיד, וואָס איז אַראָפּ פון דרך-הישר. אין דעם זין איז אַליצקי טיף פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פון אונדזערע יידישע משלים-שרייבערס פון אַלטערטום, און נישט אַזוי מיט די משלים-שרייבערס, ווי מיט די משלים-דערציילער — אונדזערע מגידים, וועלכע האָבן געטרייסט דאָס פאָלק און די פאַרחושכטע שטעטלעך בכל תפוצות ישראל, אָט די אַנאָנימע קינסטלער, וועגן וועלכע מען וועט נאָך זיכער שרייבן.

דערפון — זיין טיילמאָל באַרעדעוודיקייט, וואָס איז אין גרונט אַ פאָלקס-טימלעכער מיטל פון „געבן צו פאַרשטיין", פון אַריינלייגן אין מויל.

אָט דער קערן פון משלים איז צונויפגעזאַמלט אין זיין בוך „זאָגט די וועלט אַ משל". עס איז אַ זאַמלונג משלים — איבערזעצונגען פון דער וועלט-ליטעראַטור, אַ ריי אייגענע משלים, און משלים געבויט אויף פאָלקס-ווערטלעך. דער מחבר האָט זיך נישט געשטעלט פאַר קיין ציל אַ פולע אַנטאָלאָגיע פונעם וועלט-משל, דערצו האָט געשטערט דעם מחברס שוואַכע

קענטשאַפט פון שפּראַכן. עס פעלט דאָ עזאָפּ, לאַפאָנטעין, לעסינג און אַנדערע. אָבער דאָס וואָס איז יאָ צונויפגעקליבן געוואָרן אין דעם דאָזיקן בוך (פון קנאַפּע 350 זייטן!) איז פון בעסערן אָפּקליב. דאָ קומען אַריין משלים אַנהויבנדיק פון תנא ר׳ מאיר, ר׳ יהושע בן לוי, ביז ר׳ ברכיה הנקדן, י. ל. גאָרדאָן און דוד שמעוני, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי און אַדאַם מיצקעוויטש, קראַשיצקי און לעמאַנסקי, קראַפּיווא און אַלעקסייעוו, בזשעכווא און סלאָבאָדניק... דעם מחבר איז נישט געגאַנגען אַזוי אין די נעמען פון די אויטאָרן, ווי אין דער קוואַליטעט פון זייערע משלים. דער מחברים-אָפּקליב איז אַ צופעליקער, דער אויסוואַל אָבער פון די משלים — אַ שטרענגער. איך האָב דאָ נישט אַלע אָריגינאַלן, אַז איך זאָל קענען פאַרגלייכן מיט די איבערזעצונגען, אָבער פון עטלעכע משלים פון י. ל. גאָרדאָן, וועלכע ליגן פאַר מיר אין אָריגינאַל, פאַרגלייכנדיק מיט דער באַאַרבעטונג פון ל. אַליצקי, באַקומט זיך, אַז דער מחבר האָט זייער גוט באַהערשט דעם מאַטעריאַל. איך וויל ציטירן בלויז איין משל: „די רויז, דער שמעטערלינג און די זון״ (זייט 26).

ביי י. ל. גאָרדאָן:

„מחם קרני שמש מלכת רקיע
נבקעה כוס שושן התפתח גביע
ותצא שושנה רכה ויפת־תואר,
כי פי יעלת חן בצפירת הנוער.
כיקר אדם שחר באביב לטהר,
ויהי כי נפקחו עפעפי עיניה
ותרא את השמש לנכח פניה — ״

ביי אַליצקין:

„ס׳האָט אויף אַ רויזנקאָפּ אַ ציטער־שטראַל
געשפּילט זיך:
איך בין שוין אויסגעצייטיקט —
האָט דער קנאָספּ דערפילט זיך,
צעעפנט זיך, דערזען די בלויע ווייטן
און אַ פאַרבן־הימן זינגט די רויז דער זון״. א. אַז. וו.

בין איך אויך מוחל לייב אַליצקין פאַרן גראַם „און אים פון״ און פאַר דער לעצטער שורה פונעם מוסר־השכל, אַז:

„דעם נמשל האָב איך קינדערווייז נאָך געהערט פון זיידן,
וואָס גרעסער עמעץ איז — אַלץ מער איז ער באַשיידן״.

איז דאָך דאָס שוין גענוג קלאָר און שאַרף, וואָס־זשע דאַרף מען די איבעריקע שורה: „דער וואָרער צדיק שטופּט זיך גאָרנישט אין גן־עדן", וואָס שוואַכט אָפּ די טענדענץ? אָבער די באַאַרבעטונג (ווייל ס׳איז מער ווי אַן איבערזעצונג) איז פאָרט אַ געלונגענע. עס פעלט אפשר גאָרדאַנס ביבלי־שער חן, דערפאַר געווינט עס אין פלאַסטישקייט און דערקוויקנדיק פון אַט דעם ליד אַליצקיס מעטאַד ביים איבערזעצן, גלויב איך, אַז אויך די איבע־ריקע משלים זיינען נישט ערגער איבערגעדיכטעט.

וועגן אַליצקיס מאַניר ביים שרייבן משלים האָבן מיר זיך שוין אויבן אָפּגעשטעלט. דעריבער ווילן מיר זיך נישט אָפּשטעלן אויף די אָריגינעלע נייע משלים, וועלכע בילדן דאָ אַ קליינעם טייל און זיינען אויסגעהאַלטן אין זייער אייגנטימלעכן נסיון. באַחנט זיינען באַזונדער זיינע פאָלקס־משלים גע־בויט אויף שפּריכווערטער און לעגענדעס.

אינעם דאָזיקן בוך פילט זיך אַ סך מי און התמדה אַזוי ווי אין אַ טייל אַנדערע זאַמלונגען פון אַליצקיס איבערזעצונגען. אַרבעטזאַמקייט איז אַ גרויסע מעלה, זאָגט דאָך עדיסאָן; אין יעדן גאון איז פאַראַן 99 פּראָצענט שוויס און איין פּראָצענט גאונות, און אויב דער פונק פון גאונות איז אין בוך נישט פאַראַן, האָט אַליצקי מיט זיין התמדה אַרויסגעבראַכט 99 פּראָ־צענט טאַלאַנט!

דאָס איז אַ וואָרט־שפּיל, דאָס הייסט נישט אַז אויב מען האָט פון פריער נישט קיין טאַלאַנט, קען מען מיט בלויזער התמדה שאַפן טאַלאַנט, אָבער אַז מען האָט יאָ טאַלאַנט העלפט די גרויסע התמדה צו שאַפן דאָס וואָס מיט אַ בלויזן טאַלאַנט קען מען נישט דערגרייכן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַליצקין דעם משלים־שרייבער, כאָטש אַליצקי איז זייער רייך אין פאַרשיידענע זשאַנערן און לעצטנס האָט ער אונדז אפילו געגעבן אַ באַנד לידער מיטן נאָמען „מיין האַרץ־רייזע" אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ אין ישראל. אָבער פאָרט דאַכט זיך, אַז דער משל איז דאָס אייגנטימלעכסטע אין אַליצקיס שאַפן און אין דעם זשאַנער האָט ער נישט געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט.

אַן אייגנאַרטיקע פּאָעטישע פּערזענלעכקייט

(אויפֿן ראַנד פֿון הדסה רובינס בוך „טריט אין דער נאַכט", פֿאַרלאַג „יידיש בוך", 1957)

זינט דוד פרישמאַן האָט אין אָנהויב פֿון די צוואַנציקער יאָרן אָנגעשריבן זיין באַרימטע הקדמה צו מרים אולינאָווערס „דער באָבעס אוצר", וואו ער, דער גרויסער קריטיקער, וועלכער איז דורך און דורך געווען אַנגעזעטיקט און איבערגעזעטיקט מיט דער מערב־איראָפּעאישער קולטור, איז אַנטציקט געווען פֿון אולינאָווערס אוממיטלבאַרקייט, אויפֿריכטיקייט און יידישן חן — פֿון דעמאָלט אָן איז שוין באַלד אַ האַלבער יאָרהונדערט פֿאַרביי. פֿאַר דער צייט איז אין דער יידישער פּאָעזיע צוגעקומען אַ גאַנצע פּלעיאַדע פֿרויען־דיכטערינס. יעדע פֿון זיי האָט אַריינגעטראָגן איר וואָרט, איר טאָן, האָט זיך שטענדיק מיט עפּעס אונטערשיידט פֿון דער מענער־דיכטונג, ווי פֿאַרשיידן דער דיאַפּאַזאָן און קאַליבער פֿון זייער דיכטער־שטימע איז נישט געווען. גלייך נאָך מרים אולינאָווער האָט זיך באַוויזן קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, מיט איר אינטימער און סאָציאַלער ליריק פֿון „חשוונדיקע נעכט", „דזשיקע גאַס" און „פֿריידקע", מיט דער גרויסער פּאָעטישער אַנלאָדונג און ברייטן דיאַפּאַזאָן — פֿון דיבע, צאַרטע, אינטימע איבערלעבונגען ביז סאָציאַלן פּראָטעסט קעגן אַן אומגערעכטער וועלט. און דער דאָזיקער פּראָטעסט איז געווען אַזוי מענטשלעך־רירנדיק, אַזוי פּשוט־איבערצייגעוודיק, ווי איר מינאָרע ליריק.

מיר זיינען נישט אויסן צו מאַכן אַ רעגיסטער פֿון דער גרויסער צאָל פֿרויען־דיכטערינס, וועלכע זיינען שפּעטער דערשינען און זיך אויסקריסטאַליזירט, יעדע מיט איר באַזונדער פּנים אין אונדזער דיכטונג. גענוג צו דערמאָנען אַ רחל קאָרן, רייזל זשיכלינסקי און נאָך אייניקע.

הדסה רובין איז זיכער איינע פֿון די טאַלאַנטפֿולסטע צווישן זיי.

לויט איר גאַנצן מהות איז הדסה רובין אַ צאַרטע ליריקערין, שטאַרק עמפּינדלעך אפילו אויף אַן עכאָ פֿון אַ שטימונג. איר געמיט איז אַ באַראָמעטער פֿאַרן שטילסטן שאָרך, פֿאַרן ווייכסטן ווידערקלאַנג. איר רחמנות איז גרויס אפילו צו אַ בלעטעלע, וואָס פֿאַלט אַראָפּ אויף דער ערד. אין איינע פֿון אירע פֿריע לידער שרייבט זי:

„ווען אַ בלעטעלע צוויט
פֿאַלט אַראָפּ פֿון אַ בוים,
בלייך, אַנעמיש אין מיר,
ווי אַ זיפֿץ, ווי אַ טרוים".

און דער שטראַל פון דער הייך גלעט נישט דעם צווײט. ביי הדסה רובין „גייט זיך דער שטראַל אַ ריס, און שטעכט דורך מיט זיין שפּיז אַ ווייס בלעטעלע גרין". די דאָזיקע דינסטע עמפּינדונג, וואָס דערמאָנט אַזוי אין רילקעס „די עפּל הענגען אויף די צווייגן און יעדער ווינטל טוט זיי ווי", איז ביי איר פאַראייניקט זייער אָפט מיט אַ מין אָנגעשטעלטער בייזקייט, מיט אַ פרויענהאַפטער מאַניר אַ שטאָך צו טאָן:

„כ'האָב אַ בלימל אָפּגעריסן
אָן אַ זייטיקן געדאַנק.
מאָנסט ביי מיר פון האַרץ די שליסל —
איך האָב איינעם פון מיין שאַנק..." („אַ מיספאַרשטענדעניש")

עס איז אַזאַ מין פרויען־מאַניר צו וועלן זיין מענעריש, האַרט און בייז, אָבער דאָס באַקומט זיך נישט ביי איר. זי איז זיך אין דעם מודה אין אירס אַ ליד:

„ווען כ'בין אַ מיידעלע געווען,
ווען כ'בין געווען אַ קליינע,
פלעג איך טופּען מיט די פיס און ווײנען
און שרייען מיט פאַרדראָס:
כ'וויל זיין אַ יינגל,
און פאָרן רייטנדיק
און רויכערן אַ פּאַפּיראָס!

נאָר איצט,
ווען כ'קען שוין דאַנקען גאָט דאָס אויך
כ'פּאַרצי זיך, ווי אַ מאַן,
לאָז דורך דער נאָז דעם רויך
און נישט איין פערד —
טאַבונעס פייערדיקע טראָגן מיך אין ווינט,
פאַרוואָס איז אַלץ נאָך שווער,
נאָך שווערער ווי אַמאָל, פאַרוואָס איז מיר אַצינד
מיט צאַרטקייט אומגעלומפּערטער,
וואָס וויל נישט ווערן רייף
און אָפּפאַלן פון מיר פאַרטרוקנט און שטייף?
— — — — — — — — — — — — — — —
אַזוי וועט עס שוין בלייבן מן הסתם,
פון צאַרטקייט, ווי פון ליכט פאַרבלענדט,
איך וועל מיין לעבן טראָגן אַנטשלאָסן ווי אַ מאַן,
אין מיינע צווי סענטימענטאַלע הענט".

(„ווען כ'בין אַ מיידעלע געווען אַ קליינס")

אין דעם דאָזיקן שיינעם ליד, וואָס איז נאָך ווייט נישט דאָס בעסטע אין דער זאַמלונג, איז אַזוי בולט הדסה רוביגס וועלט־שפּירונג. יעדעס וואָרט, האַרבער גרימאַס טרעפט איר ווי אַ האַמער. גלייכצייטיק איז זי געווגוג מענלעך פאַרהאַרטעוועט אינעם קאַמף צווישן גוטן מיטן שלעכטן:

„איר פּרוּווט אומזיסט אַרום דעם פייער טאַנצן —
נאָר איך קען אויסהאַלטן זיין גלאַנץ און פלאַם,
איך וועל אַרויס פון אים געשטאַרקט, אַ גאַנצע
און ריין פון גיפט, וואָס האָט מיין בלוט פאַרסמט״.
(„אַ פלעק״)

דער לעבנס־אמת פון דער דיכטערין, פאַר וועלכן זי האָט אָפּגעגעבן איר גאַנצע יוגנט, ווערט אויסגעדריקט אין אַזעלכע באַגריפן און טערמינען, מיט וועלכע זי האָט רעאַגירט אויף אירע אינטימסטע איבערלעבונגען: אויף ליבע און אַנטוישונג, מוטערלעכע ליבשאַפט און זאָרג פאַר איר קינד. דאָס זיינען די „צוויי סענטימענטאַלע הענט״, אין וועלכע זי טראָגט איר לעבן אַנטשלאָסן. נישט אומזיסט קאָכן זיך איבער, שטייען אָפּ אין איר געמיט די לויפיקע געשעענישן פון טאָג און ווערן אויסגעדריקט אין ווענדונגען צו איר ליבסטן און צו איר קינד:

„נעם אָן מיך ביי דער האַנט און וועק מיך אויף פון טרוימען,
באַפריי פון צווייאיקייט, פון ווידיעס מיין בליק.
ס'זאָל זיין גענוג איין טרער, דעם ווייטיק אָפּצושוימען,
גענוג איין קליינע פרייד, דאָס האַרץ זאָל זיין פאַרוויגט״.
(„דו, אָ, רעדסט צו מיר״)

און ווי אַנגעגליט אין ווייאון אַנשטעקנדיק מיט וואַרהאַפטיקייט און ערלעכקייט איז „מיין מאָרגנדיק ליד״, וואו די דיכטערין מאַכט אַ חשבון הנפש מיט זיך אַליין:

„קען זיין, אַז מיין וואָרט וועט זיין מאָרגן אַ ליגן,
אַז דאָס, וואָס איז ליב מיר וועט ווי טאָן,
נאָר יעדער זיין אות האָט מיין בלוט אויסגעשריגן,
איך קען נישט קיין אמת קיין צווייטן
— — — — — — — — — — — — — — — —
כ'וועל פאַלן צען מאָל און מיט בלוט זיך באַגיסן,
און אויפשטיין און ווידער גיין ווייטער,
מיט טרערן אין אויג, מיט אַ ריינעם געוויסן,
אין אייגענעם ווייטיק געלייטערט״.

און מיר גלויבן איר, דער דיכטערין. הדסה רובין וואַרפט נישט קיין

ווערטער אויפֿן ווינט, כאָטש זי זאָגט דעם גאַנצן אמת אַרויס אין אַ ריי אַנ־דערע וואונדערבאַרע לידער נאָך פשוטער און אוממיטלבאַרער. צו אַזעלכע לידער געהערן „לאָז מיך, טייערער, נישט אויס״:

„לאָז נישט, טייערער, פון מיר,
כ׳וואָלט אָנגעקלאַפּט אין יעדער טיר,
און לויט דעם פרעגנדיקנס „ווער״?
וואָלט איך דערקאָנט, צי ס׳איז אים שווער,
וואָלט איך פאַרשטאַנען, שטיל, אָן רייד,
צי ס׳איז דערגאַן צו אים אַ פרייד,
צי ס׳איז דערשוואומען בלויז אַ טרער״.

דאָס איז דער טיפער, מענטשלעכער גוטסקייט־געפיל, דאָס זיינען די גוטע מאַמעשע הענט, וואָס נעמען אַרום די וועלט, ווי איר אייגן קינד.

און פונקט ווי איר באַציאונג צו דער וועלט איז אַ מוטערלעך־אינטימע, אַזוי זעט זי אין איר קינד די גאַנצע וועלט. זי דריקט עס אויס אין אירע פרעכטיקע לידער „וואָס וועסטו ירשנען פון מיר, מיין טאָכטער״, „איך שטיי אין דער נאַכט״, „אויף די ברעגעס פון ווייסל״ און אַנדערע. ווייל, ווי געזאָגט, ביי הדסה רובין איז נישט פאַראַן קיין באַזונדער לעבן: ביז אַהער די וועלט מיט איר אָרדענונג, מיט איר פרייד און פיין און דאָ — דער רשות היחיד, דאָס אייגן שטילע ווינקעלע, די טרייסט פון משפחה־גליק.

איך קען מיך נישט אָפּהאַלטן פון ציטירן איינס פון די סאַמע בעסטע לידער אין דער זאַמלונג „איך בענק שוין אַזוי״, וואָס איז אַן אילוסטראַציע דערצו:

„איך בענק שוין אַזוי נאָך אַ הילכיק געלעכטער,
וואָס זאָל זיך נישט אָפּהאַקן מער אינדערמיט,
איך וועל מיינע פינגער אין דיינע פאַרפלעכטן
און רעדן מיט לויטערע אויגן אַ ליד״.

אָבער זי קען זיך נישט פרייען, ווייל:

„... איצט איז דער רודער באַשעדיקט געוואָרן...
אויף אָפענע וואַסערן ווייט פון אַ ברעג.
שפּאַלט איך מיט ווערלעס פון ווייטיק און צאָרן
די כוואַליעס, וואָס ווילן פאַרגיסן מיין דעק״.

⁂

הדסה רובין געהערט צו די דיכטער — ים־טויכער. ביי איר גייט דאָס געפיל נישט אין דער ברייט, נאָר אין דער טיף. טיילמאָל גיט אַ בליץ־אויף אַן איבעראַשנדיק בילד:

„איך האָב באַוויזן קוים די שוועל אַריבערטרעטן,
איז שוין נאָך מיר די טיר געווען פאַרמאַכט.
איך בין געבליבן שטיין ביים ראַנד פון נאַכט:
איין אויגנבליק צו פרי — אָן אייביקייט פּערספּעקטיוו...״

אין אַזעלכע פאַלן זוכט נישט די דיכטערין דעם מעטאַפאָר, ער קומט ביי איר אויף פון זיך אַליין, ווי אַ זעאונג. פאַראַן אָבער לידער, וואָס שווימען אויף דער פלאַך. אין אַזעלכע פאַלן גלויבן מיר דער דיכטערין בלויז אויפן וואָרט, ווייל זי איבערצייגט אונדז נישט קינסטלעריש, אַזוי ווי אין די בעסערע לידער, וועלכע זיינען ביי איר סומעס נישט פון איין איבערלעבונג, נאָר פון הונדערטער איבערלעבונגען אַנטשוויגענע, אפילו פאַרגעסענע און צוריק אויפגעטויכטע. די סכנה אויפן וועג פון דער דיכטערין ליגט גראָד דאָרט, וואו זי ווערט באַוועגט פון ערשטן אימפּולס. דעמאָלט איז זי נישט פריי פון השפּעות, נישט געוואונטשענע און נישט כאַראַקטעריסטישע פאַר איר. אין דעם פאַל ווערן געפילן געדעקט מיט ווערטער, וואָס קיין מוזיק שאַפן זיי נישט און זיינען אומגעבעטענע געסט. דאָס איז אין ליד „אַ גרוס״ („דערצייל, דערצייל, איך וויל, איך וויל״). נישט שטענדיק פאַרשטאַרקט די עמאָציע אַן איבערגעחזרט וואָרט („זילבערשטיק, זילבערשטיק, זילבערשטיק דרייסיק״), (אינעם ליד „אַ נאַכט״), „נישט דער, נישט דער נאָך, ניין, נישט דער״, אינעם ליד „צעשיידונג״, „פאַרעקשנט, פאַרעקשנט איך וויל נישט פאַרשטיין״ אינעם ליד „צו אַ פריינד״, „נאָך אַ שאָטן אויף מיינע פאַרשאָטנטע שעהען״, אינעם ליד „אויב דו דאַרפסט זיין״. הדסה רובין געהערט נישט צו די דיכטער, וואָס לעבן אין אַן אויסגעטרוימטער וועלט. איר כוח איז גראָד אינעם אַסימי־לירן ווירקלעכע אָביעקטן פון איר אַרום אין דיכטערישן מאַטעריאַל, דעריבער איז זי שטאַרק אין איר קלאָרקייט. פאַרנעפּלטקייט איז איר נישט אייגנטימ־לעך. די פאַרנעפּלטקייט איז פאַר איר נישט כאַראַקטעריסטיש — און ווען מיר געפינען זי אין איינצלנע לידער — געהערן זיי טאָקע צו די שוואַכע. אַזאַ איז דאָס ליד „ווי קומט עס״... מיר דאַכט זיך, אַז פונקט ווי איך, ווער קיינער נישט באַזינען אַזאַ סטראָף ווי:

„ווי קומט עס, אַז אין דעמערונג זאָל טאָגן?
דער גרענעץ־סלופּ איז ווייט שוין הינטער מיר.
אַ רייפע זאַנג האָט מורא פאַר אַ האָגל,
דאָס בלאַט איז רויט און שמעקט מיט האַרבסט־קאַליר״.

נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר הדסה רובין איז אויך דאָס ליד „אומרו״, ווייל וואָרט־שפּיל, קאָקעטעריע איז פרעמד דער דיכטערין, וועלכע איז מיט איר גאַנצן מהות געווענדט צום גוטן און שיינעם.

אָבער ווען די דיכטערין גיט אַזוי האַרציק, אַזוי איידל, אַזוי מענטשלעך־

וואָרעם, אַזוי פשוט און רירנדיק־שיין אַ זאָג אין איר פּרעכטיק ליד „מיין וועלט":

„מיין וועלט, די ברייטע וועלט אין מיר
איז ווי געווען און נישט גערירט,
דאָרט איז אַ טרער נאָך הייליק אַלץ,
דאָרט קלאַפּט עס נישט — דאָרט ברענט אַ האַרץ,
דאָרט וועלקן קאַלטע ווערטער גיך
און פאַלשע — גייען אויס פאַרפרעמדט,
פון שטילע פונקען ווערט דאָרט ליכט,
קיין קליינע פרייד ווערט נישט פאַרשעמט,
נאָר אַ גערעכטער הייסט דאָרט העלד — "

— איבערצייגט זי אונדז, גייען מיר נאָך מיט איר אין איר שיינער וועלט, גלויבן מיר איר, זיינען מיר איר מוחל שוואַכקייטן, ווייסן מיר, אַז אין הדסה רובין האָבן מיר אַן אייגנאַרטיקע, אָריגינעלע דיכטערישע פּערזענלעכקייט.



דער דעמב

(וועגן משה קולבאַקן)

„איך שלינג די מידע וועלט, דעם מענטש מיט האַק און פּאַק,
און מיט זיין גאַל און טויבן־בליק,
כ׳בין זון, כ׳בין טוי, כ׳גיי אום אַ דעמב אין פּראַק
און בין דאָס גליק״.

עס ווילט זיך שרייבן וועגן משה קולבאַקן אָן אַ דאַטע.

אַלע דאַטעס זיינען גראָד איצט נישט צו דער צייט. נישט די דאַטע פון זיין געבוירן (1896), נישט די דאַטע פון ערשטן אָפּגעדרוקטן ליד (1916), די דאַטע פון זיין רעהאַביליטאַציע (העצעמבער 1956) איז אוודאי נישט וויכטיק, ביים פאָלק איז ער קיינמאָל שולדיק נישט געווען. דאָס פאָלק — זעלטן איז אַ יידישער דיכטער געווען אַזוי באַליבט ביים פאָלק, ווי משה קולבאַק. פּשוטע יידישע מענטשן האָבן ציטירט זיינע לידער אויף אויסנ־ווייניק, געזונגען זיינע פאָלקס־מאָטיוון, אַרומגעטראָגן זיך מיט שטיקלעך ניגונים פון „בויטרע״. די יוגנט האָט געפלאָטערט מיט זיין „לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, לאָמיר איבערלאָזן די שוואַכע״. זיינע שילער (היינט יידישע קולטור־טוער אין דער גאַנצער וועלט) טראָגן אים אין האַרצן, ווי אַ הייליקע זאַך און שיינען פון ליבשאַפט:

— קולבאַק!

אָט אַזאַ מין צויבער האָט דער דאָזיקער געוועזענער וואָלאָזשינער ישיבה־בחור געהאַט אין זיך. אַנגעלערנט אָן אַ שיעור מיט תורה, מיט יידישער קולטור, אַנגעלייענט זיך, דערוואָרבן אַ וועלט מיט אַלגעמיינעם וויסן. יאָרן־לאַנג געאָטעמט צווישן די סאַמע ראַפינירסטע שטרעמונגען פון דער בערלינער ליטעראַרישער און קינסטלערישער סביבה — איז ער דאָך, ווי זעלטן ווער, פאַרוואָרצלט געווען אין פאָלק.

אַזוי גייט ביי אים שטענדיק דער געמיש פון דער אײדלסטער, עלעגאַנ־שער, ווי אַ מיידלשער פינגער, דינער ליריק מיט אַ געזונטער, פּרימיטיווער, פּרישער ערדישקייט פון אַ „בוניע און בערע״, איבער־ראַפינירטע פּקחות פון „טשיילד האַראָלד פון דיסנע״ און געזונטע פאַרוואָרצלטקייט פון דער פאָעמע „רייסן״.

דער פענאָמען קולבאַק — דאָס איז די געשיכטע פון יידישן דענקען.

אין אָנהויב איז עס געווען אחד העם, וועלכער האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע לייב און לעבן פונעם יונגן אויפגייענדיקן פּאָעט:

„ער שלייכט צום עמוד געזאַלבט פון אַלטן טרויער,
ס׳איז ער, דער מירמל־קאַלטער דיכטער,
דאָס קינד פון יבנה דאַרשט דאָס ליכט,
וואָס גייט פאַרלוירן...״ („אחד העם״)

און דערנאָך האָבן געעגבערט פּראָבלעמען פון אויסלייזן די וועלט. און אויסלייזן די וועלט וויל קולבאַק דווקא מיט מגושמדיקע, געזונטע מענטשן, ווי בוניע און בערע, זאָגט בערע:

„זיי ווייסן, נאַסטיע, איך בין קאַרל מאַרקס,
וואָס גייט אַרויס זיך שלאָגן מיט בורזשויען,
דו זעסט דעם פויסט, אָהאָ, ס׳איז עפּעס שטאַרקס!
און דו, נישט קוק וואָס מיינע וואָנצן גרויען,
ס׳איז כוח דאָ גענוג, אַ בוניע קאָן די אויגן גאַרנישט טרויען״.

די דעמבענע פאַרוואַרצלטקייט פון זיידעס, וואַלד־יידן, זאָגן אונטער דעם פּאָעט, וואָס גייט נאָך אַלץ אַרום „אין פּראַק״ אויף די בוידעמער פון געדאַנק זוכנדיק באַשייד צו יידישער און וועלטלעכער פּראָבלעמאַטיק — אַ ניקעם וועג.

צו דעם דאָזיקן וועג איז קולבאַק געקומען דורך זיג־זאַגן. עס זיינען געשאַפן געוואָרן פריער אַ ריי וויזיעס אין סטיל פון מאַרק שאַגאַלס מאָלעריי, דער אויסגעוויטיקטער געזאַנג פון די „למד וואָוו״, דאָס וואונדערלעכע בילד פון שמואל איטשע קוימענקערער:

„איך בין אַ ייד, שמואל איטשע קוימענקערער,
ליג איך טיף אין קוימען פון דער וועלט און כ׳שריי,
איך האָב געליטן שטומערהייט און כ׳קאָן נישט מערער,
כאַטש ליידן וועל איך ווייטער סיי־ווי־סיי״. („למד וואָוו״)

שמואל איטשע האָט מיט דער מיסיע פון ליידן, די עקספּרעסיאָניסטישע מיסטעריע „משיח בן אפרים״, דערהויבן. אין איר פאַנטאַסטיק גיט אויך נישט קיין באַשייד דער טראַגעדיע פון אַ פאָלק, וואָס ווערט געשטראָפט פאַר נישט באַגאַנגענע זינד. איז אפשר טאַקע „בוניע און בערע״ און „בויטרע״ דער קאָנסעקווענטעסטער שליסל צום רעטעניש, וואָס פיניקט דעם דיכטער און לאָזט אים נישט צורו:

„אַ, בוניע ביק און בערע דער פֿאַלענט,
די גראָבע יידן קוטשעראָווע,
מיט די פּיסטוילן אין די הענט,
און מיט די מעסערס אין כאַליאָווע,
גייען איינעמען די וועלט —
יונגען בראַווע".

***

משה קולבאַק, דער פּראָזאַאיקער, איז אַזוי אָריגינעל, ווי משה קולבאַק דער פּאָעט. שווער צו זאָגן פֿון וואַנען קולבאַקס פּראָזע ציט איר יניקה. בלי ספק זיינען פֿאַראַן השפּעות פֿון דער מערב־אייראָפּעאישער ליטעראַטור לויטן מיטאָס אין דער סאַמע רעאַלקייט — דערמאָנט ער די סקאַנדינאַווער מייסטער. אָט פּירט דיך זיין פּעדער דורך דער סאַמע ממשותדיקייט פֿון לעבן. ער באַמיט זיך דיר נישט צו פֿאַרפּלאָנטערן אין אַ כּישוף־קרייז, און דאָך בלייבסטו פּלוצעם שטיין מיט אָפֿענע, תּמימותדיקע אויגן ווי אַ קינד, בשעת מע דערציילט אים אַ וואונדער־מעשהלע.

קולבאַק איז צו יונג פֿאַרשניטן געוואָרן אויף צו ווערן אין דער פּראָזע אַזוי גאַנץ, אַזוי שלימותדיק, ווי אין זיין פּאָעזיע, אָבער אויך אין זיין פּראָזע פֿאַרכאַפּט דיך קודם־כּל איין הויפּט־סימן: דער מיטאָס פֿון אַ פֿאָלק. דאָס איז עפּעס אַזאַ איידעלער קלאַנג, וואָס אַ גוט אויער דערהערט בעת פּרוּוון אַ גאָלד־שטיק, כּדי צו אונטערשיידן אים פֿון אַ פֿאַלשער מטבע.

וויל קולבאַקן האָבן אַ סך געפּרוּווט נאָכמאַכן. ביי אַ גאַנצער ריי דיכטער קענסטו דערקענען קולבאַקס מאַניר. דאָס איז געווען דעם מייס־טערס געבענטשטע השפּעה. אָבער ביי אים איז עפּעס פֿאַראַן אַזעלכעס, וואָס קיינער האָט אים דערוויל נישט געירשנט. דאָס איז זיין קלאַנג פֿון אַ זעלטענעם אינסטרומענט. מיט ווירטואָזער מייסטערשאַפֿט אַליין קען מען נאָך נישט אַרויסבאַקומען די נשמה פֿון דער סימפֿאָניע, אויב די פֿידל האָט נישט איר אייגנאַרטיקן צויבער.

און אַזאַ איז געווען משה קולבאַקס פֿידל. אין איר העכסטן, אין טיפֿער און אין האַלב־טענער, די נשמה פֿון פֿאָלק, איר ווייטיק און פֿרייד, אירע ראַנגלענישן און נצחונות, איר שטענדיקן גאַרן נאָך דערלייזונג, נישט בלויז פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

די סאָוועטישע יידן און די „אודעגייער"

אַ האַלבער מיליאָן יידן האָבן ביי דער פאָלקס־ציילונג אין סאָוועט־רוסלאַנד אָנגעגעבן דאָס יידישע לשון ווי זייער מוטער־שפּראַך. אָבער נאָך אַלץ האַלט מען נישט דאָרט פאַר נויטיק אָפיציעל צו דערלויבן אַ יידיש געדרוקט וואָרט.

ווילט זיך מיר, ביי דער געלעגנהייט, דערציילן אַ פאַקט, וואָס זאָגט עדות, אַז דאָס פאַרווערן די יידישע קולטור איז נישט קיין פראַגע פון „נישט־נויטיקייט", נאָר פון אָפענעם אַנטיסעמיטיזם.

לעבנדיק יאָרן אין בירא בידזשאַן, האָב איך צווישן אַנדערע סאָוועטישע רוסישע שרייבערס אויפן ווייטן מזרח, באַקענט די באַרימטע רוסישע שרייבערין, יוליאַ אַלעקסעיעווגאַ שעסטאַקאָוואַ, וואָס איז פון דורות אַן איינוואוינערין פון ווייטן מזרח. איר זיידע איז פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פאַרשיקט געוואָרן קיין אירקוטסק, איר פאָטער, אַלעקסעי, איז דורך די יאַפּאַנעזער, אין יאָר 1920 הינגעריכטעט געוואָרן אין דער ווייט־מזרחדיקער שטאָט בלאַגאָוויעשטשענסק.

יוליאַ אַלעקסעיעווגאַ אַליין האָט גאָט באַשאָנקען מיט אַלע מעלות, וואָס זעלטן ווער פון איר געשלעכט איז געבענטשט; זי איז קודם אַ זעלטענע שיינקייט, אַ טיפיש־רוסישע „קראַסאַוויצע"; זי האָט פאַרענדיקט דעם אירקוטסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. אָבער מיט לערערײַ האָט זי זיך זייער קורץ באַשעפטיקט. זי האָט גלייך גענומען אַרבעטן אין דער כאַראַבאָווסקער גרויסער צייטונג „טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ", ווי אַ שרייבערין פון רעפּאָרטאַזשן. זי איז אויסגעפאָרן און אויסגעריטן דעם גאַנצן ווייטן מזרח, דערגרייכנדיק צו אַזעלכע ווינקלען, צו וועלכע אפילו דער באַרימטער רוסישער געאָגראַף אַרסעניעוו איז נישט דערגאַנגען.

זי איז לאַנגע חדשים געווען אַן אָנטיילנעמערין פון אַ געאָגראַפישער עקספּעדיציע; זי האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט פאָרשן די רייכע פלאָרא פון ווייטן מזרח און פאַר אירער אַ פאָרשונג האָט זי באַקומען דעם טיטול „קאַנדידאַט פון געאָגראַפישע וויסנשאַפטן". דערביי איז זי געבענטשט מיט אַ וואונדערלעכן סטיל; אירע רעפּאָרטאַזשן און דערציילונגען פונעם לעבן פון די שבטים, וואָס באַוואוינען דעם ווייטן מזרח, האָבן זיך געקויפט זייער פאַרדינטן שם איבער גאַנץ רוסלאַנד.

יאָרן האָט זי שטודירט די שפּראַך פון די „אודעגייער", דעם קליינעם אויסשטאַרבנדיקן שבט, וואָס וואוינט סך־הכל אַ צוויי הונדערט מייל פון כאַבאַראָווסק אויף צפון, אָבער ס'איז היינטיקן טאָג שווער צו זיי צוצוקו־

מען, ווייל זיי וואוינען אין דער טייגע און צו זיי פירט נאָר אַ שטראָמיקער טייך, מיט וועלכן מען דאַרף זיך שיפן קעגן שטראָם מיט שמאָלע „קאַיאַקן" (אַזעלכע קליינע, פרימיטיווע שיפלעך). די „אודעגייער" פאַרנעמען זיך מיט יאַגד, זיי האָבן אפילו אַ קאָלכאָז, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאַנגען בערן און אַנדערע ווילדע חיות, און די פעלן שטעלן זיי צו דער מלוכה. יוליאַ אַלעקסעיעוונאַ האָט נישט איינמאָל, פאַרנדיק מיט אַ קליין שיפל גאַנצע טעג קעגן שטראָם, און פאַרברענגענדיק די נעכט ביי אַ שייטער אין דער טייגע, זיך דערקליבן צו דער „סטויבישטשע" (ישוב) פון די „אודעגייער". זי האָט דאָרט אָפגעוואוינט חדשים, לערנענדיק זייערע מנהגים און שטייגער־לעבן.

יוליאַ שעסטאַקאָווע איז נישט איינמאָל געווען אין בירא בידזשאַן, און אין די יאָרן ווען די יידישע אויטאָנאָמישע געגנט איז געווען פּאָפּולער און עס איז אָנגעגאַנגען אַן איינוואַנדערונג, האָט זי באַשריבן אין אירע רעפּאָרטאַזשן די געגנט, אַרויסווייזנדיק פיל ליבשאַפט צו די יידישע פּי־אָנערן.

זי האָט אויף אַ ממש וואונדערלעכן אופן איבערזעצט די יידישע לידער פון די ביראָ בידזשאַנער שרייבערס, פּאָפּולאַריזירנדיק זיי פאַרן רוסישן עולם.

בכלל איז זי פון די חסידי אומות העולם און אַלע גוטע אייגנשאַפטן פון דער ברייטער רוסישער נשמה זיינען אין איר פאַרקערפּערט.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם מאָמענט, ווען איך בין אַריין אין איר שיין הויז אין כאַבאַראָווסק, צוריקקומענדיק פון סאָוועטישן לאַגער, אין מיינע צעריסענע מלבושים. זי האָט מיך אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס אין איר מאַנס מלבושים און האָט מיר נאָך צוגעגעבן אויפן וועג וועש און בעטגעוואַנד.

אָבער נישט דאָס בין איך איצט אויסן צו דערציילן. מיר גייט צו דער־ציילן וועגן דעם, אַז ווען מען וויל אין רוסלאַנד אויפריכטן אַ נאַציאָנאַליטעט, פרעגט מען נישט צי עס לוינט זיך. מען פרעגט אפילו נישט אָן ביי דער נאַציאָנאַליטעט צי זי בויטיקט זיך אין דעם און אודאי נישט צי עס לוינט זיך אויף דעם אויסצוגעבן אַזויפיל געלט. איז הערט־זשע:

די „אדעגייער" זיינען אַ שבט פון אַ טויזנט משפחות סך־הכל (וועגן זיי האָט דער באַקאַנטער סאָוועטישער שרייבער, אַלעקסאַנדער פאַדייעוו, מיט יאָרן צוריק אָנגעשריבן זיין בוך: „דער לעצטער פון די אודעגייער").

די מייסטע פון זיי לעבן אין זייער וויטן ישוב (סטאַיבישטשע), וואָס איז גלייכצייטיק אַ יעגער־קאָלכאָז. אַ דאַנק אָט דער שרייבערין, יוליאַ אַלעקסעיעוונאַ, איז דער ישוב אויפגעריכט געוואָרן; זי האָט אַ סך פון דער אָרטיקער יוגנט אַריבערגענומען קיין כאַבאַראָווסק און זיי געשיקט לערנען אין סעמינאַרן, זי האָט געזאָרגט, אַז דער ישוב זאָל האָבן עלעק־טריק און בכלל נישט זיין אַזוי פרימיטיוו. אָבער דער עיקר: יוליאַ שעס־

טאַקאָוואַ האָט אַנטדעקט אַן אודעגייאישן „שרייבער“, טאַקע דעם פּאָרזיצער פון קאָלווירט, אַליין אַ יעגער, מיטן נאָמען דזשאנסי קימאָנקאָ. חדשים איז זי געזעסן אין אודעגייאישן ישוב, כסדר אויפגענומען די פּרימיטיווע מעשיות, וואָס קימאָנקאָ האָט איר דערציילט און מיט איר גרויסן טאַלאַנט אויפגעשטעלט אַ בוך מיטן נאָמען „דאָרט וואו עס שטראָמט דער טייך סוקפּאַ“.

דזשאנסי קימאָנקאָ האָט קיינמאָל נישט געקענט חלומען אפילו צו ווערן אַ שרייבער. ער איז פון דור־דורות אַ יעגער און אַליין אין יאָר 1948 אומגעקומען אין דער טייגע אין קאַמף מיט אַ בער. אָבער ווען דאָס בוך איז דערשינען אין רוסיש (אָנגעגעבן איז בלויז, אַז די „רעדאַקציע און באַאַרבעטונג“ איז פון שעסטאַקאָוואַן), איז דער צענטראַל־אָרגאַן „פּראַוודאַ“ אַרויס מיט אַ לייט־אַרטיקל וועגן אודעגייאישן שרייבער דזשאנסי קימאָנקאָ, און וועגן דער „קלוגער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד“, וואָס ווייזט אַרויס אַזויפיל זאָרג פאַר אַלע זיינע פעלקער, אפילו די קלענסטע.

דאָס בוך איז גלייך געוואָרן אַ „בעסט סעללער“ און איז איבערזעצט געוואָרן אין עטלעכע שפּראַכן. אין די איבערזעצונגען איז שוין אינגאַנצן נישט אָנגעגעבן געוואָרן דער נאָמען פון דער טאַלאַנטפולער, פאַקטישער אויטאָרין. עס איז געבליבן דער נאָמען בלויז פון דזשאנסי קימאָנקאָ...

די יונגע אלמנה פון דזשאנסי קימאָנקאָ האָט אפילו באַקומען נאָך איר מאַנס טויט אַן אונטערשטיצונג פון צען טויזנט רובל.

איז עס גאַנץ וואויל און גוט. אָבער דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין דער זעלבער צייט, ווען מען האָט מיט אַזאַ גרויזאַמקייט אויסגעוואָרצלט יעדן שפּור פון יידישע קולטור, דערקלערנדיק זי פאַר אַ „קינסטלעכע געוויקס“, „נישט בויטוועבדיק“ און פאַר „בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם“.

געוויס האָבן אין אָט דער אויסוואָרצלונג פון דער יידישער קולטור אַזוינע ווי אַ שעסטאַקאָוואַ קיין חלק נישט געהאַט. אָבער עס בלייבט אַ פאַקט: צענדליקער טויזנטער רובל זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער אויסגאַבע פון אַ ווערק פון אַ קינסטלעכן אויטאָר צו באַווייזן די „קלוגע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק“ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין דער צייט, ווען הונדערטער טויזנטער פון די יידישע מאַסן האָבן געגאַרט נאָך אַ יידיש וואָרט און מ׳האָט זיי עס פשוט אַרויסגעריסן פון מויל און די טאַלאַנטפולע שרייבערס זיינען גרויזאַם ליקווידירט געוואָרן.

און די שוידערלעכע עוולה ווערט ביז היינטיקן טאָג נישט פאַרריכט, אויך היינט, ווען ביי אַלע שוועריקייטן, האָט אַ האַלבער מיליאָן יידן אָנגעגעבן יידיש ווי זייער מוטער־שפּראַך.

1959

די צוויי „מאָדנע״ יידישע אַרעסטאַנטן אין סיבירער לאַגער

פון דער זיבעטער קאָלאָנע אין דעם סיסטעם פון דעם גרויזאַמען סיבירער לאַגער וואָס איז געווען פון שטרענגסטן רעזשים „טייזשעטלאַג״, האָבן מיר, אַרעסטאַנטן, פון דער קאָלאָנע 0.41, וואָס איז געלעגן סך־הכל 70 קילאָמעטער פון אונדז (ביי קנאַפּע 45 מייל), געהערט מאָדנע גרוסן וועגן צוויי יידישע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט; איינער מיטן נאָמען יוסף בערגער־ברזילאַי, געוועזענער ערשטער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ארץ ישראל און שפּעטער מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו פון קאָמינטערן, און דר. העסעלסאָן, פירער פון דער רעוויזיאָניסטישער יוגנט־באַוועגונג „ביתר״ אין ליטע. עס איז געווען 1954 און יוסף בערגער איז שוין געהאַט אָפּגעקומען קנאַפּע 20 יאָר אין לאַגערן און דר. העסעלסאָן (אַן אַדוואָקאַט) ביי 14 יאָר פון זיינע 15, וועלכע ער האָט באַדאַרפט אָפּזיצן. די ביידע עקסטרעמען, דער געוועזענער פירער פון די קאָמוניסטן און דער געוועזענער רעוויזיאָניסטישער טוער, זיינען געוואָרן אַזוי נאָענט, אַז זייער פריינדשאַפט איז געוואָרן אַ משפּחהדיקע ביזן היינטיקן טאָג, און ביידע לעבן אין שכנה־שאַפט אין רמת־אביב, אַ פאָרשטאָט פון תל־אביב.

אַנטקעגנגעקומען דעם וויטן וועג פון איינעם צום צווייטן איז יוסף בערגער, וואָס איז נאָך אין טורמע, זיצנדיק לאַנגע חדשים אָפּוואַרטנדיק דאָס אויספירן דעם טויט־אורטייל פאַר טראָצקיזם און אַזוי ווייטער און ווייטער („ליש בי טאַלקאַ סידיעל, דיעלאַ נאַידוטסיאַ״ — מען דאַרף נאָר זיצן, אַן ענין וועט מען שוין געפינען...) געוואָרן פרום, אָפּגעהיט יידיש־קייט אַ סך מער ווי מען קען אין תפיסה און אין לאַגער־באַדינגונגען אָפּהיטן; פון קעסל מער בישט געגעסן, כאָטש פליש זעט דער קעסל גאַנצע חדשים נישט אָן. באַזונדער האָט מען זיך אָנדערציילט וועגן זיין גוטסקייט און מענטשלעכקייט צו אַרעסטאַנטן־חברים פאַר העלפן יעדן איינעם מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט, ביז אָפּגעבן זיין אייגן עסן. די דאָזיקע מענטש־לעכקייט זיינע האָב איך אויסגעפרואווט אויף זיך, זייענדיק אין פוילן צוזאַ־מען מיט יוסף בערגערן, וואָס איז אין איין צייט מיט מיר צוריקגעקומען פון מאָסקווע ווי אַ פּוילישער בירגער. שפּעטער איז ער אָפּגעפאָרן קיין מדינת ישראל און נאָך 5 יאָר אָפּזיין דאָרט מיטאַרבעטנדיק אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן אין העברעאיש, יידיש, ענגליש און פראַנצויזיש (בערגער רעדט און שרייבט פּערפעקט אויף 7 שפּרכן), האָט ער באַוויזן אָנ־צושרייבן עטלעכע ווערטפולע ווערק וועגן די איבערלעבונגען זיינע און

דערפּאַרוּנגען אין די סאָוועטישע תּפיסות און לאַגערן פאַר 21 יאָר צייט. אײן ווערק אין העברעאיש אונטערן נאָמען „זוהר בחצות" (אַ שיין אײנמיטן נאַכט) איז ערשט דערשינען אין תּל־אביב, אין איינעם פון די אָנגעזעענסטע פאַרלאַגן. דאָס בוך גרייט זיך אויך אין יידישער איבערזעצונג אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג.

זינט 1958, ווען איך האָב אים עטלעכע מאָל באַזוכט בעת מיין רייזע אין מדינת ישראל, ווען מיר האָבן זיך צוזאַמען מיטן דריטן טיישעטער לאַגערניק, דר. העסעלסאָן, געזען און פאָטאָגראַפירט, האָב איך מער יוסף בערגערן בישט געזען. די טורמע־יאָרן האָבן אָפּגעטאָן זייערס און בערגער איז אַ לאַנגע צייט שווער קראַנק געווען. עס האָט מיר דעריבער שטאַרק געפרייט אים צו זען אַנומלט אין ניו־יאָרק — — — — — — טאַימס סקווער, מיר זיצן אין אַ רעסטאָראַן. ס'איז זייער ווייט דער וועג פון די אַלע פייניקונג־לאַגערן אין סיביר ביז אַהער, און פון דער זיבעטער קאָלאָנע טיישעטער־לאַגער, וואו מ'האָט זיך באַשעפטיקט מיט מאַכן ציגל, ביז טאַימס סקווער, דעם צענטער פון דער גרעסטער און רייכסטער שטאָט אויף דער וועלט... אָבער נאָך ווייטער איז דער וועג פון יוסף ברזילאי־בערגער, דעם געוועזענעם קאָמוניסטישן פירער און נאָענטן חבר פון דימיטראָוון אין קאָמינטערן צו יוסף בערגערן אַליין — דעם איצטיקן נאַציאָנאַלן, הייסן ייד און טיף־רעליגיעזן יידישן מענטש, וואָס נעמט גלייך מיט מיר אויס, אַז מער ווי מיל־כיקס און אַ שטיקל פיש וועט ער בישט עסן, און עסט טאַקע בישט אין בלויזן קאָפּ... יאָ, ווי ווייט איז פון אים צו אים אַליין?!

איך קוק אויף אים, ער, דער 58־יעריקער מענטש זעט אויס ווי פון גוטע 70. מיר זיינען אַלע אַרויס קאַליקעס פון די סאָוועטישע לאַגערס, אָבער ביי מיין פריינד זיינען די שפורן נאָך שאַרפער. ער האָט איבערגעלעבט אַ לעבנסגעפערלעכע קראַנקייט פון וועלכע ער איז נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעהיילט. דאָקטוירים האָבן אים באַפוילן גאַרנישט טאָן, אָבער מיין פריינד קומט ערשט פון לאָנדאָן, וואו ער האָט פאַרענדיקט אַ בוך אין ענגליש פון איבער 600 זייטן (עס דערשיינט אויך איינציטיק אין אַן אַמעריקאַנער פאַרלאַג). אין דעם בוך דערציילט ער די געשיכטע פון זיין אויסטערלישן לעבנס־וועג. בערגער איז געשטאַנען נאָענט צו אַלע פירער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און איז געבענטשט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון. פראַגמענטן פון אָט די זכרונות האָב איך געליינט מיט אַ שטאַרקן אינטערעס. דער אַמעריקאַנער לייענער וועט זיכער האָבן די געלעגנהייט גאָר אינגיכן זיך צו באַקענען מיט דעם זעלטענעם, אויפטרייסלענדיקן דאָקומענט וואָס דאַנטעס „גיהנום" איז בלאָס קעגן אים — דאָס איז די געשיכטע פון פיין פון גאַנצע פעלקער און דאָס יידישע פאָלק בתוכם, אונטערן טייוולאָנישן סטאַלין־רעזשים.

יוסף בערגער האָט אַ סך פריער, איידער מען האָט אין רוסלאַנד געזאָגט „מען מעג שוין" אָנגעהויבן אויפדעקן דעם טרערן־אינדזל, דעם פלאָץ פון מאָרד, גאזלוואָניע, מענטשלעכער דערנידעריקונג און ראַפינירטן סאַדיזם, צו וועלכן אָט דער רעזשים האָט דערפירט.

ער האָט געהאַלטן פאַר זיין הייליקסטן חוב, נישט געקוקט אויפן שטרענגסטן פאַרבאָט פון זיין דאָקטער זיך נישט אָנצושטרענגען — אָפּגעבן אַלע זיינע כוחות אויפצודעקן דאָס שלעכטס, כדי מענטשן זאָלן האָבן אַ קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן דעם אַלעם און מער נישט בלאָנדזשען, ווי ער אַליין האָט דאָס געטאָן.

און אויסער אים אַליין, בערגערן, האָט לעצטנס געגומען פאַרעפנטלעכן אירע זכרונות זיין פרוי, אסתר פעלדמאַן.

אינעם זשורנאַל „אמות", אַן אינטערעסאַנטע העברעאישע אויסגאַבע אין ישראל פונעם „אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט", אונטער דער רעדאַקציע פון ש. גראָדזענסקי, האָבן זיך באַוויזן צוויי גרעסערע פאַרזעצונגען (איןביידע נומערן און עס וועלן נאָך און נאָך דערשיינען) פון אסתר פעלדמאַנס זכרונות וועגן איר ליידנסוועג מיט איר מאַן יוסף בערגער־ברזילאי. אסתר פעלדמאַן איז אַ געוועזענע הייסע פועלי־ציוניסטקע אין רוסלאַנד. איר עלטערע שוועסטער איז געווען די פרוי פונעם באַקאַנטן פובליציסט, ש. טשערנאָוויטש (ספו"ג). זי איז די מומע פונעם געוועזענעם ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך, יעקב צור, און פון זיין שוועסטער ימימה טשערנאָוויטש — די העברעאישע שרייבערין און פרוי פונעם געוועזענעם ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין רוסלאַנד און איצט אין אַרגענטינע, גענעראַל אווידאָר (אבידר). זי האָט זיך פאַרליבט אין בערגערן ווען יענער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין מאָסקווע פון ארץ ישראל און פאַמעלעך אַריינגעצויגן זי אין זיינע אידייען. עס איז געווען אין אָנהויב צוואַנציקער יאָרן. גאָר לאַנג האָט זי מיט אים נישט געלעבט, ווייל אָנהויב דרייסיקער, איז יוסף בערגער אַרעסטירט געוואָרן און זי האָט אויף אים געוואַרט גאַנצע 22 יאָר! וואָסערע שווערע יאָרן! הונגער און נויט און אַ פרוי פון אַ „פיינט פון פאָלק", וואָס טראָגט איר בילדונג געמוזט טאָן די שווערסטע פיזישע אַרבעט כדי צו שפּייזן זיך, איר קינד און נאָך שיקן דעם מאַן פעקלעך מיט שפּייז און צו דעם אַלעם זיין גרייט יעדער מינוט אַליין צו ווערן אַרעסטירט...

אסתר פעלדמאַן שרייבט פראַגמענטאַריש, אָבער זייער טרעפלעך און אינטערעסאַנט, און ביי איר גאַנצער ווייטיק — נישט פריי פון הומאָר. נישט אומזיסט זיינען אירע זכרונות איבערגעדרוקט געוואָרן און מיט אַזוי פיל ליוב אָפּגעשאַצט געוואָרן אין די העברעאישע צייטונגען „הארץ" און „מעריב".

אויב ביי בערגערן דערוויסן מיר זיך אויסטערלישע נייעסן, כאַראַקטעריסטיקעס פון רעוואָלוציאָנערן, אינטריגעס און ווילדע פאַרברעכן פון

סטאַלינען און זײַנע יוצר משרתים, און נישט בלויז זײַנע יוצר משרתים, נאָר אַ סך געווען אידעאַליסטן וואָס זײַנען שפּעטער פולשטענדיק דע־גענערירט געוואָרן, שילדערט אסתּר פעלדמאַן פשוט, און דאָך אינטערע־סאַנט דאָס לעבן פון אַ פרוי פון אַ קאָמוניסטישן טוער. מען זעט דאָ בערגערן, אָבער אויך די איבערגעגעבנקייט פון דער פרוי צו איר מאַן, מיט וועמען זי גייט מיט, וואַרנדיק געהאַסט אַרום און אויסגעשטעלט אויף סכּנות.

איך וויל דאָ נישט איבערזעצן, וואָס אַלץ פעלדמאַן שרײַבט. עס איז אַן ענין פון צענדליקער פּאַרזעצונגען, אָבער איין קליינער פראַגמענט זאָל אילוסטרירן די קורצקייט און שלאַג־פאַרטיקייט פון איר סטיל:

„... דער חבר ברזילאי האָט אין מאָסקווע געגוג לאַנג פאַרבראַכט. זײַנע אַקטיוויטעטן זײַנען פאַרבליבן שטרענג געהיים. זײַער זעלטן האָט ער אונדז דערציילט וועגן די זיצונגען פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינ־טערן, אויף וועלכע עס איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון ארץ ישראל. שפּעטער בין איך, אַ דאַנק דעם, אויך אײַנגעלאַדן געוואָרן צו איי־נער פון די זיצונגען. איך דערמאָן זיך גענוי דעם דאָזיקן אָוונט. איך בין געגאַנגען צום קרעמל אין איין פּחד, כאָטש דעמאָלט זײַנען נאָך די זאַכן געווען אַ סך פּשוטער ווי נאָכדעם. אין זאַל איז ביים פּרעזידיום־טיש געזעסן די אָנפירערשאַפט פונעם וועלט־קאָמוניזם. דער פאָרזיצער איז געווען זינאָוויעוו, וואָס איז צו יענער צײַט געווען דער פאָרזיצער פון קאָמינטערן. איך געדענק גוט זײַנע טיפע בלויע אויגן און זײַן גרויסע טשופרינע. צו זײַן פאָרטראָג האָט מען זיך צוגעהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם.

אין 1936, ווען זינאָוויעוו איז פאַרמשפּט געוואָרן עפנטלעך צום טויט, האָב איך מײַן צען־יעריקן יינגעלע דערציילט וועגן דער דאָזיקער וויכטי־קער געשעעניש אין מײַן לעבן".

יוסף ברזילאי (בערגער) און זײַן פרוי האָבן זײַער אַ סך צו דערציילן. זיי טוען דאָס אויף באַזונדערע אופנים און ביידע שטרעבן צו איין ציל: דערציילן... דערציילן אַלץ, כּדי עס זאָל זיך נאָך אַמאָל נישט איבערחזרן דער רעזשים, וואָס האָט כּמעט 10 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אַרײַנ־געוואָרפן אין קאַזאַרמעס און אַנגעטאָן די שווידערלעכסטע פּײַניקונגען.

האָט זיך גאָרנישט געענדערט ?

צופעליק איז מיר געקומען אין דער האַנט אַ רוסישע צייטונג („ראָדי־אַנסקאַ בוקאָווינאַ“ פון 13טן מערץ ה. י.), וואָס דערשיינט אין טשערנאָוויץ. די דאָזיקע שטאָט, ווי באַקאַנט, האָט פריער געהערט צו רומעניע און היינט איז זי אין סאָוועטיש־מאָלדאַוויע.

וואָס אַן אמת, וואָלט די צייטונג אַרויסגערופן ווייניק אינטערעס. זי איז פון זעלבן שניט ווי אַלע סאָוועטישע צייטונגען: איר געפינט דאָרט די שאַבלאָנע „סוואָדקעס“ (באַריכטן) וועגן דער אַרבעט פון די סטאַכאַ־נאָווצעס אויף די פעלדער, אין די פאַבריקן און זאַוואָדן; עס קומען דאָרט ליסטעס מיט פראָצענטער וועגן אויסגעפולטער אַרבעט; עס ווערן גע־טאַדלט די הינטערשטעליקע און געלויבט די גוטע אַרבעטער. ערגעץ־וואו זאָגט מען אַריין אַ ביוראָקראַט — אָבער נאָר פון נידעריקן קלאַס. צו גאָר־הויך האָט מען נישט קיין מוט צו דערלאַנגען... די אויסלענדישע נייעס ווערט געגעבן לויט די טעלעגראַמעס פון דער איינציק־דערלויבטע „טאַס“־אַגענטור — די איינציקע מלוכה־אַגענטור פאַר גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד. בלויז דורך איר ווערט דער סאָוועטישער בירגער אינפאָרמירט און אָריענ־טירט אין דער וועלט־פּאָליטיק, פאַרשטייט זיך — איינזייטיק.

מיר וואָלטן באין אופן די דאָזיקע צייטונג נישט דערמאָנט — ווייל זי איז ווי אַ טראָפּן ענלעך צום גאַנצן ים פון סאָוועטישער פרעסע. מיר האָבן אָבער דאָרט דערזען אַן אַרטיקל וועגן אַ פאַרזאַמלונג פון סאָוועטישע שרייבער אין מאָלדאַוויע, געווידמעט די אַנטדעקטע „נאַציאָנאַליסטישע טענ־דענצן“ אין די לידער פונעם סאָוועטיש־יידישן פּאָעט — וואָס לעבט אין מאָלדאַוויע — מאיר כאראץ.

ווער עס האָט אין „יענע גוטע יאָרן“ געלעבט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איבערגעלעבט די „פראָצעסן“ איבער יידישע שרייבער, געהערט די „עברי“ פון די אויספאָרשונגס־ריכטער און געלייענט די צעשמירטע אַרטיקלען אין דער סאָוועטישער פרעסע — וואָס האָט געדאַרפט צוגרייטן די שטימונג ביים עולם צו די פראָצעסן — דער האָט אינעם אַרטיקל פון דער „ראָדי־אַנסקאַ בוקאָווינאַ“ געזען אַ סיגנאַל פאַר אַ נייער וואַקכאַנאַליע.

קודם־כל — וועגן דעם פּאָעט, מאיר כאראץ: ער געהערט צו דער יינגערער גרופּע מאָלדאַוויש־יידישע שרייבער און ער איז טאַקע דער טאַ־לאַנטפולסטער צווישן זיי. צו זיין גרופּע האָבן געהערט: דער טראַגיש־אומגעקומענער אין די סאָוועטישע לאַגערן, הערץ ריווקין; דער באַקאַנטער דיכטער מאָטל סאַקציער, יאַנקל יאקיר און נאָך אַנדערע. די דאָזיקע גרופּע

איז געווען אַ נאָכוואוקס פון דער פריערדיקער שרייבער־פּלעיאַדע, וואָס האָט אַזוי באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור: ד״ר שלמה ביקל, יעקב שטערנבערג, איציק מאַנגער, אליעזר שטיינבאַרג און משה אַלטמאַן.

מאיר כאַראַץ האָט נאָך פאַר דער מלחמה פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע און גוטע לידער אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער״. ער האָט געצויגן צו זיך אַ סך אויפמערקזאַמקייט. דערנאָך האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ ריי יידיש־ליטעראַרישע אויסגאַבעס פון פאַרשיידענע לענדער.

בעת די אַרעסטן פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער — אין פעריאָד 1948־1952 — איז אויך מאיר כאַראַץ נישט געשוינט געוואָרן. צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע שרייבער, איז אויך ער אַרעסטירט געוואָרן. אַן אויס־נאַם איז בלויז געווען ה. בלאָשטיין. און נאָך עטלעכע, וואָס די סיבה פון זייער געשוינט ווערן איז אומבאַקאַנט. מעגלעך, אַז דאָס איז בלויז געווען אַ צופאַל, בכל אופן האָבן זיי זיך נישט גענומען צום האַרץ די חרפה פון נישט אַרעסטירט ווערן אין יענער צייט — ווי עס איז געווען דער פאַל מיטן טאַלאַנטפולן סאָוועטיש־יידישן דיכטער, אהרן קושניראָוו, וואָס איז פון גרויס בושה קראַנק געוואָרן.

אָבער מיר האַלטן איצט ביי 1960. אַלע פינצטערנישן, הייסט עס, זיינען שוין לאַנג פאַרביי. די קאָמוניסטישע פרעסע אין דער וועלט לייגט איין וועלטן צו באַווייזן, אַז יענע צרות זיינען באַר געווען אַ פועל־יוצא פון סטאַלין־קולט און דעם בעריאַ־רעזשים; און איצט איז שוין אַלץ אין אָר־דענונג... אפילו ביי אונדז אין אַמעריקע שרייבן זיי לאַנגע אַרטיקלען, וואו זיי מאַכן אויסצודריקן די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין דער פרייער וועלט, ווייל „זי האָט נישט וואָס צו זאָגן״. דאָס און אַ לייטיש וואָרט הערט מען בלויז פון „דאָרט״, פון מזרח.

דערפאַר איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש דאָס דערמאָנטע אַרטיקל אין דער „ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ״, וואָס איז אונטערגעשריבן פון צוויי יידישע מחברים — דער פריער־דערמאָנטער ה. בלאָשטיין און ח. מעלאַמוד. טאַקע זיי שמייסן עס און טאַדלען מאיר כאַראַץ פאַר זיינע לידער — וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די וואַרשעווער „יידישע שריפטן״ און אין דער דאָרטיקער „פאָלקס־שטימע״ צווישן 1957 און 1959 (ובכן: שוין נאָך סטאַלינס טויט!).

ווי מיר זעען, האָט כאַראַץ פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין קאָמוניס־טישע צייטונגען פון אַ קאָמוניסטיש לאַנד. אָבער דאָס שטערט נישט די צוויי אָנפאַלער צו באַוואַרפן אים מיט עפיטעטן, ווי ליגנער, אונטערהעצער, קאַפּיטאַליסטישער אונטערזינגער („פּאָדפּיעווע קאַפּיטאַליזמאַ״). זיי באַ־שולדיקן אים אין „בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם״ און אינעם אַריינשטעקן אַ קליין אין דער פעלקער־פריינדשאַפט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד...

היות ווי מיר האַלטן שוין פאַרט נאָך סטאַלינען און זיי מוזן אַ ביסל

יוצא זיין דעם חוב צו דער „כרושטשעוו־ערא" — ווערט צוגעגעבן, אַז, „מעג־לעך אַליין נישט־ווינסדיק" (ס'הייסט, אַז כאַראַץ האָט אפשר אַליין נישט געהאַט די כוונה דערצו) האָט מאיר כאַראַץ געגומען זיגגען אַהעס צום קאַ־פיטאַל און געוואָרן אַ שותף צום „בורזשואַזן יידישן נאַציאָנאַליזם". דאָס פאַרווייכט אַ ביסל דעם פּאַראַגראַף 58 פּונקט 10 — לויט וועלכן מ'וואָלט געקענט פאַרמשפּטן דעם פּאָעט, לויט די אַרייַנטייטשונגען אין זיינע לידער מצד די סאָוועטישע שרייבער — וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט בכדי צו באַ־טראַכטן זיינע חטאים — און לויט די פאַרמולירונגען פון די מחברים פון אַרטיקל.

***

וואָס אַזוינס האָבן זיי אַנטדעקט אין זיינע ליריש־אומשולדיקע לידער? עס וואָלט כדאי געווען איבערדרוקן דעם גאַנצן ציקל — און זאָל דער לייענער אַליין משפּטן צוליב וואָס מען רופט נאָך היינט אַ ספּעציעלע שריי־בער־פאַרזאַמלונג אין סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער היות ווי דאָס איז נישט מעגלעך — וועלן מיר אַרויסנעמען די סאַמע יידישסטע שטעלן, וואָס האָבן מעגלעך אויפגערייצט זיינע אויסטייטשער אין ליד „דער וואַנדערער" („יידישע שריפטן" פון דעצעמבער 1958), זינגט כאַראַץ:

„אַ גוטן־אָוונט, האָט ניט קיין פאַראיבל,
בין אויך אַ בעל־הבית פון אַזאַ שטיבל,
איצט קום איך פון יאַריד, וואָס מ'האָט צעטריבן
און בין אין מיטן וועג, דעם בלאָטיקן פאַרבליבן;
איז לאָזט מיך איבערזיצן אויף דער באַנק,
דאָ, נעבן אייער ספרים־שראַנק,
און אויב מען מעג פון שראַנק אַ ספר נעמען,
כאָטש כ'בין מיד, כ'וועל שפּעט וואַכן נישט קענען.
מיר וועלן זיך ביים ספר בלויז באַקענען.
ואלה שמות — אָט זיינען אונדזערע נעמען.
זיי גייען איבער, זעט, מדף לדף,
פון בראשית אָן, פון סאַמע וועלט־באַשאַף..."

זאָל דאָס באַקענען זיך יידישלעך צום ספר האָבן אַרויסגערופן זייער צאָרן? האָבן בלאָשטיין און מעלאַמוד צוליב דעם אַלאַרמירט דעם רוסישן לייענער? האָט צוליב דעם זיך געמוזט צונויפזאַמלען דער גאַנצער שרייבער־קהל? אַהער שטעקט דער געפערלעכער נאַציאָנאַליזם אין די וויטערדיקע שורות:

„די ספרים אונדזערע ברענט מען אָפּט אין שייטער,
די נעמען ברענען נישט, די נעמען גייען ווייטער.
צוליב די נעמען האָט מען אונדז דערווייטערט
פון אַלע שמחות אויף דער וועלט פאַרשייטער.
מיר לעבן שטיל. די קעפּ אַראָפּגעלאָזט.
מיר לעבן פראַסט.
מען גייט אַרום פון איין יאָריד צום צווייטן,
מען טראָגט אויף זיך דאָס שווערע פּלייצע־קלייטל — — —"

ס'איז אַ מעשה פון אַ ייד אויף יאָרידים, מסתמא פון אַמאָליקע צייטן, ווען עס האָט געהערשט דער פּאַשיסטישער רעזשים, וואָס ווערט געראַטעוועט טייל־מאָל קוים מיטן לעבן פון גזלנימס הענט און דערשלאָגט זיך מיט די לעצטע כוחות צו אַ בייזאַכטיקן שיין פון אַ יידיש פענצטער. דאָ ווערט ער אויפ־גענומען, ווי אַ גוטער גאַסט ביז —

„דער ייד איז מיד און בלייבט ביים טישל ליגן.
איך מונטער אים און טו אים אויס די שטיוול.
ער דרעמלט איין און שרייבט אין שלאָף אַ בריוול,
אַ בריוול צו זיין היימישן, שטעטלדיקן גאָט,
געשריבן פון אַ פרעמדער שטאָט.
אַז וואויל איז אים, וואָס האָט מיין הויז געטראָפן.
אַז וואויל איז מיר, וואָס כ'האַלט די טיר אָפן.
נאָר וואָס וועט זיין, דער גורל וועט אונדז שטראָפן
און ביידע וועלן וואַנדערן אָן וואָפן;
און ביידע וועלן וואַנדערן אין אַ וויסטער פרעמד,
אָן בינטלעך, און אָן שיך און אָן אַ העמד?"

אין אַ צווייט ליד („פּאָלקס־שטימע" פון 28טן פעברואַר 1959) האָט ער געזונגען „לייענענדיק שלום־עליכם":

„דער טאָג איז שוין אַוועק, די טיר איז שוין פאַרמאַכט,
דאָס פענצטער איז פאַרהאַנגען און שטיל איז אונדזער שפּראַך,
וואָס הערט זיך נישט אַרויס. ס'איז דאָך אַ מאָדנע זאַך:
צו לייענען שלום־עליכמען און נישט צו טאָן אַ לאַך..."

בסך־הכל איז עס אָבער אַן אָפּטימיסטיש באַגעגענען זיך מיט שלום־עליכמס העלדן, אַ שטילע פרייד וואָס זיך, דעם פּאַעטס, טאַכטער האָט „בעכטן ערשט טוביהן דורכגעלייענט — און ביים קאַפּיטל וועגן חיהן זיך שטילערהייט צעוויינט". נו, האָט זיך די דערוויטערטע משומדת פון טוביהס הויז אומגעקערט אַהיים און דער מחבר איז דערפון צופרידן („איך בין דאָך

אויך אַ ייד פון שלום־עליכמס יידן״). איז דאָס זיין גרויסע זינד? און אפשר האָט ער עפּעס פּוגם געווען אין זיין ליד „פרילינג״ („פאָלקס־שטימע״ פון 30סטן אַפּריל 1957), וואו ער ווינטשט זיך באַשיידן:

„איך וואָלט געוואָלט נאָך זוכה זיין נאָר איינס:
די קינדער זאָלן רעדן הונדערט שפּראַכן
און אַלע זאָלן פילן זיך אַלצאיינס —
די גלייכע שותפים פון די שפּילצייגזאַכן
און נישט ווי יענע בבל־בויער דאָרט,
וואָס האָבן זיך ביים טורעם נישט פאַרשטאַנען
און איינער האָט געמאַכט פון צווייטנס וואָרט
אַ קנעכט, אַ שטומען אָקס אויף איינצושפּאַנען.
די שפּראַכן פון די קינדער זאָלן גרינג
פאַרשטיין איינס דאָס צווייטע זיך, ווי ברידער
און אָט דאָס פרילינג־לידל, וואָס איך זינג,
זאָל זינגען זיך מיט אַלע הונדערט לידער״.

ניין, איך וויל דאָ קיין שום קאָמענטאַרן נישט מאַכן. עס איז אָבער אַך און ווי צו אַ רעזשים, וואָס בדקנט אַזוי שטאַרק די ציצות און וויל גע־פינען „קראַמאָלע״ אין אַזעלכע שטילע לידער... גאַנצע אַכט יאָר נאָכן אומברענגען אַזוי גרויזאַם די סאָוועטיש־יידישע שרייבער.

1960

איינער פון די ווייניקע — וולאַדימיר קאָנסטאַנטינאָוויטש איקאָוו

(פון סאָוועטישן לאַגער)

איינמאָל, אין אַ ווינטערדיקן פאַרטאָג, ווען דער שוואַרצער הימל איז געווען פול מיט די ווייסע רויכן פון די אויוונס און די בריגאַדעס גרייטן זיך צום פרימאָרגנדיקן אַפּיל, איז צו אונדז אַריין דער נאַריאַדטשיק און מיך אַרויסגעגראַבלט פון ווינקל ביי מיין נאָרע.

— איזראַיל נאַטאַנאָוויטש, אַט האָט דער דאָקטער דיך היינט געהייסן איבערפירן אין באַראַק נומער 3 צו פאַרטרעטן דעם קראַנקן דניעוואַלני, וואָס ליגט אין דער סאַניטאַרער אָפּטייל; אָט האָסטו דיר אַ בלאַטנאָיע *) אַרבעט, וועסט אַ פּאָר טעג נישט גיין אין וואַלד האַקן ביימער, וועסט הייצן דעם אויוון, וועסט וואַשן דעם דיל, וועסט אָנגרייטן האָלץ, וועסט אָנטראָגן גענוג וואַסער, ברענגען קיפּיאַטאָק צוויי מאָל אין טאָג און דערנאָך קענסטו ליגן און שפּייען אויפן פּולאָפּ.

וואָס אַן אמת, איז די דאָליע פון אַ דניעוואַלני אין לאַגער נישט גאָר קיין געהויבענע. ערשטנס האָרעוועט ער טאַקע גענוג און איז דערצו פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר יעדער קלייניקייט. פעלט עפּעס אַ זאַך — צו וועמען לאָזט מען אויס? צום דניעוואַלני! רויכערט עמעצער — ווער איז שולדיק? דער דניעוואַלני! אויסער דעם איז דאָס דאָזיקע „פּאַך" שטאַרק פאַרפלעקט געוואָרן, ווייל אַ טייל פון די באַראַק־אויפזעער, די דניעוואַלניס, זיינען געווען מיאוסע מענטשן, וואָס האָבן זיך געחברט צופיל מיטן נאַריאַדטשיק און מיט די וועכטער, אָבער, קודם האָט מען מיך באַשטימט בלויז צו פאַרטרעטן אַ פּאָר טעג דעם אַלטן דניעוואַלני. נישט נאַטשאַלסטוואָ, נאָר אונדזער גוטער דאָקטער סעמעץ, וואָס היילט מיך פון דעם שווערן פורונקולאָז (געשווירן איבערן גאַנצן קערפּער, וואָס איך האָב באַקומען פון פאַרקילונג), און ווייל איך האָב נישט קיין טעמפּעראַטור, קען ער מיך נישט באַפרייען, זוכט ער כל הפּאָרטלס מיר לייכטער צו מאַכן. צווייטנס, גיי איך דאָך נישט מער ווי ווי אויף אַ פּאָר טעג — ס'וועט מיר נישט געפעלן — גיי איך צוריק אין וואַלד; דריטנס (און דאָס איז דער עיקר) איך האָבן נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון נישט צו וואוינען כאָטש אַ שטיקל צייט מיט וולאַדימיר קאָנסטאַנטי־

*) בלאַטנאָיע — אויף לאַגער־לשון: אַ לייכט שטיקל אַרבעט.

באָוויטש איקאָוו, דעם אַלטן, רוסישן מענשעוויק, דער וואָס האָט אַמאָל אַזוי פּאָלעמיזירט מיט לעבינען און לעבין דערמאָנט אים אין זיינע ווערק.

וולאַדימיר קאָנסטאַנטינאָוויטש איז נישט לאַנג צוריק געקומען פון דעם לאַגער־פּונקט 0,20, דאָס איז אַ פּונקט פאַר נישט־אַרבעטנדיקע איבוואַלידן, און אונדז געבראַכט גרוסן פון עטלעכע יידישע שרייבערס, מיט וועמען ער איז צוזאַמען געזעסן. די דאָזיקע קאָלאָנע, וועלכע איך מעסט איר, להבדיל, אויף מיין אייגענעם שטח איבעם אַמעריקאַנער שטעטל אין וועלכן איך וואוין, איז עס ווייט ווי איין סאָבורב צום צווייטן. אָבער אין אונדזערע באַדינגונגען פון שטרענגסטן רעזשים האָבן מיר געקענט עקזיסטירן (מיר האָבן פּאַקטיש בלויז עקזיסטירט און נישט געלעבט), דעריבער זיינען מיר, די גרופּע יידן אין אונדזער לאַגער, דאַנקבאַר געווען וולאַדימיר קאָנסטאַנטינאָוויטשן פאַר זיינע פּינקטלעכע אינפאָרמאַציעס וועגן באַקאַנטע שרייבערס אין אַ לאַגער אויף אַ צווייטן פּונקט. וולאַדימיר קאָנסטאַנטינאָוויטש — אַ מיטלוואוקסיקער, אַ האַריקער, מיט גרינע אויגן און שטאַרק־רויטער נאָז מיט אַ סך בלויע אָדערלעך פאַרוועבט, מיט פינגער, וואָס האָבן אַ טבע בלוי צו ווערן ווי ביי אַ טויטן, איז ער געווען אַריבער די זיבעציקער, אָבער געהאַלטן האָט ער זיך נאָך גאַנץ שטאַרק, געווען באַוועגלעך און אָנגעפירט מיט דער בריגאַדע פון „כאָזאָבסלוגא" (ווירטשאַפטלעכע אָרדענונג פון לאַגער: קוכער, סאַניטאַרן, בעקער, אויפזעער פון לאַגער און אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער אויפּפאַסונג אויפן לאַגער דורך די אַרעסטאַנטן אַליין). ער האָט ליב געהאַט צו אַרבעטן, פיינט געהאַט פוילע מענטשן, מעג זיין אין לאַגער. דערפאַר האָט ער זיך געזאָרגט פאַר די קראַנקע און שוואַכע, וואָס קענען באמת נישט אַרבעטן און זיי באַקומען זייער מיזערנעם פּאַיאָק און הונגערן שטענדיק.

געוויינטלעך גייט דער בריגאַדיר מיט מיט זיין בריגאַדע אין קיך אַריין און נעמט ביים קוכער לויט אַ צעטל אַ געוויסע צאָל שפּייז־פּאָרציעס דריי מאָל אַ טאָג, אָבער אַזוי ווי די קוכערס און די בעקערס עסן וויפל זיי ווילן און דאַרפן נישט די בריגאַדעס, בלייבן איבער שפּייז־פּאָרציעס. אָט די פּאָרציעס פלעגט וולאַדימיר קאָנסטאַנטינאָוויטש נישט איינמאָל אָפּגעבן קראַנקע מענטשן אין באַראַק, צווישן זיי אויך מיר. ער האָט מיר פשוט ביים לעבן דערהאַלטן, ווייל איך בין געווען פון די, וואָס באַקומען נישט קיין פּעקלעך פון קיינעם. געחברט האָט ער זיך שטאַרק מיט אַ יידן, מיטן איביציאַל ג. (וולאַדימיר קאָנסטאַנטינאָוויטש איקאָוו איז שוין געשטאָרבן, אָבער ג. לעבט נאָך וואַרשיינלעך, דעריבער געבן מיר אָן זיין איניציאַל), אַ קאָמוניסט, וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט אין קאָמינטערן, זייער אַן אינטעליגענטער מענטש מיט פיינער באַנעמונג און מאַנירן פון אַ דיפּלאָמאַט. ווי אַזוי די ביידע זיינען אויסגעקומען צווישן זיך ווייס איך נישט. נאָך די שווע־

רע איבערלעבונגען האָבן ביידע געפֿונען די געמיינזאַמע מענטשלעכע שפּראַך, וואָס איז ווייט פֿון פּאָליטיק. דאָס איינציקע געמיינזאַמע צווישן זיי איז מסתמא געווען זייער ביידנס הויכע אינטעליגענץ און דער „דיעטסקי סראָק" (דער קינדערישער אורטייל), וועלכן זיי האָבן ביידע באַדאַרפֿט אָפּזיצן — בלויז צו פֿינף יאָר; אַזאַ אורטייל האָבן געהאַט אפשר אַ דריי־פֿיר אַרעס־טאַנטן צווישן די קנאָפּע צוויי טויזנט ביי אונדז אין לאַגער פּונקט 0.41.

ג. איז געזעסן דאָס ערשטע מאָל. די זינד זיינע האָבן זיך געצויגן פֿון שפּאַניע, ווען ער איז געווען פֿאַלקאָווניק און אָנגעפֿירט מיט אַ באַטאַליאָן קעגן פֿראַנקאָ. ס׳הייסט קאָנקרעט האָט מען גאָרנישט געפֿונען, אָבער פּאַ־ראַגראַף 37 האָט ער יאָ געהאַט „פֿאַדאָזריטעלני עלעמענט" (אַ פֿאַרדעכטיקער עלעמענט). באַקומט ער פֿינף יאָר אָן דין און משפּט.

איקאָוו ווידער איז שוין אַמאָל פֿיר־פֿינף מאָל געזעסן איך טורמעס און אין לאַגערן פֿאַר זיינע מענשעוויסטישע אַנשויאונגען. ווי איקאָוו האָט מיר אַליין דערציילט, האָט מען סטאַלינען איבערגעגעבן וועגן אַרעסט וועגן אים, איקאָוון, און ער זאָל מיט אַ שמייכעלע האָבן אַ זאָג געטאָן: — „פּוסקאַי סידיט" (זאָל ער זיצן) הייסט עס, — ס׳מאַכט נישט אויס, ער האָט באַקומען פֿינף יאָר.

איך האָב זיך געוואונדערט אויף דער איידלקייט און דעליקאַטקייט פֿון דעם אין אַזויפֿיל טורמעס פֿאַרהאַרטעוועטן, אַלטן מענשעוויק. ער האָט פֿון ערגעץ באַקומען זייער גוטע פּעקלעך שפּייז, זיינען אַ גוטע העלפֿט פֿון זיי אַוועק אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג פֿאַר קראַנקע און דאָס איבעריקע האָט ער אַליין קיינמאָל נישט געגעסן, אויב עמעצער האָט זיך צו אים נישט צוגעזעצט פֿון זיינע באַקאַנטע.

אויסער ג.׳ן זיינען אַלע יידישע שרייבערס אין לאַגער געווען זיינע גוטע פֿריינד. די פֿאַר אַנטיסעמיטלעך האָבן זיך שוין געצלמט, אַז איקאָוו איז אַ ייד, אַ קאָמוניסט, ווייל אַלע קאָמוניסטן אין רוסלאַנד טראָגן רוסישע נעמען, די מערסטע פֿון זיי יידן.

וולאַדימיר קאָנסטאַנטינאָוויטש פּלעגט גוטמוטיק שמייכלען דערויף, זיין שאַרפֿסטער זידל־וואָרט איז געווען „מערזאַוויעץ". מיט אָט דעם טיטול האָט ער „באַקרוינט" צוויי פֿאַרשוינען: אונדזער באַטשאַלניק פֿון לאַגער, וואָס מאַטערט די אַרעסטאַנטן ערגער ווי אין די צאַרישע צייטן (ער איז ביים צאַר געזעסן אין תּפֿיסות און געווען אויף פֿאַרשיקונג) און ווישינסקין, וואָס איז געווען דער הויפּט־פּראָקוראָר (סטאַלינען האָט ער סתּם געהאַלטן פֿאַר אַ משוגענעם סאַטראַפּ און ביט באַרמאַלן) און איז געווען אַמאָל אַ מענ־שעוויק. וועגן „מערזאַוויעץ" ווישינסקין האָט איקאָוו נישט אויפֿגעהערט צו רעדן:

— ער איז אַ סך ערגער געווען פֿאַר דזשערזשינסקין, יענער איז געווען

אַ רשע, וואָס האָט געגלויבט, אַז ער דינט אַ געוויסן אידעאַל, דער איז דער געמיינסטער קאַריערייסט, וועלכן די געשיכטע קען נאָר, און אין אַרעסט פון מיליאָנען האָט ער נישט קיין קלענערן חלק ווי סטאַלין, ווייל ער האָט אַזוי באַאַרבעט דעם סאָוועטישן געזעץ, אַז צו יעדער צייט האָט די געהיים־פּאָליציי געהאַט דאָס רעכט צו אַרעסטירן און האַלטן אין תפיסה אפילו אָן אַ סאַנקציע פון פּראָקוראָר.

איקאָוו איז געווען בריגאַדיר, ווייל ער האָט פיינט געהאַט צו זיצן לייּדיק, אַז מען טוט עפּעס גייט די צייט גיכער אַוועק, פלעגט ער צו מיר טענהן. אויסער דעם האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט אַ סך טובות צו טאָן מענטשן דערביי. די וועלכע זיינען געווען אין זיין בריגאַדע האָבן זיך קיין סך נישט איבערגעאַרבעט.

די פּאָר טעג, וואָס איך האָב פאַרטראָטן דעם דניעוואַלני ביי איקאָוון אין באַראַק האָט מיר איקאָוו אַליין געהאָלפן מאַכן ריין. אויב ער האָט צוליב זיך עלטער נישט געקענט מיר העלפן וואַשן דעם דיל, האָט ער מיט אַ גלאָז געשאָבן די נאַרעס, געווישט די פענצטער, און אַז איך האָב אים געוואָלט שאַנעווען, פלעגט ער ביטער אַ זאָג טאָן:

— „יעסלי או נאַס ווראַסיאַי פיסאַטעלי פּאָלי מאַיוט, פוסקאַי איקאָוו טאָזשע פּאָטשוסטוואָיעט אי ביע פלוניעט נאַ פּאָטאָלאָק, קאַק נאָוואַיאַ סאָוויעטסקאַיאַ בורזשואַזיאַ‟ (אויב ביי אונדז אין רוסלאַנד קענען שרייבער דערפירט ווערן צו וואַשן די דילן, מעגן די איקאָווס אויך ליידן און נישט ליגן און שפייען אויפן פולאָפּ, ווי די נייע סאָוועטישע בורזשואַזיע) — געמיינט האָט ער דעם נייעם קלאַס באַאַמטע און טשינאָווניקעס פון סאָוועטישן רעזשים.

— —

איך בין, ווי געזאָגט, נישט לאַנג געווען ביי איקאָוון אין באַראַק, כאָטש וואָס אַן אמת האָט איקאָוו געמאַכט באַמיאונגען מען זאָל מיך באַשטימען פאַר אַ געהילף־דניעוואַלני אויף שטענדיק און אפילו דערפאַר געגעבן נעסטערענקאָן אַ גאַנץ פיינעם חלק פון זיינס אַ פעקל שפּייז, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהאַט באַקומען.

אָבער אַלצאיינס בין איך שוין מיט אים געווען נאָענט ביז דעם טאָג ווען מען האָט אים באַפרייט; מיר פלעגן זיך אָפט טיילן מיט מיינונגען. איקאָוו פלעגט מיר דערציילן זכרונות פון פאַרגאַנגענע יאָרן, האָט זיך ביי מיר דערקונדיקט ווער עס בויטיקט זיך אַממייסטן פון די אַרעסטאַנטן אין הילף און ער האָט דאָס אַליין געגעבן פון זיינע שפּייז־פּעקלעך אָדער צונויפגענומען ביי זיינע פריינד.

באַפרייט האָט מען אים פון די ערשטע. עטלעכע חדשים נאָך סטאַלינס טויט איז אין דער „איזוועסטיאַ‟ אָפּגעדרוקט געווען אַן „אוקאַז‟ וועגן אַמנעסטיע פאַר די וועלכע האָבן נישט מער ווי פינף יאָר טורמע. אונדזערע

היימישע אַדוואָקאַטן־אַרעסטאַנטן האָבן אַריינגעטייטשט, אַז דאָס מיינט מען אַלע, אפילו פּאָליטישע. און כאָטש דער זשורנאַל „נאָוואָיע װרעמיע” (אַ זשורנאַל, וואָס דערשיינט אין רוסלאַנד אין דרייצן שפּראַכן), האָט אין אַ לייט־אַרטיקל קאָמענטירט, אַז דאָס מיינט נישט קיין פּאָליטישע, ווייל „עס קען נישט זיין קיין רחמנות צו פיינט פון פאָלק” — זיינען אונדזערע אַדוואָקאַטן געוורען געערעסט; וולאַדימיר קאָנסטאַנטינאָוויטש איקאָוו איז געוועזן דער סאַמע ערשטער וועמען מען האָט ביי אונדז באַפרייט („סאָ סניאַטיעם סודימאָסטי”), לויט דער אַמנעסטיע.

מיר זיינען נאָך גוטע צוויי יאָר געזעסן אין לאַגער און די גאַנצע צייט באַקומען רעגולער שפּייז־פּעקלעך פון איקאָוון. דאָס ערשטע האָט ער זיך אַליין איבערגעשריבן מיט אונדז, שפּעטער האָבן מיר פון אים גאָרנישט באַקומען, אָבער די פּעקלעך פלעגן קומען צוויי מאָל אַ חודש; יעדעס מאָל אויף אַן אַנדער נאָמען פון אונדז און מיר פלעגן זיך טיילן. ערשט אין 1956, ווען איך בין שוין באַפרייט געוועזן, דורכפאָרנדיק מאָסקווע האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ לאַגער־פרייַנד און זיך דערוואוסט, אַז איקאָוו איז געשטאָרבן. די פּעקלעך זאָלן האָבן געשיקט אויף איקאָווס ביטע זיינע פריינט פאַר אונדז לאַגערניקעס.

ענין ערענבורג

אוי, וואו ביסטו, גרישקאַ טייערער פון לעבן מאזור, דו פּשוטער קאָלכאָזניק מיט קאָפּ פון אַ מיניסטער, גרישקאַ פון ווייסרוסלאַנד. אַריינגעפּאַקט האָט מען דיך אין לאַגער אויף גאַנצע 25 יאָר, ס׳הייסט, טאַקע נישט 25 יאָר נאָר 35, ווייל ביים אפּעל האָסטו שטענדיק אויסגעשריגן דיין אורטייל — „דוואַדצאַדט פּיאַט אי פּיאַט״ דאָס האָט געהייסן — אַז נאָך די 25 וועסטו נאָך אָן בירגערשאַפט אויף נאָך 5 יאָר, און ווערסט פאַרשיקט אויף „וואָלנע פּערעסילקע״, הייסט עס: פאַרשיקונג, נאָר נישט אונטער גראַטעס. דאָס אַלץ פאַר עטלעכע זאַצן דייטש, וואָס זיינען זיך גיך צעגאַנגען אין דיין קאָלכאָז. אַז אַלץ איז דאָ אַרומגעשטעלט פון דרויסן מיט ברעטלעך, אַז ס׳זאָל אויסזען, אַז ס׳איז פול און אינעווייניק איז פוסט. האָסט עס אָפּט געזאָגט אַנטקעגן סיסטעם ביי דיר אין לאַנד, אַז די געזעצן בייטן זיך שנעלער, ווי דו בייטסט דיין העמד, אַז דאָ האָט מען „פּראָ פּראָסבע קאָלכאָזניקאָוו אי ראַבאָטשיך״ (לויט דער ביטע פון די קאָלכאָזניקעס און אַרבעטער) אָפּגעשאַפט טויט־שטראָף און קורץ דערנאָך האָט מען לויט דער ביטע פון די זעלבע קאָלכאָזניקעס און אַרבעטער צוריק איינגעפירט טויט־שטראָף.

גרישקאַ טייערער, דו האָסט דעם סוף נישט דערלעבט, האָסט זיך צופיל איבערגענומען מיט דיינע 35 יאָר לאַגער און פאַרשיקונג, אַז דו האָסט איינמאָל אין וואַלד אין אַ דופּל (אויסגעהוילטן שטאַם) פון אַ בוים אַריינגעשאָטן דינאַמיט און זיך אויפגעריסן. האָסט נישט געוואָלט האָרעווען פאַר סטאַלינען, מיר האָבן דיך אין לאַגער באַוויינט. ס׳איז פון דיר אפילו נישט פאַרבליבן אַ פינגער מען זאָל קענען אַראָפּנעמען אַן אָפּדרוק נאָכן טויט. נאַטשאַלסטוואָ האָט געמוזט ראַפּאָרטירן אָן אַ פינגער־אָפּדרוק, דורך אַנדערע סימנים, אַז דו ביסט אומגעקומען. אָבער דיינע ווערטער (צי ס׳איז געווען דיין אייגנס צי אַ געהערטס) זיינען צווישן אונדז געבליבן.

— פאַניערא!

דאָס האָט געמיינט אַן אויסערלעכער פּוץ, נישט קיין אמת, אַ פאַרשטעלעכץ אַזאַ, אַ שפּיצל, אַן אָפּנאַרעריי.

מען האָט דאָך אַ שיינע פּאָר שעה נישט געוואָלט גלויבן אין לאַגער, אַז סטאַלין האָט איינגענומען אַ מיתה־משונה.

— פאַניערא!

עס הייסט, נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך אירע שפּיצלעך, לאָזט פאַנאַנדער

אַ זייפנבלאָז, אַ „פאַראשע״ (אַ צוויט וואָרט, וואָס לאַגערניקעס באַנוצן דע־רויף) אויסצופּרואוון די רעאַקציע פון די לאַגערניקעס.

אַ, גרישקאַ, ווען דו דערלעבסט אונדזערע טעג, וואָס עס טוט זיך עס אין דיין לאַנד, וואָלסטו ווידער אַ געשריי געטאָן:

— פּאַניערא!

***

... אַלע, מיר פון פוילן געקומענע יידישע שרייבער, האָבן ערענבורגן געקענט, ער פלעגט אָפט קומען אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אויף קראָפּאָטקינאַ 10, אויף פלעגאַרע זיצונגען. איך האָב עטלעכע חדשים גע־וואוינט אין האָטעל „מאָסקוואַ״, אינעם זעלבן האָטעל, וואו ער האָט פאַר־נומען צוויי צימערן. נישט ווייט פון אים, אין זעלבן קאָרידאָר, האָט אויך געוואוינט דער פּאָעט, ניקאָלאַי טיכאָנאָוו, וואָס איז אַליין געווען אַ לעניני־גראַדער און איז אַראָפּגעקומען אויף אַ לענגערער צייט קיין מאָסקווע, פאַרנעמענדיק דעם פּאָסטן, אויף וועלכן עס איז פריער געזעסן אַלעקסאַנדער פאַדייעוו (וועלסער איז אין 1956 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד).

זייענדיק אַ פאַנאַטישער אסימילאַטאָר, אָן קיין שום באַציאונג געפיל, פלעגט ערענבורג אָפט פירן אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט הייסע פּאָ־לעמיקס מיט די שרייבער; באַזונדער האָט ער זיך שאַרף קעגנגעשטעלט קעגן די געפלאַנטע טעריטאָריעס, ווי בירא בידזשאַן און קרים. די בירא בידזשאַנער דעלעגאַציע האָט ספּעציעל געטראָגן אַ כעס אויף אים. אָבער פריוואַט איז ער דווקא געווען זייער צוגעלאָזן. מען דאַרף וויסן, אַז ער איז דעמאָלט געווען דער סאַמע פּאָפּולערסטער שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד, זיינע אויסערגעוויינלעך־שאַרפע און טאַלאַנטפולע פעליעטאָנען קעגן די היטלעריסטן, האָט מען אויף די פראָנטן געליעבט ווי שטאַב־באַפעלן. פאַר־מולירנדיק שפּעטער ערענבורגס פאַרדינסטן אין דער צייט פון דער מלחמה, אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין באַקומען דעם לעניך־אָרדן, האָט קאַלינין גע־שריבן, אַז זיינע פעליעטאָנען האָבן געווירקט ווי האַרמאַטן.

מיר אַלע האָבן געליינט ערענבורגס גרויסן אַרטיקל (אין „איזוועסטיאַ״, דאַכט זיך), וואו ער רופט די רוסישע פראָנט־סאָלדאַטן אין דייטשלאַנד צו נקמה, און דעם ענטפער פון דעם דעמאָלטיקן שעף פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, גריגאָרי אַלעקסאַנדראָוו (שפּע־טער האָט ער זיך פאַרזינדיקט מיט זיין ווערק „די געשיכטע פון דער מערב־אייראָפּעאישער פילאָזאָפיע״ מיטן צופיל לויבן שפּינאָזאַן, און איז היינט אַ פּראָפעסאָר ערגעץ אויף אַן אינסטיטוט אין אָמסק, צי אין טאָמסק). אַלעק־סאַנדראָוו האָט פאַרגעוואָרפן ערענבורגן, אַז „טאָוואַרישטש ערענבורג אופּראָשטשאַיעט״ — דער חבר ערענבורג, הייסט עס, מאַכט עס צו־פּשוט,

און פון דעמאָלט אָן איז אַרויס אַ באַפעל מ׳זאָל נישט פאַרגיסן קיין בלוט אין דייטשלאַנד פון דער ציווילער באַפעלקערונג.

איך האָב זייער אַ סך געליענט פון ערענבורגס ווערק, באַזונדער די ווערק פון פריערדיקן פעריאָד, ביכער פון צווישן די וועלט־מלחמות. איך האָב אפילו אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן, ווי אַ רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער ביילאַגע פון דער לאָדזשער רעליגיעזער אַרבעטער־צייטונג פון דער פועלי אגודת ישראל, איבערגעזעצט זיינס אַ רעליגיעז ליד, געשריבן אין סאַמע מיטן פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד, וואָס הויבט זיך אָן (איך גראַם איצט נישט):

„... און אין אַזעלכע שטורמישע טעג,
ווער וואָגט דען פאַר זיך שוין צו בעטן?
טו מיט אונדז וואָס דו ווילסט
נאָר די קינדער באַהיט און באַשירעם. א. אַז. וו.“

ער האָט בכלל געהאַלטן, אַז ער איז מער פּאָעט ווי דערציילער, אפילו זיך ביכעלע לידער „פּאָביעדאַ“ („זיג“) האָט ער געהאַלטן פאַר זיין אייגענעם זיג. ער איז אָבער אַ גרויסער ציניקער, מיט אַן אומפאַרגלייכלעכן שאַרפזין און זשאָנגלערייַ פון סטיל. בלויז אין דער צייט פון דער מלחמה איז ער באמת געווען ערלעך אין זיין קאַמף קעגן היטלערן. אויסער דעם יידישן פונק, וואָס האָט זיך אין אים דערוועקט, איז ער מיט זיין גאַנצער פראַנצויזישער קולטור, וועלכע ער האָט אַזוי ליב און אויף וועלכע ער איז דערצויגן — אַ שונא פון דייטשן יונקערטום. אָבער דאָרט וואו ס׳איז דאָ ציניזם — איז אַלץ מעגלעך.

***

אַ גרישקאַ פון מאַזור, קום און זע די אַנטוואָרטונג פון אַלע ווערטן ביי דיר אין לאַנד. „פּאַניקראַ“ — ווידער דיין ליב וואָרט קומט צו חלום.

ערגעץ אַ צייטונג אין ליטע האָט „אויסגעבעבעט“, אַז מיכאָעלסן האָט דערהרגעט בעריאַ. די וועלט ווייסט עס שוין לאַנג. פריער איז אין אַלע צייטונגען געווען, אַז אַ מאַשין איז אים איבערגעפאָרן (וואָלסטו געפּרוּווט צווייפלען, וואָלט מען דיך דעמאָלט אַרעסטירט). ערגעץ אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַ סאָוועטישן שרייבער־פאַראיין, נאָך אַ היציקער דיסקוסיע און טאַקע קעגן יעווטושענקאָ, ערענבורגן, שאַסטאַקאָוויטשן, האָט אַ פרוי אַ זאָג געטאָן ערענבורגן:

— איר זייט שולדיק אין טויט פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער.

זיכער אַ זייער שווערע באַשולדיקונג.

אָבער פאַרוואָס אַזוי צופעליק? אָדער אפשר איז די גאַנצע פאַרזאַמ־

לחנג פאַרגעקומען בלויז, אַז די וועלט זאָל זיך הערוויסן וועגן דער באַשול־דיקונג קעגן ערענבורגן ?

***

איך מיין, אַז קיין איינער וואָס האָט איבערגעלייענט די נייעס פון לאָנ־דאָן, וועגן די נייע אַנטדעקונגען אַרום דער פּערזאָן פון איליאַ ערענבורג, וועט חלילה נישט זאָגן, ווייל מען ווייסט, אַז ערענבורג געהערט צו די וועלכע וועלן זיך שוין ווי עס איז אַרויסדרייען. ער האָט זיך בעתן שפּאַנישן ביר־גער־קריג אַזוי געשיקט אַרויסגעגליטשט, אפילו פון יעזשאָוון, דעם משו־גענעם מערדער, וואָס האָט טויזנטער קעמפער געשיקט אויף יענער וועלט, ווי „טראָצקיסטן".

ס'איז, למשל, באַוואוסט, אַז אין 1948, איז אויף וואָראָווסקי גאַס 52, אינעם שרייבער־פאַראיין, פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע אַרום זיין שאַפונג. מען האָט פאַרהאַנדלט, צווישן אַנדערע זיין בוך „בוריא" (דער שטורעם). יעדער פון די שרייבער האָט געפונען פאַר נויטיק אים אַ שטאָך צו געבן און אויסזוכן אין דעם ווערק עפּעס אַן אידייאישן חסרון. ערענבורג, ווי קיינמאָל גאָרנישט, לאָזט אַלעמען רעדן און נעמט שפּעטער אַרויס פון טאַש אַ בריוו צו זיך פון סטאַלינען. פּלוצעם האָבן אַלע גענומען דרייען מיט די צינגער אויף פאַרקערט, ווייל אין בריוו האָט סטאַלין גראַד געלויבט דאָס ווערק. ס'איז נישט קיין אַנעקדאָט, נאָר אַ ביטערער אמת.

יאָ, עס האָט זיך עפּעס פאַרט געענדערט, אָבער מען דאַרף זיין נאַאיוו נישט צו זען אונטער דעם אַלעם, וואָס קומט לעצטנס פאָר — טעאַטער־שפּיל און גוט איינגעשטודירטע ראָלן.

גיט אַ רגע אַ טראַכט.

גראַד דעמאָלט ווען עס איז פאָרגעקומען אין שרייבער־פאַראיין די דיסקוסיע פון יעווטושענקאָס ליד „באַבי יאַר" און פון דער מוזיק צום ליד פון דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש, און גראַד דעמאָלט ווען מען האָט אַזוי שאַרף קריטיקירט די אַבסטראַקטע קונסט; און פּונקט דעמאָלט ווען איליאַ ערענ־בורג האָט אַזוי פאַרטיידיקט סיי יעווטושענקאָ, שאָסטאַקאָוויטשן און די מאָלער פון דער אַזוי־גערופענער אַבסטראַקטער קונסט, און ער איז דערפאַר שאַרף קריטיקירט געוואָרן, גראַד דעמאָלט האָט, נאָך אַ שווייגעניש פון קנאַפּע 10 יאָר נאָך סטאַלינס טויט, איינע אַ רוסישע שרייבערין מיטן נאָמען סערעבריאַקאָווע פּלוצעם זיך „אַנגענומען מיט מוט" און געוואָרפן ערענ־בורגן אין פּנים אַריין די באַשולדיקונג, אַז ער טראָגט עס די שולד פאַר דער־מאָרדן די יידישע שרייבער און קולטור־טוער אין ראַטנפאַרבאַנד.

פריער האָט קיינער נישט פון די וואָס ווייזן איצט אַרויס אַזוי פיל „מוט" אים נישט געזאָגט דעם אמת אין די אויגן, אַז זיין אַרטיקל אין

„פּראַוודאַ" אין 1948, וועגן יידישע סטודענטן, האָט אַ סך מיטגעווירקט אויף צו באַשולדיקן די יידישע קולטור־טוער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אין נאַציאָנאַליזם.

אפילו פאַר אונדזער גרופּע, די אַזוי־גערופענע „בירא בידזשאַנער גרופּע", האָט מען אין טורמע, בעת אַ געוויסע אויספאָרשונג, געלייענט ערענבורגס אַרטיקל. אמת, ער איז קעגן אונדז נישט אַרויסגעטראָטן ווי אַן עדות, ס'זיינען געווען קעגן אונדז געהיימע באַריכטן פון זייערע אָפיציעלע און נישט־אָפיציעלע שפּיאָנען, און אַרעסטאַנטן וועמען מען האָט אונטערן שווערסטן טעראָר, וואָס קיין מענטשלעכער מוח אויף דער פריי קען זיך דאָס נישט פאָרשטעלן — אַרויסבאַקומען גביות עדותן קעגן זיך אַליין.

ווען איליאַ ערענבורג האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיינע מיליאָנען, וואָס די אַרטיקלען און ביכער ברענגען אים אַריין — האָבן צענדליקער שרייבער געפוילט אין די לאַגער־קעלערן, אין מאָסקווע און אין כאַבאַראָווסק, אין אַלמאַ אַטאַ און אין וולאַדיוואָסטאָק. מען האָט זיי געפּייניקט מיט אַלערליי סאַדיסטישע פּייניקונגען, וואָס ס'איז מיאוס און ס'עקלט צו שרייבן וועגן דעם. מען האָט אויך געטריפט אויף זייערע קעפּ וואַסער טראָפּן נאָך טראָפּן, מען האָט זיי אויסגעצויגן די הענט און די פיס. מען האָט זיי חדשים־לאַנג נישט געלאָזט שלאָפן, מען האָט זיי פאַרהונגערט, דערנידעריקט און באַליידיקט, געשלאָגן מכות־רצח. יאָ, מען מעג שוין, מען דאַרף שוין, מען מוז שוין וועגן דעם אין רוסלאַנד שרייבן. איינער אַ שרייבער, אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין, האָט שוין אפילו אָנגעשריבן אַ „בעסט סעלער" וועגן סטאַלינס לאַגערן, און ס'איז שוין אפילו איבער־געזעצט אויף ענגליש, און אַזוי ווי דאָרט גייט אַלץ אַן מאַסנאַרטיק, מעגט איר שוין זיין זיכער, אַז מען וועט שוין מאַכן אַ „סאָציאַליסטישן געוועט" אויף אַ בעסער נאָוועלע, וואָס זאָל זיך אויסצייכענען מיט פּרטים וועגן די סאָוועטישע לאַגערן און עס וועט ווידער ווערן אַ בוך, וואָס וועט צעכאַפּט ווערן ווי מצה־וואַסער.

אָנשטאָט אַרויסצוגייען איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיט אַ דערקלערונג, וואָס זאָל זיך אָפּטרייסלען פון אַלע פאָלגן פון דער סטאַליניסטישער מאַסן־מערדעריי אויף די אומשולדיקע יידישע שרייבער און דער פאַרניכטונג פון דער יידי־שער קולטור, און צוריק אויפשטעלן די יידישע שולן, דעם טעאַטער, דעם יידישן פאַרלאַג, אַ צייטונג, נישט שליסן מער קיין סינאַגאָגעס, מיט אַלע מיני פּוילע תירוצים; אָנשטאָט דעם וואַרפט מען צו אַ יידיש ביכל, אַן איינציקן זשורנאַל; אויף די פּראָטעסטן פון אויסלאַנד, שטעלט מען אונטער אַ פּרוי, וואָס זאָל פּלוצעם אַרויס מיט אַ באַשולדיקונג קעגן ערענבורגן, אין וועלכן עס ליגט נישט ווייניקער רשעות, ווי אין די געצוואונגענע אַמאָליקע מסירות.

אַ נס

און איך זאָג אייך, אַז עס זיינען פאַראַן ניסים אויף דער וועלט! עס געשעען זאַכן, וועלכע מיר קענען בשום אופן מיטן מענטשלעכן שכל נישט באַנעמען און מיר מוזן אָנקומען צו עפּעס אַזעלכעס, וואָס מיר פאַרשטייען נישט מיט אונדזער לאָגיק, צו יענעם סוד, וואָס באַגלייט אונדז דעם גאַנצן וועג פון אונדזער לעבן, פון אונדזער געבוירן ביז דער מינוט ווען מיר הויכן אויס אונדזער לעצטן אָטעם.

איך האַלט זיך פאַר אַ באַרמאַלן מענטש, עס הייסט: אַ מענטש, וואָס קען נאָך קאָנטראָלירן וואָר פון חלום, פון ווירקלעכקייט ביז פאַנטאַזיע, און דאָך, איך וויל אייך דאָ דערציילן אַ פאַקט, וואָס איז מיט מיר געשען אין סאָוועטישן לאַגער, וואָס אַנהערש ווי מיט אַ נס קען מען דאָס נישט באַצייכענען; אַלע אומשטענדן אין דער דערציילונג זיינען אַזוי ווייט פון צופעליקייטן, אַז וויפל כ'האָב וועגן דעם געטראַכט, בין איך געקומען צום זעלבן אויספיר: ס'איז אַ נס! אָן אויסטערלישע דערשיינונג, וועלכע איך קען נישט דערקלערן און מוז מיטזאָגן מיט די ווערטער פון האַמלעט צו האָראַציאָ: אַז עס זיינען פאַראַן דערשיינונגען, אויף וועלכע אונדזערע וויסנשאַפטלער קענען קיין ענטפער נישט געבן.

... מיר זיינען נישט לאַנג צוריקגעקומען פון דער נאַכט־אַרבעט. דער פרימאָרגנדיקער הימל איז געווען ברודיק און קויטיק, ווי אַ גאַנצער לאַגער מיט אַרעסטאַנטן וואָלטן איבער אים אַדורך מיט בלאָטיקע שטיוול. מיר זיינען געווען געפירן און טויט־מיד פון דער אַרבעט גאַנצע צען שעה ביי דער בריק, וועלכן מיר בויען איבער אַ קליין טייכל. דאַכט זיך, אַז דאָס טייכל איז אַזוי שמאָל, אַז מען קען עס פאַר אַ צען מינוט איבערשווימען, און דאָך וועט דער בריק אודאי זיך ציען אַ פיר הונדערט מעטער, און געפּלאַנט איז אַ שטאָלענער בריק מיט הויכע ווענט. ס'איז מזרח־סיבירער ווינטער. דער פראָסט דערגייט טיילמאָל צו 50 גראַד צעלזיוס. דאָס גאַנצע ביסל שמאַטעס און וואַטאָווע קורטקעס און בושלאַטן אויף אונדזער לייב וואַרעמען נישט. די שטאָלענע שטאַבעס זיינען אַזוי שניידיק־קאַלט, אַז זיי בריען דורך די הענטשקעס און פאַרגליווערן די פינגער. די שייטערהויפנס, ביי וועלכע מיר מעגן זיך וואַרעמען יעדע האַלבע שעה, ראַטעווען בלויז אונדזערע לעבנס, אָבער זיי שלעפּערן אונדז אַזוי איין, אַז נישט איינער פאַלט לעבן זיי אום און ס'איז אים שווער זיך אויפצוהייבן. דאָס פרימאָרגנדיקע ביסל שפּייז, וואָס מיר באַקומען, שלינגען מיר שנעל אַריין, כדי וואָס פריער צו קענען גיין זיך אָפּרוען. פיר אַ זייגער וועלן מיר באַקומען דעם מיטיק און אָוונט־ברויט צוזאַמען און זיך פאַמעלעך גרייטן צו דער פאַר־

שאָלטענער שעה 7 אָוונט, ווען מען וועט אונדז ווידער פירן צו דער אַרבעט.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר דאָס מאָל האָט זיך מיר געגלוסט איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך גוט אויסוואַרעמען, אויסוואַרעמען אין אַ ווייכן, וואַרעמען געלעגער.

אין לאַגער הערשט מער ווי אומעטום דאָס געזעץ, ווער עס איז שטאַרקער דער זיגט, ווער עס איז שטאַרק האַלט אויס, און ווער עס האָט „עלנבויגנס” פאַרכאַפּט אַ גוטן מאַטראַץ, אַ ווייכע, וואַרעמע קאָלדרע. ער דרייט שוין אַזוי אויס, אַז ער באַקומט וואַטע אויף אָנצושטאָפּן זיין ציכל, ער זאָל האָבן אַ ווייכן קישן. מיין שכן — אַ קרימינעלער פאַרברעכער, האָט דאָס אַלץ געהאַט און איך בין די גאַנצע צייט געלעגן אויף אַ האַרטן, קאַלטן געלעגער. דאָס ביסל היי אין מיין מאַטראַץ איז שוין לאַנג געווען צעריבן און איך האָב אויף מיינע ביינער שטענדיק געפילט די האַרטע ברעטער פון מיין נאַרע. מיין קאָלדרע איז אויך נישט געווען פון ערשטן קלאַס, און כאָטש איך פלעג דערויף אַרויפלייגן מיין בושלאַט — האָט עס מיר אַלץ נישט געוואַרעמט, ווייל אין אַנדער באַראַק איז אין גרויסע פרעסט אויך נישט געווען צו וואַרעם. מיין נאַרע איז גראָד געווען נעבן פענצטער און די גאַנצע וואַנט איז געווען פאַרגלאַזט מיט פראָסט.

איך האָב שוין נישט איינמאָל געבעטן ביי מיין שכן ער זאָל מיר דערלויבן אויף דער צייט, ווען ער גייט מיט זיין בריגאַדע צו דער אַרבעט, איבערשלאָפן אַמאָל ביי אים אויף זיין נאַרע. עס האָט מיר שטענדיק געלאָקט זיין טאָפּלטער מאַטראַץ, און דער עיקר זיין וואַטעווע קאָלדרע, וואָס ווי אַזוי ער האָט זי געפּאַקט אין אונדזער לאַגער, האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין. כ'האָב שטענדיק געקוקט אויף אָט דער קאָלדרע מיט אַ מאָדנער קנאה; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז דער גרעסטער רייכטום, וואָס אַ מענטש קען זיך נאָר פאָרשטעלן אויף דער וועלט; אַז אין דרימל אונטער אַזאַ קאָלדרע מוז מען אוודאי פאַרגעסן אין אַלע נויטן, ס'איז ווייך און וואַרעם. כ'האָב געטנומען אַזוי גוט פאַרשטיין פאַרוואָס פייגעלעך צעזינגען זיך אויף די ביימער ווען ס'איז וואַרעם און ווערן אַזוי טרויעריק ווען קאַלטע ווינטן בלאָזן. אַז מען רעדט וועגן אַ לעבן אויף דער וועלט, רעדט מען אייגנטלעך וועגן וואַרעמקייט, ווייל קעלט איז דאָס זעלבע וואָס טויט. מיט איין וואָרט: איך האָב אַלץ געטאָן זיך אַמאָל, כאָטש איינמאָל אין אַ יובל זיך אויסוואַרעמען.

איך האָב אָנגעזאַמלט עטלעכע „פייקעס” ברויט און עס געגעבן מיין שכן פאַר דעם פאַרגעניגן מיר צו לאָזן זיך אויסוואַרעמען ביי אים אויף זיין געלעגער. איך האָב אים צוגעזאָגט אפילו אָפּצוגעבן דאָס זונטיקדיקע ווייסע בולקעלע, אמת, ס'איז אַזוי קליין, אַז עס קלעקט קוים אויף איין צאָן, אָבער טאַקע ווייל עס איז אַזוי קליין און מיר זעען עס אַזוי זעלטן, רייצט עס אונדז נאָך מער.

הכלל, מיין שכן, דער קרימינאַל, האָט זיך געלאָזט צורעדן און מיר

הערלויבט דעם גאַנצן טאָג ביז סאַמע פאַרנאַכט אַריינקריכן צו אים אויפן געלעגער.

גראָד איז מיט אים דעם טאָג געשען אַ מאָדנע זאַך: ער האָט נישט באַדאַרפט גיין אויף דער אַרבעט, ווייל ער האָט גראָד באַקומען אַ באַפרייאונג פון דאָקטער אויף אַ טאָג, אָבער עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דעם טאָג וועט מען ברענגען אַ געהילפס־בריגאַדע פון פרויען אויף דער אַרבעט פון אַ נאָענטן לאַגער, און פאַר אַרבעטן מיט פרויען צוזאַמען איז מיין יונגער שכן געווען גרייט אַוועקצוגעבן עפּעס נאָך מער ווי אַ באַפרייאונג פונעם דאָקטער. אמת טאַקע, אַז די פרויען אַרבעטן אַ ביסל ווייטער און זיינען אַרומגערינגלט ווי מיר מיט אַ קאָנוואָי, אָבער מען שרייט אַריבער איינער צום צווייטן און עס טוט זיך אַ ביסל, ס׳איז לעבעדיק.

די טאָג־בריגאַדע איז אַוועק צו דער אַרבעט און אין לאַגער ווערט טויט ווי ביינאַכט. דער אַלטער דניעוואַלני אין באַראַק רוימט אַ ביסל צו און קריכט אַוועק, ווי זיין שטייגער, צו זיין גוטן פריינד, דעם כינעזער ביים טיי־קעסל, דאָרט בראָט ער זיינע קאַרטאָפל, באַשיט זיי מיט זאַלץ און פאַרטריינקט מיט קיפּיאַטאָק, אַ צוגאָב צו דעם זויערן ביסל קאַפּוסטאַ, וואָס מען גיט אין קיך אינדערפרי.

אין באַראַק איז שטיל, מען הערט בלויז דאָס טיפּע שנאָרכן פון די פאַרמאַטערטע לאַגערניקעס, וועלכע האָבן אָפּגעהאָרעוועט אַ נאַכט ביים בריק. איך ליג אין מיין שכנס וואַרעמען געלעגער, אַלץ אין מיר ציט צו שלאָף, אָבער איך וויל דעם פאַרגעניגן אָנפילן וואַכעדהייט. ס׳איז מיר ווייך און וואַרעם, עס דאַכט זיך מיר, ווי מ׳וואָלט מיר צוגעלייגט עפּעס אַ וואונדער־פלאַסטער אויף מיינע צעבראָכענע, אויסגעפּרוירענע גלידער. מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט גרייט געווען אָפּצוגעבן אַ גאַנצע וואָך עסן פאַר אַט דעם געלעגער. די קינדער־יאָרן שוועבן פאַר מיינע אויגן, מיר דאַכט זיך, אַז איך ליג אַזוי אין מיין בעט אונטער אַ פּערענע און פון טיש הערט זיך דעם טאַטנס מעביר־סדרה זיין שבת, און פון אויוון הערט זיך דאָס טרויעריקע סיקן פונעם טשייניק. איך דרימל איין און איך פיל נישט ווי מיין קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון קישן טיפער, טיפער אין דער קאָלדרע אַריין.

מיטאָמאָל האָט אַ שווערער קלאַפּ מיר אויפגעוועקט. ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך נאָר געזען, אַז דער קישן איז צעריסן אויף שטיק־שטיקלעך, און שטיקער וואַטע מיט פעדערן זיינען צעשפּריצט איבערן גאַנצן דיל.

מיין גאַנצע בריגאַדע האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם טראַסק און אינסטינקטיוו גענומען זוכן דעם סוף פון זייער חלום, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן . . .

אַז מען איז געוואָרן וואַך, האָט מען גענומען אַראָפּקריכן פון די נאַרעס

און פעסטגעשטעלט דאָס, וואָס איז אונדז אין לאַגער געווען אַזוי קלאָר:
— ס׳איז נקמה! — דאָס האָט אַ קרימינאַליק, וואָס האָט געוואוסט, אַז מיין שכן דאַרף היינט נישט אַרבעטן, זיך צוקום געווען אין אים פאַר עפּעס און אים געוואָלט דערלאַנגען מיט האַמער איבערן קאָפּ. ער האָט טאַקע צעשמעטערט אויף פּיצלעך דעם קישן, און ווען מיין קאָפּ וואָלט זיך גראָד ביים אַנטשלאָפן ווערן נישט אַראָפּגערוקט איינגעדרונגען זיך אין דער קאָלדרע, וואָלט איך שוין נישט געלעבט.

מאָרדן אין לאַגער צווישן די קרימינעלע איז נישט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג. די באַנדיטן און גנבים האָבן זיך געהרגעט צווישן זיך, אַמאָל איבער אַ בלויזער באַליידיקונג, אַמאָל צוליב עפּעס אַ טונקל געשעפטל, אַמאָל צוליב אַ פאַרדאַכט, אַז איינער האָט „געסליחנהנט" (דערציילט). מיין שכן האָט זיך מסתמא אויך צעקריגט מיט עמעצן פון די גנבים און מ׳האָט דאָ „אויסגעפירט" אַ טויט־אורטייל.

איך בין געווען אַזוי איבערראַשט פון דער געשעעניש, אַז כ׳בין שוין אַ גאַנצן טאָג נישט געשלאָפן. נישט באַשערט געווען מיר כאָטש אויף אַ פּאָר שעה זיך אויסוואַרעמען. איך בין געזעסן אויף אַ שטול נעבן אויוון און קוים געכאַפּט אַ קליינעם דרימל. דער דניעוואַלני האָט שטיל אויפגערוימט דעם צעפּליעדערטן קישן און נישט געוואָגט צו רעדן אַ וואָרט. אין לאַגער טאָר מען וועגן אַזעלכע זאַכן נישט רעדן. מען ווישט אָפּ די ליפּן און שאַ. נאַטשאַלסטוואָ טאָר וועגן דעם נישט וויסן.

אין עטלעכע שעה אַרום איז עפּעס אַ פאַרשוין אַריין מיט אַ נייאינקן קישן און זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט, אַז נישט מיר האָט ער געמיינט. דאָס גייט ער מיר אָפּ דעם שאָדן. אַזוי ווי ביי די לייט איז אַ געזעץ, אַז מער ווי איין מאָל פירט מען נישט אויס קיין אורטייל, און אויב עס געליגנגט נישט דאָס ערשטע מאָל, חזרט מען מער נישט איבער — בין איך שוין געווען זיכער, אַז מיין שכן מעג די נאַכט שוין שלאָפן רואיק. — — — — — — — — — — — — —

מיין שכן האָט דערפאַר אונטערגעצונדן אַ גאַנצן באַראַק מיט גנבים, אַז מען האָט קוים פאַרלאָשן די שריפה, און כאָטש קיינער האָט קיין פּיפּס נישט געטאָן, איז ער בלויז פאַרן פאַרדאַכט אָפּגעזעסן 20 טעג אין „בור" (אַזאַ קאַרצער וואו מען דערלויבט מיטצונעמען דאָס בעטגעוואַנט און מען ווערט געשפּייזט ווי אַלע אַרעסטאַנטן), אָבער נישט דאָס איז וויכטיק. איך האָב דאָ נאָר דערציילט אַ געשעעניש, וואָס אַנדערש, ווי מיט אַ נס קען מען דאָס נישט דערקלערן. ווער האָט עס מיין קאָפּ איינגענורעט אַראָפּ פון קישן, גראָד דעמאָלט ווען אַ האַמער איז איבער אים געפאַלן?

עס איז נישט דער איינציקער וואונדער, וואָס געשעט מיט אַן אונדזעריקן מענטש ווען ער פאַלט אַריין אין אַ לאַגער. אויב ער גייט נאָר אַרויס אַ לעבעדיקער, אָבער דער דערציילטער פאַקט איז אויך דיינו.

אָפּטײלונג
• צװײ

עסײען

• עסייען •

איז טאַקע פּאָעזיע נישט פאַרשטענדלעך?

1

פאַראַן דיכטער, וואָס ווירקן אויף דיר ווי מוזיק; וואָס מער דו הערסט זיך איין אין דער סימפאָניע, אַלץ מער ווערט זי דיר נאָענט. דאַרפסטו זי אויך אַ סך מאָל הערן ביז דו דערפילסט יעדן ניואַנס פון דער צעפליגלטער שיינקייט; און ביים ערשטן מאָל הערן איז זי דאָך, די סימפאָניע, געווען עפּעס פרעמדלעך, האָסט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט, אָבער, אַז דו ווערסט מיט איר נאָענטער, איז עס אַ נאָענטקייט פון אַ וואונדער־שיינער, אינטערעסאַנטער פרוי, וואָס מיר זייגען צוליב טעמפּטקייט פאַרבייגעגאַנגען אומבאַמערקט און שפּעטער, שפּעטער, דאַכט זיך אונדז אויס, אַז אונדזער לעבן האָט קיין ווערט נישט אָן איר בליק, און מיר פאַרשטייען גאָרנישט, ווי אַזוי זיינען עס פאַרביי אַזוי פיל טעג ביז מיר האָבן גענומען בענקען נאָך יענעם בליק.

פאַראַן דיכטער, אַז דו לייענסט זיי, דוכט זיך דיר, אַז אַזוי באָר דאַרף מען שרייבן, און די אַזוי־גערופענע „אומפאַרשטענדלעכקייט פון פּאָעזיע" אויף וועלכער מען קלאָגט זיך אַזוי, איז די שולד פון לייענער און נישט פון פּאָעט; ווייל אַלץ איז אַזוי אָפן ווי אויף דער האַנט, און ס'איז דאָך נישט דעם דיכטערס שולד, וואָס דעם לייענער נעמט מער אַ טאַנגאָ ווי מאָצאַרטס סימפאָניע נומער 40 אין ג. מינאָר, דער מאָצאַרט, איבער וועלכן יעקב גלאַטשטיין זינגט:

„זיין אַפּאָסטאָל בין איך איבער דער וועלט געלאָפן,
און באַקערט יעדן איינעם וואָס כ'האָב געטראָפן,
אומעטום וואו כ'האָב געכאַפּט אַ קריסט,
האָב איך געשמדט אויף אַ מאָצאַרטיסט".

ס'איז נישט דעם דיכטערס שולד, וואָס דער לייענער ווישט נישט אויס די ברילן זיינע אויף צו דערזען, נעמט נישט אַרויס די וואַטע פון די אויערן אויף צו דערהערן; וועט ער עס טאָן, וועט ער דערזען דעם ליכטיקן, ברייטן וועג, וועט ער דערהערן דעם רוף פון זיין אייגענער מאַמען. אַזוי פשוט און פאַרשטענדלעך וועט עס זיין.

עס גייט דאָ נישט, פאַרשטייט זיך, וועגן דער עקוועליבריסטיק פון טייל דיכטער, פון אַריינוואַרפן אַ פראָפן אין אַ פלעשל, כדי אים דערנאָך מיט קונצן אַרויסנעמען: — „וואַרף נישט אַריין דעם פראָפן און באַווייז נישט קיין קונצן אים אַרויסצונעמען" — זאָגט מען אַזעלכע מיט רעכט, דאָס זיינען דיכטער, וואָס אָדער זיי זיינען כבד פּהס, אָדער זיי מאַכן נאָך, אָדער זיי זיינען אין דער בחינה פון בלעמען, וואָס האָט אויף זיך געזאָגט: „מחזה שדי יחזה נופל וגלוי עינים". ער האָט עפּעס געזען אָבער נישט קלאָר, ווייל מען דאַרף דאָך מאַכן אַ חילוק פון אַ דיכטער, וואָס זעט נאָר אַזוי און נישט אַנדערש, ביז אַזעלכע, וואָס איז נאָך נישט אויף אַזוי פיל רייף דערצו, נאָר ער מאַכט מיט די מאָדע. אַ חילוק פון אַ דיכטער, וואָס שרייבט:

„איך דאַוון צו דיר פון אַ שטומען סידור,
מיין טרויערדיקער גאָט".

(גלאַטשטיין: „פון מיין גאַנצער מי")

ביז געמאַכטער אומפאַרשטענדלעכקייט פון דיכטער, וואָס ער פאַרשטייט זיך אַליין אַזוי־פיל, ווי ער פאַרשטייט נאָר דאָס „נאָגעניש" פון די שפּאַנישע טרויעריקע ניגונים ביי אַן אָקסן־קאַמף, נישט מער; פון דער בלויז אין פלוג אומפאַרשטענדלעכקייט, אָבער אין אמתן אַזוי וואונדערלעך אַנט־פּלעקטע אַנטפלעקונג פון ריינער מאַריאַ רילקעס „די וויזע פאָן ליבע און טאָד דעס קאָרנעטס כריסטאָף רילקע" ביז אַ געמאַכטעכץ פון אַזעלכן, וואָס מיינט, אַז ער וועט אַריינפלעכטן אונדזער משוגע־געוואָרענע אַטאָם־צייט אינעם שם־המפורש פון זיין געקינסטלטער גיין אויף שטאָלצן.

איך דאַרף זיך גוט אויסטובלען פריער אויף צו זיין דער אַפּאָסטאָל פון אַזאַ דיכטער ווי ישראל שטערן. אָבער מיר גלוסט זיך אים דערמאָנען, ווייל ער געהערט צו די, וואָס אַז דו לייענסט, אַז מ'האָט לעצטנס געגעבן דעם נאָבעל־פּריז פאַר פּאָעזיע אַזאַ דיכטער (דווקא זייער אַ טאַלאַנטירטער דיכטער) ווי סאַלוואַטאָרע קוואַסימאָדאָ, דאַכט זיך דיר, אַז אין אונדזער יידישן פּאָעטישן ווייַנגאָרטן זיינען פאַראַן אַ גאַנצער צענדליק, וואָס זיינען נישט ווייניקער ווערט דעם דאָזיקן פּרייז, און איינער פון זיי איז זיכער ישראל שטערן, בלויז פאַר אַ דריי צענדליק זיינע וואונדערלעכע לידער. צו די, וואָס אויב דו הערסט ערגעץ אַ פאָנפע וועגן אומפאַרשטענדלעכקייט, זאָגסטו: „זיי מוחל, ליבער פריינד, שליס צו אויף אַ ווייל די ביזנעס דיינע, וואָסערע זיי זאָלן נישט זיין, נעם קוואַנטוס סאַטיס הימל מיט זיך און נעכ־טיקע טעג, און דערשפיר אַ טראָפּן, אַז דו ביסט איינזאַם, וועסטו אָנהויבן צו פאַרשטיין".

2

... ווייל איך און דו און ער, ליבער לייענער, בלייבן אַזוי אָפט אַליין... און מיר מעגן האָבן, ווי איוב, די זיבן זין און דריי טעכטער, און די זיבן טויזנט שעפסן און דריי טויזנט קעמלען, זיינען מיר באַרויבט, אַלץ האָבנ־דיק. און מיר זאָגן: „נאַקעט בין איך אַרויס פון דער מאַמעס בויך און נאַקעט וועל איך זיך אומקערן אַהין".

די וועלט גייט זיך איר גאַנג, און עס טוען זיך די טואונגען פון טעג, וואָס בענקען נאָך נעכט און נעכט וואָס חלשן נאָך טעג, געבעטן צי נישט געבעטן, — קומט דער פרילינג אויף אונדזער שוועל, און ווינטערס פאַרען זיך, ווי מאַמעס אַרום זייערע קינדער און דעקן איין אונדזער בענקשאַפט מיט ווייסן בעטגעוואַנד פון שניי — טאָ פאַרוואָס איז די וועלט אַזוי דער־שראָקן, און עס קלינגען אַלע גלאָקן, ווי עפּעס גאָר אַ באַעטנטער וואָלט אונדז מסוכן קראַנק געוואָרן, און דער ווינט, דער בונטאַר, איז אַזוי שטיל און עניוותדיק געוואָרן און בויגט זיך ניהעריק אַראָפּ צום טראָטואַר און עס מורמלען זיינע לעפצן "תפילה לעני כי יעטוף"... אַלץ וויל אונדז טרייסטן, אַלץ נעמט אונדז מיט גוטע רייד; די זון מיט אירע שטראַלן, און דער הימל מיטן בלוי, בריקעלעך אויף לויפנדיקע וואַסערן, און פידעלעך צעשפּילטע, וואָס האָבן אין זייער שפּיל אַ פאַנג געטאָן דעם סוד פון דער וועלט אויף אַ ווייל, און בילדער פון גרויסע מייסטערס, וואָס האָבן אַ טבע, אַוועקצולייגן דעם סוד פון דער וועלט אויף אַ טעלערל, אַ מיליאָן שיינע פרויען טראָגן אונדז אַנט־קעגן זייער שמייכל אויף אַ טאַץ ווי ברויט מיט זאַלץ, אַלץ וויל אונדז טרייסטן, נאָר מיר טרייסטן זיך נישט...

האָבן מענטשן אַ גאָט בעטן זיי צו אים, און אַז מען פלאָנטערט זיך ווי דער ווינט ערבֿ, קושנדיק פאַר איינזאַמקייט די דעכער און מען ווייסט שוין אַזויפיל, אַז מען ווייסט גאָרנישט, ווייל אָפּגעמעקט זיינען די ציפערבלאַטן פון קאָסמישן וועלט־זייגער און די ווייזערס וויזן גיכער צו אונדז אַליין, צו אונדזער טיפעניש, וואו עס ליגט פאַרבאַהאַלטן דער גרעסטער סוד פון אַלע סודות, דעמאָלט ווערט דיר, ליבער לייענער, אַזוי פשוט און פאַר־שטענדלעך ישראל שטערנס „תפילה פון אַ מענטשן בייטאָג":

„גראָד דעמאָלט, ווען איך הער דיינע טריט, הויכער טאָג,
און די פרייד צעוויקלט זיך ווי אַ פּאַן אין אַלע עקן,
און מענטשן ווילן נישט דאַווענען, ווייל זיי דאַרפן זיך נישט שרעקן;
גראָד ווען איך הער דיינע שפּרייזן, גרויסער טאָג,
וויל איך, אַז מיין תפילה זאָל זיין טיף און אָן אַ פעלער;
ווי דער געלעכטער פון די קינדער אויפן הויף;

וויל איך, אַז מיין תפילה זאָל זיין טרייסטנדיק און פרום,
ווי די לידער פון מיין שכן זיצנדיק אין וואַרשטאַט;
וויל איך, אַז אין מיין תפילה זאָל זיין אַזוי פיל הייליקייט
און געווינערײ
ווי אין דעם שפּרייזן פון אַ דיכטער דורכן צימער,
נאָכן אויספירן דעם אמת אין אַ ווערק״.

און מוזט ניט דווקא ראָמאַנטיש פרום זיין, לייענער מיינער, ווי עס איז געווען שטערן (וויפל מאָל האָב איך אים געזען אין תפילין דאַווענענ־דיק!) צו פאַרשטיין אָט דאָס בילד, פונקט ווי מען מוז ניט, ווי שטערן, דאָס גאַנצע לעבן קראַנק זיין אויף די נירן, חדישמווייז אָפּליגן אין שפּי־טעלער אויף אָנצושרייבן דעם נייעם תהילים פון אַ מאָדערנעם מענטשן, ווי עס איז ישראל שטערנס לידער־ציקל „פריילינג אין שפּיטאָל״, אַ ציקל, פון וועלכן מען קען אָן גוזמא אויסשניידן צען קוואַסימאָדאָס. אדרבא, לייענט איינמאָל און נאָכאַמאָל:

„וואָרן אויסגעפּיינערט וועט אַ שטאָט ביי די לעצטע שטיקער בלוט פון טאָג,
געוועלבער־טירן לייגן זיך צונויף, ווי שטילע הענט;
וואך און טונקל מאַכט דער מאַרק זיך אויף, קוקט צום ערשטן מאָל אַרויף:
עמעץ איז אין הימל שוואַך, ליגט אין ווייסן בעט און ברענט.
טרואָטואַרן פאַרשטעלן זיך דאָס פּנים און ציען זיך אַזוי — געהיימע וועגן,
ווער ס׳שפּאַצירט דערשפּירט אין האַרצן שווער און שאַרט זיך ביי די
שטומע ווענט,
ווייבער קריגן דערשראָקענע פינגער, טאַפּן צי האָבן די קינדער נישט קיין היץ,
מויערן לאָזן אַראָפּ די קעפּ, שטאָט בענקט, זי איז אין דער פרעמד...״

ווי פלעגט אַמאָל אין וואַרשע שלמה גילבערט זאָגן האַלטנדיק „פאַוסט״ אין זיינע הענט: — אַ קאָזע־בערדל? אַזוי האַרף מען שראַבן!...

איז וואָס איז דאָ אומפאַרשטענדלעך, ליבער לייענער?

דער אויסגעלייטערטער פערז גייט דאָ אַרום אין גינגאָלד, אין דער שיינקייט פון פאַרנאַכט און אין דממה דקה, און אויב דו פאַרשטייסט נאָך נישט — קוק אונטן דעם טייטש, ווייל ווי אין קרבן־מנחה סידור איז דער טאָג צונויפגעפּאָרעט מיט די פעלדער: אויבן — אַ תפילה און אונטן דער טייטש פון איר...

ריינייק אויס די ברילן, ליבער לייענער, וועסטו אַזוי פיל שיינקייט דערזען!

דער שיינער ליגן

איך איז גוט מיט „צוויי מאָל צוויי איז פיר?" ביי מיר איז צוויי מאָל צוויי אַכט־און־דרייסיק און ס'איז מיר אויך גוט.

איך רו נאָך אַלץ אין שאָטן פון שטרויענעם שיינעם שיינענדיקן שיער, ביים פעטער, דעם אָגראָדניק. טעג קומען ווי בהמות פון דער פאַשע באַלאָדן מיט פעטע אייטערס.

ס'איז מיין אייביקער זומער, מיין אייביקער שפעט־זומער. איך בין אַליין דאָס פאַפּיראָסל אין בלומען־בעכער.

איך הייב אויף אַ שאָטן, איך רוף אַהיים ביי די נעמען די גראָזן שלאָפן אויפדערנאַכט.

די מעשה דאַרף גאָרנישט קומען פון אַזוי ווייט, דאָרט וואו הימל און ערד שנירעווען די ליפן עמעצן אַ קוש צו געבן — פון דאָרט קומט די מעשה. פורן פאָרן אויסגעשפּאַנט פון פערד. קפיצת הדרך.

דער טויט איז באָענט צו מיר ווי גאָט אַליין, איך דערלאַנג צו אים מיט דער האַנט.

פיערן האָבן פאַרברענט מיינע שייערן, היינט קוק איך מיט אַ שפּאָק־טיוו צו די מזלות.

איך גיי אין אַ ווייסן פאַרטוך, גיי איך, און פאַרשרייב רעצעפּטן צו אַלע סודות.

כ'האָב אַרויסגעשאָסן אַ מיסיל צום ווענוס, איז ער אַראָפּ פון דרך הישר, האָב איך אים דאָ פון דער ערד אנהערטהאַלבן מיליאָנען מייל ווייט אַרויפ־געפירט אויפן גלייכן וועג.

איז מיר ווידער אומעטיק, ווייל אַלצאייגס בין איך אין קאָסמאָס נישט העכער ווי דער באַל, וואָס כ'האָב אַמאָל געוואָרפן איבערן פעטער, דעם אָגראָדניקס שיער.

ווייל דאָרט וואו די שפּראַך איז ליכט־יאָרן, וועלן מיר שטענדיק שטיין פאַרן גרענעץ: אָט, אָט, ווייטער איז גאָט.

מיר האַלטן אַזוי ווייט, און פון אונדזער באָענטסטן וועזן זיינען מיר דאָך ווי שיף פון שיף אין ים; מיר שרייען אַריבער פון גוף צו גוף. מיר קענען נישט זיין איינס. מיר בינדן זיך מיט ליבשאַפט, מיר ווערן זיך אָן.

מיר גיסן זיך אַריין איינער אין אַנדערן און מיר זיינען דאָך צוויי, צוויי גופים, צוויי באַזונדערע לעבנס, צוויערליי בלוטן, צוויערליי טויטן דערוואַרטן אונדז. קעגן סוד, וואָס רינגלט אונדז אַרום שטייען מיר אַליין — באַזונדערע שיפן אין גרויסע וואַסערן.

איז לאָמיר בעסער נאָכגיין דעם ניגון, זאָל ער אונדז פירן. ער זעט בלינ־דערהייט. מ׳זאָגט ער איז אַ נאַר; דער עולם הנגינה איז לעבן עולם התשובה, און ער שפּרינגט אַהין נישט אַריין.

ווייל איך נישט זיין קלוג ווי דער גראַם אין גוט־געמאַכטע לידער.

ווייל איך נישט זיין פאַרשטענדלעך. די גרעסטע אומפאַרשטענדלעכ־קייט הויבט זיך אָן דעמאָלט, ווען מען הויבט אָן צו פאַרשטיין.

ס׳האַלט זיך, ס׳קלעפּט זיך, זעסט דאָך, ברודער, אַלץ איז אויסגערעכנט ביז אַ סעקונדע — און דער גרויסער איינשטיין זאָגט, אַז ער פאַרשטייט נישט — גאָרנישט.

אָט דער טאַטע פון אַלע חכמות, וועלכע מיר דערגייען אַצינד, איז נאָך געווען אַ סך רעליגיעזער ווי פּלאַמאַריאָן, דער אַסטראָנאָם, אַ דור פאַר אים.

לאָמיך צוריק צום שיוער, צו מיין שיוער. איך וויל נישט שטאַרבן אויפן מאַרס, מיין וועלט איז מיר אויך צופיל מיט סודות.

יאָג מיר נישט די פאַרנאַכטן דורך ווי ניגונים אויף אַ קאַטערינקע, ווייל ס׳איז קיין צייט נישטאָ.

כ׳האָב צייט צו די שפּעט־זומערס. זאָלן זיי שטיין און שטיין ווי ביל־דער אויף אַ וואַנט „דאָרטן״. „דאָרטן״ זיינען מיר אַליין — אונדזער שאָטן, וואָס פּלאָנטערט זיך צווישן אונדזערע פיס — גרעסער פאַר אונדז, שטאַר־קער פאַר אונדז, לייקן מיר נישט אָפּ דעם שיינעם ליגן.

וועגן קליינע און גרויסע טעמעס

די קליינע טעמע בעבעך...

זי ליגט ווי אַ שטיק ביי זייטן־וועג און עס שטייען קליינע שרייבערס און פאַרקאַטשען די אַרבל זי אויפצוהויבן.

גרויסע שרייבערס רירן זיך צו קליינע טעמעס נישט צו, ביים הייני־טיקס טאָג. ס'איז עפּעס נישט אין דער מאָדע.

מען נעמט זיך צו הויכער פּראָבלעמאַטיק.

אַוועק די צייטן ווען אַלץ איז געווען פאַרקוקט אויפן ווינער וואַגאַבונד, פּעטער אַלטענבערג, וועלכער האָט געקליבן פּערעלעך צווישן מיסטן.

ווען ס'וואָלט זיך באַוויזן ביים הייניטיקן טאָג אַ נייער היינריך היינע מיט זיינע געניאַלע ליבע־לידער, וואָלט מען אים געפרעגט אַ כשרן חתונה־שיין אויף יעדער ליבע־דערקלערונג, אַזיסטן וואָלט מען אים פאַרשריגן פאַר אַ ביגאַמיסט...

קיינמאָל איז אונדזער ליטעראַטור נישט געווען אַזוי באַלעבאַטיש ערנסטלעך ווי היינט.

די קאָנפליקטן זיינען „אויסצוהאַלטן". אינטערעסירן וועלן זיי, ווייל אויסגעטראַכט האָבן זיי מייסטערס, אָבער קיין איינע פון זיי וועט נישט פירן צו קיין צו־טראַגישן סוף.

ס'וועט זיך שוין יאַקאָש ענדיקן בכי־טוב, ווען אפילו נישט — וועט מען זיך חלילה ס'לעבן נישט נעמען, און אַז מען וועט זיך יאָ נעמען ס'לעבן, איז מיט אַן איבעריקער דאָזע שלאָף־פּילן — ווי ס'זאָל זיך נישט מאַכן, זאָל מען קענען ראַטעווען... אָבער צי איז פאַראַן אַזאַ זאַך אויף דער וועלט ווי „קליינע טעמאַטיק?"

און צי איז טאַקע די אַזוי־גערופענע קליינע טעמאַטיק קליין?

זיינען טאַקע די מינדעסטע פּאַסירונגען אַרום אונדז נישט באַדייטנ־דיק? נישט פאַרכטיק?

אַ ביסל קאָנקרעטער:

מ'איז ביי אונדז מבטל לעצטנס קליינע, אַלטעגלעכע, אפילו אוניווער־סאַלע טעמעס.

ס'איז נישט קיין ניעס, ס'איז אַ גלגל־החוזר. איר געדענקט דאָך וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין פּאַריז אין די צייטן פון מיצקעוויטש. ווי די פּוילישע עמיגראַציע, נאָך 1831, האָט זיך באַצויגן צו דער אוניווערסאַלער טעמאַטיק פון יוליוש סלאָוואַצקיס שאַפונג: „אַ טעמפּל וואו קיין גאָט איז נישטאָ אין אים".

באַ, אפילו סלאָוואַצקיס מוטער אַליין האָט דאָך צוניִשט געמאַכט דעם זונס ערשטע צווי ביכער.

איז דער זון, וועלכער האָט פאַרגעטערט די מאַמען, געוואָרן פאַרצווייפלט און געוואָלט איר דווקא געפעלן וועדן מיט נאַציאָנאַלער טעמאַטיק, ווי די עמיגראַציע האָט געפאָדערט, און ער איז באַגאַנגען כמעט פּאַטעטישן זעלבסט־מאָרד מיט אַ ווערק, וואָס פאַר אַ טאַלאַנט, אַ שרייבער וואָלט עס געווען אַ געווינס, אָבער פאַר אַזאַ גאון ווי סלאָוואַצקי איז עס געווען אַ צוריקטריט.

היינט, אין הונדערט יאָר שפּעטער, ווייסן מיר, אַז „אַנהעלי״, „דער פאָטער פון די פּאַרפּעסטעטע״, „קאָרדיאַן״, „ליליאַ ווענעדאַ״, „אין שווייצאַריע״ שטייגן אַ סך איבער מיצקעוויטשן, וועלכער האָט אויסער „פּאַן טאַדעאוש״ און „קאָנראַד וואַלענראָד״ נישט אָנגעשריבן קיין איין ליד, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן צו דער אומפאַרגלייכלעכער שיינקייט, טיפקייט און וואָרט־מייסטערשאַפט פון סלאָוואַצקיס דערמאָנטע ווערק.

וועט איר זאָגן: נו, און די „קרימער סאָנעטן?״ איז די מעשה, וואָס דער דאָזיקער ציקל ביי מיצקעוויטשן איז גראָד אַן אוניווערסאַלער, אָבער ווי קומט דאָס אַלץ צו איין ליד סלאָוואַצקיס, ווי דער באַרימטער „הימן צום זון־אונטערגאַנג אויפן ים?״

אונדזער גרויסער דיכטער, דער קדוש, ישראל שטערן, גיט ערגעץ זייער אַ קלוגן ביישפּיל: „אַ קינד — שרייבט ער — לערנט די מאַמע גיין אויף זייער אַ קליינעם שטח, אַ צווי אַרשין פונעם פּוסבאָדן. שפּעטער ווערט עס הערוואַקסן, און קען שפּרייזן גאַנצע מיילן״.

דאָס פּאַטעטישע וואָרט לערנט אונדז גיין, לערנט אונדז אויפשטעלן זיך אויף די פיס, דאַרף מען נישט דווקא קיין ביר־יאַרקער „טרואוועי״ אויף צו לערנען אונדז גיין...

און וואו איז ער אַליין, ישראל שטערן, צום מייסטן שטאַרק, אויב נישט אין זיינע שפּיטאַל־לידער?

און זיין „אפרים גאָלדברוך״, דער נייער משה לייב פון סאַסעוו, מיט וואָס איז שטאַרק? ווייל דאָרט דערהויבט ער אָרעמיקע קלייניקייט, פון וועלכע ער שאַפט פּרעכטיקע בילדער, און אַלץ צוזאַמען שאַפט דאָס דאָזיקע אַלטרואיסטישע ווערק. אפרים גאָלדברוך גלאָצט נישט מיט די אויגן צום הימל און זאָגט נישט איבער קיין סתרי־תורה, די גרויסקונסט באַשטייט אין אים, וואָס ער איז איינגערעמט אינעם ערדישן אָרום ווי אַ גרויס־אַרטיקער פאַרטרעט. ער איז אַרויסגעוואָרפן פון דער ריינער שטוב ווי „אַ פליג פון אַ גאָלדן גלאָז טיי״, „העכער קושן זיך, באַרירנדיק זיך קוים״. און דער סאַמע עיקר — וואָס דער גרויסער פּאָעט האָט אויסגעשניטן פון זיין אייגן פלייש אָט דעם העלד. אין אים זיינען פאַראַן די ליידן און ראַנגלענישן פון דיכטער, אפילו זיין פיזישער פּיין און עלנט.

אַלע ווייסן, אַז דעם גרויסן פוילשן מאָלער, יאַן מאַטעיקאָס ווערק „די לובלינער אוניע" איז אַ ריזיק ווערק; עס שפּאַצירן אַרום אין גרויס פּיי־ערלעכקייט בערך הונדערט מענטשן אויפן לייוונט, אָבער נעמט יעדן איינעם פון די פּנימער, פֿאַרמאָגט ער דען אין זיך כאָטש אַ צענט־חלק קאָסמישן סוד פון, אין אויסערלעכן פֿאַרנעם קלייניקן, בילד לעאָנאַרדאָ דא ווינטשיס „מאָנאַ ליזאַ דזשאָקאָנדא?" צי זינגען יענע פּנימער, ווי אין דזשאָקאָנדאַ, הללויה צום אייביקן געהיימניש פון דער קאַץ און מויז שפּיל — פון לעבן און טויט אַרום אונדז?

אין יאַן מאַטעיקאָס אַ פּייזאַזש האָט איר צען מאָרג פעלד, און אַזויפּיל שטח וואַלד, און טאָפּלט אַזויפּיל הימל און דריי מאָל אַזויפּיל טאַלאַנט, אָבער דאָס אַלץ קען מען דען פֿאַרגלייכן צו לעוויטאַנס אַ קליין בילד „בלע־טער־פאַל?" ביי לעוויטאַנען טוט זיך דאָך אויפן בילד ווי ביי נעילה אין בית־מדרש! הערט איר נישט די יללות? מען רייסט זיך דאָך אַריין אין ארון קודש! און דיביימער בויגן דאָרט אויס די קעפּ אויף צוריק, ווייל זיי ווילן נישט זען די גסיסה פון זייער קינד, און ווער האָט עס פּלוצעם פֿאַר־דעקט די שפּיגלען?...

איך וויל מען זאָל מיך פֿאַרשטיין: נישטאָ קיין גרויסע טעמע און קיין קליינע טעמע, ווייל ס'איז פֿאַראַן פּאָעטישע פּערזענלעכקייט, וואָס קען קליינע זאַכן דערהויבן צו גרויסקייטן. אויף איבערצוגעבן דעם גרויל פון וואַרשעווער געטאָ דאַרף מען נישט דווקא מאָלן דעם ייד, וואָס וואַרפט זיך אַראָפּ פון אַ ברענענדיקן מויער; נישט קיין קלענערן איינדרוק מאַכט אויף מיך דאָס ליד פון אַ ליידיק־איבערגעבליבענער צעפּלינדערטער שטוב, נאָכדעם ווי מ'האָט דאָס הויזגעזינד אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע, און דאָס צעשטראַלטע פּנים פון אַ קינד, וואָס האָט ערגעץ צווישן מיסט געפונען אַ צעפוילטן מייער.

מיר זיינען שטאָלץ מיט די גרויסע ווערק און די גרויסע טעמעס, מיט וועלכע אונדזער ליטעראַטור איז רייך. אָבער צי שטורעמט איך נישט אויף אַזאַ קליין פראַגמענטל פון משה לייב האַלפּערן:

„גלוסט זיך מיר צו זיין אַ טאַטע,
מאַך איך קינדער מיר פון וואַטע,
מייטקעס מאַך איך זיי פון סאַמעט,
און איך דינג זיי אַ מלמד.

גיב איך אים שכר־לימוד קנעפּלעך,
לויבט ער זייערע גוטע קעפּלעך,
ווינט דאָס קינד: עס וויל אַ מאַמען,
ווין איך מיטן קינד צוזאַמען..."

אָט אין דעם שפּילעוודיקן לידל האָט איר, מער ווי אין גרויסע פּאָ־עמעס, דעם גאַנצן טראַגיזם פון אַן איינזאַמען מענטש. בויטיקט זיך דאָס ליד אין קאָמענטאַרן?

יעדער גרויס נאַציאָנאַל ווערק איז אוניווערסאַל נאָר דעמאָלט, ווען דער פּאָעט הויבט זיך אויף איבער זיין פאָלק. איך וויס נישט, צי עס האָט געפעלט העגריק שענקעוויטשן טאַלאַנט. געוויס נישט. אָבער זיינע ווערק וועלן געלערנט ווערן בלויז אין פוילישע שולן. דאַקעגן וועט מען ל. נ. טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום" לייענען אין דער גאַנצער וועלט, ווייל דאָרט זיינען פאַראַן אַלמענטשלעכע מאָמענטן. אָבער „אַנאַ קאַרעניניאַ" איז נאָך אַ גרעסער און טיפער ווערק ווי „מלחמה און שלום", און די פיל קלענערע נאָוועלע „דער טויט פון איוואַן איליטש" איז נאָך טיפער און גרעסער.

חיים נחמן ביאַליק, אונדזער גרעסטער נאַציאָנאַלער פּאָעט נאָך ר' יהודה הלוי, איז גרויס, נישט דעמאָלט ווען ער רעדט ווי אַ נביא, נאָר ווען ער דערהויבט זיך צו אַלמענטשלעכקייט („בעיר ההרגה", „זוהר", „אם יש את נפשך לדעת", און אַנדערע). זיין געניאַלע מייסטערשאַפט ווייזט ער אַרויס דווקא אין זיינע קליינע לידער.

***

איך האַלט נישט, אַז אונדזער יידישע ליטעראַטור גייט צום שלוס, עס וועלן נאָך פיל ווערק געשריבן ווערן. דער קיום פון אונדזער פאָלק איז איין נס, און דער נס קען געשען, אַז מיר זאָלן נישט זיין די לעצטע צו שרייבן יידיש. ווי עס זאָל נישט זיין, וועט פאַר די קומענדיקע דורות בלייבן נישט בלויז די גרויסע און פּאַטעטישע טעמע, נאָר אויך די ווערטפּול־קליינע, וואָס וועט ווי אַ בריליאַנט אַרויסשיינען פון דער פאַרגעסנקייט.

דאָס אונטערזאָגן טעמאַטיק דערמאָנט אין יענעם לאַנד, וואו אַ גרויסע ליטעראַטור איז חרוב געוואָרן, ווייל מ'האָט דעם שרייבער איינגעשפּאַנט אין „גרויסע" בויאונגס־טעמעס מיט מעטאָדן פון דעם אַזוי־גערופענעם „סאָציאַליסטישן רעאַליזם". איך שטעל מיר פאָר ווי גרויס עס דאַרף זיין דער טאַלאַנט פון די דאָרטיקע שרייבערס, אַז נאָך אַלעמען קען מען נאָך לייענען מיט אינטערעס די ווערק פון אַ ווערא פּאַנאָוואַ („קרוזשיליכאַ" און אַנדערע), קאָנסטאַנטין פעדין („ניע אָביקנאָווענאַיע ליעטאָ"), איבער־הויפּט די ווערק פון פּאַוסטאָווסקי, יורי אַליאָשאַ, פּאַנטעלעי ראָמאַנאָוו.

„די פרייד פון יידישן וואָרט" *)

פרייד פון יידישן וואָרט וועט זיכער יעדער יידיש־לייענער האָבן לייענענדיק יעקב גלאַטשטיינס לעצט בוך אונטערן זעלבן נאָמען.

דער וואָס איז געטריי און האָט ליב יידיש, וועט קלייבן נחת פון גלאַטשטיינס וואונדערלעכע שפּראַך־חידושים. בישטאָ אינעם איבער 200 זייטיק לידער בוך קיין איין ליד, וואָס זאָל נישט בליצן מיט שפּראַך־איינפאַלערישקייט. איך האָב אין מיין נאָטיץ־ביכל לייענענדיק אָנגעצייכנט צענדליקער, צענדליקער בייע ווערטער־קאָמבינאַציעס. ביי גלאַטשטיינען איז די יידישע שפּראַך דערפירט געוואָרן צו אַזאַ בויגעוודיקער עשירות, אַז אפילו דער לייענער, וואָס וועט נאָך דאַרפן אַ טראָפּן רש"י, אויף צו פאַרשטיין דאָס גאַנצע עמקות און שיינקייט פון גלאַטשטיינס לידער, וועט דערוויל שוין האָבן הנאה בלויז פון יידישן וואָרט זיינעם, וואָס איז דערפירט צו ווירטואָזיטעט. וואָס שייך די לידער אַליין, זיינען זיי ווייט נישט קיין פריילעכע. אַ טיפער רעזאָנירנדיקער טרויער גייט אויף פון יעדן איינעם פון זיי (אויסער פון עטלעכע געניאַלע פאַבלען און סאַטירעס).

דער גרויסער פּאָעט און פילאָזאָף לעבט אין אַ תקופה, אין וועלכער עס קומט אויס צו מאַכן אומעטיקע סך־הכלען, אינדיווידועלע, נאַציאָנאַלע און כלל־וועלטלעכע. סיי דאָס אָפּשטאַרבן פון זיינע נאָענטע חברים פּאָעטן, אַזעלכע ווי דער גרויסער יידישער פּאָעט י. י. סיגאַל און אַנדערע, סיי די יידישע טראַגעדיע, דאָס פאַרשניטן ווערן פון אַ דריטל פון פאָלק דורך די היטלעריסטן און זייערע מיטהעלפער ימח שמם; דער וויטיק הערפון, וואָס איז נישט פאַרשטילט געוואָרן דורך די צוויי צענדליק יאָר, נאָר איטערט אין זיין בלוט; די שרעק און אומזיכערקייט פונעם היינטיקן מענטשן, וואָס לעבט אין אַן עפּאָכע, ווען עס עקספּלאָדירן 500 מעגאַטאָן באָמבעס און דראָען אויפצורייסן אַלע קולטור־גיטער פון דער מענטשהייט פאַר אַלע דורות. דאָס אַלץ הערט איר אין די ליריש־געדעמפּטע קלאַנגען פונעם מאָדערנעם איוב. דער מאָדערנער איוב שרייט נישט:

„דער טרייסט־עול ליגט פילפאַך היינט
אויף די פלייצעס פון די פריינד.
איוב רעדט שוין גאָרניט,

---

*) יעקב גלאַטשטיין: „די פרייד פון יידישן וואָרט", לידער. פאַרלאַג: „דער קוואַל", ישראל לאַנדאַן, ניו־יאָרק, 1961.

ער באַגעגנט אונדז שטום מיט טיפֿן פֿאַרנויג
און וויינט מיט אַן אויסגעקרומטן
און פֿאַרטרערט אויג". (זייט 21)

די קלוגע, טיפֿזיניקע מעדיטאַציעס איבער לעבן און טויט, איבערן גורל פֿון יחיד און כלל זייַנען איינגעהאַלטן שטיל, אָבער עס הערט זיך פֿון זיי תנ"כישע קלאַנגען, מעגן אַט די קלאַנגען געהערן צו דער סאַמע ראַפֿינירסטער מוזיק פֿון אונדזער (אפֿשר לעצטן!) צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

כ'האָב אויבן געזאָגט, אַז יעקב גלאַטשטיין איז זייער טיף און בויטיקט זיך טיילמאָל אין אַ פּירוש, אָבער פֿאַרוואָס קענען מיר זיך דערלויבן צו לערנען ספֿר „איוב" איין שורהלעך תוכן און גאַנצע זייטן פּירושים פֿון אַ פּראָפֿעסאָר טורטשינער, קאַסוטאָ אָדער ש. ל. גאָרדאָן און צענדליקער אַנדערע?

עס לוינט זיך, כ'לעבן, די דיכטונג, ווי די מאָלעריי, ווי די מוזיק, שטייט נישט אויף אַן אָרט. אין דער מאָלעריי האָלטן מיר ביי פּיקאָסאָ און שאַגאַל, אין דער מוזיק — ביי סטראַווינסקי, פּראָקאָפֿיעוו, שאָסטאַקאָוויטש. עפּעס איז דאָך פֿאָרגעקומען אין אונדזער צייט, און אַ פּאָר מיליאָן פּאָעמעס און לידער זייַנען ביז אונדזער פּאָעט אָנגעשריבן געוואָרן, און ס'איז נאַטירלעך, אויב אַ דיכטער מיט אַזאַ קאָלאָסאַלער, אַלגעמיינער און פּאָעטישער קולטור ווי יעקב גלאַטשטיין זאָל וועלן האָבן זייַן באַזונדער קול, וואָס זאָל נישט זייַן ענלעך צו קיין איין פּאָעט ביז אים. אמת, מען דאַרף אַמאָל „צולייגן קאָפּ" צו גלאַטשטיינס אַ ליד, אָבער ס'איז כדאי.

הערסטו דאָך, ליבער לייענער, אַ סך, אַ סך מאָל אַ סימפֿאָניע אָדער „קאָנטשערטאָ" פֿון אַ גרויסן קאָמפּאָזיטאָר איידער דו נעמסט אויף די פּאַרכטיקע שיינקייט פֿון אים, טאָ הער זיך איין איינמאָל און נאָכאַמאָל אין אַזעלכע שורות ווי:

„די מאַמע פֿון אַלץ, וואָס לעבט איז געשטאָרבן,
זי באַקלאָגט זיך ניט,
ווייל אַלץ וואָס לעבט נעמט זי מיט.
דאָס איז דער סוד פֿון סוף,
גיין צו דער מאַמען איז ניט קיין שטראָף". (זייט 34)

יעקב גלאַטשטיק געהערט צו די פּאָעטן, וואָס עפּענען נישט אויף גלייך דאָס האַרץ פֿאַר יעדן איינעם, הערציילן נישט אַרויס וואָס סע טוט זיך טאָן ביי אים במסתּרים, אָבער אַז איר לייענט זיך אַ סך אַריין אין אים, זעט איר, אַז יעדער שורה האָט אונטער זיך דעקונג פֿון טיפֿע איבערלעבונגען, און אַז ביי אים שלאָגט דאָס האַרץ העכער ווי ביי אַ סך, וואָס טראָגן זייער נשמה אַרום אויף אַ טעלערל.

ווער עס האָט אַן אויער, וועט הערן מוזיק אפילו אין די נישט־גע־גראַמטע שורות פון גלאַטשטיינס לידער, און בילדער וועט ער שעפן פשוט עמערוויין. וויפל קלאַנג און בילד צוזאַמען פלאַטערן אַרום אין אַזעלכע שורות ווי:

„אויף יענער זייט בריק
שרעקט מיך נאָך אַ ביסל
אַ משונהדיקער בוים, אַ פאַרדאַרטער, אַחוץ
פון אַן איינציקן טרויעריקן פויגל". (זייט 23)

אָדער:

„קליינע הינער און הענער
זוכן מיט יונגע אויגן און שאַרנדיקע טריט
קערנער חיונה אין אַ בלענדעניש פון אַנאַנסן־סטויגן
אין אַן אָפּאַטישער צייטונג,
באַפליגפלעקט מיט געלעגנהייטן אין פעטיט".
(„אין סאַבוויי")

אָבער גלאַטשטיינען גייט נישט בלויז אין זיין אָריגינעל. צו זיך אַליין זאָגט ער ווי אַ דעוויז:

„זאָל דיר פון די גרעסטע תענוגים זיין ליבער
דער פאַרחלשטער הונגער
צו ווערן דער אליהו
פאַר קליינע, טרויעריקע יידישע שטיבער". (זייט 63)

ביי אים איז זיין אָריגינעל בילד, זיין איינציקאַרטיקע מוזיקאַלישקייט, נישט קיין מאַניר, נאָר זיין גאַנץ וועזן. אַזוי זעט ער און אַזוי הערט ער. וואָלט איך וועלן גלאַטשטיינען ציטירן און ציטירן, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז ער אַליין איז זיין בעסטער טייטש. לאָמיר כאָטש נעמען פון צענדליקער אַנדערע וואונדערלעכע לידער נאָך איין סטראָפע פון אַן אמת גרויס ליד, דאָס איז דאָס ליד „תפילה", אויף זייט 168):

„מיר קענען אפילו ניט דעם אלף־בית פון קדושה,
וויפל טויזנטער לעבנס דאַרף מען כדי
זיך צו דערטראַכטן צום פוסבענקעלע
פון דיינס אַ שמייכל?
כ׳דאַוון צו דיר פון אַ שטומען סידור
מיין טרויעריקער גאָט".

***

בישטאָ כמעט נאָך אַ פּאָעט, וואָס זאָל זיך לאָזן אַזוי אָריגינטייטשן און אויסטייטשן און ברענגען ציטאַטן פון אים ווי גלאַטשטיין. ער איז פול מיט געדאַנק אפילו אין אַזעלכע לייכטערע לידער ווי „דער נביא“, אָדער „אַ ידענע מיט אַ שווער געמיט“. מען דאַרף אים לייענען און אַריינלייענען זיך אין אים. עס לויגט זיך בפירוש. דער פאַרגעניגן קומט מיטן לייענען. ס'איז אַ גרויס פּאָעטיש ווערק! אַ טיפזיניק, אָריגינעלע, הייַנטצייטיקע סימפאָניע!

דאָס בוך איז ממש אַ קונסט־אויסגאַבע מיט זייער געלונגענע אילוס־טראַציעס פונעם קינסטלער, בנימין קאַפּמאַן.



יעקב גלאַטשטיין דער עסייאיסט

יעקב גלאַטשטיין: „מיט מיינע פאַרטאָג ביכער" י. ל. פּרץ פאַרלאַג, 1963

כ'האָב מיט אַ צייט צוריק דערהאַלטן דאָס בוך „ביאַליק היה אומר", אַן אויסקלייב פון ביאַליקס טייערע זאָגענישן אין זיינע אַרטיקלען, געאָרדנט אין קליינע לויטן אלף־בית אויף פאַרשיידענע טעמעס.

אַז מען לייענט יעקב גלאַטשטיינס עסייען טראַכט זיך אויך, אַז אומ־אָפּהענגיק פון די עסייען און רעצענזיעס קען מען צונויפשטעלן אַ גרויס בוך, אַ מין ילקוט גלאַטשטיין פון געדאַנקען אויף פאַרשיידענע טעמעס, גע־דאַנקען מיט דויערהאַפטיקייט, געדאַנקען וואָס שטייען אַליין אויף די פיס, אומאָפּהענגיק פון גלאַטשטיינס כישוף פון וואָרט שאַרם, — אַ שאַרם, מיט וועלכן מען האָט מיסתמא געבליצט וועגן ליטעראַטור אין די קלאַסישע סאַלאָנען.

פאַראַן עסייען וואָס זיינען פשוט פּאָעזיע און פּראָזע. נעמט למשל דעם אות „כ" כנסת־ישראל, ילקוט גלאַטשטיין זאָגט דערויף צווישן אַנדערן: „אויב כנסת־ישראל איז פאַרלאָמענט גייט אויף דורך די כשרע טרערן פון דער מוטער רחל אונדזער תחית המתים, אַלע אונדזערע סימבאָלן שטייען אויף, גייען אַרויס פון די ספרים און הייבן אָן לעבן. דאָס ליכט גייט אויף איבערן לאַנד, דאָס ליכט פון אַ גרויסער קדושה וואָס שטראַלט פון אַזויפיל מיליאָנען טויטע, אנשים בשים וטף: פון אַזויפיל טויטע פלייצעס וואָס האָבן אַקסל צו אַקסל, אַקסל, אויף אַקסל געקלעטערט, געקלעטערט העכער, ביז זיי זיינען געוואָרן די בריק פון כנסת־ישראל צו הקדוש ברוך הוא" און אַזוי ווייטער.

אָדער נעמט דאָס אות „ג":

איר קענט ביי גלאַטשטיינען געפינען וועגן דעם אין דעם אויסגעצייכנטן מאמר „משיחס בריק": „די שנאה צום לאַנגן און ברייטן גלות אונדזערן איז אַ שנאת חינם ספּעציעל אין אונדזערע טעג, ווען דער גלות איז פּלוצעם דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַן אמתן חוץ לארץ, וואָס איז בישט בלויז אַ פראַזע פון גלויבן נאָר בפירוש אַ געענטפערטע תפילה פון דורות, מיר האָבן אַן ארץ־ישראל און מיר פאַרמאָגן נאָך אַלץ אַ גרויסן חוץ לארץ. ...דערפאַר וואָלט מען געמעגט אויפהערן וואַרפן שטיינער אויפן גלות פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט און אויף די איצטיקע תפוצות וואָס צוזאַמען שטעלן

זיי מיט זיך פאַר — יידישע געשיכטע. אין גלות איז מיט אונדז געווען דער רבונו של עולם, אונדזערע זיידעס און טאַטעס האָבן זיך מיט אים דורכגע־שמועסט טאָג־טעגלעך נישט ווי מיט אַ ווייטן הימל־באַוואוינער נאָר ווי מיט אַ טאַטע־פאָטער וואָס איז געווען מיט יידן אין גלות".

יוד. יום־העצמאות (זייט 24): „דער יום־העצמאות איז נישט קיין ווייטע פאַרלאָפענע און אָפּגעקילטע געשיכטע נאָר וואַרעמע, לעבעדיקע, יונגע און ערשט מקוים געוואָרענע געשיכטע. ס'איז אַ טייל פון מיין לעבן, וויל מיין לעבן איז אַ ניצוץ פונעם באַנייטן לעבן פון מיין פאָלק. אַלע אַלטע ימים־טובים זיינען געווען אַ טייל פון מיין גלויבן. דער נייער יונגער יום־טוב איז אַרויסגעוואַקסן פון דער טראַגישער ביאָגראַפיע פון אַ דור. ער איז דערפאַר אַ טייל פון מיין ביאָגראַפיע. אַלע יידן האַרפן זיך שפּירן ווי זיי זיינען דערלייזט געוואָרן פון מצרים, אָבער די נייע דערלייזונג דאַרף אויך נישט שפּירן, זי איז געשטאַנען, ווען מיר, יידן האָבן די דערלייזונג אָנגע־הויבן בלעטערן פון סאַמע ערשטן בלעטל פון אַ נייעם גאַנג, תרשבים וואָס איז דער גילדענער המשך פון אונדזער איינגעעלטערט לעבן".

קורץ: אין איין בוך פון זייטע ביכער עסייען קענט איר צונויפשטעלן אַ גאַנצע ענציקלאָפּעדיע פון געדאַנק אויף די פאַרשיידנסטע טעמעס, אויף געשיכטע, קונסט, ליטעראַטור.

איך טרייב נישט איבער. איך וויל באַצייכענען גלאַטשטיינס פובליציסטיק מיט די עפּיטעטן זיינע אויף זייט 16:

„ער האָט געהאַט אָפענע אויגן פאַר דער גאַנצער וועלט ווי זי האָט געשאַפן טאָג־טעגלעכע געשיכטע אין זיין צייט, וויל נאָך אַלע טייטשן איז דאָס די בעסטע דעפיניציע פון גוטן זשורנאַליזם, אָבער צוזאַמען מיט דער אַל־זייטיקייט פון זיין גוטער זשורנאַליסטישער דורכדרינגלעכקייט און מיט זיין פאַרשטיין די פשוטע מעכאַניק פון פּראָפעסיאָנעלער צייטונגס־אַרבעט, האָט ער אויך פאַרמאָגט אַ לירישע ווייכקייט וואָס האָט דעם אויסגעצייכנטן פּראָ־פעסיאָנאַל אָפּט געגעבן פליגל אפילו צו טאָן מיט אַ זאַג און אפילו פאַר־אויסזאָג... ער איז אויך געווען געבענטשט מיט דער פיאיקייט צו שאַפן גוט־דורכגעלעבטע פּראָזע וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון, ער האָט געקענט שאַפן ציטירלעכע זאָגן..."

די דאָזיקע ציטירלעכע זאָגן קענט איר טרעפן ביי גלאַטשטיינען נישט נאָר אין זייטע עסייען ווי די עסיי „יידיש־לשון, יידישע חכמה — יידישער תיקון" נאָר אויך אין אַ פשוטער רעצענזיע וועגן אַ שרייבער.

אויסער איינגעבוירענע חכמה, דערוואַרבענע קולטור, שיינקייט פון וואָרט און נייעם נישט טראַפאַרעטן, געדאַנקען־בליץ, האָט איר שטענדיק ביי אים וואָס נאָכצוזאָגן. פאָלג מיר אַ גאַנג צו ציטירן פון אַ בוך וואָס פאַרמאָגט קנאַפּע 600 זייטן, מען דאַרף דאָס בוך לייענען, מען קען דאָס שטענדיק ליי־

ענטען און עס וועט זיין הערויף דער פרישער טוי וואָס אויף אַ פרוכט ווען זי איז נישט אָפּגעריסן פון בוים.

מען האָט הנאה הערפון כאָטש נישט שטענדיק איז מען מסכים מיטן טאָן און מיט דער אָפּשאַצונג.

יעקב גלאַטשטיין האַלט זיך נישט שטענדיק ביי איין מיינונג. אַ ביי־שפיל קען דינען זיין עסיי איבער מאָריס ראָזענפעלדן, מיט אַ פופצן יאָר צוריק האָט גלאַטשטיין זיך אַ סך נעגאַטיווער אויסגעדריקט וועגן מאָריס ראָזענפעלדן ווי אין דעם עסיי וואָס גייט אַריין אינעם באַנד „מיט מיינע פאַרטאָגיקע ביכער", אָבער ביידע מאָל זיינען די עסייען טשיקאַווע און פיין געשמועסט און גייסטרייך.

איך וואָלט נישט געמשפט מיט אַזאַ האַרבקייט משה שולשטיין, כאָטש אַ סך שטעלן און טענות פון גלאַטשטיינען זיינען באַרעכטיקט, שוין בלויז די טענה צו דעם צו ווייכלעכן נאָמען פונעם בוך „בלומען פון באַדויער". שולשטיין האָט אין זיין צייט וועגן גלאַטשטיינען געשריבן אַ סך שאַרפער, אָבער שולשטיין האָט שוין לאַנג דורכגעוויטיקט זיינע (אײדל גערעדט) נישט קאָרעקטע ווערטער און יעקב גלאַטשטיין איז צו גרויס ער זאָל זיך דערמיט רעכענען. שולשטיין האָט באַוויזן, אַז ער קען מקריב זיין אַלץ פאַר זיינער אַ געענדערטער מיינונג; ער איז פון זייער אַ גוט־באַצאָלטן פאָסטן אַוועק אין פאַבריק אין די מיטעלע־יאָרן צו ווערן אַ פשוטער שניי־דער כדי נישט צו זיין אָפּהענגיק. צו אַזעלכע מוז מען האָבן איינזעעניש. יעקב גלאַטשטיין קען איבערצייגן מיט זיין מיינונג וועגן אברהם מאָרעווסקיס ביכער, אָבער מיט אַזעלכע ווי מאָרעווסקי מוז מען אַ ביסל ווייכער מאַכן דעם טאָן, ווייל ס'איז פאָרט מאָרעווסקי. איך האָב פערזענלעך געזען מאָרעוו־סקיס מוטיקייט סיי אין סאָוועטנפאַרבאַנד סיי אין פוילן.

יעקב גלאַטשטיין איז נישט דער איינציקער אין זיין נעגאַטיווער מיינונג וועגן חיים גראַדעס בוך „די עגונה", פונקט ווי עס איז פאַראַן אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט אַ מחנה אָנהענגער, צווישן זיי אַזאַ גרויסע רע־ליגיעזע פערזענלעכקייט ווי דר. קויפמאַן, און אויב אַזאַ פרומער ייד ווי דר. קויפמאַן זעט נישט קיין שלעכטס אין „די עגונה" און גלאַטשטיין טרעט אַזוי שאַרף אַרויס, געשעט דאָס זעלבע ווי מיטן ליד ביי מאיר שטיקער וואָס גלאַטשטיין האָט עס געלויבט און אברהם טאַבאַטשניק האָט עס אַראָפּגע־ריסן: דער לייענער זוכט דעם מיטלוועג.

גלאַטשטיין קען נישט זיין פאַרעווע, דאָס איז זיין רעכט און קיין דריי־סיק־יעריקן קריג דאַרף מען מיט אים הערפאַר נישט פירן, אָבער פאָרט זיינען דאָ נעמען וואָס זיינען איינגעגעסן אין אונדזער געמיט פון דער פריער יוגנט אָן און עס וואָלט זיך נישט געוואָלט הערן דער האַרבער טאָן, וואָס טוט אַזוי ווי ווי למשל וועגן א. מ. פוקסן.

עס האָט בשעתו ווי געטאָן זיין אַרטיקל וועגן „ביראָ בידזשאַנער ענין". איך האַלט פֿערזענלעך אויך, אַז מיינע „לידער צום קינד" אין מיין בוך „איך ניגון איינגעהערט" זיינען נישט ערגער ווי דער ערשטער ציקל לידער פֿון וועלכע גלאַטשטיין האַלט אַזוי.

איז דעריבער ?

אַ קריטיקער מוז נישט זיין שטענדיק גערעכט, ער דאַרף נאָר קענען פֿאַרשטיין און אויף זיין אופֿן געבן צו פֿאַרשטיין דעם לייענער, אים פֿאַר־אינטערעסירן נישט לאַנגווייליקן. און שענער און בעסער אויסטייטשן זאַכן, געשעענישן, אַריינבלאָזן אַ נשמה, אָנוואַרעמען, לעבעדיק מאַכן ווי יעקב גלאַטשטיין טוט עס אַזוי פּאָעטיש־מייסטערהאַפֿט איז זעלטן ביי אונדז צו טרעפֿן.

ווען וואָרט ווערט מוזיק

(וועגן „אַזוס" פון אברהם סוצקעווער)

אונדזער וועלט איז כולו סוד, אַלץ איז אויסגעמישט איינס מיטן צווייטן. אַלץ האָט מיטן צווייטן אַ בלוטיקע קרובהשאַפט און טיפע שייכות. דער מענטש האָט עפּעס פון אַ בוים; „כי האדם עץ השדה", און דער בוים איז אַזוי טראַגיש ווי דער מענטש; נישט נאָר אין האַרבסט, ווען אַלץ אין בוים וויקט, נאָר אפילו אין פרילינג, ווען ער פאַרגייסט דעם שיינעם קאָפּ זיינעם צום הימל מיט פרישע בליעכץ און זינגט זיך וויס געזאַנג.

פאַר וועמען צירט זיך אַזוי דעם בוים? וועד דאַרף עס קומען? און די מיליאַרדן, מיליאַרדן געבוירטן און טויטן, וואָס קומען פאַר אַרום אונדז יעדע רגע, וועד וועט זיי באַשיידן? מיר זיינען טאָג־בוכהאַלטערס, מיר סומירן: רגעס, שעהען, טעג. גלייכט זיך ביי אונדז נישט דער באַלאַנס, עמעץ מוז אוודאי פירן דעם קאָסמישן חשבון און ביי אים גלייכט זיך יאָ; „אתה זוכר מעשה עולם", האָבן מיר אַ גרויסע פילאָזאָפישע תפילה אין די ימים נוראים. דו געדענקסט אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען. עפּעס בלייבט אויף שטענדיק פאַרקריצט אין קאָסמישן זכרון, אפילו דאָס פאַרטריקנטע בלעטל, וואָס לויפט מיטן ווינט, אַנטלויפט ווי אַ מייזעלע פון שרעק פאַרן גאַרבישט ווערן. אפילו די שיינקייט פון פאַרנאַכטן אין ערטער וואו מענטשן זעען זיי נישט, ערגעץ אין טיף פון וועלדער, וואו קוועלעכלעך שורשן נישט געהערט פון קיינעם.

איז עס דאָס מסתמא די שיינקייט פון פרויען, וואָס גייען אַרום און ווייסן אַליין נישט, אַז יענע וואונדערלעכע האַרמאָניע פון זייערע פּנימער אַנט־לויפט ערגעץ יעדע רגע, און ציט זיך צו איר שורש, צאַפּלט ממש ווי אַ פייגעלע אין געפּענגעניש. ווייל וועד זיינען די טרעגער פון דער דאָזיקער שיינקייט? זיי רעדן אַזעלכע נאַרישע רייד, קייען שאָקאָלאַד און זיינען אַזוי קליין! און די שיינקייט זייערע איז אַ וועלט פאַר זיך, אַ הימל, וואָס עפנט זיך ווי אַן אינטערעסאַנט בוך מיט שיינע געדאַנקען, אַ שיר השירים מיט קהלת צוזאַמען, אַ בענקשאַפט פון אַנגעצונדענע טייכן מיט פאַרנאַכט, ווען דער הימל רעדט זיך איבער מיט דער ערד אָן אַ מלאך און אָן אַ שליח. שיינקייט!

זי אַנטפּלעקט זיך אומעטום, אין קליינע זאַכן ווי אין גרויסע. שיין איז אפילו אַ לוויה, שיין ווי דאָס פאַרקרימטע, צעוויינטע פּנימל פונעם ניי־געבוירענעם קינד; „ווי טראַגיש־שיין איז מענטש צו זיין", איז אַ שורה

פון דוד האָפּשטיינס אַ שיין ליד. איז ווער איז עס דער פּאַראיינ‌יקער פון אַלעם דאָס, וואָס האָט אַזאַ שייכות מיטן צוויטן און איז פאַרשאָלטן צו זיין באַזונדער?

עס איז די מוזיק, וואָס איז ווי דער ווינט, וואָס טראָגט איבער די זאָמען פון דעם מאַן־געוויקס צו דער פרוי־געוויקס. די מוזיק איז עס דער אייביקער שדכן, וואָס איז מזווג פון די אָפּגעריסענע אברים אין דער וועלט. די מוזיק איז עס יענער גרויסער באַלאַנס פון אונדזערע פאַרגעסענע טעג.

זי דאַרף נישט זיין קאָנקרעט, אָט די מוזיק און פּראָגראַמאַטיש, ווי וויוואַלדיס „פיר צייטן פון יאָר", אַז מען הויבט אָן צו ווערן קאָנקרעט, דערגייט מען הערצו ווי שאָסטאַקאָוויטש אין זיין צענטער סימפאָניע: די פּאַרם הויבט אָן צו זאָגן: „איך בין דער האַר" און פאַרשפּאַרט דעם וויזיאָנער אין שטוב ווי אַן אייפערזיכטיק ווייב, דעם מאַן אירן, אַזוי צו זאָגן: „ווּעסט ביי מיר אינערגעץ נישט גיין" — ווייל בעטהאָווען פרעגט איובס קשיות נישט נאָר אין דער פינפטער און אין דער ניינטער סימפאָניע, נאָר אפילו אין זיינע סאָנאַטעס און אין זיין פלוג אַזוי לייכטער (וואָס קינדער שפּילן עס) „צו עליזאַן".

אברהם סוצקעווער איז אַ קאָמפּאָזיטאָר, וואָס איז על־פּי צופאַל געוואָרן אַ פּאָעט, אַ מענטש, וואָס קען הערפירן די דיבע מוזיקאַלישקייט פון זיין פערז צו אַזאַ מדרגה, וואָס איז נאָך ביי אונדז נישט געווען איז אַ קאָמפּאָזיטאָר.

האָט ער גענומען, דער מוזיקער, און מיט זיין בוך „אָאַזיס" אַוועק אויף אַן אָאַזיס וואו ער האָט זיך אויסגעטאָן פון אַלע פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן מאַטערן אַ היינטצייטיקן יידישן פּאָעט און זיך אָפּגעגעבן מיט אַרויסבאַקומען שיינקייט פון זיין ווירטואָזן פערז.

איז נישט שייך צו צעגלידערן, ווייל הייבסטו אָן אין די ענינים צו חקרנען, איז עס פּונקט ווי מיט דער וואונדער־שיינקייט פון פרויען און מיטן פּאַרנאָכט. נעם עס ווי עס איז און דערטראַכט זיך צום מקור, הער, הער, די וואונדערלעכע מוזיקאַלישע שיינקייט, וואָס גייט אויף פון פערז, ווי פון אַ פידל:

„דער דיכטער טינקט אין ווערטער —
ים און טייכן
איינצושלינגען רויגן פון געזאַנג".
(„אין פייער־וואָגן")

דאָס איז סוצקעווערס הערויז. און דעריבער איז נישט שייך צו פרעגן די אַדרעסן וואוהין עס פירט אונדז סוצקעווערס ניגון, אַמאָל פּאַנגט ער דאָס געזאַנג פון „געהיימשטאָט" און אַמאָל איז עס ביי אים, ווי ביי זיין מעווע אין זיין בוך „אין פייער־וואָגן":

„אין סאַמע שטורעם איף כוואַליעס
פלייצע
רוט אָפּ די מעווע,
אַ געזאַנג דערפרייט זי״.

אין סאַמע שטורעם פון אונדזער משוגע־געוואָרענער וועלט, איז סוצ־קעווער אַרויף אויף זיין „אָאַזיס״ פון ריינער מוזיקאַלישקייט. אינעם בוך „אָאַזיס״ זיינען נישטאָ קיין סימפאָניעס ווי אין „געהיימשטאָט״. ס׳איז אַ ציקל סואיטעס, עטיודן, נאָקטורן, טאָקאַטאָ. דאָ שפילט נישט קיין גאַנ־צער אָרקעסטער. אַמאָל שפילט אַ קוואַרטעט, אַ טריאָ; אַמאָל שפילט סאָלאָ אַ פליט, אַ וויאָלינטשעלאָ, אַ פידל, און ווער קען זאָגן וואָס עס איז וויכטיקער אינעם מוזיקאַליש־פּאָעטישן פּאַנג? אָט איז אַזאַ דראָבנער מוזיקאַלישער עטיוד:

„אַ דינע שמייכלענדיקע האַנט
געצויגן האָט זיך מיר אַנטקעגן,
אַזוי קען אויסזען אַ בריליאַנט
געשליפן זוניק פון אַ רעגן.

אַ האַנט זאָל שמייכלען מיט אַ בליק,
פון אומפאַרמיידלעכן באַצווינגער!
אַזוי קען ווייזן זיך מוזיק,
ווען ס׳וואָלט מוזיק פאַרמאָגן פינגער״.

דאַכט זיך אין פלוג אַ קלייניקייט, אַזאַ מין מוזיקאַלישער שפּיל, עס איז לא מעלה ולא מוריד, איז פרעג איך איך, וואָס איז שיינקייט בכלל? איר פרעגט: וואו פירט זי אָט די שיינקייט? וואָסער ציל האָט זי? איז דער תירוץ, אַז גוטע מוזיק לאָזט איבער נאָך זיך שטענדיק אַ נאָך־מוזיק, אַ ווידערקלאַנג, וואָס פירט שוין יאָ ערגעץ, שרעקט אונדז אפילו איבער, ווי עס שרעקט אונדז איבער אונדזער בילד אין שפּיגל און באַפעלט אונדז לאַנג זיך צו פאַרטראַכטן. ווייל יעדע שלימות האָט שוין אין זיך די טראַ־גישקייט פון פאַנאַנדערפאַל, און אַ גוט אויער דערהערט העם טרויער־מאַרש נאָך זיך אַליין, וואָס שפּילט אַרויס פון יעדער שלימותדיקער שיינקייט, און אָט איז דער ניגון הערפון:

„דער קליינער קבר אויסגעבעט מיט געלן פליוש
איז ליידיק,
עס מאָנט אַ מענטש: איך וויל נישט בייטן מיין לבוש —
פאַרטיידיק!
דער מענטש בין איך, צי דו, צי עמעץ אין שפּיטאָל,

א צאַנקער,
און יעדער שווימט צום טויט און לאָזט אין מיר זיין קול,
זיין אַנקער:

אַנטפּלעק דעם זינען פונעם סוף, דעם רויטן מאָן
באַגינען:
אויב ענדציל איז די גרוב — איז אויך דער אָנהויב אַן
א זינען.
א רעגן וואָגלט צום בית־עולם אום אַצינד
צו כאָוועז,
ווי ס׳וואָלט א וואונדערקינד געשפּילט פאַר נאָך א קינד —
בעטהאָווען״.

איז ווער איז דאָ געשטאָרבן? איך? דו? ער? פאַר דער מוזיקאַלישער שיינקייט איז אַלצאיינס ווער. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָ איז גאָר געשטאָרבן דער רעגן:

„און ווען דער פרילינג־רעגן ענדיקט זיין קאָנצערט
פאַרטרויט ער
זיין לייב דעם קבר: ס׳ליגט א רעגן אין דער ערד
א טויטער.

א טויטער? ניין, רעגן אין א רגע שיין
פאַרזונקען.
דער אָנהויב האָט קיין סוף נישט, זיכער מער א קרוין
מיט פונקען״.

איך שטיי דאָ ניט ווי איבער א וואונדערקינד מיט התפעלות: „אוהאָ האָט ער געזאָגט!״ איך וויל באַר זאָגן, אַז סוצקעווערס מוזיק פירט שטענדיק ערגעץ־וואו, ווייל זיין מוזיק איז נישט קיין טאַנגאָ, וואָס איר טרויער איז א מינוטיקער, א באַגרענעצטער, א לייביקער, א תאווהדיק־עצבותדיקער. דער מינאָר פון גוטער מוזיק גייט פון זיך שטענדיק אַרויס, קוקט ווייטער, פאַראייניקט וואָנט מיט וואָנט, אָט איז נאָך א מוסטער פון סוצקעווערס מוזיק:

„נעכטן אין א נאַכטיקער מינוט האָב איך אין מיין אינגעווייד
און זינגעווייד
פאַרנומען
קלאַנגען, וואָס א מענטש האָט נישט אַרויסגעהאַקט
פון גומען,
אַנדערש ניט: עס טריקנט זיך דער באַשעפער אין מיין בלוט.

(ווי זאָל איך וואַרפֿן אין דער טיפעניש אַ בייגל ?
אונטערגיין וועט באַלד אין מיר די לופט און דער פּלאַנעט,
אַלע פייגל,
אַלע טרעלן
וועלן,
וועלן
אין מיין האַרצן — דעמאָלט שלאָגן זיך אל חטא !)".

זעט איר דאָך שוין באַשיינפּערלעך, אַז סוצקעווער־מוזיק האָט שוואונג, און ווי יעדער שיינקייט האָט געדאַנק, טיפן סענטענץ, חכמה, באַוואונדערונג, פאַרגאַפטקייט. אין „אָאַזיס" האָט דער גרויסער מייסטער, סוצקעווער אַראָפּ־גענומען פון זיך די אַלע טויט־ערנסטע אָפיציעלקייטן, אין וועלכע ער איז אין זיינע אַנדערע ביכער געקליידט. ער איז דאָ נישט דער שליח־ציבור, דער פּאָעט־מקונן, ער איז מיט זיך אַליין, דער יונג־פאַרליבטער אין שיינ־קייט אָן ערנסטע אַדרעסן, און סוף־כל־סוף זיינען דאָך די אַדרעסן נישט וויכטיק, נאָר די ציטערדיקע געהיימניספולע בריוו און די קאָנווערטן.

„דער מענטש פון פייער"

אינעם נייעם בוך לידער „דער מענטש פון פייער", וואָס איז נאָר־וואָס דערשינען, הדריקט זיך חיים גראַדע אויס מיט זיינע באַקאַנטע, אייגנאַרטיקע מיטלען, כאָטש די מאָטיוון זיינען נייע.

ער איז פאַרוואָרצלט אין דער יידישער טראַדיציע מיט לייב און לעבן, און מעג ער זינגען וועגן ליבע, נאַטור, טראַגיזם פון דער צייט, וועגן זיינע אייגענע איבערלעבונגען, פילט זיך אַלץ דער טיפער ריס אין אים. אַ רע־וואָלוציאָנער, אַ באַנען־ברעכער, אַ משכיל (זיינע „מוסרניקעס") — האָט ער זיך נישט באַפרייט פון דער אַלטער יידישער וועלט, וואָס אירע קלאַנגען גייען אים נאָך אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין, מעג ער מיט זיין באַוואוסטזיין שוין שטעקן אין דער נייער וועלט.

דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע אין גראַדעס לידער בלייבט, ביי דער גאַנצער פאַרבנרייכער גאַמע פון זיינע מאָטיוון, דאָך אַזעלכע לידער ווי דאָס ליד געווידמעט זיין רבין דעם גאון דעם „חזון־איש", „עמוד אש", וואָס שטייט נישט אָפּ אין איר קראַפט פון אויסדרוק, אויפריכטיקייט, שוואונג, מייסטערשאַפט און געדאַנק פון חיים נחמן ביאַליקס „על סף בית המדרש" און אין געוויסע שטעלן איז עס נאָך שטאַרקער:

„עמוד־האש! פאַראויסגייער אין מדבר פון מיין בלאָנקען!
ווייל איך האָב זיך מיט גאָר מיין כשרון און געמיט פאַרשאָנקען
צו אויסזינגען דאָס ליד פון אָרעמען און פרומען ציבור —
דערלייז מיך פון דעם מדבר אין מיין האַרץ און פון זיין פיבער.
כאָטש איך האָב ניט דער תורה אָפּגעגעבן מיינע כוחות,
האָב איך פאַרריכט מיט גינגאָלד איר צעריסענעם פרוכת.
אָ, העלף מיר אין דעם זכות וואָס איך בין מחיה־מתים
פון דיינע מיטדאַוונער אין די צעפּאַלענע טליתים.
איך וויס, איך וואָלט אַליין באַדאַרפט שוין זיין אַ מורה דרך.
נאָר צו אַ וויסטן דור, וואָס האָט קיין נאָכוואוקס ניט, געהער איך.
צו שפּעט בין איך געקומען. אָבער איך האָב ניט פאַרשפּעטיקט
דעם טאָג פון גזר, וואָס האָט אויך מיך מיט טרערן אָנגעזעטיקט,
דערצאָרנט, קראַנק פון בענקשאַפט, האָב איך ווידער אָנגעהויבן
נאָר ניט מיט דיין הכנעה, דיין בטחון און דיין גלויבן.
פון דיין געשטאַלט האָט אויסגעוויקלט זיך אַ זייל פון פייער
און איך האָב אויסגעפלאַקערט האַסטיק ווי אַ פולער שייער".

זאָל מיר דער לייענער אַנטשולדיקן פאַר אַזאַ גרויסע ציטאַטע. ווען איך וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט וואָלט איך ציטירט דאָס גאַנצע ליד, עס האָט זיך בפירוש פאַרדינט.

גראַדע איז נישט זיסלעך יידישלעך נאָר יידיש. ער קען נישט מסכים זיין מיט קיין האַלבע אמתן, מיט יוצא זיין צו גאָט און צו לייט. אין זיין וואונדערלעך ליד „ווידמונג" דיכטעט ער:

„פאַרהיט מיך, אַז איך זאָל ניט פרום ווערן איין מאָל אין יאָר,
אַז איך זאָל ניט פעלשן אין זיך און מיין ערלעכן דור,
וואָס האָט זיך געראַנגלט ביז בלוט פאַר אַן אַנדער וואָר".

איז העריבער נישט קיין וואונדער וואָס אַ גרויסער טייל פון זיינע נייע לידער־ציקלען זיינען אָנגעפילט מיט צער און צאָרן. די נייע וואָר זיינע, וועלכע ריבגלט אים אַרום, איז פול מיט קאָמפּראָמיסטישער „שלום עלי נפשי", מיט צופאַסלעריי. אַנשטאָט הונגער, גייסטיקע זוכעניש, איז געקור־מען אַ באַלעבעסלדיקע זאַטקייט; אידעען וואָס הויבן זיך נישט אויף העכער ווי איבערן דאַך. און אים, גראַדען, דעם איביק־דורשטיקן און ניט־צופרי־דענעם מיט זיך און מיט זיין אַרום, זעט ער אויס ווי ער איז שטענדיק אינעם סימבאָלישן וואַנדער־וועג, ווי אַ גייסטיקער פּליט:

„נאָך לעבט מיין וואַנדער־וועג, מיין מיטגייער אין גלות
און אין געדאַנק בין איך מיט אים אין גאַנג אין שטענדיקן".

אפילו די פאַרגאַכטיקע שעה, וואָס ברענגט געוויינטלעך רו און שטילקייט דעם מידן גייסט, איז פאַר אונדזער דיכטער אַ שעה פון חשבון הנפש; ער שניידט זיין נשמה פּאַסנווייז און וויל נישט וויסן פון קיין רו. ער זעט פאַר זיך העמאָלט דעם שופט:

„ער ווייס אַז געברויזט האָב איך מער ווי געהאַפּט,
מיט אומגעדולד גאָט און מיין גורל דערצאָרנט;
ער ווייס אויך אַז דו האָסט אַליין זיך באַשטראָפט,
ווייל דו האָסט שוין צופיל דיין לעבן באַוואָרנט".

און אַזוי זיינען די מערסטע לידער אינעם זאַמלבוך: חשבון, חשבון־הנפש און חשבון מיט דער וועלט און יידישער חשבון. לידער וואָס פאַרוויגן נישט, נאָר מאָנען, לאָזן נישט צו רו. אויפן טראַגישן אומקום פון די סאָוועט־טיש־יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אויפן גרויל פונעם סיסטעם, וואָס האָט זיי דערפירט צו כליה, גייט אויף גראַדעס „איכה": —

„איך וויין אויף אייך מיט אַלע אותיות פונעם אלף־בית".

וואָס וועט בלייבן אין דער יידישער פּאָעזיע ווי ביאַליקס „שחיטה שטאָט". אין אָט דער פּאַרהעלטנישמעסיק נישט גרויסער פּאָעמע, האָט דער דיכטער באַוויזן צו קאָנצענטרירן דעם גאַנצן אַנוואוקס פון גרויל, פון דער שרעק „וימש חושך", פון דער אַטמאָספער פון אומהיימלעכן פּחד אין וועלכן די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, די קדושים פון פינצטערן גזר דין, איז אויסגעקומען צו לעבן און שאַפן:

„איך האָב ביי אייך אין הויז געגעכטיקט אויף מיין נע ונד
און פון מיין שלאָף אין אייער הויז האָב איך געהערט דאָס שאַרכן
פון אויפגעלעבטע שאָטנס אין אַ צייט פון גזירת שמד —
געדענק איך עס ווי אייער חסד פון הכנסת־אורחים;
ווי כ'געדענק דעם רוס וואָס האָט דערלאַנגט מיר ברויט ביים שוועל,
ווי איך געדענק זיין היימלאַנד וואָס פאַרגייט אין מיינע בלוטן
מיט ברייטקייט פון דעם סטעפּ, מיט ענגשאַפט פון אַ תפיסה־צעל,
מיט לידער אויף דער וואָלגע און געבויגנקייט פאַר קנוטן".

ווי זעלטן עס איז דאָ אויסגעדריקט אין אַ געפּרעסטער פאָרם די גאַנצע טראַגיק פון רוסישן פאָלק, ווען עס איז באַשערט דור אויס דור אײַן, ביי דער גאַנצער ברייטקייט פון זיין האַרץ, ווי די ברייטקייט פון זיין סטעפּ, געבויגן זיין אונטער קנוטן פון גרויזאַמע רעזשימען.

חיים גראַדע איז קלאַסיש קלאָר. עס איז ביי אים נישט פאַראַן קיין נישט־דערזאָגטקייטן. אַלץ איז פאַרשטענדלעך, כאָטש נישט פּשוט. נישטאָ ביי אים קיין אונטער־טענער און האַלב־טענער. ער האָט אַ נייגונג צו בריטן אָרקעסטראַל זיינע לידער. ביי אים שפּילט נישט קיין סאָלאָ נאָר אַ גאַנצער אָרקעסטער. זיינע סימפאָניעס זיינען אין „מיידזשאָר", מעגן זיי פאַרמאָגן מינאָרע טענער אין איבערגאַנג, ער דערהערט זיך שטענדיק ביזן סוף, און דאָך האַלט ער אַליין, אַז ביי אים איז נאָך עפּעס ביז דערזאָגט, אַז עס בלייבט אַ שטומקייט, ער ברענגט דאָס אַרויס אין זיין פּרעכטיק ליד „דער מגיד":

„אַן אָרעמער ייד בין איך, אין אַ צעפּאַלענעם טלית פאַרוויקלט,
און הער איך מען לויבט מיינע דרשות — צעפּלאַמט זיך מיין
פּנים פון בושה —
ווייל וויפל איך האָב נישט געדרשנט און זיס זיך געציקלט,
וועט בלייבן מיין שטומקייט, רבותי, די שטומקייט וועט בלייבן
נאָך מיר אַ ירושה
ווי אונטער וואַסער פאַרבליבן פאַרפלייצט ישובים;
וואָס מער איך פאַררייד זיך און מאָל אויס אַ בילד ווי מיט פאַרבן,
פאַרשוויג איך אַלץ מער וואָס מיך פייניקט, ידידים אהובים,
אַז אָפט נאָכן אָפּריידן ווילט זיך מיר לייגן און שטאַרבן".

חיים גראַדע איז דער גרויסער פּיטן אין דער יידישער פּאָעזיע, דער גרויסער מקונן. ווען ער, פּונקט אַזוי ווי ביאַליק, פון וועמען ער וואַקסט בירושה, וואָלטן געלעבט מיט אַ צען דורות פריער, וואָלטן טייל זייערע לידער אַריינגענומען געוואָרן צווישן די פּיוטים און קינות (אַ קליינער שטער וואָלט בלויז געווען זייער רעוואָלוציאָנערישקייט און זייער תרעומות, פּונקט ווי ר׳ חנינא בר פּפּא זאָגט וועגן איובן, אַז ווען איוב, ווען עס זיינען אים באַפאַלן די יסורים, וואָלט נישט אויפגעהויבן קייך גוואַלד־געשריי, איז אַזוי ווי מען זאָגט איצט אין תפילה: גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, וואָלט מען אויך געזאָגט: גאָט פון איוב).

אָבער ביי אַלעם, איז אויך ביי גראַדען פּונקט ווי ביי ביאַליקן פאַראַן אַ שטאַרקער געפיל פאַר דער נאַטור. „דער וואַסער־פאַל פון ניאַגראַ״ איז אַ גרויסאַרטיקער הימן דעם נאַטור־וואונדער. עס איז אַ ליד וואָס קאָן זיך פאַרגלייכן אין זיין קראַפט און בילדערישקייט צו די בעסטע פון דעם מין אין דער וועלט־פּאָעזיע. עס איז אַ ליד וואָס בעט זיך פשוט אין אַ כרעסטאָמאַטיע פאַר אַמעריקאַנער שול־קינדער.

מיט גרויסער פּאָעטישער אָנגעלאָדנקייט זיינען אויך די לידער ״דער חלום פון שטיין״, „קאָלאָראַדאָ״ און די אַנדערע פון דעם ציקל „דער חלום פון שטיין״. עס בעטן זיך אוודאי נאָך שיינע און שטאַרקע לידער צו ציטירן, באַזונדערס אַזאַ מייסטערווערק ווי „צפת״. אָבער איך האָף, אַז דאָס בילד איז גענוג גאַנץ.

דאָס בוך „דער מענטש פון פייער״ איז אַ נייע גרויסע סימפאָניע אינעם שאַפן פון אונדזער גאָט־געבענטשטן פּאָעט. איך מיין, אַז נאָך מער פאַר־טיפט און שטאַרק ווי זיינע פריערדיקע פּאָעטישע ווערק. לאָמיר צוגעבן אַז דאָס בוך איז פּרעכטיק אַרויסגעגעבן מיט הילע און צייכענונגען פונעם פאַריזער קינסטלער בען.

א. לעיעלעס אין העברעאיש

אַז איר וועט היינט רעדן וועגן די גוואַלדיקע אויפטועונישן פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע, איר ווירטואָזישקייט אין דער שפּראַך, איר איינפּאַלערישקייט, איר קענען אויפרופן צו אַן עליה די סאַמע דינסטע ביור־אַנסן פון אונדזער זיין, און נישט דאַרפן זיי אַרונטערנעמען אונטערן „כל הנערים" פון אַ „סקוטשנאַ אי גרוסטנאַ אי ביקאָמו רוקו פּאָדאַט" פונעם לי־רישן טלית, וועט איר פון די מזרח־וואַנטיקע נעמען, מוזן דערמאָנען אויך דעם נאָמען פון א. לעיעלעס, דעם גרויס־מייסטער און שפּראַך־ווירטואָז, אָבער סך־הכל מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, האָט דער היינט אַזוי ווייט און ברייט אָנערקענטער דיכטער, נאָך אַלץ געפונען פאַר נויטיק זיין בוך „פּאַביוס לינד" צו עפענען מיט אַ גרויסער הקדמה, וואָס האָט מיר דערמאָנט, אין ר' יהונתן אייבישיצעס „פּראָ דאָמאָ", זיין ספרל „לוחות העדות", וואָס איך האָב אין מיין יוגנט געלייענט מיט טרערן אין די אויגן, אין דעם דאָזיקן האַרצרייסנדיקן ספר, פאַרטיידיקט זיך דער גרויסער יידישער גאון קעגן די ביטערע אַטאַקעס פונעם קנאי יעקב עמדין, וואָס האָט אויף אים געמאַכט דעם בלבול, אַז ר' יהונתן איז געכאַפּט אין שבתי צביאיזם...

די הקדמה פון א. לעיעלעס איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט 20 יאָר פאַר „פאַביוס לינד", אַן ענטפער אויף די שטאַרקע אַטאַקעס פון דער דעמאָלטיקער קריטיק, וואָס האָט אַזוי אַנרחמנותדיק אַראָפּגעריסן זיין ערשט לידער־בוך „לאַבירינט". די הויפּט־טענות פון די קריטיקער איז געווען די פּרעטענזיע, אַז ער, לעיעלעס קען צופיל, אַז ער איז צופיל געדאַנקלעך, אַז ער איז זיי פרעמד מיט זיין טעמאַטיק (אַ שאָד וואָס אָט די קריטיקער האָבן נישט דערלעבט צו לייענען די מאָדערנע ליריק פונעם נאָבעל־לאורעאט זשאָן פּערס !). לעיעלעס אַנטוויקלט אין דער הקדמה זיין קינסטלערישע קרעדאָ, וואָס איז היינטצוטאָג (מיט אַ שמיץ נאָך אַריבער) דער אני מאמין פון דער גאַנצער מאָדערנער פּאָעזיע אין דער וועלט. אַ פּאָעזיע וואָס קען נישט בלייבן גלייכגילטיק צו די נייעסן, וואָס קומען פאָר אויף דער וועלט, אַ דיכטונג, וואָס איז נישט געבליבן שטייןביים פּרימיטיוו, נאָר געזוכט אויסדרוק פאַר אַלץ וואָס רינגלט איר אַרום.

איך געדענק ווי מאָדנע עס האָט אין מיינע אויערן געקלונגען מיט אַ 35 יאָר צוריק דאָס ערשטע ליד, וואָס כ'האָב דעמאָלט געלייענט פון א. לעיעלעס „מעדיסאָן סקוועער". כ'האָב עס געלייענט אין די „ליטעראַרישע בלעטער", וואָס איז נאָך דעמאָלט דערשינען אין גרויסער צייטונגס־פאָר־מאַט, און דאָס גאַנצע ליד האָט אויסגעזען ווי אַ הויכע היינט־



מיין זיידע, פון דער מאַמעס צד,
דער למדן און חסיד,
ר' מרדכי לייב גאָלדוואַסער ז"ל
פון אָסטראָווע.

ציזיטיקע געביידע אין מאַנהעטן, טרופּ־אַרטיק, כ׳האָב דעמאָלט געהאַלטן ביי היינען און פון דער בייער יידישער פּאָעזיע זיך געלערנט אויף אויסב־ווייניק משה לייב האַלפּערן. דעם אַריינפיר צו „מעדיסאָן סקווער״ האָב איך סיי־ווי געקענט אויף אויסנווייניק, ס׳האָט מיר געשמייכלט די בייקייט, די ריזיקע, אַ שטייגער ווי אליעזר הקלירס שפּראַך־איינפאַלן, קעגן וועלכע דער אבן עזרא לייגט איין וועלטן אין זיין פּירוש אויף קהלת...

היינט, נאָך אַזויפיל מאָל אַריינזויגן אין זיך ניו־יאָרק בייטאָג און ביי־נאַכט, ווי אַ גרויסע, ווילדע סימפאָניע, בלייבנדיק אָפט שטיין ביים איסט ריווער אין די נעכט ווי אין אַ דזשאָנגל, נישט ווייסנדיק וואָס מיט זיך צו טאָן, זוכנדיק ערגעץ אין די קעשענעס פון מיין פאַרוואונדערטן באַוואוסט־זיין עפּעס אַ וואָרט פאַר דעם אַלעם און נישט געפינענדיק, פאַרשטיי איך ערשט די קינסטלערישע ראַנגלענישן פון א. לעיעלעס און זיינס גלייכן ביים געשטאַלטיקן אָט דאָס אַלץ מיט זייער ביי וואָרט. כ׳רעד וועגן „פאַביוס לינד״, ווייל עטלעכע טעג ווי איך לייען עס און געפין אין דעם, דעם שליסל צום דיכטערס נשמה. דאָס גאַנצע בוך איז איין גרויסער חשבון הנפש פון אַ גרויסן פּאָעט. דאָ האָט איר נאָך מער ווי אין זיין הקדמה — זיין קרעדאָ. סיי דאָרט, ווי ער דריקט עס אויס בפירוש, ווי אין זיין ליד „איך גלויב״. ער גלויבט אין מענטש, אָן איזמען, פּשוט מענטש, וואָס אַלע אַנטוישונגען און ביטערע רעזשימען האָבן דעם גלויבן אין אים נישט געקענט אויסלעשן. און סיי אין די צוועלפליקער פּרעכטיקע לידער אמת לירישע, „ווען פאַביוס לינד טוט זיך אויס פון די געדרישן״, עס שווערט אָפּ דער האַרמידער און ער געווינט יענע גרויסע שטילקייט, דעם ווידערקלאַנג פון טאָג־טעגלעכן, דעם גרויסן סך־הכל, מיט וועלכן עס איז פול „פאַביוס לינדס״ טאָגבוך, און פון אַזאַ גרויס ליד ווי עס איז „פעברואַר 25״, וואָס לייענענדיק דאָס עט־לעכע מאָל נאָכאַנאַנד, האָב איך געהאַט דעם זעלבן געפיל, ווי כ׳וואָלט גע־שטאַנען אין לוואָר פאַר בילדער פון אייביקע מייסטער. דאָס איז אַ פּערפעקט מייסטערווערק וואו בילד און מוזיק איז אַזוי געצווימט און איינגעהאַלטן פאַראייניקט. כ׳וואָלט איבגאַנצן ציטירט, איך טו עס נישט בלויז צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, און אַ ליד, אַן אַסאָציאַציע פון „על נהרות בבל?״:

„ביי די טייכן פון ניו־יאָרק בין איך געזעסן,
גאָרנישט פאַרגעסן זיך, גאָרנישט דערמאָנט און נישט געוויינט.
ווי פאַרשטיינערט איז אַ ווערבע לעבן מיר געשטאַנען,
כ׳האָב זיך געכאַפּט צו דער האַרץ, וואָס נישט פאַראַנען...
און זיך פאַרשעמט...״

אַזוי, אַז דעם דיכטערס קלאָגן זיך אַז:

„מיינע לידער קאַלטע זיינען
און פון זיי מיט קאַלטקייט בלאָזט״.

איז אפשר ניט ריכטיק. דער דיכטער האָט זיך אַ שפּאַר ביסל געלאָזט איינרעדן פון זיינע קריטיקער. אויף טריט און שריט באַגעגענסטו טאַקע אַ ברענען, נישט קיין „פלאַם פון פראָסט", נאָר משמעות, אַז א. לעיעלעס, ווי זיינע חברים פון דער גאָט-געבענטשטער גרופּע „אינזיך" האָבן נישט בלויז ליב ביי דער ערשטער בעסטער באַקאַנטשאַפט גלייך אויפצושפּיליען דאָס האַרץ, כאָטש מיט דער אַזוי-גערופענער ליריק זיינען זיי זייער רייך, און די שיריים פון זייער טיש וואָלט געקלעקט פאַר טויזנטער לידער, וואָס וואָלטן גלייך „געגומען".

⁂

און אָט ליגט פאַר מיר אַן אויסקלייב פון א. לעיעלעס לידער און דראַמעס אין דער העברעאישער איבערזעצונג. עס איז זיכער אַ גרויסע פרייד און געשענקעניש. דאָס בוך איז דערשינען אין איינעם פון די וויכטיקסטע פאַרלאַגן אין מדינת ישראל, אין „מוסד ביאַליק". און פאַרזען איז דאָס בוך מיט אַ גרינטלעכן אַריינפיר וועגן מחבר און „אינזיך" פונעם באַקאַנטן פּראָפעסאָר דוב סדן, איינער פון די בעסטע קענער און ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער מדינה. אַן אַריינפיר, וואָס איז פול נישט בלויז מיט גרינטלעך קענען און וויסן, נאָר אויך מיט אַ סך באַציאונג און ליבשאַפט.

איבערזעצן א. לעיעלסן איז גאָרנישט פון די לייכטע זאַכן. לעיעלעס האָט טאַקע אַ סך אינהאַלט, וואָס וועט זיך באַקומען אין יעדער שפּראַך, אָבער זיין שפּראַך-דערפינדערישקייט איז אַזוי גרויס, אַז מען דאַרף צו אים אַ שלאָנסקי. אויף צו קענען דאָס אַלץ איבערגעבן אין אַ צווייטער שפּראַך. ס'איז קיין סוד נישט, אַז די יידישע דיכטונג (אין אַמעריקע איבערהויפּט) איז זייער וויט אַוועק, ווייטער ווי די העברעאישע. די יידישע ווערסיפיקאַציע האָט דאָ דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז ס'איז אפילו דעם רייכן, מאָדערנעם עברית שווער איר נאָכצויאָגן.

די איבערזעצער האָבן דאָ אַריינגעלייגט אַ סך אַרבעט. דער איבערזעצער פון די לידער איז דער יונגער ישראל-דיכטער בנימין הרושעווסקי. צו זיין לויב זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אין זיינע אַלע איבערזעצונגען פילט זיך נישט בלויז שווערע מלאכה, נאָר אַ סך ליבשאַפט צום פּאָעט, דאָס וועלן זיין אים געטריי. עס געלינגט אים טאַקע מערסטנטייל איבערצוגעבן דעם פולן זין פון לעיעלעס ליד, כאָטש נישט אַלעמאָל, עס ווערט פאַרלוירן דאָס מוזיקאַלישע און לעיעלעסעס שפּיץ-פינגערדיקער גאַנג. מען קומט אַלצאיינס אָן צום ציל, אָבער איינער שלייכט קוים הערבאַר און אַ צווייטער גייט אין קאַלאָשן. דאָס שווערסטע שטיקל אַרבעט האָט דער גאַנץ פייאיקער איבערזעצער געהאַט מיטן מייסטערישן פראַגמענט „פעב-

רוּאַר 25" פון „פּאַביוּס לינדס טאָגבוך", וואָס איז אויסערגעוויינלעך גע־פּרעסט און איז אויסערן ענד־גראַם אויך אינערלעך געגראַמט (אַ טאָפּלטער גראַם).

אין אָריגינאַל:

„אַ פּאָרטרעט פון מאָנטיטשעלי און אַ ניוד פון רענואַר,
דאָרט אַ זעל אַ קיל און העלער, דאָ — פון לייב דער ראָזער צער".

אין העברעאיש:

„דמות אשה של מונטיצ'לי ועירום של רנואר,
נפש צוננה־מקרנת — מול הגו ורד הצער".

האַכט זיך: דער אינהאַלט דער זעלבער, און דער טאָפּלטער גראַם איז אויך דאָ, אָבער יענער „עפּעס" פעלט דאָך! בפרט אין דער איבערזע־צונג פון די שורות:

„יונגער צער פון ראָזע לענדן, לייבסמעסלעסיק לייב־געשריי,
הונגער־דאָרשט נישט אָפּצואווענדן, רוף פון איין־אַליין נאָך צוויי".

אין העברעאיש:

„צער רק של מתניה הורדות ושאג גוף —
רעב — צמא באין מונע, קול של לבדד סגוף".

דאָ ווערט שוין פאַרלוירן סיי דער אינעווייניקסטער גראַם, סיי דער אינהאַלט: „רוף פון איין־אַליין נאָך צוויי". אָבער, ווי געזאָגט, דאָס ליד איז באַזונדער שווער געווען איבערצוזעצן. דער יונגער דיכטער הרושעווסקי האָט געוואָגט און נישט געשפּאָרט קיין מי און ס'איז אים גאַנץ אָפּט גע־לונגען זיך וואָגעניש. אַרויסגעהאָלפן האָט אים דאָס, וואָס ער איז אין עברית־לשון וויזט נישט קיין אָרעמאַן, אַ סימן: דער אַריינפיר צו „מעדיסאָן סקוועער". כ'האָב נישט דעם אָריגינאַל איצט פאַר זיך, נאָר די מוזיק הער איך נאָך ווי פאַר מיט 35 יאָר צוריק ווען כ'האָב דאָס ליד געליינט, און כ'מיין, אַז ביי אַלע שוועריקייטן איז דעם איבערזעצער געלונגען דעם ריטם איבערצוגעבן פון אָריגינאַל, נישט קיין סך פאַרלירנדיק פון אַ דעק־וואָרט. כ'וויס, אַז הרושעווסקי איז נישט אַזוי באַרימט ווי אַן איבערזעצער, פאַראַן אין דער מדינה מער פּראָמינענטע פאַר אים, אָבער טאַקע ווייל ביים יונגן דיכטער איז די איבערזעצונג געטאָן געוואָרן מער מיט ליבשאַפט איידער פּראָפעסיאָנעל, איז אים געלונגען פאַרן העברעאישן לייענער לכל הפחות איבערצוגעבן אַ פּראָפיל פון פּאָעטישן אויפטו פון א. לעיעלעס. זאָל דאָס דעם יונגן דיכטער באַגייסטערן צו ווייטערדיקע איבערזעצונגען

פון אונדזערע גרויסע יידישע דיכטער אין אַמעריקע. עס וועט זיין אַ געווינס סיי פאַר דער יידישער ליטעראַטור און נישט ווייניקער פאַר דער העברעאישער.

דער איבערזעצער פון „אשר לעמלען" און „שלמה מולכו" איז דער באַרימטער דיכטער פון ישראל, שמשון מעלצער, וואָס איז באַרימט סיי ווי אַן אויסגעצייכנטער פּאָעט און סיי ווי אַ פּראַקטיקער איבערזעצער. ער האָט, צווישן אַנדערע, איבערזעצט גאַנץ פּרץ אין עברית. זיין איבערזעצונג פאַרמאָגט אַלע מעלות פון שמשון מעלצערס העברעאיש, וואָס איז זאַפטיק און פאָלקסטימלעך, אָן מליצה און אויסגעזוכטע שיינע, יום־טובדיקע ווערטער.

*
**

דאָס בוך „שירים וחזיונות"*), וואָס איז אונטערגעטראָגן דעם דיכטער צו זיינע זיבעציק יאָר, אַנטהאַלט נאָך אַ גאַנץ קליינעם טייל פון דעם, וואָס אהרן גלאַנץ־לעיעלעס האָט געשאַפן. אַז מען נעמט אָפּקלייבן — בלייבן נישט איינמאָל איבער אַ סך דימענט־שטיינער, אויף וועלכע מען ליגט נישט קיין אַכט. אינעם בוך האָבן געקענט נאָך אַריינגיין אַ סך לידער, וואָס וואָלטן בלי ספק דערגאַנצט די פּאָעטישע געשטאַלט פון לעיעלעסן. אָבער גוט איז הערוויל דאָס, און דער „מוסד ביאליק" דאַרף ביי אָט דער געראָטענער זאַמלונג זיך נישט אָפּשטעלן.

דער העברעאישער לייענער מוז זיך באַקענען מיט די גרויסע אויפטוען פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג!

*) „שירים וחזיונות", אהרן גלאַנץ־לעיעלעס, מוסד־ביאליק, ירושלים תש"ך.

ווען קינדער רעדן מיט דער שפּראַך פון דערוואַקסענע

(וועגן טאָגבוך פון אננאַ פראַנק)

ווען קינדער נעמען רעדן מיט דער שפּראַך פון דערוואַקסענע — ווערן מיר דערוואַקסענע, ווי קינדער.

טרעפט אַמאָל: איר זיצט מיט אייער פרוי ביים טיש און רעדט וועגן אייער טאָג־טעגלעכער זאָרג. דאָס קינד לויפט אַרום איבער דער שטוב און שפּילט זיך מיט זיינע טויטע זאַכן, וואָס זיינען פאַר אים לעבעדיק. דאַכט זיך, עס הערט נישט, דאָס קינד, וועגן וואָס איר רעדט, עס האָט גאָר־נישט צו דעם קיין שייכות, נאָר פּלוצעם גיט עס אַ זאָג אַזאַ געדאַנק, פון וועלכן איר ווערט פאַרגליווערט, ווי איר וואָלט עפּעס אַ פאַרשטיקט קול געהערט גלייך פון דער וואַנט. די שטימע פון אָט דעם קינד פאַרפאָלגט אייך, לאָזט אייך נישט צורו, די ווערטער, וועלכע איר הערט אַמאָל אין חלום, ווי דאָס טרויעריקע ניגונדל פון אַ טויער, וואָס צעוויינט זיך אין ווינט, ווי דער עכאָ פון אייערע אייגענע טריט, ווען אייערע אויערן ווערן אָפן און איר דערהערט זיי.

„דאָס טאָגבוך פון אננאַ פראַנק" איז אויך אַזאַ אומגעריכטע שטימע פון אַ צו־פרי דערוואַקסן קינד. פרי דערוואַקסן צוליבן אַרומיקן שוידער און גרויל.

צענדליקער ביכער האָב איך געלייענט וועגן דער גרויזאַמער דייטש־נאַצישער אָקופּאַציע. די פאַקטאָלאָגיע איז אַזוי שוידערלעך, אַז שרייבער, נאָר נישט קיין קינסטלער, האָבן געשאַפן אַן אַטמאָספער פון דאַנטעס „גיהנום", אָבער די 13־יאָריקע אננאַ פראַנק ווירקט אַן פאַקטן מיט איר קינסטלעריש וואָרט, וואָס גייט פון דער טיף און ווירקט אין דער טיף. איר פשטות — דאָס איז די זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון די באַגריפן: מאַמע, טאָג, נאַכט, טויט, וועלכע זיינען אַזוי אַריין אין אונדזער פאַרשטעלונג, אַז בלויז דערמאָנענדיק זיי, שאַפן זיך אין אונדזער פאַנטאַזיע טויזנטער נעבן־באַגריפן און נעבן־בילדער.

הונדערטער וועלט־צייטונגען האָבן פיל געטאָן דאָס בוך צו פּאָפּולאַריזירן, צענדליקער וועלט־בינעס האָבן בייגעשטייערט מיטן דראַמאַטיזירן דאָס דאָזיקע בוך, מיטגעווירקט נישט צו לאָזן פאַרגעסן דער וועלט די טראַגעדיע פון אַ פאָלק, וואָס דאָס משוגעת פון אַ טיראַן האָט אים באַרויבט 6 מיליאָן מענטשן, אָבער איך שטעל מיר פאָר, אַז עס איז געוויס פאַרפלאַכט געוואָרן סיי אויף דער בינע און סיי אויפן עקראַן.

אַננאַ פראַנק איז די טאָכטער פון אַ דייטשישן ייד, אָטאָ פראַנק, אַ פראַנקפורטער תושב, וואָס איז אַנטלאָפן, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, קיין האָלאַנד און זיך באַזעצט אין אַמסטערדאַם, אָבער דער חורבן האָט שפּעטער דערגרייכט אויך האָלאַנד.

דער אומגליקלעכער פאָטער באַשליסט גרייטן אַ בונקער, וואו ער זאָל קענען אויסבאַהאַלטן זיין משפחה. ער בויט אויס אַ פאַרמאַסקירטע דירה און אין אָט דער קליינער וואוינונג, אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, לעבן נישט נאָר אָטאָ פראַנק מיט דער פרוי און צוויי טעכטער (אויסער אַננאַ אויך די עלטערע טאָכטער מאַרגאָט), נאָר אויך די פאַמיליע וואַן־דאַן (אַ מאַן און פרוי, אַ יונגער זון און דער צאָן־דאָקטער, דיסעל). קיינער האָט פון דער באַהעלטעניש נישט געוואוסט, חוץ עטלעכע האָלענדער, וועלכע האָבן, נישט געקוקט אויף דער לעבנס־געפאַר, אַנגעהאַלטן מיט די אומגליקלעכע אַ פאַרבינדונג.

דאָס האָט אַזוי געדויערט ביזן 4טן אויגוסט 1944, שוין גאַרנישט ווייט פון דער באַפרייאונג, ווען די ווילדע נאַצי־בעסטיעס האָבן דערשנאָפּט די באַהעלטעניש, אָפּגעפירט די ניצול־געבליבענע אין טויטן־לאַגער בערגען־בעלזען. דאָרט איז די 13־יאָריקע אַננאַ אַ פּאָר חדשים, סך־הכל פאַר דער באַפרייאונג געשטאָרבן פון אַ פלעק־טיפוס. די איבעריקע זיינען פאַרברענט געוואָרן. בלויז דער פאָטער איז לעבן געבליבן. צוריקקומענדיק האָט אָטאָ פראַנק אין דעם חרובדיקן הויז, וואו עס איז געווען דער בונקער, געפונען דאָס טאָגבוך פון זיין טאָכטער, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט פריער אין האָלענדיש און דערנאָך אין אַנדערע שפּראַכן.

און אָט ליגט פאַר מיר די דייטשישע איבערזעצונג פונעם דאָזיקן בוך (פישער־ביכעריי, פראַנקפורט־האַמבורג). דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן אין דער פאָרם פון בריוו צו אַן אויסגעטראַכטער פריינדין קיטי, צו וועלכער אַננאַ שרייבט איטעם אַריינפיר (דעם 12טן יוני 1942): „איך האָף, אַז איך וועל דיר אַלץ קענען אַנפאַרטרויען, און איך האָף, אַז דו וועסט מיר אַ גרויסע שטיצע זיין". מיט דער דאָזיקער אויסגעטראַכטער פריינדין טיילט זיך אַננאַ וועגן אירע צוויי יאָר לעבן אין קעלער, וועגן איר באַאָבאַכטן מענטשן, איר רעאַגירן אויף סיטואַציעס, איר נאַטירלעכן פחד פאַרן טויט, וואָס דערוואַרט זיי אַלעמען. אָט איז אַ בריוו, דאַטירט מיטוואָך דעם 13טן יאַנואַר 1943:

„ליבע קיטי:

היינט זיינען מיר אַלע ווידער צעטרייסלט און מען קען קיין מינוט רו נישט געפינען. אין דרויסן איז שרעקלעך, טאָג און נאַכט ווערן די אָרעמע מענטשן אַוועקגעשלעפט, און מיטנעמען לאָזט מען זיי גאַרנישט, אויסער אַ רוקזאַק און אַ ביסל געלט (דאָס געלט נעמט מען ביי זיי שפּעטער אַוועק),

די משפחות ווערן צעריסן, מענער פון פרויען און קינדער. ווי אָפט טרעפט, אַז קינדער, אַהיימקומענדיק פון דער שולע, טרעפן שוין נישט מער די עלטערן, אָדער ווייבער, וואָס זיינען אַוועק אין מאַרק עפּעס איינקויפן, האָבן צוריקקומענדיק געטראָפן פאַרזיגלטע וואוינונגען, די משפחה איז שוין ערגעץ אַוועקגעפירט".

אין אַ צווייטער נאָטיץ שרייבט אַננאַ פראַנק: „מיר דאַכט זיך, אַז איך בין אַ שלעכטע, ווייל איך ליג אין אַ וואַרעם בעט אין דער צייט ווען מיינע טייערע פריינדינס וואַלגערן זיך ערגעץ אין דרויסן. אַ ציטער כאַפּט מיך אַרום, ווען איך דערמאָן זיך אין די אַלע, וואָס איך בין מיט זיי געווען געבונדן, און איצט זיינען זיי אויף הפקר אין די הענט פון די ברוטאַלסטע הענקער, וואָס זיינען ווען עס איז געווען אויף דער וועלט.

און דאָס אַלץ, ווייל מיר זיינען יידן".

דאָס ייִנגע מיידעלע, כמעט אַ קינד, ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער רייף און דערוואַקסן. מיט אַ מאָדנע קלוגשאַפט שאַצט זי אָפּ די געשעענישן אַרום איר און אין דער וועלט, זי הערט דורכן ראַדיאָ די קאָמוניקאַטן און פרוווט אַנאַליזירן די פאַרהעלטענישן פון די כוחות אויף די פראָנטן, ווי אַן אמתער קינסטלער גיט זי כאַראַקטעריסטיקעס פון יעדן איינעם, וואָס וואוינט מיט איר צוזאַמען אין דער פאַרבאַהאַלטענער וואוינונג. אירע באַשרייבונגען זיינען נישט פריי פון שאַרפן הומאָר. ווען זי ווערט קראַנק און דער דאָקטער, דיסעל, וואָס איז מיט זיי צוזאַמען באַהאַלטן, הערט איר אויס די ברוסט, באַמערקט זי דערביי: „וואָס איז ער, אַ געליבטער, וואָס וויל ער דערגיין, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין האַרץ?"

איינעם בונקער וואוינט אויך אַ ייִנגל, און ווי מאָדנע עס הייבן זיך אָן דערוועקן ליבע־געפילן און בייגיר צום דאָזיקן יונגן בחור, אַ זאָרג וועגן אים, אַ שאַרפע קריטיק פון זיך באַנעמען זיך, פון זיינע פלענער נאָך דער באַפרייאונג, אָט איז „אַ בריוו צו קיטי", דאַטירט דעם 16טן אַפּריל 1944:

„ליבע קיטי, דעם נעכטיקן טאָג זאָלסטו נישט פאַרגעסן, ווייל ער איז זייער וויכטיק פאַר מיין גאַנץ לעבן. איז דען פאַר יעדן מיידל נישט פון גרויסער באַדייטונג דער ערשטער קוש, וועלכן זי באַקומט? ביי מיר איז עס אויך געשען. אָט ווי איך האָב אַ קוש באַקומען. נעכטן בין איך געזעסן מיט פּעטערן אויף דער סאָפע און ער האָט אויף מיר זיין אָרעם אָנגעשפּאַרט. איך רוק זיך צו נעענטער צו אים, דעמאָלט האָט ער מיך אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען, מיר זיינען אָפט אַזוי געזעסן צוזאַמען, אָבער נישט אַזוי נאָענט ווי נעכטן אָוונט. ער דריקט מיך צו זיך. מיין ברוסט גליט אין זיינער. מיין האַרץ קלאַפּט שנעלער, אָבער עס געשעט נאָך שענערס, ער רוט נישט ביז מיין קאָפּ ליגט נישט אויף זיין אַקסל, און זיין קאָפּ אויף מיינעם. ווען איך האָב מיך, נאָך אַ קורצער ווילע צוריק אויפגעזעצט, האָט ער מיין קאָפּ

אַ כאַפּ געטאָן אין די הענט און האָט אים ווידער צו זיך געצויגן. אָ, עס איז אַזוי הערלעך געווען, אַז כ'האָב פּאַר גליק קיין וואָרט נישט געקענט אַרויס־רעדן, נאָר אַט דעם אויגנבליק געניסן. ער האָט לייכט אַ ריר געטאָן מיינע ליפּן און מיין אָרעם, דערנאָך האָט ער זיך געשפּילט מיט מיינע לאָקן און מיר בלייבן אַזוי די קעפּ אײנער צום צווייטן צוגעבויגט. דאָס געפיל, וואָס האָט מיך דערביי דורכגעשטראָמט, קיטי, קען איך דיר גאָרנישט באַשרייבן. איך בין אַזוי גליקלעך געווען, און איך גלויב, אַז ער אויך.

אַרום האַלב ביין זיינען מיר אויפגעשטאַנען. פּעטער האָט אָנגעטאָן זיינע ספּאָרט־לעטשלעך, אַז מען זאָל נישט הערן זיינע טריט. איך בין דער־ביי געשטאַנען, אָבער אײדער מיר זיינען אַראָפּ אונטן אויפן ערשטן שטאָק פון אונדזער בונקער, האָט ער מיך געקושט אין די האָר, האַלב אויף דער לינקער זייט פון די ליפּן, האַלב אין אויער. איך בין אַראָפּגעלאָפן אומקוּ־קנדיק זיך און... וואָרט מיט בענקשאַפט אויף היינטיקן אָוונט".

די ליבע־ראָנגלענישן ווערן איבערגעפלאָכטן אין אירע נאָטיצן מיט די אַקטואַליען פון טאָג. אַט שרייבט זי איראָניש, הערנדיק דורכן ראַדיאָ די רעדע פונעם מיניסטער, באַלקשטיין, אַז נאָכן קריג וועט מען אויפזאַמלען די טאָגביכער און בריוו פון דער מלחמה:

„וועט מען זיך אויך אַרויפוואַרפן אויף מיין טאָגבוך, איך שטעל זיך פאָר ווי אינטערעסאַנט וועט עס זיין, ווען איך וועל גאָר פאַרעפנטלעכן אַ ראָמאַן וועגן דער באַהעלטעניש". אין אַ בריוו צו קיטי פון 19טן מערץ שרייבט זי: „דער פירער פון אַלע גערמאַנען" האָט פאַר די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן גערעדט און זיך דערנאָך מיט זיי אונטערהאַלטן.

עס איז געווען טרויעריק צו הערן. אַט איז אַ ביישפּיל:

— מיין נאָמען איז הענריק שעפּעט.

— וואו געוואָרן פאַרוואונדעט?

— ביי סטאַלינגראַד.

— וואָס פאַראַ וואונד?

— ביידע פיס אָפּגעפרוירן און די לינקע האַנט צעבראָכן. אַזוי גיט כסדר דער ראַדיאָ איבער דאָס דאָזיקע אָפּשטויסנדיקע מאַריאָנעטן־טעאַטער. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן וואָלטן שטאָלץ געווען מיט זייערע חולאתן, וואָס מער אַלץ בעסער".

*
**

אין דער ליטעראַטור זיינען באַקאַנט עטלעכע דאָקומענטן, וואָס האָבן אין זייער צייט אויפגערודערט די וועלט; זשאַן זשאַק רוסאָס „קאָנפעסיאָן" (ווידוי), אָסקאַר ווײַלדס „דע פּראָפונדיס", טאָלסטאָיס „ווידוי"; נאָך דער

מלחמה האָט אויגוסט סטרינבערג איבערגעלאָזט אַ דאָקומענט, וועלכן ער האָט באַפוילן צו פאַרעפנטלעכן ערשט נאָך זיין טויט. דאָס איז „די ווידוי פון אַ נאַר". די דאָזיקע דאָקומענטן רירן מיט זייער אויפריכטיקייט. עס וואָלט, למשל, קיינער נישט געוואוסט די פיין פון די פאַרשפּאַרטע אין דער ענגלישער רידינג־טורמע, ווען נישט אָסקאַר ווײַלדס פּאָעמע. איך מיין, אַז די דערשיינונג פון אַננאַ פראַנקס טאָגבוך איז נישט ווייניקער אינטערעסאַנט. פון די אין פלוג פשטותדיקע פאַרצייכענונגען פון דעם דאָזיקן אומגליקלעכן יידישן מיידל קוקט אַרויס די טראַגיק פון אַ גאַנץ פאָלק, דורכגעוויטיקט דורך דער נשמה פון אַ קינד, וואָס זעט מיט די אויגן פון אַ דערוואַקסענעם.

אַ באַזוך ביי לייוויקן

אַרום איז די וועלט משוגע געוואָרן און האַקט זיך דעם קאָפּ אין דער וואַנט. שלינג־שלאַנג דרייען זיך אַרום ווינטן, ווילן זיי הערוויל באַווייזן גבורה כל־זמן ס׳איז נאָך דאָ אַן אויער, וואָס הערט זייער געאיילעריי.

האָט די וועלט אַלץ בישט וואָס צו טאָן, איז זי זיך מיישב צו גיין אויף אַ האָר פּאַרצויגן איבער אַ תהום — אַ קלייטער בויג — און אַלץ גייט צום גרונט.

די רויטע האַנט צינדט פּיערן דערוויל, צינדט מען קובאַ, צינדט מען לאַאָס און עס שמעקט מיט ערב־שריפה.

לאָזטו איבער דאָס גאַנצע האַק און פּאַק און טרעטסט איבער די שוועל פון יחידישן, געהייליקטן צער.

דאָס גאַנצע הויז איז דאָ הייליק פּאַרן „תפילה לעני כי יעטוף״.

טו אויס, בן־אָדם, די שיך פון דיינע פיס, ווייל דאָס אָרט, אויף וועלכן דו שטייסט איז הייליקע ערד.

„און אַ מענטש איז געווען אין לאַנד עוץ״.

אַ מענטש, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן זיך געמאַטערט צו געבן אַ תשובה אויפן פּיך פונעם מענטש אויף דער וועלט. ערשט ליגט ער, דער איוב, אין זיינע יסורים, און דו, דער גאַסט — קענסט דען זיין דער אליפז התימני, יאָס זאָל אים טרייסטן?

דערמאָנסט זיך דאָס ליד, זיין ליד, דאָס ליד פון דעם הייליקן מענטש, וואָס איז אַ טענה צו די הימלען:

„אַ ווינט איז געקומען ווילד און בייז,
אַ בראָך געטאָן דעם עפּל־בוים, און דערנאָך
אָוועקגעטראָגן זיך ווייטער, — וואוהין? — ווער ווייס?
און דעם עפּל־בוים איבערגעלאָזן מיטן בראָך.
דאָס איז געווען דעם רוימס רעכטע האַנט,
און אַ צעבראָכענע האַנט איז אויך פאַר אַ בוים נישט גוט;
דערצו האָט נישט אויפגעהערט צו טריפן נאָאַכנאַנד
פון דער אָפענער וואונד אַזאַ לויטערדיק בלוט.

די איבעריקע צוויגן האָבן געוואָלט עפּעס טאָן,
געוואָלט קומען צו הילף, נאָר זיך רירן נישט געקענט;
אַזוי איז שוין זייער מזל פון אייביק אָן,
צו פאַרמאָגן אין זיך אַלץ, נאָר נישט באַוועגונג פון הענט״.

אַז דו וועסט אַמאָל מעיין זיין אינעם לויטערן ספר השירים פון לייוויקן, זיינע געזאַמלטע לידער, וועסטו דאָס ליד טרעפן אויף זייט 373.

און אַז דו וועסט שוין האַלטן דאָס טייערע בוך אין דער האַנט, וועסטו אוודאי נישט אויסמיידן די לידער, וואו דו וועסט אַזוי באַשיינפּערלעך נאָכ־פאָלגן דאָס פאַראויסאַנען פונעם גרויסן דיכטער דעם מצב, אין וועלכן ער געפינט זיך, איבערהויפּט דעם מאַדערנעם תהילים, דאָס אַלמענטשלעכע ליד פון ליידנדיקן מענטשן, די הייליקע „באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום״.

***

איך בין דאָס צווייטע מאָל ביי ה. לייוויקן אין זיין קרענק. און וויפל מאָל איך גרייט מיר צו פריער צו רעדן פאַר אים (ער פאַרשטייט אַזוי גוט אַלץ!), עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל זיין אויסגעליטערט ווי ער אַליין איז, פאַל איך אַראָפּ אויף וואָכעדיקע רייד. מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז איך רעד אַזעלכע צופעליקע זאַכן. דאָס ערשטע מאָל, ווען איך בין ביי אים געווען צוזאַמען מיט מלך ראַוויטשן, האָב איך אים דערמאָנט, אַז ער האָט אָפּגע־דרוקט מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק מיינס אַ גרויסן ציקל לידער אין די „זאַמלביסער״. כ׳האָב אים געוואָלט זאָגן עפּעס אַ וואָרט, וואָס זאָל אים שטאַרקן און איך בין געבליבן שוויגנדיק, ווייל וואָס כ׳וואָלט געזאָגט, וואָלט געווען חול צו דעם קודש, וואָס שטראַלט אַרויס פון זיין געשטאַלט. בלויז זיין קוש אויף מיינע ליפּן האָב איך איינגעזאַפּט אין זיך און געפילט ווי איך וואָלט אַליין לויטערער געוואָרן.

...און די גוטע, האַרציקע, שרה לייוויק, איז אַזוי דאַנקבאַר יעדן גאַסט, יעדן באַזוכער, און ס׳איז דאָ אַזויפיל געמיינזאַמס מיט איר גרויסן מאַן אינעם קענען מיט אַזויפיל געדולד, מיט אַזויפיל דו איבערטראָגן שווערן פּיין!

און אַ זכיה, אַ גרויסע זכיה, איז נישט נאָר רעדן מיט לייוויקן, נאָר אפילו שוויגן אַ וויל מיט לייוויקן.

***

עס ווילט זיך אַזוי נישט מאַכן קיין פּאַראַלעלן, אָבער עס דערמאָנט זיך דער קראַנקער היינריך היינע און דאָס בריוועלע פון ד״ר לעאָפּאָלד צונצס וויב, אַדעלהייט, נאָכן באַזוכן דעם קראַנקן פּאָעט צוזאַמען מיט איר מאַן, וואָס איז געווען דער נאָענסטער פריינד היינעס (אויסער משה מאָזערן):

„כ'האָב מיך איינגעקוקט אין זיין געזיכט, וואָס שטראַלט אַזוי פיל גייסטי־קייט... די זכרונות פון אַמאָל און די געפילן, וואָס האָבן מיך איצט באַ־הערשט, האָבן מיר געגומען שטיקן אין האַלדז. היינע האָט נישט געזען מיינע טרערן, ווייל זיינע אויגן זיינען שטענדיק פאַרמאַכט״...

*
**

און דורכן פענצטער קוקט אַריין דער פרילינג. ערגעץ בליט אַ בוים (איינעם שטאָליק־שטיינערנעם ניו־יאָרק זיינען אויך דאָביימער). די גאַנצע חכמה פונעם צעהאַנגענעם ביסל שטאָל איבערן האָדסאָן ווערט „אַ שאינו יודע לשאול״, נאַאיוו ווי אַ קינד פרעגט דער פרילינג די קשיה, וואָס היינע פרעגט אין זיין „נאָרד זעע״, די קשיה אויפן סדר העולם, וואָס וועט קיינמאָל נישט פאַרענטפערט ווערן.

1961

דער פּאָעט פון ליבשאַפט

(וועגן מלך ראַוויטש)

כ׳האָב חעמאָלט נאָך געלערנט אין אַ וואַרשעווער ישיבה, אָבער אין דער שטיל שוין געשריבן לידער. געשריבן אין העברעאיש און אין יידיש. פּאַר מיינע העברעאישע לידער האָבן איך עפּעס נישט געהאַט קיין אַדרעס און די יידישע ליטעראַטור האָט חעמאָלט אַרויסגעשיינט פון אַלע שויפענצטער פון די בוכהאַנדלונגען אויף דזשיקע גאַס, מיט אַזעלכע מאָדנע צעשויבערט־געצייכנטע הילעס פון אורי צבי גרינבערגס „מעפיסטאָ״ און פּרץ מאַרקישעס „די קופּע״, און מלך ראַוויטשעס „נאַקעטע לידער״ און משה בראָדערזאָנס, און נאָך און נאָך און דער אַדרעס איז געווען: די קולטור־ליגע אין סימאָנס פּאַסאַזש, האַכט זיך.

און אַז ס׳האָט זיך צונויפגעקליבן ביי מיר אַ בינטל לידער, בין איך אַרויף מיט זיי אין דער קולטור־ליגע און געוואָלט טרעפן פּרץ מאַרקישן, וואָס האָט דעמאָלט געהאַלטן אין איינעמען פוילן, האָב איך מאַרקישן נישט געטראָפן און ס׳איז גראָד געווען י. י. זינגער וועמען כ׳האָב געקענט פון זיין געניאַלער באָוועלע „פּערל״, וואָס כ׳האָב שוין דעמאָלט געלייענט. האָב איך אים פאַרגעלעזן שעמעוודיק אַ פּאָר לידער — האָט ער מיר צוגעשריבן אַ בריוול צו מלך ראַוויטשן, אַז „מיט דעם דאָזיקן ישיבה־בחור דאַרף מען זיך פאַרנעמען״. און האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס אויף דער נאָוואָליפּקי. בין איך געקראָכן שטיגן אַרויף אויף טרעפּ און טרעפּ, ביז צום דאַך־שטיבל. געעפנט אַ טיר און געזען אַ ציכטיק ווייס צימערל; ווייס, ווייס, ווייס, און אויף אַ וואַנט בלויז איין פּאָרטרעט פון שפּינאָזען און אַ מענטש מיט זייער אַן איידל און אָריגינעל געזיכט האָט מיר מקבל פּנים געווען פון בעט אַרויס, וואו ער איז צוליב אַ קרענק געלעגן. דערלאַנגט אים דאָס צעטעלע פון י. י. זינגער און אים גלייך געלייענט, ווי אַ וואַסער, אויף אויסנווייניק, ליד נאָך ליד, און ער האָט מיט צוגעלייגטע ווייעס אויפמערקזאַם אויסגעהערט ביז איך בין צוגעקומען צו די שורות:

„ווער האָט מיין דייגער אין פייער גלי געצונדן?
עס הויבן ווייזערס זיך; צען מינוט נאָך צען
ווי הענט וואָס הויבן זיך; אַן אומגליק איז געשען!״

דאָ האָט מיך ראַוויטש אָפּגעשטעלט, אויפגעעפנט די אויגן און מיר אַ זאָג געטאָן:

— אָט אַזוי זאָלט איר שרייבן! איך קאָן אייך נישט געבן קיין רעצעפּט, ווייל קיין רעצעפּטן זיינען נישטאָ. פאָלגט נאָר דעם געפיל וואָס אייך דיק־טירט געבן אַזאַ בילד, און הערט קלאָר אייער אייגענע שטים, וואָס וועט אייך דיקטירן, מיידט אויס השפּעות, הערט זיך גוט צו צו זיך אַליין, און שרייבן דאַרפט איר, און לייענען אויך אַ סך, זייער אַ סך. —

האָב איך טאַקע געלייענט און געלייענט און געשריבן און געשריבן און געשריבן, און אַלץ געוואָרט אויף דעם „שטים פון אייגן האַרץ" און מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך מאַך אַלץ נאָך היינען, וואָס איך לייען נאָך נישט אין אָריגינאַל, נאָר אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון יצחק קאַצע־נעלסאָן, און מאַך נאָך אַ סך דיכטער. אָבער דערווייל לייען איך, לייען פּליי־סיק, ווייל פונדעסטוועגן הערגיך דעם סוד פון שרייבן, מיטן זעלבן בייגיר וואָס איך עפן מיין זייגערל און באַברע מיך אין די שרייפעלעך. איך בין שוין קלאָר אין די „ליטעראַרישע בלעטער" אויף אויסנוויניק. די „ליטעראַרישע בלעטער" הערשיינען אין גרויסן פאָרמאַט און דאָרט לייען איך אין אַזאַ מאָדנע אַנדערשדיקן סטיל אַרטיקלען פון פער ד"עם (פּרץ מאַרקיש) וועגן מאַיאַקאָווסקין, און אהרן צייטלין, וועגן געטהען, און ישראל שטערן, וועגן לאָרד בייראָן און מיין ערשטן פּאַטראָן, מלך ראַוויטש, וועגן ריינער מאַריע רילקע און וואָלט וויטמאַן, און אפילו וועגן אַ פשוטן מענטש, אַ מענטש, גאָטס באַשאַף, אַ גבור וואָס איז אַזוי דורך אַ קליינעם אומגליקלעכן צופאַל געשטאָרבן — זישע ברייטבאַרד. יאָ, פון זיינע אַרטיקלען גייט אויף אַזאַ ליבשאַפט צום מענטשן ווי פון זיינע לידער, וואָס איך לייען. אַזעלכע פשוטע לידער, „נאַקעטע לידער", אַזעלכע ווי „די פאַרשטויסענע צו די אָרעמע":

„און ווערן מיר קראַנק — ווערן מיר מיטאַנאַנד
מיט ציפערן אויסנומערירט,
און אין פאַרשטאָט־שפּיטאָל אַריין אָפּגעפירט,
און טאָמער גיט דער טויט נאָר אַ שאַרפן בלאָז —
נעמט מען פון אונדז שוין באַצייטנס די מאָס
ביים לעבעדיקן לייב".

אָט אַזעלכע דויע, שניידנדיקע ווי אַ חלף שורות, ווי ביי ד"ר גאָטפריד בען, וואָס איז געווען אַ דאָקטער פון ווענערישע קראַנקייטן און אין זיין פּאָעמע „רוי־פלייש" געשילדערט די פּאַציענטן זיינע, די פאַרשטויסענע, וואָס קומען זיך צו אים היילן. אָט דער דיכטער, וועגן וועמען ראַוויטש טאַקע האָט אָן עסיי געשריבן! אַפּנים, ער איז אים, מיט זיין מענטשלעכער טעמאַטיק זייער באַנט געווען.

און פּאַמעלעך, לייען איך שוין דייטש און נאָך לשונות, און באַקען זיך מיט אַזוי פיל פּאָעטישע פּנימער וואָס זיינען מיר פריער פרעמד געווען.

אַזעלכע טשיקאַווע אויסטערלישע געשטאַלטן ווי לענאו און העלדערליין, און אַ האַנס פּעטער יאַקאָבסאָן, און ארנא האָלץ און וואָלט וויטמאַן און יהושע וויטלין און רייַנער מאַריאַ רילקע, און באָך און באַך, און פּונדעסטוועגן, אַז איך האָב איבערגעליענט ראַוויטשעס פּאָעמע „אונדזער אַלעמענס געזאַנג צום טויט" האָט זיך מיר געדאַכט אַז ס'איז איינגאַנצן ביי און דער עיקר, אַזוי טיף מענטשלעך, און כאָטש ס'איז שוין דרייסיק יאָר אוודאי ווי כ'האָב זי געליענט, שטייען מיר נאָך אַזוי פיל בילדער פון דער פּאָעמע פאַר די אויגן נישט צו פאַרגעסן, אָט אַזוי ווי כ'וועל דאָס גאַנצע לעבן נישט פאַרגעסן דעם טראַסק פון אַ מענטשלעכן קערפּער, וואָס האָט זיך אַליין אַראָפּגעוואָרפן אויף אַ וואַרשעווער הויף אין מיינע אויגן, און כאָטש כ'האָב שוין אַזוי פיל גרויזאַמקייט אין מיין לעבן בייגעוואוינט, הער איך נאָך אויף היינטיקן טאָג דעם טויבן קלאַפּ, דעם קלאַפּ פון אַ מענטשלעכן גוף אין אַספאַלט פון הויף. יאָ, אָט אַזוי זיינען די מערסטע לידער זיינע, מלך ראַוויטשעס, זינט ער האָט זיך ווי אַ פּאָעט אויסגעפורעמט און צוגעקומען צו זיך אַליין. עס בלייבט אין אייער זכרון נישט קיין ספּעציעל געשליפענע פאָרם, נישט קיין מוזיקאַלישע פאַרוויגטקייט, נאָר טיפער מענטשלעכער צער פאַר זיין בלייבן אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד צווישן די אַרומיקע כוחות פון אונטערוועלט, וואָס זיינען שטאַרקער פאַר אים, און קעגן זיי איז ער אוממעכטיק, ווי אוממעכטיק אַזאַ גיבור ווי זישע ברייטבארד, דער פּעקפּערטער מאַן פון דער קרעאַטור איז געווען און אַזוי ווי אַ שפּילעכל אויסגעגאַנגען פון אַ צופעליק ביסל זשאַווער אין זיין לייב ביים מאַכן אַן עקספּערימענט, און וועגן וועמען מלך ראַוויטש האָט אַזוי נישט צופעליק געשריבן זיין עסיי־ליד. ס'איז אַ ביסל מאָדנע: דער מענטש פון געדאַנק מלך ראַוויטש, וואָס האָט אַ גאַנץ ביכעלע זיינע לידער געווידמעט שפּינאָזען און דער שפּינאָזע־פילאָזאָפיע, הערזעט אַזוי טיף דעם מענטשן, אין אַלע זיינע פאַזן — דערזעט אים אין זיין פרייד און אויך ווען ער איז אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו דער וועלט און אַרויסגעשטויסן פון דער געזעלשאַפט. זיין ליבשאַפט צום מענטשן האָט קיין גרענעץ נישט, צוליב אים איז ער גרייט צו מאַכן טעותים און שפּעטער צוליב זיי ליידן:

„און איינמאָל קומט דער טאָג פון איבערבראָך,
ווען די ליבע צו דער וועלט איז גרייט,
ווי די יונגפרוי אין דער חופּה־נאַכט
איז גרייט צו טראָגן אין איר לייב די פרוכט
פון פרעמדן לעבן און איר אייגענעם טויט..."

פאַרוואָס ציטיר איך גראָד דאָס ליד? עס זיינען דאָך פאַראַן זייער אַ סך לידער ביי ראַוויטשן וואָס זיינען פיל שענער נאָך, טיפער, פּערפעקטער? דאָס איז ווידער דערפאַר, ווייל פאַר אַלע ליבשאַפטן איז די ליבע צום מענטשן

ביי ראַוויטשן די גרעסטע און זיין עכטקייט ווי אַ פּאָעט באַשטייט אין דעם וואָס ער מאַכט אונדז גלויבן אין זיין דאָזיקער ליבשאַפט און ער שטעקט אונדז מיט זיין ליבשאַפט אָן.

***

ווי פיל מאָל חזרן מיר דאָס איבער: מיר מעגן שטאָלץ זיין מיט די דערגרייכונגען פון אונדזער יידישער פּאָעזיע. ווי ברייט, ווי ווייט, ווי הויך, ווי טיף, ווי פאַרשיידנאַרטיק! אַזאַ דיכטונג קען נישט פאַרשווינדן ווי לאַנג די מענטשלעכע קולטור וועט עקזיסטירן און צו אָט דער דיכטונג האָט זיכער מלך ראַוויטש צוגעטראָגן זיין אַ בכבודיקן חלק, און ס׳איז כדאי דער יידישער לייענער זאָל זיך מיט איר פאַראינטערעסירן.



דער מחבר פון דעם בוך, ווי אַ קינד נאָך,
אין שויס פון זיין פאָטער.

פון יחזקאל קאָטיקס זכרונות ביז מלך ראַוויטשעס „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן"

איך ווייס אַז עס איז נאַריש צו טיילן אונדזער ליטעראַטור אין אַ פּוי־לישער, גאַליצישער, רוסישער, אוקראַאינישער. אָבער פּאַרט האָט יעדער פלאַץ עפּעס צוצוגעבן כאַראַקטעריסטישעס.

גאַליציע איז אַ באַזונדער נוסח. אפילו השכלת גאַליציע האָט עפּעס אין זיך אַנדערש ווי די השכלה אין רוסלאַנד. יוסף פּערל איז געווען אַנדערש פון אַ קלמן שולמאַן און ר' נחמן קראָכמאַל פון ריב"ל.

אין זיין מעשה־בוך דערציילט אונדז מלך ראַוויטש:

„מיר גאַליציאַנער יידן האָבן טאַקע אויף אַן אמת ליב געהאַט אונדזער קייזער פראַנץ יאָזעף דעם ערשטן. ער האָט געקיניגט איבער אונדז כמעט זיבעציק יאָר, פון זיינע יונגע יאָרן אָן. אכצן יאָר איז ער אַלט געווען, אַז ער איז אין יאָר 1848 אַרויף אויפן טראָן, און זעקס און אכציק יאָר איז ער אַלט געווען אַז ער איז, אין יאָר 1916, אין מיטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געשטאָרבן. און ליב געהאַט האָבן מיר אים, ווייל מיר האָבן נישט מורא געהאַט פאַר אים און נאָך מער דערפאַר ווייל אונדזער נאָענטסטער שכן, לענגאויס פון צפון און מזרח־גאַליציע, איז געווען פּאָניעס מדינה מיט אירע אייביקע פּאָגראָמען און אייביקע איבערקערענישן... און צוליב אָט דעם קייזער ירום הודו וואָס מען שרייבט אין ראשי תיבות „קירה" — האָבן אונדז די יידן פון רוסלאַנד געדרופן „די קירהס". אָדער די קירהשע יידן, און מיר האָבן זיי צוריקגערופן „פּאָניע גנבס יידן", אָדער גאָר פּשוט „די פּאָניעס". זיי האָבן אונדז אויך גערופן „פּרוים יאָסלס יידן", לויטן פאַר־יידישטן נאָמען פון אונדזער קייזער פראַנץ יאָזעף".

אַז איר לייענט זיך אַריין אין מלך ראַוויטשעס מעשהס, זעט איר גלייך די אַנדערשקייט פון טיפּאַזש, אַנדערש ווי דער פּוילישער. דער פּוילישער ייד איז אָרעם, נאָר איבערלעך פּאַרטיפט אין זיין שיינקייט און אָפּגעזונ־דערטקייט; ווידער דער גאַליציאַנער ייד איז עפּעס געזונטער, חושימדיקער, תאווהדיקער, נאָרמאַל געבילדעטער ווי דער פּוילישער ייד פון פאַר־מלחמה־דיקן שטעטל אין פּוילן. מלך ראַוויטשעס מעשהס זיינען אַלע אויסטערליש, אָבער קיין איין אויסגעטראַכטע פּאַסירונג איז אין זיי נישטאָ. מלך ראַוויטש איז אַזוי ערלעך און אויפריכטיק אין זיי ווי אין לעבן, און פונקט אַזוי זוכנדיק, בלאָנדזשענדיק ווי אין לעבן. ער הייסט זיגמונט, זכריה, חנא, זוזיא, מלך ראַוויטש און זיגמונט האָט מען אים גערופן, ווייל זיין פּוילישע אַם, וואָס

ער האָט ביי איר מילך געזויגן, האָט אים דעם נאָמען געגעבן. די אַם, צוליב וועל־כער ער איז געבליבן לעבן, ווייל די מאַמע האָט אים נישט געקענט געבן קיין מילך.

די טענדענץ איז קלאָר, „ווילסטו דעם דיכטער פאַרשטיין, מוזסטו אין זיין לאַנד גייך". אָט דער אָפּגעבליאַקעוועטער זאַג, איז זייער אמת לגבי ראַוויטשעס זכרונות. דער פּוילישער ייד וואָלט אפשר קיין פּוילישע אַמען נישט גענומען, געערעכט ציט ניט־געערעכט. ראַוויטש האָט זיין קאָסמאָפּאָ־ליטישן געפיל אַריינגעזויגן פון דער מילך. און וואו וואָלט איר עס געזען אַ פּוילישן יידן גיין אין שול אַריין און מיטנעמען אַ קינד אויף דער הזכרה פון אַ קייזערין, ווי עס האָט עס געטאָן ראַוויטשעס פאָטער? (ווי ראַוויטש שילדערט עס אַזוי צאַרט־ליריש אין דעם קאַפּיטל „אַ הזכרה נאָך אַ קייזע־רין") און אַז אַ זיידע פון אַכט און זיבעציק יאָר זאָל וועלן ווערן אַ חתן? אָדער אַזאַ אויסטערלישע, האַלב־גויאישע, האַלב־יידישע משפחה ווי די קלוגמאַנס? די און ענלעכע געשעענישן וואָלט ביי פּוילישע יידן ניש פּאַ־סירט. ס'איז טיפּיש גאַליציש. די גאַליציאַנער יידן האָבן זיך מער אַסימי־לירט ווי די פּוילישע, קיידהס פּריווילעגיעס האָבן געווירקט, דאָס איז נאָר אַזוי אַ ראַנד־באַמערקונג.

וואָס נוגע דעם אופן פון שילדערן, דאַרף מען נישט זיין קיין גרויסער מייסטער ביי אַזאַ אויסטערלישער פאַקטור. נישטאָ קיין איין מעשה וואָס דו זאָלסט נישט ווערן גלייך ביגעריק צו וויסן דעם סוף. אָבער אַז איר לייענט זיך טיפער אַריין זעט איר, ווי ראַוויטש, דער גרויסער פּאָעט מיטן עטישן סענטימענץ אין יעדן ליד, האָט אויך אין יעדער מעשה זיינער אַ מוסר־השכל פון אַ שלמה המלך, און ער וואַרפט בידים אָפּ די אַנציינדיקייט וועל־כע ער וואָלט נאָך אַ סך געקענט צעציען, אָבער האָט ער נאָר דערגרייכט זיין ציל, פאַרענדיקט ער גלייך.

„שיכורע לערערס" איז איינע פון די מעשהס וואָס שוידערן אייך אויף מיט זייער לעבנס־אמת און מאָנען ביי אייך ענטפער. דער לערער האָט זיך אָנגעשיכורט ביי ראַוויטשן אין הויז, ווייל ער האָט נישט געהאַט פאַרוואָס צו צאָלן דירה־געלט און ווי אַזוי ראַוויטשעס פּעטער האָט אים אויסגעליען פאַר אַ האַלב יאָר פאַראויס געלט, דאָ האָט איר דעם שליסל צו אַ סך לידער פון ראַוויטשן מיט זייער געערעכטיקייט־געפיל. ראַוויטש פילט מיט זיינע פאַר־שוינען, ער פילט מיט פעפאַן די זונה, ווי מיט דער שיינער האַרבאַטער פּוילי־שער לערערין זיינער; פון אַלע מעשהס גייט אויף אַ גרויסע ליבשאַפט און מיטגעפיל צום מענטשן, נישט קיין מעלאָדראַמאַטיש־זיסלעכע און סענטימענ־טאַלע, נאָר אַ טיף פאַרוואָרצלטע. אין אַ ליד פון 1911 זינגט ראַוויטש:

„איך האָב אייך ליב, אייך אַלע, אַלע מענטשן קינדער,
מענטשן קינדער, אָ, איך האָב אייך האָלד;

אין גרויע אויגנס טיפן זע נשמות איך ווי ליליעס,
אין גרויע קליידער זע איך איינגעוועבט פעדים גאָלד״.

ווען איר לייענט אָט דאָס ליד וואָס איז געדרוקט געוואָרן מיט איבער פופציק יאָר צוריק זעט איר ווי עס פלעכט זיך דורך אין זיין גאַנצן שאַפן, ביזן הייַנטיקן טאָג, דער איביק־פאַרליבטער, כמעט נאַאיווער ראַוויטש, אין לעבן איז ער אָבער ווי אין שרייבן זייער קלוג. ער האָט אַ גרויסן געפיל פאַר הומאָר, אָבער זיין הומאָר איז ווי ביי אַ מייסטער, דורכגעוויקט מיט טרערן.

אויב „אין געצוימטקייט ליגט דער מייסטער״ — ווי געטהע האָט דאָס העפיגירט — איז ראַוויטש אין זיין פּראָזע אויך אַ מייסטער שבמייסטער, נישטאָ קיין איין איבעריק וואָרט (בלויז אפשר אַמאָל אַ שורהביים סוף קלאָרער צו מאַכן דעם מוסר־השכל, וואָס איז אָן דעם גענוג קלאָר) און אויב די ווערט פון אַ בוך איז ווען דו לערנסט עפּעס דערפון, אַז עס מיינט דיך דערהויבן פריידיק, טראָג דעם שטילן טרויער, איז עס אוודאי ראַוויטשעס מעשה־בוך. אוודאי דאַרף אונדז ראַוויטש נישט צווינגען גלויבן מיטן קינסטלערישן אמת פון זיינע מעשיות, אַז זיי זיינען אמת. זיי זיינען טאַקע אמת, ווייל ראַוויטש קען בכלל קיין ליגן ניט דערציילן. אָבער ווען ראַוויטש וואָלט נישט געווען קיין קינסטלער אין זיין פּראָזע, וואָלטן זיינע מעשיות נישט אַרויסגערופן אָט יענע געפילן וועלכע מיר באַקומען לייענענדיק זיי. דאָס איז נישט דאָס מאַראַלישע מיטוויינען, דאָס טוט אפילו אַ מעלאָדראַמע אויך, אָבער ראַוויטשעס „מעשה־בוך פון מיין לעבן״ האָט אין זיך יענעם עקסטראַקט פון וועלכן עס זיינען געשאַפן געוואָרן די בעסטע זכרונות־ווערק אין דער ליטעראַטור, אַזעלכע ווי רוסאָס „קאָנפעסיאָן״, טאָלסטאָיס און גאָרקיס זכרונות, און ביי יידן — מענדעלעס, שלום־עליכמס, פּרצעס, און יחזקאל קאָטיקס זכרונות.

מיר ווינטשן ראַוויטשן דערלעבן די וויטערע טיילן פון אָט דעם זייער אינטערעסאַנטן און העכסט־קינסטלערישן ווערק.

***

דוכט אַז קומענדיקן יאָר ווערט פופציק יאָר זינט עס איז געדרוקט געוואָרן יחזקאל קאָטיקס קינסטלערישע זכרונות צו וועלכער אונדזער גרויסער פאָלקס־שרייבער שלום־עליכם האָט אָנגעשריבן אַזאַ באַגייסטערטע הקדמה.

דער געניאַלער קינסטלער האָט דערפילט מיט זיין לירישן חוש דעם ווערט פון אַזאַ סאָרט זכרונות. מלך ראַוויטשעס זכרונות האָבן די ווערט וואָס זיי זיינען ניט „דיכטונג אונד וואַרהייט״, נאָר וואַרהייט וואָס איז דורכן פּאָעט געוואָרן דיכטונג.

יוסף רובינשטיין

איך טראַכט זיך אַריין אין דער מוזיק פון רובינשטיינס „מגילת רוסלאַנד", און אויפן געדאַנק קומען מיר די שורות פון זיינס אַ ליד „באַלעוועקעס" און זיין וואונדערלעך בוך „נאַכט אויף באַלעוועקעס" (1949):

„דיין היים — פאַרלאָזט, עס וואָגלען דיינע קינדער,
זיי בלאָנדזשען אום, ווי פרעמדע, בלינדע שאָף,
אויף דיינע הויפן זינגט נאָך אַלץ דער בלינדער,
דאָס אַלטע ליד ׳טיטאַניקס וויסטער סוף׳".

„מגילת רוסלאַנד" האָט אין זיך אויך דעם עלעמענט פון אַט דעם סאָרט לידער, וואָס דער אַנאָנימער פאָלקס-פּאָעט האָט געשאַפן אויף יעדער צרה, דער חילוק איז דאָ נאָר, וואָס מגילת רוסלאַנד" האָט געשאַפן נישט, חלילה, קיין בלינדער, נאָר אַ פּאָעט מיט צען פּאָר אויגן, און דאָס ליד זיינס איז ראַפינירט און פאַרמאָגט אין זיך, אין אַ פאַרפיינערטער פאָרם, אַלע יענע שטומע פאָלקס-געזאַנגען, וועלכע האָבן צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות, נישט געקענט קומען צום וואָרט, און עס האָט זיך געפונען אַ פּאָעט. וואָס האָט זיי געשטאַלטיקט און געגעבן אויסדרוק.

„מגילת רוסלאַנד" איז אַן עפּיש ווערק, מיט אַ צומיש פון לירישע אַק־צענטן, ווי אַשטייגער „די צעשטערונג פון טראָיאַ", ווי „יעווגעני אָניעגין", ווי „פּאַן טאַדעאוש", און אָט די ווערק האָט איר שטייגער־שילדערונגען מיט אַזויפיל פּרטים, אַז עס מאַכט מיד, און קיינעם וועט נישט איינפאַלן צו שטעלן די שאלה: צי האָט מען דאָס זעלבע נישט געקענט שילדערן אין פּראָזע? און מיט וואָס איז די דעטאַליזאַציע־שילדערונג פון דער שליאַכטע מער וויכטיק ווי די שילדערונג פון די בלוטיקסטע און טראַ־גישסטע עפּאָכעס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט: די סטאַלין־עפּאָ־כע? אמת, די דאָזיקע עפּאָכע איז צו נאָענט צו אונדז, איז טאַקע דערפאַר, רופט זיך שטענדיק דער דיכטער פריער אָפּ ווי דער פּראָזאַאיקער. דעם פּאָעט איז געגאַנגען אין צונויפזאַמלען קליינע דעטאַלן, וואָס האָבן פאַר זיך איין נאָמען: שרעק! אים איז נישט געגאַנגען אין אַ סיפּור־המעשה, דעם סיפּור־המעשה פונעם גאַנצן בוך „מגילת רוסלאַנד" קען מען איבער־דערציילן אין 30 זייטלעך (די מעשה מיט פאַוסטן איז דאָך אויך פאַר געטהען

נאָך פאַרפיקסירט געוואָרן אין קלייגע מעשה־בימעלעך), אָבער דאָס שאַרפע אויג פונעם דיכטער און זיין וואונדערלעכע אינטואיציע, העלפן אים, פון קלייגע פרטים צו מאָלן איין גרויס בילד, אַ בילד פון ריעפינען „איוואַן דער גרויזאַמער", אַ בילד פון יענעם פיינצטערן רעזשים, וואָס האָט גרויסע פאַר־זענלעכקייטן קליין געמאַכט און שוואַך געמאַכט.

און טאַקע אָט די אינטואיציע, העלפט רובינשטיינען (חוץ אין קלייגע, געציילטע פאַלן) אַרויסשיילן דאָס ווערטיקע פונעם מיגדערוויכטיקן און אַזוי, מיט עטלעכע שורות, טיילמאָל אַ בליץ טאָן מיט אַ געדאַנק, וואָס קענער פון רוסלאַנד דאַרפן דערויף צענדליקער זייטן אין זייערע ביכער:

„ס'איז אפשר און אפשר נישט, נאָר דער געדאַנק מיך רופּט:
וואָס טראַכט דער רוס, אָט נישט קיין שונא, סתם אַרויס זיך דאָרט,
צי קען אַ פושקין אויסוואַקסן אין יעהופּעץ,
אַז מ'זאָל טאַקע רוסיש זיין אויף דורך און דורך אין וואָרט?

צי קען אַ גלינקא ווערן פון אַ ייד אַ מנגן,
וואָס זאָל דאָס רוסישע ליד דערפילן ווי אַ רוס אין בלוט?"

ווער עס קען אַ ביסל די באַדינגונגען אינעם לאַנד, וואָס רובינשטיין באַשרייבט, ווייסט, וויפל אמת עס איז אין דעם פאַראַן. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן אין דער צייט פונעם גרייג אויפן קאָסמאָפּאָליטיזם אין סטאַלינס צייטן, ווען מ'האָט דערשפּירט אין די צייטונגען רוסישע נעמען פון רוסיש־סאָוועטישע שרייבער, וואָס זיינען געווען יידן און צוגעשריבן זייער יידישע נעמען ביי דער זייט.

אָט אַזעלכע טרעפלעכע איינפאַלן פון זאָגן עטלעכע שורות, טיילמאָל אפילו אין איין שורה אַן אָריגינעלן געדאַנק, קענט איר ביי אים געפונען אין די הונדערטער, און עס וואָלט צופיל פּלאַץ פאַרנומען זיי אַלע אויסצורעכענען. גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע לידער ווי „אין קונסט־טעאַטער", „אין דער אָפּערע", „טרעטיאַקאָווסקאַיאַ גאַלעריע". כמעט דעם גאַנצן ציקל „מאָסקווע", און זיין קענטשאַפט פון רוסישן פּייזאַזש! דערוועגן דאַרף מען אַמאָל שרייבן באַזונדער.

***

איך ווייס, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס האַלטן, אַז נישט אַלע אמתן, מעגן זיי זיין טאַקע אמתן, קען מען און דאַרף מען אַרויסברענגען. צום שבח פון רובינשטיינען דאַרפט געזאָגט ווערן, אַז זיין אָדער פון אַן אמתן קינסטלער האָט אים אַ סך אונטערגעזאָגט, אונטערגעזאָגט יענע מאָס,

וואָס נאָר אַ מייסטער האָט זי. יענעם טאַקט, וואָס שלידערט אַזעלכע סענסאַציע, ביליקייט, פּליאַטקעס : וואָס דערהויבט מענטשלעכע שוואַכקייטן צו טראַגיק.

יוסף רובינשטיין אַרבעט איצט איבער אַ ניי, קאָלאָסאַל ווערק, ער שטודירט מאַטעריאַלן, דאַטעס, געשעענישן, פאַרברענגט טעג אין ביבליאָטעקן, איז זיך מיישב מיט פריינד, נעמט קאָנסולטאַציעס, פאַרלאָזט זיך נישט אויפן זכרון, שרייבט און שלייפט צענדליקער מאָל דאָס אָנגעשריבענע. זאָלן מיינע שורות זיין אַ דערמוטיקונג פאַר אים אין אָט דער אָנגעשטרענגטער צייט. רובינשטיין שטייגט קינסטלעריש פון ווערק צו ווערק, און ס׳איז צו האָפן, אַז אויך דיין נייסט ווערק וועט זיין פאַר אים אַ ווירטערדיקע דערגרייכונג.

פּ. ס. בשעת מיר שטעלן די זייטן פון אונדזער בוך האָט אונדז דער פּאָעט נאָכן צענדליקער מאָל פיילן און שלייפן זיין בוך „חורבן פוילן" איבערגעלייענט זיין נייע פּאָעמע. מיר האָבן נישט זיך און נישט קיינעם אָפּגענאַרט פאַראויסזאָגנדיק, אַז אַ ניי גרויס ווערק קומט צו דער יידישער ליטעראַטור, אַ פּאָעמע פון גרויסן דראַמאַטיזם און שטאַרקער פּאָעטישער קראַפט.

איציק מאַנגער

איך געדענק: נישט לאַנג פאַר דער מלחמה האָט אין לאָדזשער זשור־נאַל „אות" דער זייער טאַלאַנטפולער דיכטער, ישראל ראבאָן, וואָס איז שפּעטער אומגעקומען ביי די היטלעריסטן, צווישן אַנדערן געשריבן, אַז „ביינציק פּראַצענט פון די פאָלקס־לידער, אין וועלכע דאָס פאָלק גיסט אויס זיינע געפילן זיינען אָן דיכטערישער באַדייטונג".

איך האָב שוין דעמאָלט גוט געקענט איציק מאַנגערס דיכטונג, און אין אַ בריוו צו ישראל ראבאָן, האָב איך אים „געשלאָגן" מיט מאַנגערס דיכטונג. ווי אַ באַווייז וויפל עלעמענטן פון אמתער, עכטער פּאָעזיע עס איז פאַרבאַהאַלטן אינעם פאָלקס־ליד, און אַז דער אמתער, גרויסער פּאָעט דער־גרונטעוועט זיך שטענדיק צום פאָלקס־קוואַל.

איציק מאַנגער איז אַזוי שיין אין זיין דיכטונג, אַז עס פאַרבלענדט דאָס אויג פון צו זוכן טיפקייט, כאָטש אַ געדאַנק איז שטענדיק ביי אים דאָ, און גאַנץ אָפט אפילו אַ טיפע פילאָזאָפיע. איך קען נישט פאַרגעסן זיין סאָנעט וועגן קעץ אין פרילינג, דאַכט זיך אַזאַ וואולגאַרע טעמע, און איר האָט אַ גאַנצע מוזיק, און איר פאַרנעמט דאָס אייביקע גאַרן פון מין צו מין, דאָס געקייטל פון דורות, דעם אָטעם פון דער אייביקייט, דעם סוד פון דער קרעאַטור.

ער איז אַזוי שיין, אַז מען איז אים אפילו מוחל זיין באַרימט ליד וועגן רבינו תם, כאָטש דער רבינו תם אַליין איז דאָך געווען אויסער גרויסער גאון ביי יידן אויך אַזאַ גוואַלדיקע עטישע פּערזענלעכקייט, און די אַלע צוטשעפּענישן אינעם ליד, מעגן זיי זיין גראָטעסק, האָט דאָך צו אים קיין שייכות נישט, אָבער מיר ווייסן, אַז אפילו גרויסע צדיקים האָבן אַמאָל מוחל געווען אַ קיביץ אויף זייער חשבון. דאָס פאָלקס־ליד דערלויבט זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט די בערד פון די אָבות.

ביי זיין גאַנצער אַזוי צו זאָגן, „שקאָצישקייט" און אפּיקורסישער פאַר־שייטקייט, איז מאַנגער דורך און דורך ערנסט און זיין ערנסטקייט פירט אים צו די קינות אויפן טויט פון זיין ברודער און מיליאָנען אַנדערע ברידער, וועלכע זיינען פאַרשניטן געוואָרן אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה דורך די היטלעריסטן, און צו זיינע וואונדערלעכע עסייען, וועלכע זיינען אַזוי שטענדיק טרעפלעך און אַזוי פול מיט קענען און וויסן.

איציק מאַנגער איז איינער פון די געבילדעסטע פּאָעטן ביי יידן; ער

האָט זיך ניט בלויז אָנגעשמעקט מיט דער וועלט־ליטעראַטור, נאָר ער איז איר גרינטלעכער קענער.

זיינע עסייען וועגן משה ליב האַלפּערן, יוסף ראָלניק, מאַני לייב, ראובן אייזלאַנד, שמואל האַלקין און משה נאַדיר, וועלכע זיינען אַריין אין זיין בוך „נאָענטע געשטאַלטן" זיינען שאַרפזיניק און מוסטערן פון סטיל, דורכגעוועבט מיט פּאָעטישן אימאַזש און טיפן ליריזם.

אָט האָט איר אַ מוסטער וועגן מאַני לייבן:

„די מוזיקאַלישקייט איז מער ווי סתם וואָרט־קלינגערײַ ביי אים. ער איז נישט קיין וואָרט־ווירטואָז. ער איז נישט דער יאַשאַ חפץ פון יידישן ליד. זיין ליד איז נישט קיין סתם איידל־שניצעריי, ראַקאַקאָ־פּודער און מאוסין־פּאַרפיום. זיין ליד האָט דעם דופט פון לילאַק און אומאַרסעלן, דעם טעם פון רויטע קאַלינעס און צייטיקע קיסר־באָרן".

און אָט וועגן יוסף ראָלניק:

„דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען ביי ראובן אייזלאַנדס לוויה. דאָרט האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שטומע סצענע, וואָס האָט מיך געריִרט ביז טרערן. איידער מען האָט פאַרמאַכט דעם אָרון האָט מען געמאָלדן, אַז ווער סע וויל זען צום לעצטן מאָל דעם טויטן, קען עס איצטער טאָן. ראָלניק, מיט דער שוואַרצער פּיונעראַל־יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און זיך געלאָזט גיין. זיין פרוי האָט אים צוריקגעהאַלטן. ער איז אַ מאָמענט צייט גע־בליבן שטיין נישט אַנטשלאָסן, סוף־כל־סוף האָט ער מיט אַ שטילן זיפץ זיך אַוועקגעזעצט.

דער דאָזיקער שטילער זיפץ, דעם לעצטן, וואָס איך האָב פון אים געהערט, וויברירט נאָך אין מיר".

וועגן ראובן אייזלאַנד:

„ראובן אייזלאַנד דערציילט ערגעץ אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט געהאַט אַ באָבע, אַ קליינע, אַ דאַרע יידענע, הויט און ביינער. די דאָזיקע קליינע, דאַרע באָבע האָט געהאַט אַ קול ווי אַ גלאָק. האָט זי עמעצן דערציילט אַ סוד אין אויער, האָט געוואוסט דערפון די גאַנצע גאַס. די מאַמע, פאַרקערט, איז געווען אַ שטילע, קוים וואָס מען האָט געהערט אירע טריט. זי האָט גערעדט שטיל, געטאָן איר אַרבעט שטיל. אייזלאַנדן האָט עס געצויגן צו דער מאַמעס שטילקייט, ער האָט זיך געפילט זיכערער אין שאָטן פון איר שטיל־קייט, און כאָטש ער האָט די באָבע ליב געהאַט, האָט ער פיינט גע־

> האָט איר קול, וואָס האָט קיינמאָל נישט געקענט אַראָפּנידערן צו אַ פליסטער, אַ שעפּטשע, אַ מורמל. אים האָט אָפּגעשטויסן דאָס קול, וואָס האָט נישט געקענט פאַרטרויען אַ סוד.
>
> דאָס דאַזיקע ווידערגעפּיל צום קול פון אַ גלאָק, האָט אייזלאַנד אין זיך געטראָגן דאָס גאַנצע לעבן. אים האָט אָפּגעשטויסן דאָס פּאַ־טעטישע, דאָס בלישצענדיקע, דער שטאַרקער טאָן, ער האָט ליב געהאַט דאָס שטילע, דאָס ווייכע, דאָס מעלאָדישע".

מיר האָבן זיך באַקענט נאָך פאַר דער מלחמה און מיר זיינען זיך נאָענט געווען. איציק מאַנגער האָט מיר געשאָנקען אַלע זיינע ביכער, וועלכע זיי־נען ביי מיר געשטאַנען אין ביכער־שאַנק. מיר האָבן זיך געדרוקט אין זשורנאַל „שריפטן", וואָס שמואל זאַראָמב האָט אַרויסגעגעבן. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן אונטערגעשריבן מיין אַפּליקאַציע אָנגענומען צו ווערן אויף טלאָמאַצקע 13.

האָט ער ביי מיר געזען אַ שיין ליד, האָט ער זיך דערמיט אַרומגעטראָגן און עס רעקאָמענדירט צו פריינד, האָט ער געזען אַ שלעכטע זאַך — האָט ער זיך נישט געשעמט צו זאָגן.

מאַנגער איז אין דעם פּרט זייער ערלעך צו זיך און צו יענעם, ער זאָגט נאָר דאָס וואָס ער טראַכט.

מיר איז באַקאַנט אַ פאַקט, ווי אַ געוויסער שרייבער, וואָס האָט גע־וואוינט אין אַ פּראָווינץ־שטאָט, האָט אים געלאָזט וואַרטן אַ צייט אויפן וואָקזאַל, נישט אַנטקעגנקומענדיק אים, ווייל מאַנגער האָט וועגן זיין בוך נישט געשריבן, און געטאָן האָט ער עס נישט צוליב שלעכטסקייט, נאָר ווייל דאָס בוך איז אים צום האַרצן נישט געווען.

די צייט, וואָס שוימט אָפּ דאָס צופעליקע און לאָזט איבער דאָס מאָ־נומענטאַלע און אייביקע, וועט אוודאי איבערלאָזן פאַר דער אייביקייט זייער אַ סך פון מאַנגערס שאַפן.

די ליריק פון זלמן שניאור

אַרומנעמען דעם גאַנצן שאַפונג־וועג פון זלמן שניאור איז נישט מעג־לעך אין איין אַרטיקל און אפילו נישט אין קיין ציקל אַרטיקלען. מיט די דריי גרויסע בענדער לידער און פּאָעמעס, וועלכע זיינען דערשינען אין תל־אביב מיט אַ שטיקל צייט צוריק, איז נאָך זיין ליטעראַרישער אוצר נישט געשלאָסן. וואָס שניאור וואָלט נישט געווען געשריבן זיינע וואונדערלעכע, קרעפטיקע פּאָעמעס, ווי „בהרים", „המנדולינית", נאָר אונדז געגעבן בלויז זיינע „שקלאָווער יידן" אָדער „דער קייסער און דער רבי", וואָלט ער אויך אַריין אין דער יידישער און אפילו וועלט־ליטעראַטור, ווי איינער פון אירע גרעסטע מייסטער.

אָבער מיר וועלן זיך דאָס מאָל באַנוגענען מיט אַן אָפּשאַצונג פון זלמן שניאורס ליריק, די לידער, וועלכע זיינען אַריין אין זיין ערשטן באַנד גע־קליבענע לידער.

ח. נ. ביאַליק איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָפּגעמערקט דעם אויפגאַנג פון שניאורס ריזיקן טאַלאַנט. אין זיין אָפּהאַנדלונג „כשרונותינו הצעירים" רופט ער אָן שניאורן „אונדזער שמשון הגבור". און ווירקלעך, פון שניאורס ליריק ווייעט אַזאַ מעכטיקע קראַפט, אַזאַ מענלעכקייט, אַ קאָ־לאָסאַלער ווילן אַלץ אַרומצונעמען און באַהערשן.

שניאורס ליריק איז נישט קיין הכנעהדיקע, זיין געמיט איז אַ באַהער־שערישער, ווי זיין שטאָלצער גייסט. וויפל השתפכות־הנפש דיכטער האָבן עס אַלץ נישט אויסגעדריקט מיטן אָנקום פון אָונט, ביי זלמן שניאורן איז עס אַנדערש:

„לאָמיך פאַרקלעמען מיין קאָפּ אין דיין שויס —
די זון איז שוין פאַרגאַנגען;
לאָמיך זינגען, און מיין ליד זאָל אַזוי אומעטיק זיין ווי דער אָונט,
און ווייך ווי דער שאָטן פון פאַרנאַכט".

אָבער באַלד קומט די אויסניכטערונג פון דער שוואַכער מינוט, ווי שניאור וואָלט זיך גלייך באַזינען, אַז ער איז צו ווייט אַוועק אין זיין שוואַכקייט:

„איך וועל זינגען, איך וועל שעפּן פון דיין פאַרלוירענעם טרויער
אַ פּערל צעפינקלט,
ער וועט דיך שטיקן אין האַלדז, אַ הענג טאָן אין דיין אויג
און פאַלן אויף מיין קאָפּ". („השמש שקעה").

איך טרער וועט פאַלן אויף זיין קאָפּ. שניאור אַליין ווייסט נישט, ער שפּילט זיך נאָר מיטן אָונטיקן אומעט, ער מעדיטירט וועגן געדענקען דעם אומעט פון פאַרגייענדיקן טאָג — דעם טאָג, וואָס וועט קומען.

שניאור זעט די וועלט אין בילדער, טיילמאָל מיטן בליק פון אַ מענטש, וואָס שטייט אויפן באַרג און אַלץ אונטן זעט אים אויס קליינלעך, און דעמאָלט קומט ער צו דער פעסימיסטישער מסקנא, אַז:

„לעבן און טויט האָבן אויכעט זיך פיינט,
נאָר געשלאָסן זיי האָבן אַ בונד ערשט צוזאַמען:
— איך מאַך געבוירן, און דו מאַך טויט,
און מיר האָבן אַ שפּיל שוין פון געבוירענע און טויטע״.

נאָר נישט איינמאָל קוקט ער און באַוואונדערט די גראַנדיעזקייט פון באַשאַף. ער קלעטערט אויף די בערג, ער קוקט אַריין אין תהומות, אים ציט צו דער ווילדער פּרעהיסטאָרישער לאַנדשאַפט, און ער האַלט זיך אַליין אויך פאַר אַ חלק פון אָט דער רויער נאַטור. זיין געליבטער וואָרנט ער, זי זאָל איבער אים צופיל נישט וויינען נאָך זיין טויט:

„מע באַווינט דאָך נישט קיין שטיין, אַ שטיין — פון דער
אייביקייט אַ קינד,
וואָס האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ ווי שטאָלץ —
אַן איינציקער אַ פרייער — און פּלוצעם ר׳האָט אַ ציטער געטאָן,
זיך געשפּאָלטן פון אַ דונער
און איבערגעלאָזט אַ טיפן אָפּגרונט, אַ פינצטערן, אַ מיסטעריע״.
(„לה״)

יאָ, אַ מיסטעריע איז די פּאָעטישע פּערזענלעכקייט פון זלמן שניאור. ס׳איז צו באַוואונדערן, ווי אָט דער דיכטער, וואָס איז פון איין זייט אַזוי צוגעבונדן מיט אַלע חושים צום לעבן, און ער באַזינגט דאָס לעבן מיט אַזאַ פלאַם (זע דאָס ליד „כך נושקים אצלינו״), איז פון דער צווייטער זייט טיף אין זיך אַ פעסימיסט. צו די סאַמע ערשטע כתבים זיינע געהערן די „כתבים פון אַ זעלבסטמערדער״. אָבער ביי שניאורן איז דער פעסימיזם דווקא מחייב צום לעבן, ס׳איז אַן אייביקער קאַמף פון זון און שאָטן:

„בייטאָג זיך פאַרבאַהאַלטן די שאָטנס
אין וועלדער, אין היילן געדיכט,
און טראַכטן אויס פאַרבאַהאַלטענע עצות
צעשטערן דעם גבור פון ליכט״. („עול״).

און אין דעם דאָזיקן קאַמף שטייט ער אויף דער זייט פון זון און ליכט,

כאָטש ער ווייסט, אַז אַלץ ענדיקט זיך מיט טויט, און אַז קעגן טויט איז קיינער נישט מעכטיק, אָבער דעריבער טאָקע דאַרף מען האַלטן טייער דאָס לעבן:

„ווי גרויס, ווי לאַנג מיין לעבנס־וועג,
פול מיט רעטעניש און סודות,
איך צי זיך אַלץ נאָך ווייטער, ווייטער,
מיין האַרץ־פּלאַם אַזאַ צעהוידעט". („בדרך")

ז. שניאור איז אין זיין ליריק אַזוי פאַרשיידנדיק און פילפאַרביק ווי אין זיין גאַנצן שאַפן. אַמאָל איז עס עגאָ־דיקטורנג וואו עס קומט צום אויס־דרוק זיין שטאָלצער גייסט, זיין פלאַמיקער טעמפּעראַמענט, וואָס האָט נישט ליב קיין פשרות און גיט זיך קיינמאָל נישט אונטער:

„מיין לייב האָט איר באַצוואונגען אין קענעכטשאַפט,
אָבער נישט מיין געדאַנק, דעם שטאָלצן,
איר הערט? נישט מיין געדאַנק!
אייער כיטרעקייט דערגרייכט נישט צו אים,
אייערע טמא הענט האָבן נישט פאַרשוועכט אים,
ער איז פריי און פ אַ ר ע ר ט און ריין!"

נאָר עס טרעפט טיילמאָל ביי אים אַ שפּליטער פון יענעם געדאַנקענגאַנג מיט וועלכן עס איז אַרומגענומען די סטודענטשאַפט אין דייטשלאַנד און אין שווייצאַריע אין יענע יאָרן — דאָס איבערגעטריבענע באַהערשט־זיין פון ניטשעאַניזם פון „אויסדערוויילטן מענטש". אַט רופט ער אויס:

„וואָס טוסטו דאָ, שעפער פון שיינקייט,
צווישן אַט די קרעמער?" („לנביא")

אָדער:

„עס ציען זיך פאַרוועוע טעג,
און נעכט אַזעלכע ווי שפּענער,
אָן פלאַמיקער ליבע צו פרויען,
אָן זיך אַ קריג טאָן מיט מענער".

אַט דאָס איבערגעטריבענע „מוזן זיך אַ קריג טאָן מיט מענער", דאָס נישט לעבן שוה־בשוה מיט דער וועלט, באַדויערט אָפט דער דיכטער אין אַ ריי לידער. זיין שאַרפן כאַראַקטער זוכט ער אַליין צו צאַמען. ער פאַר־געסט זיך אין דער פרוי. זיינע לידער וועגן פרויען, איבערהויפּט די שפּע־טערע, זיינען פול מיט פלאַמיקער עראָטיק און דערמאָנען אָפט עמנואל הרומי. זיי צוגאַנג איז אַ נאַטוראַליסטישער:

„כ׳האָב שטענדיק געלאַכט פֿון דער פּרוי:
קוקסט זיך אַרום — ס׳איז גאָרנישט,
די טרוימען, די זיסע פֿאַרן לעגן,
און שפּעטער — עס בלייבט אַ האָר נישט...״ („תפילה״)

אָבער די גאָרנישט סובטילע באַציאונג צו דער פרוי שטערט אים נישט צו שרייבן אַ ריי זיער איידעלע סובטילע לידער וועגן ליבע און פאַרליבט־זיין, ווי דאָס ליד „לה״ און צענדליקער אַנדערע.

אַ גרויס אָרט אין דער ליריק פון ז. שניאור פאַרנעמען אויך אַלגעמיין מענטשלעכע מאָטיוון. ער האָט אַ שטיק צייט, פאַר דער ווילדער היטלער־ריסטישער אינוואַזיע פאַראויסגעזען איר אָנקום:

„דער מיטלאַלטער דערנענטערט זיך,
פילסטו דאָס, מענטש פון גייסט,
דעם קורזש, וואָס קומט, דער ריח,
פון שוועבל, דעם וייטן?״ („ימי הביכים מתקרבים״)

מיר שרייבן אַ געוויס אָרט, וויל פּראָצענטואַל צו זיינע פּרעכטיקע לי־דער פון דער נאַטור און פערזענלעכע איבערלעבונגען פאַרנעמען זיי סאָ־ציאַלע און אפילו באַציאָנאַלע מאָטיוון אין דער ליריק וויט נישט דעם ערשטן פּלאַץ (אַ רייד גייט דאָ אויסשליסלעך וועגן דער ליריק און נישט וועגן זיינע פּאָעמעס). אָבער גענוג איבערצולייענען בלויז אַזאַ ליד, ווי זיין „ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווערס נייע דין־תורה מיטן רבונו של עולם״, זיך צו אי־בערצייגן, אַז די מעסטיקע אויסדרוק־מיטלען שניאורסס קומען אויך דאָ צום אויסדרוק. איינע פון די בעסטע מוסטערן פון אָט דעם זשאַנר זיינעם איז זיכער אויך דאָס ליד „פלישתים״, אַ מין חשבון־הנפש מיט זיך און מיט דער גאַנצער וועלט פאַרן גרויסן חורבן־פאָלק, פאַר די אויסגעשאָכטענע 6 מיליאָן יידן.

***

און דער סך־הכל:

ברייט איז די גאַמע פון פאַרבן אין שניאורס ליריק. שניאור געהערט נישט צו די שטימונג־פּאָעטן. ער איז מער פאַר אַלץ אַ מאָלער, אַ פילאָזאָף, אַ שטראָפער און אַ מאָנער. אָבער מער פון אַלץ מאָנט ער ביי זיך אַליין. ווי יעדער גרויסער קינסטלער, איז ער מיט זיך נישט צופרידן. זיי גרעסטע ליבע — די ווילדע, בראשיתדיקע נאַטור, בערג, זיין ליבע צו פרויען — אומיטלבאַרע, אָן די טראַדיציאָנעלע קאָנווענצן, זיין „שנאה צו מענטשן״ — אַ פאַריבערגייענדיקע, אַ פּראָדוקט פון בישטעאַניזם, פון וועלכן ער איז אין זיין יוגנט באַהערשט געווען. זיין ליבע צום פאָלק — אַ קאָמפּראָמיס־

לאָזע. ער רעדט וועגן דעם ווייניק, ווייל ער האָט מורא, ער זאָל זי בישט קענען באַזינגען מיט דער קראַפט, וועלכע זי פאַרדינט.

השפעות? שניאור איז זייער אָריגינעל, אָבער אויב מען קען רעדן וועגן ליטעראַרישע טאַטעס ביי אים, איז עס זיכער מער פון דער וועלט־דיכטונג, מער פון אַלץ די מאָדערנע דייטשישע דיכטונג, און אין אַ גרויסער מאָס, דער בעלגיער עמיל ווערהארן. אויב עס קען זיין אַ רייד וועגן אַ געוויסער השפעה פון דער אַלטער העברעאישער פּאָעזיע, איז עס מעגלעך עמנואל הרומי, כאָטש ער איז אַ סך אָרעמער פון שניאורן אין אויסדרוק־מיטלען.

„הייליק, הייליק איז דער מענטש"

(דרייסיק יאָר נאָך יהואשס טויט)

... זיץ איך איצט אין וורעצלאַווו (דאָס אַמאָליקע ברעסלאַו), אינעם האָטעל „מאָנאָפּאָל" — אַ ירושה פון דער דייטשישער איינגעפונדעוועטקייט, אַ האָטעל — אַ פאַרעלטערטע שיינקייט, וואָס איז אויסגעשטראַצלט מיט שפּיגלען און שניצערייען, גלאַנצעררייען ווי מיטליעריקע פּרויען מיט צירונגען און ציריינגלעך, פינגערלעכציקייטן און האָלדזבענדער. און טאָקע ווייל די וויסט, אַז דאָ, אין איינעם פון די צימערן, האָט בשעת דער מלחמה, אויף זיינע באַזוכן, געוואוינט די גרעסטע טומאה פון אַלע ציטן, אַדאָלף היטלער ימח־שמו, ווילט זיך שוין בלויז פון נקמה וועגן, נקמה פון אַ יידן און פון אַ מענטשן אין דעם, וואָס האָט אָפּגעלייקנט ייד און מענטש, טראַכטן דווקא וועגן שיינע, דערהויבענע זאַכן. טראַכטן, אַז דאָ, נישט ווייט פון דאַנען, האָט געוואוינט אַ ייד מיטן נאָמען צבי גרעץ, וואָס קיינער ווי ער, נישט יוסט, נישט צונץ, נישט מונק, נישט וויים, נישט דובנאָוו האָבן אַזוי הויך־פּאָעטיש נישט געשאַפן קיין יידישע געשיכטע (האָט ער געמעגט האָבן זיינע גרייזן און נישט־ריסטיקייטן, האָט געמעגט זיין וועלט־אַנשויאונג זיין אַ פאַרעלטערטע) און אַ לעבן אויף דעם געפּטרט, אַנגעהויבן פריש און פריי־ליבגדיק ווי אַן אַבסאָלווענט פון ראַבינער־סעמינאַר און געענדיקט ווי אַ זקן, גרוי ווי אַ טויב, און עס טראַכט זיך וועגן נאָך איינעם, וואָס האָט אויך אַ גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן אויף איין אַרבעט: איבערזעצן דעם תנ"ך. און די דאָזיקע אַרבעט האָט ביי אים צוגענומען נישט נאָר דאָס גאַנצע געזונט, נאָר אויך זיין גאַנצע פּאָעטישע איבדיווידואַליטעט. כ'טראַכט וועגן יהואשן.

ווייל יהואש, דער פּאָעט, האָט זיך נאָך זיינע אַלע בעסטער פּאָעזיע גאַנץ ווייניק פאַר אונדז אַנטפּלעקט:

„און וויפל איך זאָל נישט זינגען אייך —
איר וועט בלויז פונקען קריגן,
די פלאַם, די פלאַם זי בלייבט ביי מיר
פאַרשלאָסן און פאַרשוויגן ..."

דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז געווען אַ שטרעבן זיך צו אַנטפּלעקן און זיך געפינען. אָבער אין דער פּאָעזיע האָט ער זיך נישט אַנטפּלעקט און נישט געפינען. ער האָט מער „וועלן־שפּריצן געוואָרפן", און „דעם ים — דעם ים וועל איך אַליין, פאַר זיך אַליין באַזיצן". עס גייט דאָ ניט אין דער צאָל

גוטע און אויסגעצייכנטע לידער, וואָס זיינען פון אונטער זיין פעדער אַרויס. אַזעלכע זיינען זייער פיל געווען, אָבער אויך אין זיי שפירט זיך, אַז אונטער די אַרויסגעבראַכטע געפילן איז נאָך אַ סך מער טיפערס געבליבן ליגן אויפן דנאָ פון זיין פּאָעטישער פערזענלעכקייט. אַז ער האָט זיך נישט דער־זאָגט, כאָטש זעלטן ווער פון די יידישע דיכטער פון זיין צייט איז דערגאַנ־גען צו אַזאַ שלימות, צו אַזאַ קלאַסישער רו פון פערז־בוי. גענוג צו ציטירן איין ליד זיינס. ער רופט עס אָן „זעיר אנפין" (אָן אַראַמישער טערמין, גע־נומען פון „זוהר" און אויף יידיש וועלן מיר עס אָנרופן „מיקראָקאָסמאָס"):

„הענגט אויף אַ צווייג
אַ גילדענע זון אין אַ טראָפּן געפאַנגען,
ציטערט און פליסטערט אַ וואַלד מיט געזאַנגען,
אין אַ קליינינקן שטייג. . ."

אַ ליד פון 4 שורות, אָבער וויפל פילאָזאָפיע, פּאַרטיפּטקייט און שיינ־קייט איז אין דעם פאַראַן! אַזאַ ענלעכקייט פון קאָנצענטרירטקייט קענט איר געפינען נאָר אין גטעהעס „איבער אַללען גיפּפּעלן" און אין אָמאַר כאַיאַמס „רובאַיאַט", אָבער נישט אין דעם גייט עס, און אפילו נישט אין אַזעלכע לידער ווי „געזאַנג", „געזאַנג פון הונדערט מיילן ברענענדיקן וואַלד", וואָס איז אַ וואונדערבאַרער אַפּאָטעאָז פאַר דער נאַטור. די טענות פון טייל קריטיקער צו אים פאַר זיין אינטעלעגענטישקייט אין דער פּאָעזיע, די מיי־נונג, אַז זיין דיכטונג איז בלויז אַ לאָגיש־דענקענדיקע, ענלעך צו דער פּאָ־עזיע פון סוויגבאָרן, איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. אין יהואשן האָבן געגור־טעוועט פאַרבאָרגענע קוואַלן, ברויזנדיקע, אויפברעכנדיקע, אָבער אַליין דער דיכטער האָט זיי געהאַמעוועט, סטימולירנדיק זיי צום ווערק פון אַלע ווערק, צו דער אַרבעט פון זיין לעבן איבערן תנ"ך. ווייל צו קיין אַרבעט האָט ער זיך נישט באַצויגן מיט אַזאַ גוואַלדיקער אחריות, ווי אָט צו דער עבודה. יהואש האָט איבערגעזעצט לאָנגפעללאָס „הייאוואטא", אָבער די איבערזעצונג איז פאַרבליבן מיט אַ סך דייטשמעריזמען (אגב איז אָט די איבערזעצונג שפּעטער באַאַרבעט געוואָרן דורך ש. האַלקין). צו אַ סך פון זיינע פּריזע, זייער שיינע לידער האָט זיך יהואש נישט אומגעקערט און האָט זיי איבערגעלאָזט אין דער אַלטער שפּראַך, אָבער זיין תנ"ך־איבערזעצונג איז צענדליקער מאָל געשליפן און איבערגעשליפן געוואָרן. מיט זיין איבער־זעצונג (ווי יהואש האָט זיך אויסגעדריקט) האָט ער געוואָלט שאַפן אַ תנ"ך־סטיל פון יידיש, וואָס זאָל געבן דער שפּראַך אַ רוקנבייין. די אַראַבער האַלטן דעם קאָראַן פאַרן "חוט־השדרה" פון זייער לשון. די אַנגלאָזאַקסישע פעל־קער — שעקספּירן און דעם תנ"ך; לוטערס דייטשישע תנ"ך־איבערזעצונג איז אַ מוסטער, אַ מוסטער פון דייטשישן סטיל. די תנ"ך־איבערזעצונג זיינע האָט יהואש געהאַפט וועט ווערן אונדזער "חוט־השדרה", און ווי עס

פאַסט פאַר אַזאַ אַרבעט, האָט ער כמעט אַסקעטיש זיך אָפּגעזאָגט פון לעבן און אַלע זיינע שעפערישע כוחות איר געווידמעט, אינגאַנצן איבערגענומען מיטן גייסט פון די נביאים. ווייעט אַ הייליקייט אפילו פון זיינע לידער, וואָס ער האָט נישט ווי קיין עיקר, ווי אַ טפל צו זיין תנ״ך־איבערזעצונג געשריבן. אַ גוואַלדיקע ריינקייט פון דער נשמה, אַן אויסגעלייטערטקייט גייט אויף פון זיי, אַ גייסט, וואָס ווייסט קיין גרענעץ נישט פון פעלקער און לענדער, וואָס האָט ליב דעם מענטש, ווי ער זאָל נישט זיין, וואָסער בלוט עס זאָל נישט רינען אין זיינע אָדערן און וואָסער הויט עס זאָל זיין פנים נישט באַדעקן. אָט שרייבט ער צום קעמפער פאַר אירלאַנדס פרייהייט, מאַקסוויני, וואָס איז געשטאָרבן אין אַן ענגלישער תפיסה נאָך אַ פּראָטעסט־הונגער פון 72 טעג:

„נישט מיין פלייש און נישט מיין ביין,
נישט מיין צער און נישט מיין בראָך,
דאָך גיי איך פונדערווייטן נאָך
דיין אָרון מיט פאַרקריצטע ציין״.

ווייל פאַר איינעם ווי ער, וואָס האָט פאַר אַ דעוויז זיך געשטעלט, אַז „הייליק, הייליק, הייליק איז דער מענטש און הייליק, הייליק, הייליק איז די אַרבעט״ (פון זיין אַרטיקל „פאַר אונדז און פאַר אַלעמען״), פאַר אַזאַ איינעם עקזיסטירן נישט קיין גרענעצן פון פעלקער און לענדער. צו עטיש איז ער דערצו און צופיל האָט ער זיך איבערגענומען מיט דער מאָראַל פון די נביאים, ער זאָל אַנדערש פילן און פאַרשטיין. אָבער ווי געזאָגט, די לידער זיינען געווען נאָר אַ בייזאַך צו דער הויפּט־אַרבעט פון זיין לעבן.

„איך האָב געזאָגט — שרייבט יהואש אין זיין הקדמה צו זיין תנ״ך־איבערזעצונג — אַ תנ״ך אין יידיש, אַ תנ״ך, וואָס זאָל אָנגענומען ווערן ווי אַ קלאַסישער, אויטאָריטעטער טעקסט פון אַלע קלאַסן, אַלע געזינונגען און אָנשויאונגען, מוז ראשית־כל זיין געטריי צום אָריגינאַל, נישט פעלשן, נישט מאָדיפיצירן, נישט פאַראַפראַזירן, נישט אויסטייטשן מיט כוונות, וואָס די כוונות זאָלן נישט זיין, נאָר איבערגעבן דעם העברעאישן טעקסט געטריי און גענוי, לויט די בעסטע אויסטייטשונגען פון די אַלטע און נייע, דער יידישער תנ״ך זאָל נישט צולייגן, אָדער מינערן דאָס מינדסטע, אויף ווי ווייט אַזאַ זאַך איז מעגלעך, ווען מען גיסט איבער פון איין שפּראַך אין אַ צווייטער״.

„אַ תנ״ך אין יידיש, האָב איך געזאָגט, דאַרף נישט אָנהייבן פון היינט אָדער נעכטן, ער דאַרף אַריינעמען אַלע אַלט־פּרענקישע זאַפטן פון די אַלטע ספרים, די גאַנצע אידיאָמאַטישע עשירות פון די אַלטע איבערזעצונגען, מוסר־ספרים, מעשה־ביכער, שפּריכווערטער, ווערטלעך, פאָלקס־וויצן א.א.וו., מוזן עקספּלאָאַטירט ווערן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט אַזוי, אַז אין איינעם מיט דער מאָדערנער גענויקייט און וואָרט־קאַרגשאַפט זאָל דער טעקסט

אויך האָבן די גאַנצע קערנדיקייט און טראַדיציאָנעלקייט פון דער צאינה־וראינה־שפּראַך.

וויפל אומגעהייערע מי יהואש האָט אַריינגעלייגט אין זיין איבערזעצונג פון תנ״ך דערוויסן מיר זיך פון זיינע „באַמערקונגען צו דער איבערזעצונג״, וואָס זיינען פאַר זיך אַן אוצר פון וויסן. און פון זיינע בריוו צו באַרימטע פּערזענלעכקייטן, מיט וועמען ער האָט זיך קאָרעספּאָנדירט און קאָנסולטירט. אָט שרייבט ער צום באַרימטן גאון, דעם אָריענטאַלאָג און רעקטאָר פון ראַבינער־סעמינאַר אין ווין, פּראָפ. חיים העלער, וועגן אַ טייטש־וואָרט פון אַ פּסוק אין „דברי־הימים״, „כי אם להלחם בו התחפש״, וואָס לויט אים, יהואשן, דאַרף מען איבערזעצן: „נאָר ער האָט געזאָגט מלחמה צו האַלטן מיט אים״, קעגן דעם אָנגענומענעם טייטש „פאַרשטעלן״. איבער יעדער וואָרט, איבער יעדן פּסוק איז יהואש זייער לאַנג געזעסן, צענדליקער מאָל איבערגעמאַכט דעם טייטש זיינעם, פאַרגלייכנדיק מיט די איבערזעצונגען אין פיל אַנדערע שפּראַכן, וועלכע זיינען פאַר אים געלעגן. איינמאָל שוין פאַרענדיקט, ערשט אין אַ צייט אַרום שוין צוריק זיך אומגעקערט צו דעם, נאָכאַמאָל געפיילט און געשליפן און אין רעזולטאַט האָט זיך באַקומען איינע פון די שענסטע איבערזעצונגען פון תנ״ך אין דער וועלט, וואָס איז פּשוט אַן אוצר פאַר אונדזער יידישער קולטור.

דאָס געזאַנג פון פאָלק

(צום 80סטן געבוירנטאָג פון מרדכי געבירטיג)

טיילמאָל ווערסטו מיד פון דער איבעררייצטער, הייפּעראַפינירטער, היינטצייטיקער פּאָעזיע, ווי דו ווערסט אין אַ זומער־טאָג מיד פון גרויסן כרך, פון די באַזונדערע שיינקייטן פון דער שטאָט. דיך ציט צו דער ווייס־אויסגעקאַלעכטער שטוב פון אַ פּויער, צו דער ערשטיקייט פון אַ צעגרינט פעלד, וואָס איז אַזוי שיין אין זיין אומבאַהאָלפנקייט, ווי אַ פּויערישע שיינקייט, וואָס ווייסט נישט ווי שיין זי איז. דו ווילסט זען דעם פולן גאַנג פון טאָג אויף די פעלדער, ווילסט הערן דעם רויש פון די וועלדער, דאָס ריזלען פון באַרג־שטראָמען.

דעמאָלט טרעפסטו זיך מיטן פאָלקס־ליד, מיטן פאָלקס־געזאַנג, ווי באַיאָרטע מענטשן באַגעגענען זיך מיט אַן ערשטע ליבע פון אַמאָל: אַזויפיל יאָרן זיינען פאַרביי און די שפּראַך פוןביידן איז אַזוי אַנדערש, נאָר אָט די באַגעגעניש קריצט זיך איין, קאָרעגירט דאָס גאַנצע לעבן, ווערט קאַמערטאָן פאַרן שפּעטערדיקן שלאָג פון האַרץ.

דאָס וואונדערלעכע, דאָס פּשוטע און דאָך אַזוי קלוגע פאָלקליד! „דאָס ציגעלע, וואָס דער טאַטע האָט געקויפט פאַר צוויי גילדן, דאָס ציגעלע, דאָס ציגעלע", וואָס מאַרק שאַגאַלן איז אַזש געפעלן געוואָרן דערמיט דורכצוריטן צווישן די אייביקע סודות פון גאָט און טייוול־שפּיל, די „ראָזשינקעס זיס און מאַנדלען", וואָס זיינען ביי איציק מאַנגערן דערהויבן געוואָרן צו אַ „פאַוסט"־לעגענדע.

אָט איז עס, אָט זינגט עס, אָט פרייט זיך, אָט וויינט עס דאָס פאָלק!

ס'איז נישט קיין אַנאָנים, ווי שטענדיק, פון אַלע דורות, דאָס מאָל האָט דאָס ליד אַ מחבר מיט אַ נאָמען און אַ צונאָמען: מרדכי געבירטיג.

מרדכי געבירטיג האָט אַליין געשריבן זיינע לידער און אַליין געשריבן די נאָטן צו זיי. נאָר אַז דו הערסט געבירטיגס אַ ליד, האָסטו דעם איינדרוק, אַז ס'איז נישט געשריבן געוואָרן, נאָר עס איז אַזוי גלייך אויסגעזונגען געוואָרן און אַזוי אַריין אין פאָלק. און אַז דו הערסט עס, הערסטו נישט אים, מרדכי געבירטיגן, נאָר דאָס פאָלק.

געבירטיג זינגט נישט פון רייכע הייזער, זיין ליד באַצירט די פּוסטע ווענט פון דער אָרעמער שטוב, ווי אַ באַשיידן ביסל גרינס, וואָס מען ברענגט פון פעלד, דעריבער איז עס אַזוי אומּמיטלבאַר.

וועגן וואָס זינגט געבירטיג?

ער זינגט וועגן אַלץ, וואָס אינטערעסירט דאָס פֿאָלק, ער ווענדט זיך צו די „גוטע ברידער" קלעזמאָרים, זיי זאָלן אים אַ פֿריילעכס אויסשפּילן, ווען עס איז אים אומעטיק אויפֿן געמיט און וועגן קינדער־יאָרן (וואָס) בלייבן אייביק וואַך אין זכרון און ווי גליידער, וואָס האָבן אַלע זיבן חנען פֿון יענע לידער, וואָס זיינען אין אונדז אייגעזויגן געוואָרן צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך, און וועגן ליבע אומגעפּעלשטער און ערלעכער פֿון אַ געזעלן, און לידער וועגן אַרבעטסלאָזע, אַ שטייגער אַזוי:

„אַט דריי איך אַזוי זיך שוין וואָכן, חדשים
אַרום אין די גאַסן ביז ס׳פֿאַלט צו די נאַכט,
און זוך אַלץ אַ מיטל כ׳זאָל קענען פֿאַרגעסן,
אַז איך וועל, ווי נעכטן, היינט ווידער נישט עסן,
נו גיי איך אַזוי און קלער אַלץ און טראַכט.

נו פֿאַלט מיר איין פּלוצלונג: כ׳וועל ציילן די הייזער,
די קראָמען, די קונים, וואָס גייען אַריין,
כדי נישט צו פֿילן דעם ווייטיק אין מאָגן,
ווי עפּעס אַ וואָרעם האַלט דאָרט אין איין נאָגן —
אַ זעלטן גוט מיטל וועט, דאַכט זיך, דאָס זיין.

נאָר ווי אויף להכעיס, דעם שטנס אַ שפּיצל,
אַ קרעמל פֿון עסנוואַרג — וואו נאָר אַ הויז,
און ס׳ווינקען זייער תּאוהדיק, רייצן און ציען,
ווי מיידלשע אויגן, וואָס ברענען און גליען,
די פֿרישינקע זעמל פֿון קוישן אַרויס..."

דאָס איז אַ ליד צום זינגען, אָבער געבירטיג האָט נישט אין זינען בלויז שרייבן טעקסט צו מוזיק, ביי אים האָט דאָס ליד פֿאַר זיך אַליין אַ ווערט. ביי דער גאַנצער אומיטלבאַרקייט, פּשוטקייט פֿון אַן עכטן פֿאָלקס־דיכטער, וואָס איז אינגאַנצן אויג און אויער פֿון פֿאָלק, האָט ער אויך דעם עלעמענט פֿון גראָטעסק, ווי אינעם ליד „מיין טאַטע אַ כהן" און באַזונדער אינעם ליד „די ליאַלקע" (זע געבירטיג: „מיינע לידער", קראָקע 1935):

„קום שלמה ליבער, נעם ס׳ווּיגל מיט זיך,
מיר וועלן זיך שפּילן אַצינד.
דו וועסט זיין דער טאַטע, די מאַמעניו — איך,
די ליאַלקע וועט זיין אונדזער קינד.

דו וועסט אַהיימקומען, נישט ברענגען קיין געלט,
און איך וועל זיך קריגן מיט דיר:
אוי, גזלן! דאָס קינד נעבעך ציטערט פון קעלט,
און דו קויפסט קיין שיכלעך פאַר איר..."

דערמאָנט עס נישט אין דער פּיער־צעגליטער, אויסגעפייניקטער פּאָעזיע פון משה לייב האַלפּערן: „גלוסט זיך מיר צו זיין אַ טאַטע".

איך פּרואוו נישט פאַרגלייכן די ראַפינירטע, מיט בלוט און פלאַם אָנגעפולטע שורות פון איינעם פון אונדזערע גרעסטע דיכטער צו דער, אין פלוג, פּרימיטיווקייט פון געבירטיג. עס גייט אין דעם, אַז ביי געבירטיגן ווערט פון זיך אַליין געבוירן דער גראָטעסק, ווי דאָס פאָלק אַליין געבערט טיילמאָל דאָס פאַרכישופטע מעשהלע, וואָס ווערט שפּעטער באַאַרבעט פון זיינע געבענטשטע קינסטלער. די לעגענדע „פאַוסט" האָט געשאַפן אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס, דאָס פאָלק אַליין. געטהע האָט פון רויען פאָלקלאָר געשאַפן זיין קונסטווערק, אַזוי ווי דער געניאַלער גראָטעסק פון פאַרכישופטן שניידער, די חסידישע מעשיות און אַנדערע פערלדיקע פאָלקס־לעגענדעס האָבן זיך דערוואַרט אויף זייער שלום־עליכם, פּרץ, עגנון. פיל יידישע לעגענדעס וואַרטן נאָך אויף זייער מייסטער.

***

דאָס מזל האָט געוואָלט, אַז מרדכי געבירטיגס שאַפונג פון געטאָ־פּעריאָד זאָל איבערבלייבן. ס'איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין אַ העפטל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „עס ברענט" (קראָקע 1946).

דאָס קליינע ביכעלע איז אַ לאָגל טרערן. אַ סך אַנאָנימען האָבן געשריבן אין געטאָ און איבערגעלאָזט פאַר די קומענדיקע דורות דאָקומענטן פון ווייטיק און פּיין. געבירטיגס ליד פון געטאָ־פּעריאָד איז אַ סך־הכל פון אָט די דאָקומענטן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אָנהייבנדיק פון 10־12־יעריקע קינדער ביז גרייז־גרויע זקנים. אין אָט די לידער איז באַזונדער אויסדרוקפול, נישט ענדערנדיק זיין מאַניר, זאָגט אונטער זיין חוש, די אינטואיציע פון אַ האַרציקן פאָלק־טרובאַדור, אויפצונעמען און פאַרפיקסירן דאָס סאַמע ווערנטלעכסטע פון דעם אַרומיקן גרויל. איך קען נישט הערן

אַן טרערן אין די אויגן דאָס ליד „אונדזער שטעטל ברענט", וועלכן דער דיכטער האָט מיט זיין אינטואיציע פאָרגעפילט אַ שטיק צייט פאַרן חורבן:

„ס'ברענט! ברידערלעך, ס'ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!

אוי, עס קען חלילה קומען דער מאָמענט,
אונדזער שטאָט מיט אונדז צוזאַמען
זאָל אויף אַש אַוועק אין פלאַמען,
בלייבן זאָל — ווי נאָך אַ שלאַכט,
נאָר פוסטע, שוואַרצע ווענט!"

דאַכט זיך, עס ווערן דאָך דאָ בישט באַנוצט קיין באַזונדערע פּאָעטישע מיטלען, און וואָס פאַראַ גוואַלדיקן איינדרוק עס לאָזט איבער! עפּעס ווי איר וואָלט געהערט דעם טראָמפּייט, וואָס זאָגט אָן גרויזאַם אַ שריפה און ביי מענטשן איז פאַראַן איין וואָרט: סע ברענט!

דער פאָלקס־זינגער פאַרגינט זיך זעלטן אַ שמייכל, אַ שפּיל טאָן אויף זיין ליריע עפּעס פריידיקס, זיין ליד איז גאָליק געוואָרן ווי ווי ביטער און פינצטער דאָס לעבן אַרום. ער בייטשט מיט זיין סאַטירע די יהודנראַטלער:

„ס'איז גוט ס'איז גוט, ס'איז גוט,
די יידעלעך שרייען ס'איז גוט".

ווער ווייס וויפל לידער דער עכטער פאָלקס־זינגער האָט באַוויזן אין געטאָ צו שאַפן און עס איז פאַרפאַלן געוואָרן? אָבער דאָס געבליבענע פון אים שטעלט מיט זיך פאָר אַן אמתער אוצר פון פאָלקס־פּאָעזיע און וועט בלייבן צוזאַמען מיטן לאָגל טרערן וואָס דאָס פאָלק גיט איבער פון דור צו דור.

זעליק דאָרפמאַן: „ליכט אויפן דאָרן"

ס׳זיינען דאָ דיכטער וואָס באַקענען זיך מיט דיר מיט עטלעכע לידער, מעגסט זיי נישט האָבן פריער געלייענט, אָבער זיי וועלן דיר שוין נישט אָפּלאָזן בלויז מיט די עטלעכע סטראָפן זייערע וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין דיין זכרון. אַזעלכע סטראָפן זיינען פאַר מיר געוועזן זעליק דאָרפמאַנס ליד „אין האַרבסטיקן געמיט" וואָס איך קען מיר נישט אָפּהאַלטן איינגאַנצן צו ציטירן:

„שטאַרב, און פאַרשרייב דעם פאַל ווי אַ הייליקן וואונדער,
זע ווי וואונדערלעך דו פאַרגייסט:
דער הימל היט דיך מיט אַ גאָלדענער בריל,
דער שפּיל־פויגל גיט אַ טרעל
און בלייבט שטיל.
אַ טרעל,
און בלייבט שטיל.

און די שטילקייט פאַרציט דעם בליק מיט אַ ווייסן חלום:
קינדערלעך פליען ווי קאַטשקעס
און זינגען אונדזער ניגון אויפן קול.
און אַלע זינג־פויגל זינגען מיט
און אַלע עפּל־ביימער בליען מיט,
און אַלע טאַנץ־מיידלעך טאַנצן מיט.

ביז די לולקע אָטעמט אויס דעם לעצטן הויך
און פאַלט קרום אויף דער בלאַסער ליפּ,
אונטערן טרויעריקן הימל
אונטער די פאַרעקשנטע פאַלמען,
אונטער דער הייסער זומערדיקער קעלט.

די בלעטער שוידערן און דער דונער קראַכט
די גלעקער קלינגען און דער ווידערקול לאַכט,
ווי אַ שטומער אלמן יאָמערט דער ווינט.
די הויכע פערד, אָדלערס אין געשפּאַן גאַלאָפּירן אַוועק מיטן לעצטן שטיקל טאָג,
מיטן לעצטן פּיצל גאָס.

דער איבערמאָרגן וועט זיך אויפכאַפּן
מיט ווייסע מילך־פלעשער און רויטע פּאָמעראַנצן;
מיט טומלען וואָס רוישן און רעשן —
ווער וועט טראָגן די ברילן? די הייליקע קאָמאַטשן?
די ווערטער אויסגעקריצטע טרייסט אויף שטיינער,
דאָרט וועט מען איינזאַמלען די ביינער,
דאָרט וועט קלאָגן דער איינזאַמער וויינער".

דאָס ליד איז לויט מיין מיינונג דאָס בעסטע ליד אין דער זאַמלונג „ליכט אויפן דאָרן". דאָס איז יענע ביסל שכרות אין אַ ליד וואָס איז דאָך אַזוי קלאָר, אַט יענער חשבון פון „2 און 2 איז 27", קעגן וועלכן „בר העתן" פרועגן אַזוי פיל קשיות. יענער פּאָעטישער באַצווינגנדיקער כוח, וואָס שלאָגט אָפּ אַלע לאָגישע אַפּעלאַציעס. אַז איר לייענט ביי אַ דיכטער אַזאַ ליד צווייפלט איר מער ניט אין זיין עכטער פּאָעטישער באַגאַבונג. מעגט איר ביים זעלבן פּאָעט לייענען שפּעטער לידער וואָס ווילן אָפּשוואַכן אָט דעם איינדרוק. לידער וואָס שפּילן זיך מיטן וואָרט, מאַכן אָנשטעל פון אַנדערשקייט און זיינען דאָך גאַנץ געוויינלעך (פאַרן גוואַלדיק הויכן ניוואָ פון אונדזער יידישער דיכטונג היינטצוטאָג).

איך קען נישט זעליק דאָרפמאַנס לידער פון זיינע פריערדיקע זאַמלונגען, אָבער פון זיין איצטיק בוך „ליכט אויפן דאָרן" זע איך קודם אַ דיכטער פון גרויס באַלעבאַטישקייט. פאַראַן דיכטער וואָס זיינען גאָרנישט קיין פּאָעטישע אַרעמעלייט, נאָר אַז דו קומסט אַריין אין זייער היכל־השירה איז אַ גרויסער שמאָדער: די בעטן זיינען נישט פאַרבעט, דער דיל איז נישט אויפגערוימט, אַ קינד וואַלגערט זיך אַ קוויטיקס און ווינט, — און לויט זייער פאַרמעגן, האָט געמעגט ביי די דאָזיקע דיכטער ניט זיין אַזאַ מושב. פאַראַן דאָקעגן דיכטער (איך האָב נישט אַריינגעקוקט אין זייערע טאַשן, וויפל פּאָעטישע אבנים טובות ומרגליות זיי פאַרמאָגן) נאָר ביי זיי איז אַ גוואַלדיקע ציכטיקייט קיין זאַך נישט אָנגעוואָרפן, מען וואַרפט זיך ביי זיי נישט מיט קיין ווערטער. אדרבא, זיי זיינען זייער עקאָנאָמיש מיטן וואָרט.

וואָרט־קמצנים. אַמאָל טאָקע, דאַכט זיך דיר, אַז עפּעס זיינען זיי שוין צו לייטיש אויפגערוימט, זיי זיינען לאַנג פאַרן שפּיגל געשטאַנען. וויל וואונדן פאַרציט מען נישט מיט קיין זיידענע הענטשקעס, נאָר מיט באַנדאַזשן און באַנדאַזשן זיינען נישט שטענדיק אַזוי זויבער.

זינגט דאָרפמאַן:

„זוך אים ניט אַרום, ער איז אומעטום
אין שאָרך פון בלאַט, און פאַרב פון בלום".

באַקאַנטע אמתן, פֿאַנטעאַיסטישע אמתן, אָן גייעס, און וועגן זינגפֿויגל:

„וואָס קומט מיר אַרויס פֿון דיין געזאַנג,
אַז דו ביַיטסט דאָך קיינמאָל נישט איבער דיין קלאַנג״.

די דאָזיקע לידער זיינען אוודאי גאָרנישט מוסיף צו די פֿולע קאָמאָדעס מיט בריליאַנטן, מיט וועלכע אונדזער דיכטונג איז אַזוי רייך. מאַנירלעך און וואָרט־שפּילנדיק איז אויך אַזאַ ליד ווי „גאָט דער גערעכטער״:

„ווער יאָמערט אינדרויסן אַזוי ביטער,
דער הונט?
ניט דער הונט
ניט דער ווינט
באַהיט מיך שומר, באַהיטער״.

איז אָבער פֿאַרט דאָ אַזאַ ליד ווי „פֿאַרטרעט״ און „מאַמאַ ליזאַ״ און „די זאַמדן גליעך״ וואָס פֿאַרשטאַרקן דעם איינדרוק פֿונעם ליד „איך האָרבסטיקן געמיט״, אַ ליד וואָס ווערט נאָר אָנגעשריבן איינמאָל איך לעבן. אַ שטייגער ווי געטהעס „איבער אַללען גיפּפֿלען״. טאָ פֿרעגט זיך אַ קשיה: ווי קומט עס וואָס איין און דער זעלבער דיכטער שרייבט אָן סיי וואונדער־לעכע גרויסע לידער און אַזאַ ליד ווי „אָפּטמאָל דאַכט מיר״:

„אָפּטמאָל דאַכט מיר איך בין אַ האָלץ־העקער ביי אייך
גיט מיר אַ שטריק, אַ האַק, איך וועל האַקן האָלץ״.

וואָס דערמאָנט אינגאַנצן ביאַליקס „שחה נפשי לעפר״, וואו ער רעדט וועגן זיך, ווי וועגן אַ חוטב־עצים, אַ האָלץ־העקער?

איז די מעשה הערפֿון אַזאַ: פֿאַראַן פּאָעטן, וואָס ווערן טיילמאָל באַזעסן פֿון זיקער מוזע, און רעדן דעמאָלט אויסטערלישע זאַכן וואָס איז פֿאַר זיי אַליין נישט קלאָר. דווקא דעמאָלט, באַקומט זיך גרויסע דיכטונג. השפּעות האָט האַרפֿמאַן אַ סך, איך רעד פֿון געזונטע השפּעות וואָס באַפֿרוכפּערן. מער פֿון אַלע, י. י. סיגאַל און אים צו לאַנגע יאָר, יעקב גלאַט־שטיין. ביידע איינמאַליקע גרויסע דערשיינונגען. צו שרייבן ווי סיגאַל דאַרף מען זיין כּולו תּהילים־ייִד און שרייבן פֿאַרקוקט אויף גלאַטשטיינען דאַרף מען זיין די פּערזענלעכקייט גלאַטשטיין. מאַיאַקאָווסקי איז אויך אַן איינמאַליקע דערשיינונג. ס'האָבן געפּרוּווט שרייבן ווי ער אַזאַ טאַלאַנטפֿולער פּאָעט ווי אַסייעוו, אַזאַ רהטינירטער פּאָעט ווי קירסאַנאָוו און ס'האָט זיך גאָרניט באַקומען. אָבער האַרפֿמאַן, ווי געזאָגט, דאַרף נישט שרייבן „אַ־לאַ״ אפילו נישט „אַ־לאַ״ משה לייב האַלפּערן (אין טייל איראָנישע לידער), ער איז שטאַרק און איב־

טערעסאַנט גראַד העמאָלט ווען ער וויל נישט זיין אַנדערש נאָר ווערט געניוט צו אַנהערשקייט דורך עפּעס אַ זעקסטן חוש. אַ סימן אַזאַ פּרעכטיק ליד ווי „הער ליכטיקער טרויער״, זעט אַ בילד:

„די זון איז אויפגעגאַנגען אין אַ שמאָלער שויב
אויפן טיש: אַ פּאָר פליגן, עטלעכע קרישקעס ברויט״.

עס זייגען דאָך אַלע אונדזערע אָרעמע מאַמעס טישן פון מיין שטעטל אַסטראַווע ביז זעליק דאַרפּמאַנס שטעטל מאַלקין (10 מייל סך־הכל פון אונדז!) דאַרף מען וויט זוכן? אַז די פּאָעזיע איז מיט עמערס צו שעפּן, אַזאַ בילד ווי דאָס ציטירטע, קנאַפּע ווערטער, נישט קיין אויסגעזוכטע, נישט קיין אויסגעקלוגעלטע און וואָס פּאַראַ בצימצומדיקע פּלאַסטיק! וויפל אמתע פּאָעזיע ליגט אין דעם!

אַ דיכטער באַקומט זיין פּנים שוין בלויז מיט עטלעכע אמת־גוטע לידער. סוף־כל־סוף קענען מיר אַזאַ גרויסן דיכטער ווי ישראל שטערן בלויז פון זיינע באַרימטע 10 לידער פון שפּיטאָל, „אַ תפילה פון אַ מענטשן ביי טאָג״ און זיין פּאָעמע „אַסטראַלענקע״. די דאָזיקע לידער זיינען געווען אַוועקצו־שטעלן שטערענען אויפן אויבנאָן פון דער יידישער דיכטונג.

און געווען זיינען אויך די ציטירטע פּראַכטפולע לידער דאַרפּמאַנס צו וויסן, אַז מיר האָבן אין אים אַן אייגנאַרטיקן, עכטן ליריקער. מיר מיינען נאָר אַז אַזעלכע לידער ווי „מיכל מיטן איכל״ זיינען פאַר דאַרפּמאַנען נישט כאַראַקטעריסטיש, ער דאַרף זיי אויסמיידן להבא. זיי איבערלאָזן פאַר אַזעל־כע וואָס האָבן נישט וואָס צו זאָגן נאָר קעכלען זיך מיט שפּילערייען. דער דיכטער פון „מיין האַרבסטיקן געמיט״ האָט שוין דווקא יאָ וואָס צו זאָגן, ער האָט שוין יאָ אַ כאַפּ געטאָן דעם סוד פון קאָסמאָס און אַזעלכע פּאָעטן דאַרפן וויסן, אַז די שערי החכמהלעך זיינען זייער וויט פון די שערי הפּאָעזיע.

יצחק באַשעוויסעס „גימפּל תם און אַנדערע דערציילונגען" — פאַרלאַג ציקאָ, 1963

דער גרעסטער טייל דערציילונגען זיינען פאָלקסטימלעכע געשיכטן. דוכט זיך אַז נאָך י. ל. פּרצן איז נישטאָ וואָס מחדש צו זיין אין דער פאָלקס־מעשה, וועלכער דער גרויסער מייסטער האָט דערפירט ביז פּערפעקציע, איז טאַקע אמת, אַז יצחק באַשעוויס האָט אַ סך געלערנט ביי אונדזער קלאַסיקער, אָבער ביי אים, ביי באַשעוויסן, האָט נאָך פונדעסטוועגן דער ליטעראַרישער פיינשמעקער פון וואָס צו לעקן די פינגער.

אין ענין סטיליזאַציע פון אַ פאָלקס־מעשה קען זיך מיט באַשעוויסן אויסגלייכן נאָר איין לעבדיקער העברעאישער מייסטער היינט־צו־טאָג און דאָס איז ש. י. עגנון.

קודם באַשעוויסעס וואונדערלעכער יידיש, וואָס איז פול מיט חידושים: אידיאָמען, איינפאַלן, איבערגעפיילטן אַלט־יידיש. זיין שפּראַך האָט אין זיך אַ סך מוזיקאַלישקייט. אַ מוזיקאַלישע שפּראַך ווי אין דיכטונג. טיילמאָל האָט מען הנאה פון דער שפּראַך אַליין בלויז אַ חוץ דעם אינהאַלט.

פון אַלע שאַרפע חושים ביי יצחק באַשעוויסן (ביי אים איז שאַרף אַנטוויקלט אפילו דער חוש־הריח) איז דער חוש פאַר הומאָר, דוכט מיר דער שאַרפסטער. עס צווייפלט קיינער נישט (צווייפלען קען נאָר דער וואָס ליענט נישט, נאָר בלעטערט בלויז) אין באַשעוויסעס אייגנאַרטיקן און גרויסן טאַלאַנט, אָבער דער שידוך פון ד"ר פישלזאָן דעם שפּינאָזיסט און דאָבען דער מאַרק־הענדלערין, די פאַרזעסענע מויד פון דער קראָכמאַלנע, וואָלט אָן אַ חוש פאַר הומאָר נישט געקענט געמאָלט זיין.

און אויך דער חוש פאַר הומאָר האָט דיקטירט די פּרעכטיקע מעשיות וועגן שדים און רוחות, („שידה און כוזיבא" און אַנד.). באַשעוויס איז צו קלוג און צו געבילדעט ער זאָל נעמען ערנסט די מעשיות וועגן שדים און רוחות; בכלל איז עס נישט קיין יידישע זאַך. דער „לא תנחשו ולא תעוננו" איז געזאָגט געוואָרן אויף אַקוליסטישע שטיק (מעגן שדים ווערן דערמאָנט אין תלמוד). איך געדענק ווי שלמה גילבערט ע"ה, דער אָריגינעלער נאָוועליסט און דראַמאַטורג, פּרצעס תלמיד, וואָס איז געווען אַן אָנהענגער פון אַקולטיזם, פלעגט מיר וועלן איבערצייגן דערין און איך, נאָך אַ יונג בחורל, נאָר שוין אַ תלמיד אין וואַרשעווער ישיבות פלעגן אים אויפווייזן אַז יעדער מין כישוף איז קעגן יידישן דת און אַז ס'שמעקט בכלל נישט מיטן גייסט פון יידישקייט (נישט וויכטיק וואָס אַזאַ מין ענין ווערט דערמאָנט אין תנ"ך).

ביי יצחק באַשעוויסן זיינען שרעטעלעך, פּיפּערנאָטערס, שדים

נישט מער ווי סטיליזאַציע, גראָטעסק, הומאָר און סאַטירע, נישט קיין שדים נאָר מאַסקעס פון שדים, מאַריאָנעטן אָפּצולאָכן פון אייגנעפונדעוועטע יסודות פון דער געזלשאַפט. טיילמאָל קומט אַרויס וואונדערלעכער שאַרזש. טיילמאָל איז עס אַ שפיגל אין וועלכן מ׳דערזעט זיך אַליין פון דער צווייטער זייט.

יצחק באַשעוויס איז אַ מייסטער פון דעטאַל. ער הויפּנט אָן אַ סך פּרטים אָבער ער ווייסט שטענדיק דעם סוד פון צימצום, ער ווייסט ווען אויפצוהערן. ער איז קיינמאָל נישט לאַנגווייליק. ער בעמט אייך געפאַנגען מיט זיין גע־דיכטער פּאָעטישער אַטמאָספער, מיט זיין בילד, מיט זיין מעטאַפאָריק און אפילו מיט ריחות (איך האָב געזאָגט אַז זיין חוש־הריח אַרבעט ביי אים זייער שאַרף) וואָס פאַרא מאַטעריאַל ער זאָל נישט נעמען מעג עס זיין אַ שטיקל ברויט, וועט שוין דערפון עפּעס מייסטערישס אַרויסקומען „לא על אנוש רחיצנא״ איז אַ מוסטער דערפון. אַ רב וואָס וויל זיין זעלבסטשטענדיק און נישט זיין אָפּהענגיק פון זיינע באַלעבאַטים און ער גייט אַרבעטן ווי אַ פּשוטער וועכטער. רייסן אויבסט ביי שלמה מאירן אין סאָד, איז דערפירט צו אַזאַ הויכער מדרגה פון קונסט, איז פול מיט אַזוי פיל שטייגער, מיט אַזוי פיל אַלט־ייִדישער שיינקייט, אַז איך האָבט זיך איר לייענט עפּעס אַ מייסטער־ווערק פון אַ פראַנצויזישן קלאַסיקער פון ניינצנטן יאָרהונדערט.

יצחק באַשעוויס איז קיל אין זיין שרייבן, אים גייט קיינמאָל נישט אין אַרויסרופן מיטגעפיל, ער איז אפילו קאַלט־אָביעקטיוו און דאָך זיינען מיר טרערן געשטאַנען אין די אויגן אויפן גורל פון ר׳ יהונתן, עס איז פאַרקער־פערט אין אים אַלע גרויסע רבנים וואָס האָבן געליטן פון תקיפים און נישט נאָר רבנים נאָר אַלע מענטשן פון איידעלן גייסט.

וואָס פאַרא אידעאַלן פּרעדיקט באַשעוויס?

באַשעוויס איז אַ גרויסער פּעסימיסט. ער האָט אָבער איין גרויסן אי־דעאַל: דאָס שלימות פון קינסטלערישן וואָרט און אַזוי ווי אמתע קונסט קען נישט זיין אָן אַ איהעאַל מעג זי אַרויסגיין פון דער הנחה, אַז קונסט איז בלויז לשם קונסט, האָט אפילו ד״ר פּישלזאָן, וואָס איז אַנטוישט אין אַלעמען אויך אָן איהעאַל: עפּעס אַ העכערע פּאַנטעאיסטישע פילאָזאָפיע.

טיילמאָל בלויז באַשווערט אַ ביסל באַשעוויסעס גרויסע געלערזאַמ־קייט און מעדיטאַציעס. דער אויטאָדידקטאַט באַשעוויס מוז האָבן אין זיך וויסן פאַר דריי פּראָפעסאָרן, אָבער ווי דער שטייגער פון אויטאָדיקטאַטן מיינען זיי אַלץ, אַז זיי קענען צו וויניק און זיי מעטידירן אַ סך. ס׳איז טייל־מאָל נישט נויטיק. אָבער צום גליק איז עס אין די דערציילונגען זייער וויניק פאַראַן.

ס׳איז געוווּג צו זאָגן, באַשעוויסעס „גימפּל תם און אַנדערע דערציילונגען״ איז אַ הויך־קינסטלעריש בוך פון אַ סך שפּראַכלעכער, בילדערישער און פּסי־כאָלאָגישער שיינקייט, מייסטערשאַפט פון פאָרם און אַנציעוודיקער נאַראַציע.

י. מעצקערס „גאָטס באַשעפעניש ן"

כ'האָב אַמאָל, אין מײַן פריִער יוגנט, געלייענט אַ ספרל. אַ ספרל געשריבן מיט רש"י־כּתב, געהייסן האָט דאָס ספרל „בעלי־חיים" און, ווי עס איז אָנגעגעבן געוואָרן אויפן שער־בלאַט, איז דאָס ספרל געווען אַן איבערזעצונג פון אַראַביש. דאָרט האָבן די בעלי־חיים אַ טענה און אַ וויכּוח מיטן מענטשן, וועלכער עס האָט דעם מענטשן געגעבן דאָס רעכט צו געוועלטיקן איבער זיי, גאָטס באַשעפעניש. די טענות זײַנען געווען אַזעלכע איבערצייגנדיקע, אַז עס האָט אויפגעוועקט מײַן נאָך קינדעריש הערצל און כ'האָב שוין געווען פאַרשטיין, פאַרוואָס משה נעמעס, דער גאָלדשמידט איז אַ צער בעל חיימניק און לעבט אויף ברויט און מילך מיט פירות און אַז שטעטל האָט נישט וואָס אים אָנצוקומאַכן מיט דער האַנט...

כ'האָב נישט געקענט מער קוקן אויף די צאַפּלדיקע קאַרפּן, וועלכע זײַנען ביי אונדז צעשניטן געוואָרן אויף שבת, געוואונדערט זיך וואונדערן וואָס אַזאַ אייזעלער ייד ווי ר' מענדל מיט אַזאַ אויסגעלייטערט פּנים, מיט אַזאַ שטילן טריטל־טראָט איז אַ שוחט...

און אַז כ'האָב שפּעטער געלייענט מ. ז. פייערבערגס „העגל" (דער קאַלב) זײַנען מיר טרערן געשטאַנען אין די אויגן און משה סטאַווסקיס „לבן ארמי", האָב איך אפשר צען מאָל איבערגעלייענט. קיין צער־בעלי־חיימניק בין איך נישט געוואָרן, צו שוואַך דערצו, קנאַפּ שוואַכקייטן האָב איך נישט באַזיגט אין מײַן לעבן? אָבער כ'לייען שטענדיק מיטן גרעסטן אינטערעס שילדערונגען פון לעבן פון בעלי־חיים און ווער אַלע מאָל מער געוואויר, אַז ס'איז אַ באַזונדערע וועלט, אַ וועלט וואָס לעבט אַן אייגן לעבן און איז נישט מסתּמא באַשאַפן געוואָרן בלויז צוליב מענטשן. אַז איך האָב געלייענט מעטערלינקס „דאָס לעבן פון בינען" האָב איך אַזוי טיף באַנומען די גרויסע גאָזלעוואָקע וואָס מיר מענטשן באַגייען קעגן דעם דאָזיקן קליינעם אָבער אַזוי אינטעליגענטן מין וואָס איז דאָך אין אַ סך־הכּל נישט מער ווי אַ פליג, אַ פליגעלע...

אָבער קנאַפּ גאָזלעוואַקע באַגייען מיר קעגן אונדזער אייגענעם מין? בו, געבעג מעדיטאַציע.

י. מעצקערס „גאָטס באַשעפעניש ן" איז איינס פון די בעסטע ביכער וואָס כ'האָב ווען עס איז געלייענט וועגן „בעלי־חיים". ווען כ'האָב עס געלייענט, בין איך צוריק געוואָרן דאָס גלויביקע קינד וואָס לייענט דאָמיציסן, אַנדערסענען, קופּערן. מען דאַרף זײַן אַ גרויסער קינסטלער און קענען טאַקע אויסגעצייכנט דאָס לעבן פון בעלי־חיים אויף אָנצושרייבן אַזאַ בוך.

נעמט למשל, „אַ מעשה מיט אַ גענדזל", וואָס פּאַראַ שאַרף אויג דאַרף מען האָבן אַזוי דעטאַלירירט צו שילדערן די ליבע פון דער גאַנדז צום גאָנער, דעם פאַרגעניגן פון אַ שווים טאָן צוזאַמען אין וואַסער, דאָס געטריי אויסבריען די אייער, דאָס שטומע פאַרשטייען איינס דאָס צווייטע, די שילדערונגען פון פערד, פייגל, הינער און אַנדערע באַשעפעניש.

ציטירן וואָלט איך באַדאַרפט זייטל נאָך זייטל.

ס'איז נישט קיין איבערגעטריבענע אידעאַליזאַציע נאָר אַ זעלטן איינלעבן זיך מיט בעלי־חיים, אַ טיף־באַאָבאַכטן, דערפון אַזאַ באַהאַלטענע ליבשאַפט.

ס'איז אַ קלאַסיש בוך וואָס איז ווערט איבערגעזעצט צו ווערן אין אַ סך שפּראַכן, אַ בוך נישט בלויז פאַרן קינד, נאָר אויך אַ פאַרגעניגן פאַרן דערוואַקסענעם.

די טאַלאַנטפולע צייכענונגען פון דעם מאָלער חיים גראָס גיבן צו חן די דאָזיקע פּרעכטיקע אויסגאַבע.

דוד פרישמאַן

(צו זיין הונדערטסטן געבוירנטאָג *)

וואָס זאָגט אונדז הייַנט דער באַגריף „עפּעס אַ פּענצטער קיין אייראָפּע?" — גאָרנישט!

ס'איז אָבער געווען אַ צייט, ווען אָט דער באַגריף האָט אַזוי געלאָקט די יידישע יוגנט, די יוגנט, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון ישיבה אָדער איז דאָרט געווען און געחלומט וועגן אַ „שינוי ערכין", אַן איבערשיכטונג פון ווערטן.

דאָס האָט געטאָן מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, דער רעוואָלוציאָנער. דוד פרישמאַן איז נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנער בטבע, אָבער זיין גאַנץ שאַפן איז געווען אַ רעוואָלוציע קעגן פאַרעלטערטן געשמאַק. איינמאָל נאָר האָט ער זיך צעבונטעוועט מיט זיין ביכעלע "אותיות — פורחות" (פליענ־דיקע אותיות), אַ רעוואָלוציע קעגן דער פאַרשימלטער מליצה אין דער העברעאישער שפּראַך.

און ווייטער איז זיין אומהערמידלעך שאַפן געווען געווענדט אויף איין זאַך: אויפן „מה באה אילן זה" („ווי שיין איז דער בוים!"). ער, דער עסטעט האָט כסדר געווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון זיין לייענער אויף שיינקייט, שיינקייט, שיינקייט.

נישטאָ נאָך אַ שרייבער, וואָס זאָל האָבן אַזאַ קנאַפּע ביאָגראַפיע ווי דוד פרישמאַן. ער איז נישט געווען קיין פּאָליטיקער, נישט קיין רייזנדער, נישט קיין וואַגאַבונד, נישט געהאַט קיין שטורמיש לעבן. ער איז ווי אַ בין אַרומגעפלויגן איבער שיינע בלומען, געזויגן פון זיי דעם האָניק. זיינע רייזעס זיינען געווען איבער ליטעראַטורן נאָענטע און ווייטע, זיינע פאַרגע־ניגנס זיינען געווען אַנטדעקן ניַיע שיינקייטן. אפילו זיין אפּיקורסות איז

---

*) דוד פרישמאַן גיט אָן זיין געבוירנטאָג ה' טבת 1865, אָבער לויט דער רעגיסטראַציע־ביכער פון דער זגערזשער קהילה, איז ער געבוירן געוואָרן מיט פינף יאָר פריער, דאָס הייסט אין 1860. זלמן רייזנס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור" איז אויך גענייגט אָנצונעמען דעם דאַטום פון 1860, ווייל אין 1881 איז פרישמאַן באַצייכנט געוואָרן ווי אַ „בכבודיקער סוחר, דיכטער און שרייבער", און עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן אַ זעכצן־יאָריקן יינגל.

אויך געווען אַן עסטעטישע, כאַראַקטעריסטיש איז זיין ערשטע דערציילונג „האיש ומקטרתו" („דער מענטש מיט זיין ליולקע"). דאָרט ווערט געשילדערט אַ פרומער ייד, וואָס האָט געהאַט אַזאַ עסטעטישן גענוס פון זיין ליולקע (דאָ קומט אַ פּרעכטיקע שילדערונג פונעם רויך, וואָס קנוילט זיך), אַז ס'האָט אים געצויגן אַזש צו חילול־שבת. פריער האָט ער געוויכערט באַהאַלטענערהייט, דערנאָך אָפן. די אפיקורסות פון זיינע ביבלישע דערציילונגען „במדבר" („אין דער מדבר") איז אויך אַן עסטעטישע, אַ מיטל צו אַנטדעקן נייע שיינקייטן פון דער טענצעריין אין זיין „מחולות" („טענץ"). דער זעלבער פרישמאַן, וואָס האָט דער ערשטער איבערגעזעצט אויף העברעיש לאָרד בייראָנס „קין" און „מאַנפרעד" האָט אויך געמאַכט די כמעט געניאַלע איבערזעצונג פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרעס טיף־רעליגיעזן בוך ליי־דער „גיטאַנזשעלי" צוליב דער אומגעווינלעכער שיינקייט זייערער.

פרישמאַן, וואָס האָט אונדז, ייִנגלעך, אָנגעשטעקט מיטן ווילן צום לעבן און צו געניסן מיט דער איבערזעצונג פון „טאַאיס" פון אַנאַטאָל פראַנס, האָט נישט פאַרזוימט אויסצודריקן זיין באַגייסטערונג פאַר מרים אוליפאַנטס פּרעכטיקע לידער, וואָס אָטעמען אַזוי פיל מיט רעליגיעזן יידישן שטייגער און טאַקע געמאַכט דעם אַריינפיר צו איר „באָבעס אוצר".

זיין קאַמף איז געווען פאַר שיינקייט צוליב שיינקייט. דערפון זיין פאַר־ליבטקייט אין אָסקאַר וואַילד. וואָסער מחותן איז געווען „דאָרי פיקטשור אָוו דאָריאַן גרעי" מיטן העברעאישן לייענער, וואָס האָט נאָך געלעבט, דעמאָלט אין אַ וועלט פון אַזויפיל עטישע ווערטן ? און פרישמאַנס פּלאַמיק פאַרטיידיקן וואַילדן אין דער הקדמה צו זיין „ממעמקים" („דע פראָפונדיס"), דאָס בוך, וואָס וואַילד האָט אָנגעשריבן אין טורמע — קלינגט היינט אויך אַ שפּאָר ביסל נאַאיוו. פרישמאַן האָט מוחל געווען וואַילדן די זינד, בלויז צוליב די וואונדערלעכע ווערק, וואָס ער האָט אין טורמע געשאַפן: „די פּאָעמע פון דער רעדינג־טורמע", „דע פראָפונדיס" און זיינע באַרימטע בריוו.

פאַר אונדז ישיבה־בחורים, וואָס האָבן אויסער העברעאיש געקענט קוים אַ ביסל פויליש, איז פרישמאַן געווען אַ גייסטיקער קאָלאָמבוס. ער האָט כסדר פאַר אונדז אַנטדעקט נייע שיינקייטן זיינע „מכתבים על דבר הספרות" (בריוו וועגן ליטעראַטור), איז פאַר אונדז געווען אַ לערן־בוך פאַר ליטעראַרישן געשמאַק. מיר האָבן אַליין גענומען ווערן סקעפּטיקער און הנאה געהאַט פון אַ דזשאָוואַני פּאַפּינוס „מעמואַרן פון רבונו של עולם", צי פון גערהאַרד הויפּטמאַנס „דער כופר פון סאַהאַנאַ" נישט צוליב זייער אַטעאיזם, נאָר צוליב זייער שיינקייט.

***

איך וויס נישט צי דער היינטיקער לייענער ווייסט די גרויסע ראָל, וואָס פרישמאַן האָט געשפּילט ווי אַ רעדאַקטאָר פון פילע העברעאישע זאַמלונגען און זשורנאַלן. היינטיקע צייטן לייענט מען אַ זשורנאַל אין איילע־ניש, מען לייענט און מען פאַרגעסט גיך דעם אינהאַלט. ס'איז נישטאָ יענע שפּאַנונג, יענע דערוואַרטונג אויף יעדן נייעם נומער. אָבער אפילו נאָך מיט אַריבער 30 יאָר צוריק, אין די שטעטלעך פון פוילן און ליטע, האָט מען געשלונגען יעדער וואָרט פון פּערטל־יאָר־שריפט „התקופה", וואָס דוד פרישמאַן האָט די ערשטע בענדער רעדאַגירט. מ'האָט גאַנצע שטעלן גע־קענט פון אויסנווייניק. געווען אַזעלכע צווישן אונדז, וואָס זיינען געווען אַ מין „לוח המפתח", אַ לעבעדיקער אינהאַלט־פאַרצייכעניש; האָסט געקענט פרעגן וועגן יעדן שיר, יעדער דערציילונג, יעדער קריטישער אָפּהאַנדלונג וואו זי געפינט זיך. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ לייענער האָט דער שרייבער געפּילט אַ באַזונדערע אחריות, און דער רעדאַקטאָר האָט מיט באַזונדערן ערנסט צוגעקליבן יעדע שאַפונג און זיך אויסגעהיט פאַר צופעליקייטן. דוד פרישמאַן האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף אַלע זאַמלונגען, וועלכע ער האָט רעדאַגירט און באַזונדער אויף דער „התקופה". די איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור, וועלכע דער פערטל־יאָר־שריפט האָט אין יעדן נו־מער געבראַכט, האָבן זיך אויסגעצייכנט סיי מיטן אָפּקלייב, סיי מיט דער פּערפעקציע פון דער איבערזעצונגס־קונסט.

דאָרט האָט איר געקענט טרעפן ח. נ. ביאַליקס וואונדערלעכע איבער־זעצונגען פון פרידריך שיללערס באַרימטן „ווילהעלם טעל"; זשאַבאָטינסקיס איבערזעצונג פון דאַנטעס „גהינום" און טאַקע דוד פרישמאַנס אייגענע אי־בערזעצונגען פונעם בעסטן פון דער וועלט־ליטעראַטור. מען קען זאָגן אָן גוזמא, אַז דער לייענער, וואָס האָט זיך באַקענט מיטן אינהאַלט פון די דריי צענדליק בענדער „התקופה", וועער שמועסט אויב ער האָט נאָך באַוויזן איבערצולייענען אַלץ, וואָס דער „שטיבל־פאַרלאַג" האָט אים צוגעטראָגן, איז געוואָרן אַ מושלם, ער איז געווען באַקאַנט מיטן בעסטן, וואָס די וועלט־ליטעראַטור האָט אַרויסגעגעבן.

אָבער פרישמאַן האָט זיין שיינגייסט און פיינעם געשמאַק אויך איבער־געגעבן דעם יידיש־לייענער אין די עטלעכע געזאַמלטע בענדער אין יידיש פון זיינע ליטעראַרישע פעליעטאָנען און עסייען, וועלכע ער פלעגט שרייבן אין „היינט". די דאָזיקע פעליעטאָנען און עסייען לייענען זיך נאָך היינט מיט גרויס אינטערעס.

אוודאי קוקט אויס היינט אַ ביסל מאָדנע דוד פרישמאַנס פלאַמיקער אַרטיקל

וועגן דעם נאָך העמאָלט יונגן י. ל. פּרצעס בענדל לידער אין העברעאיש, און דאָס וועלן באַוויזן באַשייבפּערלעך, אַז אַלץ האָט פּרץ „געטאַשט” ביי היינען. אוודאי האָט זיך פרישמאַן טועה געווען. פאַר אַזעלכע טעותן צום גוטן און צום שלעכטן איז נישט פריי געווען אפילו אַזאַ קריטיקער ווי געאָרג בראַנדעס.

⁂

היינט, קנאַפּע 40 יאָר נאָך זיין טויט, און הונדערט יאָר זינט עס איז געבוירן געוואָרן דוד פרישמאַן, בענקט זיך פשוט נאָך דער צייט, ווען דער דאָזיקער דיכטער, עסייאיסט און וואונדערלעכער איבערזעצער איז נישט געווען בלויז אַ גוטער שרייבער, נאָר אַ וועג־ווייזער, אַן אַנטדעקער, אויף וועמעס יעדע ליטעראַרישע אַרבעט מען האָט געוואַרט, פון וועמען מ׳האָט אַ סך, אַ סך געלערנט.

אויפן פרישן קבר פון דוד שמעונוביץ (שמעוני)

דער ישיבה־בחורישער מוח, וואָס האָט נאָר־וואָס דערשפּירט די וועלט, האָט זיך געקוויקט מיט ביאַליקן, מיט פייערבערגן. די שיינקייט פון לעבן האָט מען שעמעוודיק גענומען אויפן שפּיץ מעסער, טשערניכאָווסקין נישט אָנגענומען פאַר זיין אַנאַקרעאָנטיק, פאַר זיין „חכמת־יוונית" (פאַר דעם העלעניזם) „שרק פרחים לה ולא פירות" (זי האָט נאָר בלומען און נישט קיין פרוכט), ווי יהודה הלוי האָט געזאָגט. הערט אַמעשה: עפּעס אַ גיל־גאַמעש, אַן אַפּאָלאָ... שניאור האָט אַ ביסל באַצווינגען מיט זיך גבורה (די פּאָעמע „בהרים" — „אין די בערג") און געלאָקט מיט דער „המנדולינית" (די מאַנדאָלין־שפּילערין), כאָטש ס'איז נאָך אַזוי נאָענט געווען ביאַליקס חשבון־הנפש:

„זך הייתי לא דלק הסער רגשותי הזכים
עד שבאת יפה־פיה וברוחך נשפת ונדלחתי..."

(איך בין ריין געווען, ס'האָט דער שטורעם מיינע זויבערע געפילן נישט געצונדן ביז דו ביסט, שיינקייט, געקומען און מיט דיין אָטעם אַ בלאָז געטאָן און כ'בין פאַרפלעקט געוואָרן...).

ערשט שפּעטער: שמעונוביץ, ווי דאָס אַוועקגיין פון אַלץ, פון אַלץ אין וואַלד אַריין, וואו ביימער רוישן און פייגל זינגען, און וואו די וועלט ווערט באַשאַפן יעדער מינוט אויפסניי. די פייגל פילן ביי אים נישט אויס קיין שליחות, נאָר זיי זינגען ווי די נאַטור האָט זיי באַשאַפן. דער בוים איז נישט קיין רמז, נאָר טאַקע אַ בוים ממש, און די טויב איז נישט קיין משל אויף כנסת ישראל, נאָר אַ פויגל, וואָס פירט ליבעס איבערלופטן...

„כה שרתי לשמים, כה שרתי לעננים
בלי מלים ובלי צלילים..."

(אַזוי האָב איך געזונגען צו די הימלען, צו די וואָלקנס אָן ווערטער, אָן קלאַנגען...).

ערשט אין לאַנגע יאָרן אַרום, בלאָנדזשענדיק אין דער ווייט־מזרחדיקער טייגע, איינזאַפּנדיק אין זיך די וואונדערלעכע שיינקייט פון די טויזנטער

טייכלעך, וואָס שטראָמען פון די בערג, די אַנגעצויגענע איינגעהאַרכטקייט פון די וועלדער, די מוזיק פון מיליאָנען פייגל, די שטילע פאַרטראַכטקייט פון די טעג, האָב איך אין מיין זכרון אויפגעוועקט שמעוני־ביצעס פרעכטיקע נאַטור־לידער, וואָס זיינען אַזוי שיין ווי די נאַטור אַליין:

„היער רועש מתלבטות צמרות
לעוף תשאפנה אל רחבי על
בשטף פרא שוטפים נהרות
ובחדוה זרה גל רודף גל.

על פני השחקים עננות נסערות
דאות נשאות בלי ראש וסוף
וכמו כל העולם שש להערות
אל חיק עולם אחר יפה וטוב.״ („העיר רועש״)

דאָס ליד איז אַזוי וואונדערלעך, סיי שפּראַכלעך, סיי לויטן ריטם פון געדאַנק און געפיל, אַז עס איז זייער שווער צו איבערזעצן, נאָר דאָך לאָמיר אַ פּרואוו טאָן:

דער וואַלד רוישט

האָט דער וואַלד זיך צערוישט, האָבן צווייגן צעוויגט זיך,
ווי פליגל צעפּאַכעט צום פלי אין דער הויך,
און טייכלעך אין ווילדן געלויף צעקריגט זיך
אַ וועל מיט אַ וועל, זיי יאָגן מיט כוח.

און אויבן דער הימל מיט וואָלקנס שטיקט זיך,
און טונקעלער ווערט און פינצטער ווי נאַכט.
עפּעס ווי אַ גאַנצענע וועלט וואָלט געקוויקט זיך,
אַוועק אין אַ וועלט, וואָס איז שענער אַ סך.

און אַזוי זיינען אַ סך, אַ סך לידער: קוואַלן זילבערנע, קלאָרע, וואָס שטראָמען אין דער טיף פון וועלדער, הימלען, וואָס שפּיגלען זיך אין טייכן, שטילע פרימאָרגנס, בריקלעך ערגעץ אין פּאַרקס, האַרבסט און פרילינג אין בלייכע, שטילע פאַרנאַכטן, בלומען.

ער האָט געשריבן אידיליעס, וואָס האָבן אים באַרימט געמאַכט. נאָר אויך אין זיי, דורכזיכטיקע, ווי קלאָרע קוואַל־שטראָמען, איז געקומען צום אויסדרוק זיין פאַרליבטקייט אין פייזאַזש, קלאָגט ער זיך ערגעץ:

„ידעתי כי עמי לא יענד לראשי עטרות,
שירתי לו זרה וללבו לא יען לצלילה,
נחומי לא נזלו פצעיו ברגעי עברות,
במצוקות יום־יום לא עודדתי רוחו הנלאה״.

(איך ווייס, אַז מיין פאָלק וועט מיך מיט קרוין מיך נישט זאַלבן,
מיין ליד איז אים פרעמד, פרעמד זיינע קלאַנגען,
כ׳האָב זיינע וואונדן נישט געשמירט מיט מיין באַלזאַם,
ווען געדאַרפט האָב איך הייבן זיין גייסט מיט געזאַנגען).

אָבער דאָס פאָלק פאַרגעסט נישט זיינע מייסטערס, ווי עס זאָל נישט זיין זייער אינערלעכע פּאָעטישע אייגנאַרטיקייט, און עס וועט דעם „לעווי־טאַן״, דעם זעלטענעם פּיזאַזשיסט אין דער פּאָעזיע, דוד שמעונוביץ אַריינבעמען אין זיין פּאַנטעאָן און פאַרהיטן פאַר די קומענדיקע דורות.

1957



מאַני לייב אין העברעאיש

ווען מען קען מען לייענען ביי חער באַגלייטונג פון גוטער מעלאָדישער מוזיק ?

מאַני לייבס לידער לייענען זיך גוט ביי דער באַגלייטונג פון פיאַנאָ־שפּיל. בלייכע לענגלעכע פינגער שפּילן מיר צו ביים לייענען מאַני לייבס לידער. קאָמפּאָזיטערדיק. צוויי ווערטער אָפּגעוואָרפן איינעם איבערגעלאָזט און דעם אויך געפּיילט און געשליפן זיבן מאָל זיבן.

תפילות ראש־השנהדיקע, וואו חער איד בעט אַ סך מער פאַר חער וועלט ווי פאַר זיך, פאַר בני חיי ומזונא.

אַ שיטה, אַז דאָס ליד דאַרף זיין אַ קדשי קדשים, וואו עס מעג אַריינגיין נאָר דער כהן גדול.

קיין וואָכעדיקס קען דאָרט נישט אַריינקומען און קיין זאָרג פון גאַס. און דאָס בית־מדרשל האָט ער זיך אויפגעבויט אַ מחיצה פאַר דער גאַס, פאַר דער בויט, פאַר שווערער פּראַצע.

דאָ דאַוונט מען בלויז :

„דו האָסט אין דער ווייט פון מיין וועג מיר אַ שיין אַנגעצונדן
כאָטש דו ביסט קיינמאָל ניט געווען און וועסט קיינמאָל ניט זיין.
און איך בין געגאַנגען צום שיין אויסגעמאַטערט אין וואונדן —
ווייל כ׳האָב דיך געזען אין דעם שיין.

אַט האָב איך דערגרייכט שוין דעם שיין — און דער שיין איז פאַרשוואונדן,
בין איך אין דער פינצטער געפאַלן פאַרלאָזט און אַליין,
האָסטו זיך געבייגט איבער מיר און מיט ליבע געקושט מיינע וואונדן
און איך האָב געהערט דיין געוויין״.

האָבן זיך ערשט ביידע שפּראַכן געגעבן די הענט אַרויסצוברענגען די שיינקייט פון מאַני לייבס לידער פאַרן העברעאישן ווי פאַרן יידישן לייענער. אַ גרויסע זאַך האָט דער י. ל. פּרץ פאַרלאַג, געטאָן אַרויסגעבנדיק מאַני לייבס לידער אין ביידע שפּראַכן. דער איבערזעצער איז דער טאַלאַנטפולער איבערזעצער און דיכטער שמשון מעלצער.

איך פערזענלעך וואָלט זיך נישט געוואונטשן קיין בעסערן איבערזע־צער, אויסער אברהם שלאָנסקין און שיינהודן איז נישטאָ ביים היינטיקן טאָג קיין בעסערער איבערזעצער פון דיכטונג ווי שמשון מעלצער. עס וואַקסט ערשט אויף דער יונגער איבערזעצער ב. הרשעווסקי. אַלע איבערזעצונגען זייַנען זייער און זייער נאָענט צום אָריגינאַל. יאָ, עס בלייבט שטענדיק דאָס וואָס מען קען נישט איבערזעצן אין קיין אַנדער שפּראַך, פּונקט ווי מען קען נישט רעפּראָדוצירן קיין קונסט־בילד; עפּעס בלייבט אַזעלכעס, וואָס אין דער איבערזעצונג איז עס נישטאָ. דאָס איז יענער כישוף וואָס נאָר דער מחבר אַליין האָט געוואוסט זיין סוד.

וואָס איז דאָס שוואַכע אָרט אין די איבערזעצונגען? דאָס וואָס זיי זייַנען מיט אַזאַ לייכטקייט און אַן ווייטיק איבערגעזעצט געוואָרן. עס פילט זיך זייער אַ געניטע איבערזעצערישע האַנט אָבער קיין מאָל פיל איך נישט דער איבערזעצער זאָל זיך פאַרקייכן, פאַרהוסטן מיטן אָריגינאַל און עס זאָל אים שווער זיין איבערצוזעצן. אויב איר ווילט מיר גוט פאַרשטיין, לייענט איבער וואָס היינריך הייטע האָט געשריבן וועגן די זייער געניטע און קלאַ־סישע איבערזעצונגען פון טוק און שלעגל פון שעקספּירן. איך האָב פון מעלצערס איבערזעצונגען אַ סך אַ בעסערע מיינונג.

איך אילוסטריר מיט אַ ליד און מיט אַן איבערזעצונג און הער לייענער וועט פאַרשטיין וואָס איך מיין.

איך האָב ליב

איך האָב ליב די מעוברתע ווייבער
מיט די בייכער פאַרשפּיצט און געשוואָלן
ווען זיי שלעפּן די טאָפּלטע לייבער
ווי די קי אויף די גראָזיקע טאָלן

וועלכע זיכערקייט טראָגן זיי אַלע
אין די אויגן, וואָס שטראַלן ווי קוואַלן
זיי שמעקן מיט מילך און מיט קאַלע
ווי זומער פאַרנאַכט אין די שטאַלן.

דו, מיט די אויגן ווי שטאָלענע שפּיצן
דו פאַרגעסט ביי דער שריפה פון וואונדן,
אַז די רויזן פון זייערע ציצן
זייַנען אויף דייַנע ליפּן געצונדן.

אין מעלצערס איבערזעצונג :

„מה אוהב הנשים שעברות הן
עם כרסן חדודה ותופחת
עת גופים בכפלים נושאות הן
כפרות בבקעה הפורחת

מה בטחת גדולה בן נשקפת
בעינים עינות הקרנים
הן רחות בחלב וברפת
כביום קיץ בשעת בין־ערבים.

ואתה שעניך הפלידו
הן תשכח עת פצעיך יזעקו
כי ציצי דדיהן שהורידו
על גבי שפתותיך הדלקו".

אין אַט דער איבערזעצונג קומען צום אויסדרוק אַלע הויכע קוואַליטעטן מעלצערס ווי אַן איבערזעצער.

ער האָט זיך באַמיט צו זיין וואָס נעענטער צום אָריגינאַל אפילו איבערצוגעבן דעם קלאַנג פון וואָרט „ציץ" „ציצי הדיהן" וואָס אין העברעאיש איז דער טייטש : דאָס געשפּראָץ פון זייערע בריסטן.

דאַרף מען האָבן מער ?

אָבער ווי פּינקטלעך אַן איבערזעצער זאָל נישט זיין און וויפל מייסטער איז „שלעפן טאָפּלטע לייבער" נישט דאָס וואָס „נושאות הן".

אָבער די באַמערקונגען און אַנדערע אַזעלכע וואָס כ׳וואָלט געקענט מאַכן האָבן נישט צום גרויסן אויפטו פון צוטראָגן אַזאַ טייערע מתנה דעם העברעאישן און יידישן לייענער און די פרוי פון מאַני לייב דער טאַלאַנט־פולער דיכטערין ראשעל וועפּרינסקי קומט אַ גרויסער יישר כוח פאַר איר מי ביים אַרויסגעבן דאָס בוך אינעם י. ל. פּרץ פאַרלאַג.

די וועלט פון נעכטן

(וועגן סטעפאַן צווייג)

לאָמיר איבערלאָזן אויף אַן אַנדער מאָל אַ געוויסע צאָל ביכער, וועלכע מיר האָבן געלייענט און האָבן איבער זיי וואָס צו זאָגן.

אוודאי וואָלט מען וועגן זיי באַדאַרפט שרייבן אין דער ערשטער ריי. עס זיינען בפירוש גוטע ביכער, ניצלעכע ביכער. די מחברים האָבן אין זיי אַריינגעלייגט נישט נאָר טאַלאַנט, נאָר אויך אַ סך בלוט, אַ סך מי, איידער זיי האָבן זוכה געווען צו זען אַ ליכטיקע שיין.

ערשט הויבט זיך אָן פאַר די מחברים דאָס סאַמע שווערסטע: דאָס זיין אַליין די מוכרי ספרים. ס'איז דער סאַמע שווערסטער פּרוּוו. טייל־מאָל אַ סך שווערער, ווי יענע שלאָפלאָזע נעכט, וואָס האָבן זייערע ביכער געבוירן. און דאָך, מוז איך רעאַגירן אין דער ערשטער ריי אויף אַ בוך, וואָס איז צו מיר דערגאַנגען אין דער יידישער איבערזעצונג און פון וועלכן איך קען מיר שוין אַ גאַנצע וואָך נישט אָפּרייסן. עס איז דאָס בוך פון סטעפאַן צווייג „די וועלט פון נעכטן" (סטעפאַן צווייג: „די וועלט פון נעכטן". זכרונות פון אַן אייראָפּייער, איבערגעזעצט פון חיים בראַקאַזש, פאַרלאַג „יידבוך", ביי דער געזעלשאַפט פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע, בוך 34, 1959).

ווי איר זעט, איז דאָס בוך שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט אַ צוויי יאָר צוריק. אָבער מען האָט דאָ אין די אַמעריקעס, ווייניק וועגן דעם גע־הערט. סטעפאַן צווייג איז גענוג באַקאַנט דעם יידישן לייענער פון זיין דראַמע „ירמיהו", „אמאָק", זיינע וואונדערלעכע ביאָגראַפיעס פון גרויסע פערזענלעכקייטן ווי טאָלסטאָי, ראָמען ראָלאַן, דאָסטאָיעווסקי, בעטהאָווען; פאַר אַ ריי זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען, וועלכע זיינען ביז דער מלחמה דערשינען אין יידישע איבערזעצונגען.

געווען אַ צייט, ווען די איבערזעצונג־ליטעראַטור האָט געלעבט. געווען אפילו ספּעציעלע זשורנאַלן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור, אַזוי אַרום, איז דעם יידישן לייענער, וואָס האָט ניט געקענט קיין פרעמדע שפּראַכן, באַוועגט געוואָרן און באַקאַנט געוואָרן מיט די אוצרות פון דער וועלט־ליטעראַטור, פון דער העברעאישער ליטעראַטור, איז דאָך אָפּגערעדט. יעדער באַנד „התקופה" האָט אַ גוט פינפטל פון זיינע האַלבן טויזנט זייטן געווידמעט איבערזעצונגען. די בעסטע שריפטשטעלערס און פּאָעטן האָבן געווידמעט אַ סך פון זייער יצירה דער קונסט פון איבער־

זעצן. דער גרויסער חיים נחמן ביאַליק האָט דעם לעצטן צענדליק יאָר פון זיין לעבן אַוועקגעגעבן (חוץ זיינע זאַמלונגען פון אונדזערע אַלטע אוצרות, פון דער אגדה און דאָס קאָמפּלעטירן און אַרויסגעבן די ווערק פון ר׳ שלמה איבן גבירול און אַנדערע) דער איבערזעצונג פון שעקספּיר און שיללער, פון סערוואַנטעס און אַנדערע קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור.

גוטע צוויי דריטל פון אַלע אויסגאַבן פון „שטיבל־פאַרלאַג" זיינען אי־בערזעצונגען פון די בעסטן פון דער וועלט־ליטעראַטור, פון דער קונסט, עסייאיסטיק און פילאָזאָפיע.

עס קומט דעריבער גרויס אָנערקענונג דעם פאַרלאַג „יידבוך" און דעם פליסיקן איבערזעצער, דעם באַקאַנטן שריפטשטעלער, חיים בראַקאַזש, פאַרן אַריינברענגען אין דער יידישער ליטעראַטור דאָס ווערק פונעם גרויסן דייטש־יידישן שריפטשטעלער, סטעפאַן צווייג, „די וועלט פון נעכטן", אַ בוך וועלכן ער האָט אָנגעשריבן האַרט פאַרן זעלבסטמאָרד, צוזאַמען מיט זיין פרוי אין 1942.

איך האַלט דאָס דאָזיקע בוך פאַר איינס פון צווייגס בעסט ווערק. עס איז איינע פון די קלאַסישע מעמואַרן־ביכער אין דער וועלט־ליטעראַטור. אַזוי ווי זשאַן זשאַק רוסאָס „קאָנפעסיאָן", ווי טאָלסטאָיס „ווידוי", ווי אָסקאַר וואַילדס „דע פּראָפונדיס". איר לייענט דאָס איבער 400־זייטיקע בוך און איר קענט זיך נישט אָפּרייסן. אַזויפיל לעבנס־חכמה, אַזויפיל קולטור, אַזאַ דורכדרינגלעכער בליק, אַזאַ אויפריכטיקייט און ערלעכקייט, אַזאַ נישט־שאַנעווען זיך ביים געבן אַן אַנאַליז פון דער סביבה און פון זיך אַליין, און דער עיקר: אַזאַ פיינער סטיל, אַזאַ אָנציטעודיקייט, אַזעלכע פיינע, שאַרפע כאַראַקטעריסטיקעס פון זיינע מיטציייטלער, פון רעזשימען, פון קולטורן, פון לעבנס־שטייגערס.

אַז איר ווילט, איז עס אַ מין קהלת; אַ נייער, מאָדערנער קהלת, ווידער אַמאָל: אני שלמה.

איינגעוואָרצלט אין דער דייטש־עסטרייכישער קולטור, איינער פון אירע הויפּט וואָרט־זאָגער, אַ וועלט־באַרימטער שרייבער, וועמעס ווערק עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן, אַ באַקאַנטער פריינד פון עמיל ווערהאַרן און ראָמען ראָלאַן, פון מאַקסים גאָרקי און הערבערט וועלס, פון וואָלטער ראַטענאַו און ריכאַרד שטראַוס, פון ריכאַרד דעהמעל און ריינער מאַריאַ רילקע. אַ וועלט־מענטש, אַן הומאַניסט איז ער פלוצעם מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט געוואָרן אויסגעוואָרצלט און זיך דערפילט ווי אַ מענטש אָן אַן היימלאַנד, זיינע ווערק זיינען עפנטלעך פאַרברענט גע־וואָרן אין דייטשלאַנד. זיינע אַ ליברעטאָ, צו וועלכער ריכאַרד שטראַוס האָט געשריבן מוזיק און צוליב וועלכער אַדאָלף היטלער אַליין האָט באַדאַרפט אָננעמען אַ דעציזיע צי מען זאָל דאָס שפּילן, ווייל שטראַוס איז געווען

צופיל וועלט־באַרימט, אַז מען זאָל נישט דערלאָזן די אַפּערע שטעלן, איז אויך אַראָפּגענומען געוואָרן. גרויסע דייטשע קינסטלער און שריפטשטע־לער, וועלכע האָבן אַמאָל געבויגן דעם קאָפּ פאַר צוויגן שעמען זיך אין גאַס מיט אים צו ווייזן. מיטאַמאָל דערפילט ער אַליין שטאַרקער דעם ייד אין זיך און ער מאַכט אַ חשבון־הנפש, אַ מענטשלעכן, אַ נאַציאָנאַלן.

דער דאָזיקער חשבון הויבט זיך אָן פון זיין פריער יוגנט און ענדיקט זיך ביז די סוף דרייסיקער יאָרן, ווען ער ווערט געצוואונגען צו זיין אויף דער עמיגראַציע.

עס גייען דורך צענדליקער פערזענלעכקייטן. איר האָט דאָ אַ וואונדער־לעכע כאַראַקטעריסטיק פון טעאָדאָר הערצל, וועמען סטעפאַן צוויג גיט איינעם בוך אַזויפיל קרעדיט; פון זיגמונד פרויד, וועמעס פאַרערער צוויג איז געבליבן ביזן סוף פון זיינע טעג; פון געאָרג בראַנדעס — וועלכער פלעגט נישט איינמאָל קומען צו גאַסט צו סטעפאַן צווייגן אין זיין הויז אין זאַלצבורג; פון בערנאַרד שאָו און אַרטור שניצלער, פון קאַרל קראַוס און רילקען, פון אַנדרע זשיד און זשול ראָמען, פון מאַקסים גאָרקי און אַלבערט איינשטיין און צענדליקער אַנדערע גרויסע פערזענלעכקייטן.

אָבער איבערן גאַנצן בוך גייט דורך דאָס געפיל פונעם אַנטוישטן הו־מאַניסט, וואָס האָט געחלומט אַמאָל פון אַ פאַראייניקטער איראָפּע און זיך געפילט שפּעטער אויסגעוואָרצלט פון אַלע לענדער, אַ מענטש אָן אַ היימלאַנד.

אַ באַזונדער גרויס אָרט איינעם בוך פאַרנעמט די קריטיק אויף דער פאַסיווער, אייגעשלעפּערטער געזעלשאַפט אין איראָפּע און אין דער גאַנצער וועלט וואָס האָט באַגאַטעליזירט היטלערס קומען צו דער מאַכט און באַ־צייטנס נישט אָנגענומען קיין מיטלען.

סטעפאַן צוויג שטראָפט כסדר זיך מער ווי אַנדערע; ער איז זיך מודה, אַז ער האָט טיילמאָל נישט רעאַגירט מיט פּראָטעסטן עפנטלעך, ווייל ער איז בכלל געווען אַ שטילער מענטש און האָט נישט געהאַלטן פון דער „פּאַטעטיק פון עפנטלעכן פּראָטעסט". ער זוכט אַריינצופירן אין דער נשמה פון ריכאַרד שטראַוס, דעם וועלט־באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט זיך אין די היטלער־יאָרן געהנדלט צו די נאַציס. ער טייטשט עס אויס דערמיט, וואָס ריכאַרד שטראַוס האָט געהאַט אַ יידישע שנור מיט יידישע אייניקלעך און, אַז שטראַוס האָט אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט אים, צווייגן, און געשטעלט זיין אָפּערע־ליברעטאָ שוין נאָכן געזעץ, אַז מען טאָר נישט שפּילן קיין ווערק פון יידישע אויטאָרן, און אַז דעריבער האָט ער געוואָלט געפינען חן אין די אויגן פון די קאַניבאַלישע הערשער, אָפּצואווישן דערמיט זיינע „יידישע" זינד...

די נאַציס האָבן געוואָלט האָבן כאָטש איין גרויסן קאָמפּאָזיטאָר נאָכדעם ווי די גרעסטע מוזיקער האָבן זיך פון זיי אָפּגעטרייסלט. זיי האָבן אים

אַרומגערינגלט מיט כבוד. היטלער אַליין פלעגט זיך אָפט מיט אים טרעפן, און דאָס האָט דעם 70־יעריקן מוזיקער פאַרדריסט דעם קאָפּ. ער האָט אַלץ, הייסט עס, געוואָלט ראַטעווען זיין יידישע שנור און די אייניקלעך, וועמען עס האָט געדראָט אַרויסגעשמיסן צו ווערן פון דער געזעלשאַפט. ווי באַוואוסט, קוקט מען היינט אַ ביסל אַנדערש אויף דעם ענין ריכאַרד שטראַוס, און אין ישראל, און טייל אָפּערע־טעאַטערס פון אַנדערע לענדער ווערט ריכאַרד שטראַוס נישט געשפּילט.

עס איז שווער איבערצוגעבן אפילו אַ קליינעם קאָנספּעקט פון אָט דעם וואונדערלעכן בוך. עס איז אַ שליסל צו דעם רעטעניש פון סטעפאַן צווייגס זעלבסטמאָרד; אַ ווידוי פון אַ גרויסן שרייבער, וואָס האָט אין דער צייט פון די נצחונות פונעם גרעסטן באַנדיט און מענטשן־פרעסער פון אַלע צייטן, פון מטורף, אַדאָלף היטלער ימח שמו, געמיינט, אַז די וועלט, וואָס האָט אַזוי פאַרשלאָפן צוגעקוקט צו היטלערס אויפשטייג, וועט נישט געפינען גענוג כוח צו פאַרטיליקן די דאָזיקע פעסט. און מיט זיין טויט, דאָס מאָל דווקא פּאַטעטיש, פאַרענדיקט זיך לעבן ווי אַ פּראָטעסט קעגן ווילקיר, אומרעכט און רציחה, וועלכן דער היטלער־רעזשים האָט מיט זיך געבראַכט.

די איבערזעצונג פון חיים בראַקאַזש איז אַ פּרעכטיקע. דער יידיש — אַ האַרציקער, אַ זאַפטיקער. איך האָב גראָד דאָס בוך צווייגס נישט געלייענט אין אָריגינאַל, נאָר קענענדיק צווייגס סטיל אין אָריגינאַל, דאַכט זיך מיר, אַז בעסער האָט מען נישט געקענט איבערזעצן.

איך האָב קיין צייט נישט...

(פעליעטאָן)

איך האָב קיין צייט נישט פאַר חשבונות מיט ציפערן, וועלכע מען דאַרף אויסשטעלן אין דער ברייט פון לכל־הפחות אַ לאַנגער שטאָט. אַז איך האָלט ביי טריליאָנען מאָל טריליאָנען יאָר, בין איך נאָך אין דעם פעריאָד ווען אונדזערע מיליאַרדן מאָל מיליאַרדן שטערנס, זון־סיסטעמען, סאַטעליטן זיינען נאָך אַלץ „בייביס", קליינע קינדער וואָס שטאַמלען, ווילן עפּעס און ווייסן נישט וואָס זיי ווילן.

עס מוז זיין אַ גרויס טראַכטעניש, אַ פאַרעניש, אַ ווילעניש, אַ שטרעבעניש און יעדער קלענסטער ווילן איז אַ מיליאַרד מאָל שטח, אַ מיליאַרד מאָל מיליאַרד יאָרן און מיינע יאָרן זיינען אַזוי קורץ, אין בעסטן פאַל זיבעציק. איך האָב קיין צייט נישט...

אוודאי זיינען נישטאָ קיין איבעריקע זאַכן. אויב וועגן אַן אַפּענדיקס ביי אַ מענטשן האַלטן די דאָקטוירים, אַז עפּעס אַ פונקציע האָט עס דאָך אינעם מענטשלעכן קערפּער, מוזן די הימלישע קערפּערס צווישן זיך האָבן שייכותן, ווי אברים פון אַ גוף. אָבער דער ענטפער הערויף זיינען טריליאָנען מאָל טריליאָנען...

— און איך האָב קיין צייט נישט...

הערבערט אוועלס פאַנטאַזיע און זיין באַוועלע „די צייט־מאַשין" וועגן אַ מאַשין וואָס וועט פליען אין דער צייט, איז שוין אַ ביסל מקוים געוואָרן; אונדזער „מאַרינער 2" האָלט שוין ביים 57טן מיליאָן אין עטלעכע חדשים בלויז; מיט באַגריפן פון בלויז 100 יאָר צוריק וואָלט מען אַזאַ רייזע באַדאַרפט מאַכן אין טויזנטער יאָרן. אָבער אין גרויסן חשבון איז עס פונקט ווי פליען איבערן האָף, ווייל עס האָט דאָך קיין סוף נישט. דער וועלט־חשבון האָט צייט, איז אַזוי געדולדיק.

און איך בין אומגעדולדיק און האָב קיין צייט נישט...

מיליאָנען יאָרן האָט באַדאַרפט דויערן ביז פון עפּעס איז געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע גרעזל און הונדערט מאָל אַזוי פיל מיליאָנען ביז דער מענטש איז אויף דער וועלט געקומען. די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז בכלל אַ קינד, אַזוי קליין, אַזוי קורץ.

אַלץ איז געבענטשט מיט אַזוי פיל געדולד, מיט אַזוי פיל צייט, און איך בין אומגעדולדיק און האָב קיין צייט נישט — גאָטס געבאָטן ציען זיך טריליאָנען מאָל טריליאָנען; דער „יהי אור" איז אייביק.

די נייע דערפינדונגען מאַכן מיר גלייביקער.

אויב פון אונדזער ערד קען מען דורך צענדליקער מיליאָנען מאָל „באַ־פעלן״ עפּעס אַ נישטיק אַפּאַראַטל צו קאָרעגירן זיך און נעמען דעם ריכ־טיקן וועג — קענען טריליאָנען מאָל טריליאָנען קאָנצענטרירט זיין אין אַ ווילן, וואָס איז זייער קורץ און שנעל פּונקט ווי ער איז זייער ברייט אין שטח און זייער לאַנג אין יאָרן.

אַלץ ווייזט, אַז אויסער אונדז איז קיין לעבן נישטאָ, און אויב מיר זיינען טאַקע דער צענטער, און אויב אונדזער מוח איז פּיאַיק שוין דערויף וואָס ער האָט דערגרייכט, וועט ער נאָך מסתמא אַ סך גרעסערס דערגרייכן. עס אַנטוויקלט זיך ערשט אונדזער מוח, די נאַטור איז געבענטשט מיט געדולד, מיט צייט, מען האָט נאָר קיין צייט נישט...

עס וועלן נאָך אַנטשטייען פענאָמענאַלע וועזנס, וואָס קענען זייערע מוחות וועלן אונדזערע גאָרנישע געהירן זיין אַזוי אָפּגעשטאַנען ווי די מוחות פון מאַלפּעס קעגן אונדז. אויב אונדזער וועלט־סיסטעם וועט נישט שטאַרבן פון עפּעס אַ קרענק, וואָס וועט דויערן מינדעסטנס אַ פּאָר מיליאַרד יאָרן, וועט די נאַטור זייער איינפּאַלעריש זיך אַ שפּיל טאָן מיט אירע נייע פול־קאָמענע קרעאַטורן, נאָר געדולד, נאָר צייט!

מסתמא וועלן די דאָזיקע קרעאַטורן, וואָס וועלן געבוירן ווערן אין טויזנט ביליאָנען יאָרן אַרום זיין נענטער צו גאָט, צום אייביקן סוד ווי מיר, אָבער זיי וועלן דאָך שטאַמען פון אונדז. עס וועט נאָר נעמען אַ ביסל צייט איך און דו און ער זאָלן זיך אומקערן צוריק אין אַ מער פּאַרענדיקטער פאָרם ווי ווען מיר זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון כאַאָס, איך האָב אָבער אַלץ נישט קיין צייט.

מיינע גרויסע זיידעס, ווי אַ ייד הקדוש, האָבן מסתמא אַרומגעקריזט וועלטן אין זייער מחשבה, דער קפיצת־הדרך דאַרף נישט זיין דווקא אין פיזישן זין. יאָ, אונדזערע זיידעס, די גרויסע שעפער פון חסידות, די בעלי התבוננות האָבן יעדן טאָג געטראַכט וועגן די אַלע זאַכן, אפשר איז עס ביי אונדז אַרויסגעזאָגט מער פרייער, אָבער אין גרונט איז עס די טעאָריע פון באַטראַכטונג דאָס אַריינדרינגען אין די סודות פון דער נאַטור און זיך פאַרטראַכטן אויפן גרויסן סוד.

האָט דער בעל שם געוואוסט פון אַזאַ אַנטדעקונג ווי „מאַרינער 2?״

איך האָב פאַר דער מלחמה איבערגעזעצט אויף יידיש אַ ספרל פון הרב מנחם עקשטיין, וואָס אין העברעאיש הייסט היס: „תנאי הנפש להשגת החסידות״, צו דער דאָזיקער איבערזעצונג האָט מנחם עקשטיין ספּעציעל אָנגעשריבן אַן הקדמה אין דער פאָרם פון אַ בריוו צו מיר. דאָס אַלץ האָב איך אָפּגעדרוקט אינעם לאָדזשער זשורנאַל „בית יעקב״ (רעדאַקטאָר איז געווען אליעזר גרשון פרידנזאָן), דאָס דאָזיקע ספרל איז דאָס שענסטע, טיפסטע, וואָס איז אין אַ מאָדערנער פאָרם געשריבן געוואָרן וועגן חסידות. אַז מען ליינט זיך גוט אין דעם אַריין, זעט מען, אַז אויב בפועל האָט נאָך

אַ בעל שם קיין השגה נישט געקענט האָבן פון אַזעלכע דערפאַרונגען, האָט ער אָבער אָן אַנונג פון דעם געהאַט „בכוח", פון דעם אַלעם, אין וועלכן אָט דער סוד האָט געדרימלט ווי אַ קינד אין ווינדעלעך... די גרויסע מוחות האָבן נאָר בלויז די ווערטער נישט געהאַט. זיי האָבן גערעדט קורץ, אַ טעלעגראַפן־שפּראַך. נישט אַלע האָבן עס פאַרשטאַנען.

לעאָ פינקעלשטיין (אין זיין בוך "מגילת פוילן", ז' 60) באַמערקט ריכ־טיק, אַז דער פּוילישער ייד האָט זיך פאַרשטאַנען מער אויפן וואונק. „באַהעדעוודיקייט האָט מען באַטראַכט פאַר אַ ווייבערישן ענין". דער פּוי־לישער ייד האָט לויט פינקעלשטיינען בעיקר געגלידערט זיינע רעיונות אַלגעבראַאיש און אין אַנטשפּרעכנדיק געאָמעטרישן אויסבליק.

אָפּטײלונג

• דרײַ

בילדער,
דערציילונגען

מיין רבי און דעם קיסרס פּאָרטרעט

ביים רבין ר׳ ישכר אין חדר איז אַלץ געווען וואונדער.

דער רבי אַליין, איז דיר נישט געווען קיין פּראָסטער מלמד, געהאַט זיך קאַפּריז.

מער ווי אַכט יינגלעך האָט ער נישט צוגענומען און אָנקומען צו אים איז אויך דיר נישט געווען פון די לייכטע זאַכן; יעדן ערב־זמן, חול־המועד־סוכות אָדער חול־המועד־פּסח, ווען ער האָט אָנגענומען נייע חדר־יינגלעך, איז ער נישט אַרומגעגאַנגען, ווי אַנדערע מלמדים נעבעך און געשנאַפּט, וואו מען קען באַקומען אַ תלמיד. ר׳ ישכרן פלעגט מען רופן אַהיים.

אויסגעקליבן ר׳ ישכרן פאַרן דריטן רבין מיינעם האָט די באָבע. דער זון אירער, דער פעטער אַרקע, האָט נאָך ביי אים געלערנט, האָט מען טאָקע

מיין רבי און דעם קיסרס פּאָרטרעט

גערופן ר׳ ישכרן איינעם אַ חול־המועד־סוכות אַהיים, געשטעלט מעד מיט ניס, ר ׳ישכר האָט מיך פאַרהערט און אַזוי בין איך געבליבן זיין תלמיד.

און אַז כ׳האָב באַטרעטן די שוועל פון חדר — האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די נסים; אַלץ איז דאָ געווען אַנדערש, ווי אין אַלע חדרים.

קודם די ריינקייט און ציכטיקייט אין יעדן ווינקעלע, און די רביצין, אַלטע, וואָס מיר האָבן זי שפּעטער מיט גרויס חשיבות גערופן „ר׳ אַלטע". שטעלט זיך פאָר: אַ יידענע, וואָס פאַרשטייט גמרא! כאָטש נעם זעץ זי אַוועק אויפן רבינס אָרט, וועט זי לערנען מיט די תלמידים... היילינק פרום, מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ (נישט צו טראָגן חלילה די אייגענע האָר) מיט אַ ציפּעקל אויפן קאָפּ — פלעגט זי אַלץ באַוויזן אָפּצוטאָן. געדאַוונט באַלד פאַרטאָג דאָס גאַנצע דאַווענען (אַן אישה איז דערפון פּטור, אָבער אונדזער רביצין האַלט, אַז קיין חוב איז עס טאַקע נישט, אָבער אַ מצווה איז עס פאָרט!), האָט זי נאָך באַוויזן אויפצורוימען (אַלץ הייסט אויפרוימען!) אין שטוב און צוגרייטן עסן פאַרן מאַן און דערנאָך זיך פאַרקלייבן אויפן מאַרק האַנדלען מיט קאָפּ־טיכלעך און מיט פאַטשיילעס. הערמיט וויל זי זיין דאָס פוסבענקעלע פון מאַן אויף יענער וועלט — זי טראָגט עפּעס צו צום פאַרדינסט. איז קודם האַרף דער מאַן זיך נישט איבערמאַטערן און נישט חנפהנען די גבירים אויף צונעמען זייערע ייִנגלעך מיט די פאַרשטאָפּטע קעפּ אין חדר. ער האָט גענוג אַכט אָפּגעקליבענע ייִנגלעך. און די שיינקייט פון רבין ר׳ ישכרן אַליין! הויך און געשטאַלטיק און צו די זיבעציקער יאָר — מיט אַלע ציין! און אַז מען דאַרף עפּעס פאַרריכטן אין שטוב: אַ טיש, אַ באַנק, אַ טיר — איז דאָ אַ האַק מיט אַ העקל, מיט אַ האַמער, מיט אַ זעג, און דער רבי גיט זיך אַן עצה אַליין אָן אַ באַלמעלאָכע.

בכלל איז מלאכה אַ שטוב־זאַך ביי דער משפחה דעם רבינס. נעמט אַ שטייגער דעם רבינס שוואָגער עליע־פּיוול דעם מוליער, מיט אַ סאַמעטן היטל, מיט געקרויזלטע פּיאות, אַן אַלעקסאַנדער חסיד, אויך שוין אַ יאָר זיבעציק. און אַז עליע־פּיוול מאַכט אַן אויוון — שטייט ער אָפּ יאָרן אָן רעמאָנט. און עליע־פּיוולס איינקל איז טאַקע איינס פון די וואונדער אין מיין רבינס משפּחה. הייסן הייסט ער ,שמחה פּיעטרושקע, איז אַ גלוח און שרייבט אין די גאַזעטן, נאָר אַז ער קומט אַמאָל אַראָפּ פון וואַרשע צום זיידן זייטעם און קומט צו גאַסט צום רבין ר׳ ישכר, איז ער, דער רבי, אים אַלץ מוחל; דער גאונישער קאָפּ! הער אַ מעשה! ער פאַרהערט אונדז קונדסים דאָס לערנען אויף אויסנווייניק און קוקט נישט אַריין אַ וואָרט און זאָגט אייך גאַנצע בלעטער גמרא מיט אַלע מפרשים „ווי סע שטייט און גייט".

איז האָבן מיר עס געהאַט וואונדער ביים נייעם רבין אונדזערן און

יעדער טאָג איז געווען עפּעס אַ נייעס: קודם־כל אונדזער רביצין מיט אונדזער רבין — בית הלל מיט בית שמאי; ביי אונדזער רבין האָט זעלטן ווער געזאָגט ווי סע באַדאַרף צו זיין. אָט אַזוי, אַ קפּדן! ער האָט געוואָלט, אַז מיר, חדר־יינגלעך, זאָלן פּונקט אַזוי זאָגן ווי ער האָט געזאָגט. נאָר אונדזער רביצין, ווי דער גוטער הלל, פּלעגט זיך שטענדיק אַריינמישן:

— וואָס ווילסטו פון זיי? זיי זאָגן דאָך ווי סע באַדאַרף צו זיין.

הערפאַר טאַקע האָבן מיר זי ליב געהאַט, געהאָלפן איר יעדן אינדער־פרי אַרויפליגן אויף דער פּלייצע דאָס פּעקל מיט די טיכלעך, וואָס זי פּלעגט פאַרקויפן אין מאַרק און טאַקע גערופן זי מיט אויסטערלישן נאָמען „ר' אַלטע", ווי מע רופט אַ מאַנספּאַרשוין.

האָבן זיך אַזוי געצויגן די טעג, מאָדנע טעג פון אונדזער צען־יאָריקן עלטער: מיטן רבינס אויסזאָגן אַ גאַנצן יום תהילים פאַרן לערנען און מיט דער רביצינס אויפגעבן אים עסן אַ גאַנצע שיסל, ווי מע גיט אויף אַ באַל־מעלאָכע, נישט ווי קיין אידעלען בן־תורה; און מיט אירע מעשיות אָן אַ שיעור, וואָס איך גאָט ווייסט, וואו זי האָט זיך עס אָנגעלייענט אַזוי פיל; און מיט אונדזער ערשטן דערקענען די וועלט פון דער גמרא און מער נאָך פון אונטערהערן, אונטערקוקן, אונטערסודן זיך, גנבענען ברעקלעך טעג ביים הימל, ביים פעלד, הערן יידן דערציילן נייעס פון די בלעטער, אויסטערלישע נייעס פון דער מלחמה; זען ווי עס בייט זיך די ממשלה; אויפן אָרט פון פּאַוולאָוון מיט די גרויסע וואָנצעס, מיט די זילבער־שליפעס — דער רוסישער פּאָליציימייסטער; אויפן אָרט פון נאָכלויפן די „מוזיקע" אין די „גאַלוואַוקעס", אויפן אָרט פון דעם אַלעם — די גרינע מונדירן פון „יעקעס", זעלנער מיט די שטאָל־העלמען ווי פּיער־לעשער, מיט פאַסן און אויפשריפטן אויף די שלעסער „גאָט מיט אונדז", און מיט פירן „ענטלויזן" אַ קילאָמעטער פון שטאָט אין עפּעס אַ באָד; און מיט הויכע געשרייען אין מאַרק „ראָגן", „ראָגן" ביי די פויערשע פורלעך (קאָרן הייסט עס, קאָנפעסקירן), און מיט געהיימע פאַבריקלעך בראָנפן און זייף און מיט שמוגלערס.

נאָר וואָס האָט עס אַלץ זיך אָנגעהערט צום קיסרס פּאָרטרעט?

... הויך איבערן פענצטער, צווישן דעם ספרים־שראַנק און דעם זייגער איז ער געהאָנגען, דער פּאָרטרעט פון קיסר ניקאָלאַי דעם צווייטן. ווען „פאָניע" האָט נאָך געהאַט די שליטה, פלעגט פּאַוולאָוו פון צייט צו צייט אַריינכאַפּן זיך אין חדר מיטן אינספּעקטאָר.

פּאַוולאָוון איז אָנגעגאַנגען דער חדר ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי, אַ נפקא מינה אים צי אין חדר איז ריין צי נישט, נאָר דעם אינספּעקטאָר פלעגט ער פונדעסטוועגן פירן, כדי שפּעטער, שוין אָן אים, וואַרטן אויפן „פּערטעלע", וואָס די רביצין האָט אים אָנגעגרייט אויסצוזופּן.

דאָס ערשטע, אַרום וועלכן פּאַוולאָוו האָט לשם יוצא וועגן זיך געפּאַרעט — איז שטענדיק געווען דעם „קיסרס פּאָרטרעט": צי איז די שויב חלילה ניט באַפלעקט מיט פליגן־אַפּפאַל און צי איז אויפן ראַמל נישטאָ קיין שטויב.

איז טאַקע געגאַנגען אַ שייערײַ אַרום דעם קיסרס בילד.

האָט ער טאַקע ניקאָלאַיקע געבליאַסקעט מיט דער גרינער, זיידענער לענטע פּאַפּעראַק דער ברוסט, מיטן גרויסן אָרדן צעפליגלט ווי אַ ווייסע רויז, מיט די מעדאַלן, מיטן געשוירענעם בערדעלע און מיטן נאַרישן, גע־קראַכמאַליעטן בליק.

אַלץ אין דער וועלט איז רבינס חדר האָבן מיר איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ; דעם רבינס כלי־זין, די העק און זעג און העמערלעך, זיך גע־דרייט מיט באַלעקן (פּאַרוואָס עפּעס באַלעק? ווייל ער איז אַזוי געקראָכן אויף אַלע פיר, ווי באַלעק דער פיאַניצע) דעם פוילן קאָטער, נאָר דעם קיסר אַליין — אַ האָר נישט גערירט, אַז דער טיוזל האָט אַזש געגומען! שטייט ער דאָרט אינדערהויך און קוקט אַראָפּ מיט אַזאַ גאווה אויף אַלץ און אַלעמען און ריר אים נישט אָן!

די מורא אַנצורירן דעם „הוד מלכותו" איז שוין אַזוי אַריין דעם רבין אין געוואוינשאַפט, וואָס דאַרפט איר מער? דער „דייטש" איז שוין לאַנג געווען דער מושל אין שטעטל, נאָר דער לעצטער קיסר פון די ראָמאַנאָוס איז נאָך אַלץ געהאַנגען אויף דער וואַנט.

אמת, פּאַוולאָוו איז שוין נישט געווען, דער אינספּעקטאָר איז שוין נישט געקומען קאָנטראָלירן, אָבער ניקאָלאַי האָט נאָך אַראָפּגעקוקט אויף אונדז מיט עבר־בטלדיקער אַנגעצויגנקייט, ווי לאָמיר זאָגן, משה גרונם, דער אָפּגעקומענער גביר, וואָס גייט נאָך אַלץ אַרום מיטן אָפּגעשאָסענעם מעלאָניק אין שטעטל, אָנגעצויגן, יחוסדיק, און טראָגט זיך אַרום אין דער סאַדזעווקע מיט אַלט־רוסישע ביכער, אָדער ווי דער צווייטער שטייענדיקער זייגער קעגן פּאָרטרעט, וואָס נישט מיין רבי, נישט די רביצין נעמען אים נישט אַראָפּ.

***

ביז איינמאָל איז געקומען דער טאָג אויפן פּאָרטרעט.

אין שטעטל האָט עס געררישט, העלדעך־יידן האָבן זיך געזאַמלט, גע־שטאַנען ביי יאַנקלען, דעם ציטונגס־פּאַרקויפער אין דער ריי נאָך צייטונ־גען און מיר האָבן געהערט ניִיעס פון טאַטן, פון זיידן, פון שכנים, פון די שמועסן צווישן רבין און דער רביצין: אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד! דעם קיסר האָט מען אַראָפּגעוואָרפן!

וואָס אַזעלכעס איז דאָרט פאָרגעקומען — האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען. וואָס אַזעלכעס רעוואָלוציע איז — האָט אונדזער צען־יאָריקער מוח נישט משיג געווען, נאָר אַז מיטן קיסר איז נישט גלאַטיק — האָבן מיר שוין תופס געווען. דער פאָרטרעט איז פּלוצעם אויסגעקומען אין אונדזערע אויגן ווי עפּעס אַ רוישנדיקע פליג, וואָס רוישט, דרישט, רוישט און גיט זיך פּלוצעם אַ זעץ אַוועק אויף דער וואַנט געפּגרט און קלעפּט זיך צו.

דאָ איז פאָרגעקומען מיטן פאָרטרעט יענער וואונדער, ווי שפּעטער, ווען כ׳האָב אַ 15־יאָריקער בחורל געבראַכט אין שטוב אַריין צום שבתדיקן טיש דעם משכיל, נפתלי הערץ ווייזלס ספרל מיט רשי־כתב, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּרום חיבורל, פון יענע הייליקע ספרימלעך, וואָס אַז זיי פלעגן אַראָפּפאַלן — פלעגט דער זיידע זיי אויפהויבן און געבן אַ קוש — און דאָ האָט דער זיידע פּלוצעם אַ גאָב געטאָן דעם חיבור, אים אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל און געגעבן אַ שפּיי:

— טפו זאָל עס ווערן, ס׳איז אַ טריף־פּסול.

דער רבי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פאָרטרעט מיט אַזאַ רוגזה, ווי ער וואָלט זיך נוקם געווען נישט בלויז אין אים אַליין, נאָר אין אַלע יאָרן פּחד פאַרן פּאָליציימייסטער, פּאָוולאָוו, מיטן אינספּעקטאָר צוזאַמען — און פאַר־רוקט אים אונטערן קאַמאָד.

מער האָבן מיר קונדסים נישט באַדאַרפט. פון אונטערן קאַמאָד האָבן מיר דעם פאָרטרעט אַרויסגעשלעפּט שפּעטער, ווען דער רבי מיט דער רביצין זיינען נישט געווען, און מיר האָבן זיך, ווי פרייע לאַשעקלעך גע־קאָלערט אין פעלד, אַרויסגענומען דאָס גלאָז און דאָס רעמל, האָבן מיר זיך צעטיילט מיט די אָרדנס און מיטן קאָלירטן באַנד מיט ראובנען און שלמהלען, מיינע בעסטע חברים. דעם קאָפּ מיטן בערדעלע האָט באַקומען עוזר, וואָס דערציילט אַלע סודות דעם רבין, ווער סע קאָמאַנדעוועט און שטיפט און דרייט איבער די שטוב:

— נאַ, האַלט דיך ביים קאָפּ פון „קיסר”!

אַזאַ מין נקמה האָט דאָס געוועזענע חדר־יינגל הערלעבט אין אַ צווייטן פאָרטרעט. אָבער דאָס איז שוין געווען אין אַ סך, אַ סך יאָרן אַרום.

דאָס איז געווען אין כאַבאַראָווסק, דער שטאָט אויפן ווייטן מזרח, נאָכדעם ווי איך האָב זיך צוריקגעקערט פון איינעם פון די טויזנטער לאַגערן, אין וועלכע די רעוואָלוציע האָט זיך פאַרוואַנדלט.

עס איז געווען אין איינער אַן אינטעליגענטער רוסישער שטוב און דער מאַן איז נאָר וואָס געקומען פון אַ קרייז וואו מען האָט פאַרגעלייענט די באַ־

קאַנטע רעדע וועגן סטאַלינס גרויזאַמקייטן (דעמאָלט האָט מען עס נאָך גערופן "טעותים"). סטאַלינס פּאָרטרעט, וואָס איז געהאַנגען ביים מאַן איבערן שרייב־טיש אין אַ באַגילדעטער ראַם איז אַראָפּגעשלײַדערט געוואָרן מיט אַזאַ רוגזה, נאָך אַ סך צאָרנדיקער ווי דעמאָלט, ווען מײַן רבי האָט ייִנגלווײַז זיך נוקם געווען אין צאַר ניקאָלאַי.

אָט ליגט צעשמעטערט דאָס בילד, דאָס זעלבע בילד וואָס איז געהאַנגען בײַ מײַן אויספאָרשער איבערן קאָפּ בשעת מען האָט מיך געפּײַניקט, דאָס בילד פון מאַן מיט די גרויסע וואָנסעס און מיטן געשטופּלטן פּנים, אין וועלכן די פאָטאָגראַפן האָבן אַזויפיל אַרײַנגעאַרבעט צו מאַכן פון אים אַ "קראַסאַוועץ", וואַלגערט זיך פאַר מײַנע אויגן, ווי עס האָט זיך אַמאָל קינדווײַז געוואַלגערט דאָס בילד פון צאַר ניקאָלאַי.

אַ חתונה אויף די זאַמדנס

מיטאַמאָל איז דאָס הויכע, שייַנע מיידל מיט די שוואַרץ־פּלאַמיקע אויגן — דאָס מיידל פון „די זאַמדנס" — פאַרשוואונדן. שוין מער נישט אַרומגעגאַנגען אין די הייזער בעטלען אַ פינפער־גראָשן, ווי די איבעריקע אָרעמעלייט פון אַט דעם בעטלער־קוואַרטאַל אין שטעטל.

די אָרעמעלייט פון די זאַמדנס האָבן זיך איטלעכער געהאַט זיין גע־שטאַלט און איטלעכער האָט זיך פאַרקריצט אין קינדערישן זכרון. אין די מיטוואָכס, אין זייער בעטל־טאָג, האָבן זיי דורכמאַרשירט די שטעטל־דיקע קראָמען.

עס איז געווען די אַלטע איטע, אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט אויסגעשטראַצטע אויגן פון אַ באַזעדאַור־קרענק, ווי ס׳וואָלט זי עמעצער געשטיקט ביים האַלדז, איינגעהילט אין אַ צעריסענער, אָפּגעבליאַקעוועטער פאַטשיילע, וואָס האָט איבגאַנצן פאַרשטעלט איר צעקנייטשט פּנים. האָט זי, ווי אויסגעלערנט, אַ זאָג געטאָן זוייער „זאָל איך גאָט העלפן", צי ס׳איז עפּעס אַריינגעפאַלן אין איר האַנט צי נישט, ווי די אויגן וואָלטן נישט דערזען, און געגאַנגען ווייטער.

אַ חתונה אויף די זאַמדנס

און פלטיאל איז געווען. פלטיאל מיט דעם סאַמעטענעם היטל, מיט די צען קאַפּאָטעס סיי זומער, סיי ווינטער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט די מלבושים איבערצולאָזן אין שטוב, און מאָנעלע דער קאַטרינאַזש, וואָס פלעגט אויף יאַרידן פלוצעם אָנטאָן אַ בלוי קריסטלעך היטל מיט אַ גלאָנ־ציקן דאַשעק און ווערן אַ „גוי", געגעסן חזיר און גערעדט נאָר פּויליש, כדי אויסהאַנדלען זייַנע ביקלירטע פינגערלעך, וואָס אַ פּאַפּוגיי האָט אַרויס־געצויגן פון אַזעלכענע פּאַפּירענע בייַטעלעך, נאָר אַז ס'איז געקומען פאַר ימים־נוראים האָט ער זיך פלוצעם פאַרלאָזט אַ בערדל, אָנגעטאָן צוריק דאָס יידישע היטל און געשטעלט זיך מיט אַ טעלער ביי דער טיר אין בית־מדרש, מיט אַ צעטעלע „פאַר אַ נויטבאַדערפטיקן חולה"; און דאָס קליינע לאַהלע מיטן אָפענעם מיילעכל, וואָס האָט געהאַלטן אין איין רעדן צו זיך אַליין עפעס מאָדנע רייד, אַ שטעל געטאָן זיך ביי אַ קראָם מיטן אויסגע־שטרעקטן הענטל און ווייטער געגאַנגען און גערעדט; און דער משוגענער יצחק דער קיסר, וואָס האָט געהאַט פּרעטענזיעס צו ניקאָלאַיען הלמאי ער האָט אים צוגענומען דעם טראָן. אים פלעגט מען געבן דאָפּלט, ווען ער האָט אויסגעזונגען עפעס אַ מאַרש פון די גאַלאָוואָקעס לכבוד זיך אַליין.

און מאָטשע מענדל, וואָס האָט געהאַט אַ טבע צו זאַמלען בלעטלעך פון קאַלענדאַרן, פּאַרוואָס טאָקע מיר, חדר־יינגלעך, האָבן גערופן קאַלענ־דאַר־בלעטלעך „מאָטשע־מענדעלעך". דער פלעגט בעטן שטענדיק עפעס עסן. שבת פלעגט ער קומען נאָך אַן איבערבלייַבעכץ פון טשאָלנט און אין דער וואָכן האָט ער זיך באַנוגנט מיט אַ קאַלענדאַר־בלעטל, וואָס חדר־יינגלעך פון די קראָמען האָבן אים צוגעוואָרפן, כדי ער זאָל אַזוי געהאַרכ־זאַם געבן אַ טאַנץ; און דער גרוי־זאַטער גאַווריל — די שרעק פון קינדער, אויף וועמען מען זאָגט, אַז ער קען הרגענען אַ מענטש, וואווינט אויך אויף די זאַמדנס און גייט אין די מיטוואָכס בעטלען, און פעלטע פּיפּערנאָטער, דאָס פּיצע־מאַנטשיק ייִדעלע, וואָס דערגרייכט נאָר צו דער שוועל, און ס'איז פול מיט אים אויף אַלע בריתן און חתונות — לאָזט אויך ניט דורך די מיט־וואָכס, ראובן מיטן הדרת־פּנים, מיט דער לייטישער קאַפּאָטע, מיט דער אויסגעקעמטער באָרד, וואָס ער גייט אַרום איבער די הייזער, ווי מע זאָגט, אויף אַן אָפּקומעניש אויף געטוענע זינד, און די צוגעפאַרענע בעטלער פון אַרום, וואָס נעכטיקן נישט אין הכנסת־אורחים און מאַכן זיך קוואַרטיר ביי די אַרעמעלייט זיי זאָלן זיך מיט זיי נישט קריגן. דאָס אַלץ האָט זיך אַזוי אַריינגעפּאַסט אין גרוי־אומעטיקן מאַרקל, ווינטער־צייט — ווי שליחים פון שניי און פון עלנטן ווינט און ווי דאָס פלוצעמדיק פאַרטראַכט אַ קריי טאָן פון אַ הענדל אָט אַזוי זומער אינמיטן טאָג, וואָס גיט אַ צעמיש די דרימלענדיקע שטילקייט, ווי אַ שטיק וואָלט אַראָפּגעפאַלן אין אַ שטייענ־דיק וואַסערל.

אָבער דאָס יונגע, שיינע מיידל איז עפעס אַזוי אַנדערש געווען פון

זיי אַלע. ווער איז זי? וואָס איז זי? ווייבער האָבן גערעדט, אַז ס׳איז עפּעס אַ יתומה, עפּעס אַ קרובה פון איינער אויף די זאַמדנס, און אַז יענע לאָזט זי ניט גיין אויף אַ שטעל וואו מ׳בעט זי פון אַלע זייטן. ווייבער האָבן געשאָלטן:

— טפו זאָל עס ווערן, בלוט און מילך זעט אויס אַ טאַטנס אַ קינד און בעטלט.

בחורימלעך האָבן זיך פאַרקוקט, איר געמאַכט חנדלעך. זי פלעגט זיך רויטלען, נאָר אפילו נישט קיין שמייכל נישט געטאָן, ווי עס וואָלט איר נישט אָנגעגאַנגען און ווייטער אַזוי געגאַן פון געוועלב צו געוועלב מיט אירע יונגע, פרישע, שפּרינגעוודיקע טריטעלעך, ווי אויף אַ שפּאַציר.

און מיטאַמאָל איז זי פאַרשוואונדן.

לייט, וואָס ווייסן, האָבן זיך געסודלט, אַז דאָס האָט איר דער יונג, דער קונצנמאַכער גענומען.

דער יונג האָט זיך באַוויזן זומער־צייט. אַ הויכער מיט בלויע אויגן האָט ער אויסגעזען ווי אַ שגץ, און אַריין איז ער אין שטעטל ערגעץ פון דער פרעמד; מיטאַמאָל האָט זיך אינמיטן גאַס געשאַפן אַ געזעמל. ביילקע מיט דער פלאַטשיקער נאָז, וואָס פאָרט שטענדיק מיט אויף יאַרידים מיט כאַנעלע קאַטרינאַזש האָט אַ פאַרצי געטאָן אַזאַ לענגלעך כאָדינקל אין אַ ווינקל־מאַרק און דער בחור האָט זיך געדרייט ווי אַ שלאַנג, זיך געקלאַ־מערט ווי אַ רעדל, אַרויפגעשטעלט אַ גלאָז מיט וואַסער אויפן שטערן און אַזוי געהאַלטן עס אָננויגנדיק דעם קאָפּ אַרונטער אַזש ביז צו דער ערד. און דערביי האָט ביילקע געדרייט אויף דער קאַטערינקע, אויסשפּילנדיק אַזעלכע פייפנדיק־שטאַמלענדיקע לידלעך.

אַזוי איז דער יונג געוואָרן דאָס ביסל נחת פון קלייטוואַרג, וואָס פלעגט אויסשנאָרן ביי די מאַמעס אַ פּאָר גראָשן, אַ בולקעלע, אַ קוכן אַריינצו־וואַרפן אין ביילקעס טאָרבע.

נאָר מיטאַמאָל איז ער ווי אַריין אין דער ערד, נישטאָ דער קונצנמאַכער. לייט, וואָס פאָרן אויף יאַרידן, האָבן אים געזען דאָ און דאָרט אין שטעט־לעך, נאָר דאָ זעט מען אים נישט, אַנטרונען געוואָרן, אַזוי ווי די הויכע, שיינע מויד, וואָס האָט זיך געשעמט צו גיין בעטלען.

מאַכט זיך אַ מעשה און ביילקע פון די זאַמדנס קומט צו דער באָבען אין קלייטל קויפן היזון. ביילקע מאַכט דאָך נישט קיין שבת און אין די דאָנערשטיקס קויפט זי דאָך אפילו נישט קיין לויט היזון אויף חלות, טאָ וואָס איז דער מער, וואָס פּלוצעם האָט זי אַ קויף געטאָן אַ גאַנצן פונט היזון און אַ פרעג געטאָן צי ס׳וועט זיין גענוג אויף 30 געסט? הערט אַ מעשה, וואָס איז דאָ פלוצעם געשען? וואָס דאַרף מען זיך דערטראַכטן, אַז ביילקע אַליין גיט לשון. זי איז באַלד מגלה סוד:

— איר ווייסט, מלכהשי, אַ שמחה ביי אונדז אויף די זאַמדנס, מיר מאַכן חתונה די שיינע מויד טאַקע מיטן קונצנמאַכער.

מילא, וואָס די גבאיטעס, אַלע די, וואָס זוכן מצוות חתונה צו מאַכן

יתומות, דינסטן, אָרעמע כלות, האָבן אָנגעוואונטשן — זאָל עס געשען אונטערע שונאים אַ העלפט. זי, די מויד, האָט זיי דאָך צוגענומען עולם־הבא פון די הענט און זיך אַליין חתונה־געמאַכט. און מיט וועמען, פרעגט זיך? מיט אַ האַלבן גוי, וואָס האָט אפילו נישט קיין יידיש פּרצוף, מיטן קונצנמאַכער, וואָס פאָרט אַרום איבער יאַרידן. נאָר אַ שמחה איז עס געווען, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כּאַדאָראָם. מע זאָגט, אַז ביים גרעסטן גביר קען אַזאַ חתונה נישט זיין. קודם־כל איז געווען די גאַנצע משפּחה קלעזמער, דער אַלטער שלמה מיטן פידל, ישראל־בער, זיין זון, מיטן טרומ־פייט, חשובע קלעזמער, וואָס גייען נאָר אויף גבירישע חתנות, מכל שכן די איבעריקע לאַפּעסדריקעס פון דער קאַפּעליע: העבעכל באַס, בערל מיטן פליוט, אפילו יצחק בדחן איז געווען. טאַקע יצחק, שלמה קלעזמערס זון, וואָס „פּערל שיט זיך פון זיין מויל" און קען אין איין מינוט מאַכן וויינענ־דיק און לאַכנדיק דעם עולם. און אַלץ האָט נישט גענומען קיין פּרוטה, ווייל אויף אַ חתונה אויף די זאמדנס נעמט מען נישט קיין געלט. און יצחק בדחן האָט סתם ליב צו קוקן אויף שיינע כלות, און אַז עס טרעפט אַ שיינע כלה מאַכט ער דיר אַ „באַדעקנס" — אַז יונג און אַלט צעכליפּן זיך.

איז טאַקע דעם גאַנצן גן־עדן פון אָט דער אָרעמער כלה האָט, חנה, די גבאיטע, נישט געהאַט, אָבער עפּעס, אָן עפּעסל, אַ שטיקל מצווה ביי דער חתונה פון דער מויד האָט זי פונדעסטוועגן פאָרט אָפּגעקרישלט: צוגיפּ־גענומען ביי לייט אַ שיינעם דרשה־געשאַנק, און דער יונגער פּאָר געבראַכט, און שוין נאָכדעם געהאַט צו דערציילן וואָכן און חדשים איבערן גאַנצן שטעטל, וואָס דאָרט האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן.

— מיינע קינדערלעך, גאָטעניו, זאָלן האָבן אַזעלכע חתונות. סע האָט נישט געפעלט פון פויגל־מילך. סע האָט אוודאי אָפּגעקאָסט אַ מאַיאָנטעק מיט געלט. מ'האָט אויפגעקניפּלט די קניפּלעך און זיך צוזאַמענגעלייגט, איז ווייזט אויס, טאַקע ביי די קבצנים געווען דער אמתער אוצר. וואָס פאַראַ פישן, וואָס פאַראַ וויינען, וואָסערע פּאַמעראַנצן, וואָס פאַראַ איינגעמאַכצן! און דאָס פּאַרל איז געזעסן אויבנאָן. ער אין אַ פּראַק און אין אַ צילינדער, און זי איך אַ ווייס זיידענע קלייד, און ווען איר קוקט אָן די געסט! דאָס ביסל קבצנים איז נישט געווען צו דערקענען. אַלץ איז געווען אין בגדי־שבת. דער הויפּט־מחותן איז געווען כּאַנעלע קאַטרינאַזש, וואָס איז געזעסן ביי דער רעכטער זייט פון חתן, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן ראָק מיט אַ קעלנערל און זיידענעם קראַוואַט, געגאָסן יעדן גלעזער וויין און געטרונקען לחיים. דער חתן האָט זיך געהאַלטן לייטיש־שטייף, ווי ער וואָלט אַריינגעשלונגען אַ שטעקן, נאָר יעדעס מאָל ווען מע האָט דערלאַנגט אַ דרשה־געשאַנק, האָט ער זיך איידל פאַרנויגט, דאַנקענדיק. די כלה האָט געגליט אין איר שיינ־קייט ווי אַ מאָן־בלום, זיך געהאַלטן אין איין סודלען מיטן חתן. ישראל־בער

מיטן טרומפייט, דער ווייבערניק, איז אָפּט צו אַ קוש געטאָן דער כלה אין דער האַנט און געבעטן וואָס כלי־זמרים זאָלן שפּילן. יצחק בדחן, באַגייס־טערט פון דער כלהס שיינע אויגן, האָט געפלאָכטן שיינע לידער לכבוד איר, רח״ש דעם דיין פאַר חופּה־קדושין האָט מען געגעבן אַ גאַנצן פּופּציקער זלאָטעס. — — —

חנה, די גבאיטע, האָט נאָך אַ סך געהאַט צו דערציילן. געהאַט צו דער־ציילן פון „יקדל בריטאן״, דעם גיבור אין שטעטל, וואָס איז געקומען אויף דער חתונה מיט דעם ווייב, געווען שיכור־לוט. ער האָט אַ צענעם געטאָן די הענט און זיך פאַרמאָסטן אויפן חתן, ס׳הייסט: „גיב אָפּ די שאָנקייט, ביסט נישט ווערט אַזעלכעס״. ווען נישט יצחק בדחן, וואָס האָט אים גע־נומען מיט זיסע רייד, וואָלט געקומען צו אַ געשלעג. זי האָט געהאַט צו דערציילן וועגן די פאַר ערלים פון די זאמדנס, וואָס זיינען אויך געווען אויף דער חתונה, נאָר ווייבער האָבן זיי, חנה גבאיטע, נישט געלאָזט אויסרעדן.

— ס׳איז דאָך מעשה שטן, שדים און רוחות, מען מעג דען זיין אויף אַזאַ חתונה? זי איז דאָך אפילו אין מקוה נישט געווען, די כלה! די קליפּה קלעפּט זיך דאָך צו אויף אַזעלכע חתונות!

— —

אין די מיטוואָכס זיינען די אָרעמעלייט ווייטער געגאַנגען איבער די הייזער. קאַטעריינאַזש איז ווידער מעשה־גוי איבער יאַרידן מיט דער קאַ־טערינקע און זיין פּאָפּוגיי, און פאַר די ימים־נוראים געוואָרן גוט און פרום, פאַרלאָזט זיך אַ בערהדל און אַוועקגעשטעלט זיך מיט אַ טעלער ביי דער בית־מדרש־טיר בעטלען. נאָר צוויי האָט מען מער נישט געזען אין שטעטל. דאָס שיינע מיידל און דעם קונצנמאַכער — זיי זיינען ביידע פאַרשוואונדן.

לאהן, דער לאַנגענשטאכע, האָט עס צוגעגעבן מוט, זי האָט אַ שנייק געטאָן די נאָז אין דער פּאַטשיילע און פאַר אַ הייפל ווייבער געדרשנט:

— אַז מע זאָגט מעשה־שדים דאַרף מען גלויבן. עפּעס איז די מעשה נישט גלאַטיק!...

אַליין...

ווינטער בייטאָג אין בית־מדרש.

נאָך די עטלעכע מניינים דאַווענער, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ ביסל באַוועגונג, איז שטיל געוואָרן, אַ שטילקייט וואָס ווערט נאָר איבערגעריסן מיטן טיק־טאַק פון זייגער.

אַן אָרעמאַן, אַן אורחא־פרחא סדר'ט אין זיין פעקל נעבן אויוון, קוקט זיך אַרום צי מען זעט נישט און נעמט אַרויס פון אַ פאַרבאַהאַלטן קלומעקל אַ שטיק פּוטער מיט קעז, באַשמירט עס אויף אַ שוואַרץ שטיקל ברויט, וואַשט זיך און עסט אויסדרייענדיק זיך צו דער וואַנט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מען זאָל אים נישט טרעפן ביי אַזעלכע רייכע מאכלים.

יאָשע, דער שמש פון בית־מדרש זיצט אין אַ ווינקל ביי אַ טיש און דרימלט אָנגעלענט אויף אַ האַנט, הייבט זיך אויף און זעט אַז דאָס בית־מדרש איז ליידיק, נישטאָ זיך וואָס צו איילן גראָבט ער זיך טיפער איין אין זיין וואַטאָוועער קורטקע, מאַכט זיך אַ באַקוועמען מקום ווערט אַנט־שלאָפן. דער איינציקער וואָס קומט אַריין בייטאָג אין בית־מדרש איז ר' שמחה לייב.

אַמאָל איז ר' שמחה לייב נישט געווען אַליין. ר' שמחה לייב געדענקט נאָך ווי טישן אַרום זיינען פול געווען מיט תורה, קעסט־יידעלעך און מיטל־יעריקע יידן. מען איז געזעסן און געלערנט, און ר' שמחה לייב אַליין — נישט געווען דער שמחה לייב פון היינט, אַ גביר געווען און דער שאַרפער מתנגד, מלחמות מיט חסידים געפירט, הלמאי מען פאַרנעמט זיך נישט מיט לערנען. ר' שמחה לייב איז דעמאָלט אַ תופס בישיבה געווען, שיעורים געזאָגט — אַנדערע צייטן געווען. פון די „שטיבעלעך" האָט מען דעמאָלט נישט געהאַלטן, וואָס האָט זיך עס דעמאָלט נישט אָפּגעטאָן מיט יצחקלען, ר' שמחה לייבס זון, ווען ער האָט פּלוצעם אין אַ שיינעם פרימאָרגן איבער־געדרייט דעם דישל און אַנגעהויבן גיין אין חסידים־שטיבל. אַ יונגערמאַן שוין געווען אפילו, אָבער דאָס אפּוטרופּסות פון טאַטן נאָך געהאַט, מילא, פון עגמת־נפש איז דאָך אָפּגערעדט, וואָרעם גאַנצע טעג האָט מען צווישן זיך נישט גערעדט און שפּעטער, אַז מען האָט זיך שוין איבערגעבעטן האָט יצחקל געמוזט אַ באַזונדערן שיעור מאַכן מיטן טאַטן אין בית־מדרש.

— וואָס דו לערנסט דאָ מיט מיר הייסט געלערנט — האָט ר' שמחה לייב געטענהט צו זיין זון — „דאָרטן" וואָס דו טוסט וויס איך נישט.

אָבער ווי עס האָט זיך אַלץ געביטן אין די פּאָר צענדליק יאָרן!

ביסלעכווייז האָט גענומען קלענער ווערן דאָס בית־מדרש מיט לומדים. די עלטערע „מזרח״־יידן זיינען סוחרים געוואָרן, פאַרטאָן אין מסחר גאַנצע טעג. פאַריאָגט איבערן קאָפּ, אַריבער און דאָס יונגוואַרג איז אַוועק „אַהין״, אין שטיבל אַריין. ס׳יונגוואַרג? היינט שוין מיטליעריקע יידן, חסידים געוואָרן און די וואָס זיינען אין שטיבל נישט איבערגעגאַנגען האָבן זיך אויך אין בית־מדרש נישט דערהאַלטן, נאָך ווייטער אַוועק.

ביסלעכווייז האָט זיך דער מזרח־טיש גענומען ליידיקן און נאָך אים — דער מעריב־טיש, אַז מען האָט עמעצן געפרעגט פון די לערנער פאַרוואָס ער קומט עפּעס ניט צו די שיעורים האָט ער אַליין נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

וואָס עס האָט געפעלט? עס האָט שמחה געפעלט! נישט געוווּסט וואָס עס זאָל דערהאַלטן, וואָס עס זאָל צוזאַמען נעמען.

געהערט? אפילו ר׳ אַלטער אַליין, דער ידיד־נפש ר׳ שמחה לייבס האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם פּרוּוו, „אַהין״ אַריבער.

און דאָס אויף דער סאַמע עלטער.

זיך נישט געקענט דערהאַלטן... צו קאַלט געווען...

ר׳ שמחה לייב געדענקט נאָך גענוי יענעם אויפדערנאַכט ווען ר׳ אַלטער איז אין בית החסידים אַריבער, אַ חסיד געוואָרן.

... אַ רעגנדיקע נאַכט געווען. קיינער אויסער ר׳ שמחהן איז אין בית־מדרש נישט געווען, פאַרדרוקט אין אַ ווינקל ביי זיין שטענדער, ביי דער ליכט פון דער קאַפּטשענדיקער לאָמפּ געזעסן און זיין שיעור געלערנט. ר׳ שמחה לייב איז שוין איינגעוואוינט געווען אַליין אין בית־מדרש צו בלייבן זינט ר׳ אַלטער, זיין שטענדיקער שכן אין בית־מדרש האָט אויפגעהערט צו קומען. און אין שטוב זיינע שיעורים געלערנט.

אַ ווינט האָט האַסטיק אַ קרייז געטאָן אינדרויסן, אויפגעהויבן דעם בלעכענעם בית־מדרש־דאַך און אים צוריק אַראָפּגעלאָזט און אין די פענצ־טער האָבן אַזוי פּראַסטיק געפּאַטשט די רעגן־טראָפּנס ווי פאַרכטיקע בשורות פון שוידערלעכע געשעענישן וואָס פאַסירן ערגעץ אין דער נאָענט.

אַזאַ קלעמענדיקער אומעט האָט זיך אין בית־מדרש צעלייגט. ר׳ שמחה לייב האָט אַליין נישט געפילט ווי דער גמרא־ניגון זיינער ווערט וואָס אַמאָל טרויעריקער, פאַרכטיקער און ביי אים איז פּלוצעם פון ערגעץ אַרויסגעוואַקסן ר׳ אַלטער.

ר׳ שמחה לייב האָט זיך דערפרייט מיט זיין אַלטן שכן ווי מיט אַ גרויסן אוצר.

— אָ, אַלטערל, וואו איז מען געווען ביז אַהער? פאַרגעסן איינגאַנצן אין בית־מדרש, איבערגעלאָזט שמחה לייבן אַליין.

אָבער ר׳ אַלטערל, האָט אָנשטאָט צו געבן אַן ענטפער, וואו ער האָט די גאַנצע צייט פאַרבראַכט, האָט ער גענומען מורמלען עפּעס מאָדנע רייד וועגן שמחה, אַז מען מוז האָבן אַ ביסל שמחה, אַז אַן דעם דערהאַלט זיך נישט קיין ייד, אַז עס איז נישט קיין וואונדער וואָס דאָס יונגוואַרג איז „אַהין" אַוועק... אַז ס׳איז באַך אַ חסד פון הימל, אַז ווען נישט דאָס שטיבל — ווער ווייס וואו זיי וואָלטן אַהינגעקומען און אַז ער אַליין, אַלטער, קאָן זיך אויך אויף דער עלטער נישט דערהאַלטן. נישטאָ מיט וואָס די נשמה זיך צו דערהאַלטן.

און נאָך האָט עפּעס אַלטערל מאָדנע גערעדט וועגן תורה פון אַ גוטן יידן, וואָס איז בכוח איינגאַנצן אויפצוטרייסלען דעם מענטש, מאַכן אים ער זאָל זיך נישט אָפּנאַרן און איבערשאַצן זיך, נישט אַריינפאַלן אין „גאווה".

ר׳ שמחה לייב געדענקט נאָך יענע נאַכט. געענטפערט האָט ער ר׳ אַלטערן גאָרנישט, זיך גענומען צו דער גמרא און ווייטער געלערנט, דאָס איז דער ענטפער געווען.

פון דעמאָלט אָן האָט ער ר׳ אַלטערן מער נישט געזען. ער האָט באַר געהערט, אַז פון יענער נאַכט אָן איז ר׳ אַלטער אין בית־החסידים אַריבער.

פון דעמאָלט אָן, איז ר׳ שמחמה לייב אַליין געבליבן דער איינציקער לערנער אין בית־מדרש. ר׳ שמחה לייב פירט זיך ווי ער האָט זיך אַמאָל געפירט; הויבט זיך אויף בהשכמה פאַרטאָגס, לייענט פריער די פרשת היום, תנ״ך, נאָכדעם משניות, רמב״ם, נאָכדעם גייען שיעורים בעניך, מנינים דאַוועגען הערוויייל אָפּ, ר׳ שמחה לייב זיצט ווייטער פאַרטיפט אין לערנען. גייט איבער פון ענין צו ענין. ער פאַרגעסט בשעת מעשה אַז ער איז אַליין געבליבן, אַז ער האָט אפילו נישט אַ הימישן פון זיינע יידן, מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, אַ דבר חידוש איבערצושמועסן, באַר בייטאָג, ווען ער קומט פון דער היים אין בית־מדרש אַריין, איידער ער נעמט זיך צום לער־נען, נעמט עפּעס אַזאַ מאָדנער אומעט אַרום ר׳ שמחה לייבן. דאָס בית־מדרש איז ליידיק שוין פון מתפללים, שטיל. באַר פון שכנות דאָרט פון חסידים־קלויז הערן זיך שטימען, גמרא ניגונים פון יונגעטשקע בחורימלעך, יונגע־לייט וואָס זיצן און לערנען און מאָדנע, ווי זיס עס זיינען ר׳ שלמה לייבן די דאָזיקע גמרא־טענער, אָט שטעלט ער זיך אַוועק ביים פענצטער און הערט זיך איין ווי לאַנג האָט ער די דאָזיקע גמרא־טענער נישט געהערט. דער עלטערער דור איז אָפּגעשטאָרבן און די קינדער זיינען אַוועק אין פרעמדע וועגן און ווען עס איז געבליבן עפּעס רעכטס — איז עס אַוועק „אַהין", דאָרט

פונוואַנען דאָס לערנען טראָגט זיך איצט, דאָרט וואו אַלטער, דער שכן זיינער האָט זיך געמוזט אַריבערקריגן ווייל עס איז אים דאָ „קאַלט" געווען... צו טרוקן...

ר' שמחה לייב דערמאָנט זיך די רדיפות וואָס מען האָט „זיי" אַמאָל געיאָגט, חושד זייענדיק „זיי", אַז זיי פאַרברענגען די צייט לבטלה.

און אַ מאָדנער געדאַנק, וועלכן ער לאָזט נישט צו עגבערט ר' שמחה לייבן, אין דער טיף פון זיין מחשבה:

— יאָ, אפשר טאַקע, אפשר זייען „זיי" גערעכט געווען...

חנה די שרייבערין

חנה די שרייבערין — אַזוי האָט מען זי אין שטעטל גערופן, נאָר אַלטע ווייבער האָבן זי, חנה די רביצין גערופן, און אַלע האָבן געהאַט רעכט.. ווייל אויסער דעם, וואָס חנה האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לעקציעס אין נגידישע הייזער, לערנענדיק מיידלעך שרייבן, האָט זי ביי זיך אינדערהיים אַ מיידליש חדר געהאַט, וואו זי פלעגט לערנען ברכות זאָגן, דאַווענען, חומש און אַנ־דערע יידישע זאַכן, פונדעסטוועגן, אַז איינער וואָלט אין שטעטל פון ערגעץ אין דער פרעמד פאַרבלאָנדזשעט און געפרואווט זיך אַ פרעג טאָן אויף חנה די רביצין וואָלט אים קיינער נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן וואו זי וואוינט. אין שטעטל ווייסט מען פון דער „שרייבערין” און דאָס נישט אַזוי צוליב די לעקציעס מיט וועלכע די אַלטע חנה גיט זיך אָפּ ווי צוליב אירע זעלטענע בריוו וועלכע חנה שרייבט פאַר קליין און גרויס אָרעם און רייך.

ווער האָט זיך אַלץ נישט געלאָזט שרייבן קיין בריוו פון חנהען? איר נוסח האָט אַ שם געהאַט, האָט איינער אַ רייכן קרוב געהאַט אין אַמעריקע מיט אַ האַרט האַרץ האָט מען שוין געוואוסט: חנה! די אַלטע חנה וועט שוין מיט אירס אַ בריוו ווייטער מאַכן די פאַרשטיינערטע הערצער. און איר שרייבן? פשוט, אָן קונצן נאָר אַזוי האַרציק, אַז עס צעגייט זיך אין אַלע אברים — און דער בריוו האָט שטענדיק געהאַט אַ ווירקונג, שטענדיק געפּועלט. פון קיין געלט האָט חנה קיינמאָל נישט געוואָלט הערן, נאָר מיט אַ גוט וואָרט איז זי געווען צופרידן... און אַז דער אָרעמער קרוב דעם אַמעריקאַנערס איז אין אַ פּאָר חדשים אַרום גע־קומען מיט אַ שמחה, אַז ער איז׳ שוין ברוך השם געהאָלפן געוואָרן און אָנ־געוואונטשן דער אַלטער כל־הגוטס פאַר איר בריוו, איז דאָס געווען חנהס איינציקער שכר. אָרעמע כלהס, דינסטן, האָבן מיט די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס געקויפט בייגעלעך פּאַפּיר און געהאַלטן אין איין וועקן דאָס רחמנות פון אַ רייכן פעטער ער זאָל עפּעס צושטייער געבן צו דער חתונה און נישט ברענגען צו שאַנד אַן אָרעמע יידישע טאָכטער. און חנה פלעגט פאַרשניצן די גענדזענע פעדער (מיט קיין שטאָלענע פעדער איז זי נישט געוואוינט געווען צו שרייבן), אַ טראַכט געטאָן אַ ווילע, און באַלד האָבן אָנגעהויבן לויפן די פערלדיקע אותיות פון איר כתב געשריבן אין איין אָטעם, און אַז זי האָט דעם בריוו איבערגעלייענט האָבן זיך ביי די הערער טרערן געשטעלט אין די אויגן פאַר פרייד און מיטגעפיל.

אָבער נישט בלויז אין מאַמע־לשון האָט חנה געוויזן וואונדער. זי האָט אויך פראָשעניעס געשריבן צו נאַטשאַלסטוואָ אין לשון־המדינה.

חנה די שרייבערין

קוּנטרס פון שטעטל האָבן די אַקסלען געהויבן פאַרוואונדערט: פונוואַנען עס נעמט זיך צו דער אַלטער חנהן אַזאַ שפּראַך. בּישט אײן סוחר האָט חנה פון אַ שווערן קלעם אַרויסגעראַטעוועט מיט אירע ביטעס אין די הויכע פענצטער וואָס האָבן שטענדיק געטראָפן אין ציל.

יודעי־חן האָבן אפילו געוואוסט צו דערציילן, אַז חנה האָט ערגעץ פאַרבאַהאַלטן אַ גאַנצן פאַרשריבענעם בוך מיט געפילן און האַרץ־אויסגיסעניש און עפּעס מעשיות דאָרט מיט אַ מוסר־השכל. נאָר די אַלטע חנה האָט קיינמאָל וועגן דעם בּישט געוואָלט רעדן, זיך געשעמט דערמיט נאָר ווען אַמאָל האָט זי די קינהער וועלכע זי האָט שרייבן געלערנט, איבערגעשריבן פון איר בוך אַרויס עפּעס אַ ליד, אַ האַרציק ליד וועגן אַ יתומה, וואָס וואַלגערט זיך נעבעך אויף דער וועלט אין הונגער און קעלט און האָט קיין שיך און קיין קלייד און גייט איבער די הייזער און בעט.

זי פלעגט פאַרפאַסן אַ מעלאָדיע דערצו און די קינדער האָבן זיך עס אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק, נאָר חנה האָט קיין וועזן דערפון בּישט געמאַכט. דערפאַר האָט זי ליב געהאַט אָפּט תחינות צו שרייבן און איר פרייד איז געווען אין לשער ווען מ'האָט אירס אַ תחינה איבערגעשריבן און די וויבער אין שול האָבן עס נאָכן דאַווענען געזאָגט.

וועגן וואָס האָט אַלץ די אַלטע חנה קיין תחינות בּישט פאַרפאַסט? יעדע צייט, פלעגט די אַלטע זאָגן, יעדער צייט האָט זיך איר געבעט. אין די שווערע מלחמה־טעג, ווען דאָס שטעטל איז געלעגן אונטער האַרמאַטןפייערן פון די דערבייאיקע פּאָזיציעס, האָט שוין חנה אירס אַ תחינה געמאַכט: „אַ געבעט פאַר השי״ת מציל צו זיין אונדז פון פייער פון די רשעים וואָס ווילן פאַרלענדן די וועלט”.

ווען דער דייטש איז געקומען מיט די גוטע רידעלעך אויף דער צונג, און מיטן טריפהנעם בלוט, יעדן טאָג אַ נייע גזירה, האָט חנה דערויף איר תחינה! „אַ געבעט צו השי״ת מציל צו זיין אונדז פון די הענט פון די אכזרים מיט די פאַלשע לעפצן” ווי אין פסוק שטייט: „זיי מיך מציל און באַשירעם מיך לייב פון די פאַלשע לעפצן וואָס פאַנגען די לייט מיט פאַלשע עלילות”.

און אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג האָט חנה פאַרגעלייענט די תחינה פאַר די וויבער אין וויבער־שול ביז מ'איז פון דעם דייטש פטור געוואָרן.

*
**

פאַר אַלע האָט חנה געשריבן אירע געטאָקטע בריוו, נאָר אַז זי איז אַלט געוואָרן און שוין מער אירע לעקציעס אין די רייכע הייזער בּישט געקענט געבן — האָט זי געפּרואווט שרייבן אַ בריוו צו איר משפּחה אין אַמעריקע זיי זאָלן זיך איבער איר דערבאַרעמען און איר שיקן עטלעכע דאָלער.

זי האָט געפּרואווט בעמען שרייבן אַ בריוו און האָט געפילט ווי די פעדער גליטשט זיך איר אַרויס פון האַנט. אייגנטלעך האָט דאָך חנה אַזוי־פיל צו שרייבן... אַזויפיל צו איר שוועסטערן־טאָכטער אין אַמעריקע. זי האָט דאָך זי אויסגעהאָדעוועט און שרייבן געלערנט און דאָס אַריבער־בעמען זי קיין אַמעריקע איז דאָך אויך אַ דאַנק חנהס בריוו צו די קרובים. געדענקט זי עס אַלץ ביט רבקהלע? (די שוועסטערן־טאָכטער). געדענקט זי ביט די לידלעך פון אייגענער פאַרפאַסונג, וואָס חנה האָט איר געלערנט זינגען און זי חנה איז דאָך אַזוי פאַרלאָזן... פון אַלעמען פאַרלאָזן... שוין אַ יאָר ווי זי פירט נישט איר חדר און אַ פּשיטא שוין, אַז זי קען נישט געבן קיין לעקציעס אין אַ פרעמדער שטוב. די פיס ווערן געשוואָלן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און קיינער קוקט זיך אויף איר נישט אום. אַמאָל נאָר ברענגט איר אַריין אַן אָרעמע דינסט עפּעס צו בעמען אין מויל אַריין, אַ יתומה וואָס געדענקט נאָך חנהס בריוו, זאָל זי איר גלויבן, איר רבקהלע, אַז זי וואָלט נישט געשריבן אומזיסט קיין בריוו און זיך מיאוס געמאַכט, זי האָט דאָס קיינמאָל נישט געטאָן. זי ווייסט פון דער מעשה מיט דער טויב ביי נחן, וואָס האָט געבעטן דאָס שפּייז זאָל זיין ביטער ווי דער אייל־בירט־בלאַט און עס זאָל זיין פון השי״ת און זי זאָל נישט דאַרפן די זיסע שפּייז פון אַ בשר־ודם.

זי האָט איר אַזויפיל צו שרייבן, די אַלטע חנה, און דאָך...

שוין עטלעכע מאָל ווי זי זעצט זיך און בעמט די פעדער אין האַנט און קען זיך אַלץ נישט קאָנצענטרירן אַ וואָרט אָנצושרייבן. זי הויבט אַלעמאָל אָן דאָס זעלבע און בלייבט ביים אָנהויב שטיין. בלאָע רינגען נעמען זיך איר וויקלען פאַר די אויגן און עס נעמט איר שווינדלען אין קאָפּ. „אוי, דער געדאַנק, דער געדאַנק!״

אַלע יאָרן האָט די אַלטע חנה געבעטן מען זאָל ביי איר דעם געדאַנק נישט צונעמען, די מחשבה זאָל ביי איר בלייבן. קיין זאַך האָט זי נישט גע־קימערט, קיין מאַיאָנטקעס באַדאַרף זי דאָך נישט, פון געלט האַלט זי נישט, עשירות נעמט מען נישט מיט אין קבר אַריין, נאָר דאָס טראָפּעלע מוח, דער פאַרשטאַנד זאָל איר נישט שוואַך ווערן. די גאַנצע יאָרן האָט די אַלטע חנה הערויף געבעטן, און דאָ אויף דער עלטער האָט זי אַזאַ שוואַכקייט אין קאָפּ, אַ פּאָר מאָל אפילו ביי אַ דאָקטער געווען, נאָר יענער — ער האָט שוין זיין פּאַרטיקע רפואה: עסן! — עס קומט פון נישט עסן. — זי פילט ווי די לעצטע כוחות גייען איר אויס און זי באַמיט זיך אָנצושרייבן דעם בריוו. זי ווייסט, אַז פון דעם בריוו וועט איר ישועה קומען, איר רבקהלע וועט זיך איבער איר דערבאַרעמען. זי וועט זי נישט לאָזן אויף הפקר אויף דער עלטער, זי וועט איר שיקן, וויפל זי וועט איר שיקן וועט זי געניג האָבן, זי דאַרף דאָך נישט קיין סך, חנה, נאָר אַ שטיקל ברויט און לכבוד שבת

אַ שטיקל חלה מיט געקעכץ. אַ גאַנצן טאָג ווי זי זיצט ביי איר טישל מיט דער פעדער אין האַנט און קלייבט זיך צו שרייבן, נאָר עפּעס פּילט זי, אַז די געדאַנקען פלאָנטערן זיך איר און אַלץ אַרום דרייט זיך אין קאַראַהאָד און זי פאַלט אַ פאַרחלשטע אויף דער ערד. — — — — — — — — — — — — —

אַז מענטשן זיינען אָנגעקומען האָבן זיי דער אַלטער חנהן געטראָפן ליגן מיט שוואַכע סימנים פון לעבן. נאָר אויפן טיש איז אַ לאַנגער בויגן פּאַפּיר געלעגן, אויף וועלכן די אַלטע האָט נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט באַוויזן אויפצושרייבן.

„צו מיין ליבער שוועסטערן־טאָכטער רבקהלע, לעבן זאָל . . .״

פאַרשטאַנען...

דער טאַטע, איגנאַצי טורקאָוויטש, האָט נאָך געהאַט אַ קמץ־בערדעלע אויף דער שפּיץ־גאָמבע, האָט נאָך ליב געהאַט אַמאָל צו כאַפּן אַ שמועס מיט די געציילטע רעליגיעזע לאָקאַטאַרן פון זיין הויז, אַריינזאָגן אַ וואָרט, אַ תורהלע, און אַז דער לאָקאַטאַר האָט זיך געחידושט, דער פאַן איגנאַצי, דער האַלבער משומד, דער הונדערט־פּראָצענטיקער אַסימילאַטאָר זאָל נאָך קענען נאָכזאָגן אַ תורה, האָט דער פאַן איגנאַצי אַ שמייכל געטאָן:

— כע, כע, איר חידושט זיך, ביז 15 יאָר געלערנט. כ'בין נישט בילע ווער. — און עס איז אַוועק אַ צעטל יחוס ביז 10 דורות.

סוכות־צייט פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן צו זיינעם אַ חסידישן לאָקאַטאַר אין סוכה, אונטערזיצן ביים עסן און זיך אָנדערציילן זיינע זכרונות, ווי זיין טאַטעשי ע״ה פלעגט אויך אַזוי זיצן אין סוכה און אויף פּויליש צוגעבן:

— אך! טאָ צאַש באַדזוויטשאַנעגאָ, אַגראָמניע פּיענקניע! (אַך, דאָס איז עפּעס אויסערגעוויינלעך, ס'איז עפּעס גוואַלדיק שיין!).

דערפאַר האָט דער זון, דער פאַן יוזשעק, נישט געוואוסט וואָס אַ ייד איז. אויפגעכאָוועט געוואָרן באַלד פון קליינערהייט צווישן גויים, האָט ער זיך פון די יידישע לאָקאַטאַרן געהאַלטן פונדערווייטנס, קיינמאָל מיט זיי קיין מגע ומשא נישט געהאַט, און ווען דער טאַטע זיינער, דער פאַן איגנאַצי, איז קראַנק געוואָרן און דער ממונה איבערן הויז איז געוואָרן ער, דער פאַן יוזשעק, האָט ער שטענדיק זיך באַמיט, אַז עס זאָלן נישט צוקומען קיין חסידישע לאָקאַטאַרן וואָס זאָלן איבערטרעטן זיין שוועל.

האָט זיך טאַקע ר' זלמן געחידושט, ווען אין אַ שיינעם פרימאָרגן, בעת ער איז נאָר וואָס פון שטיבל געקומען, האָט אים דאָס ווייב איבערגעגעבן אַ „וויזיטאָווקע" פון באַלעבאָס, פון דעם פאַן יוזשעק, וועלכער בעט אַרויף צו זיך דעם ה' זלמן גראָסמאַן וועגן אַ „געוויסן ענין".

גראָד איז אַ וואָך ערשט אַדורך נאָכן פאָטער איגנאַציס טויט. ר' זלמן האָט אָנגעהויבן זיך שרעקן מי יודע צו וואָס דער באַלעבאָס, דער האַלבער גוי און אַסימילאַטאָר דאַרף אים האָבן און אַנדערש איז כאָטש געווען דער טאַטע, דער פאַן איגנאַץ, וואָס האָט געהאַט אַ סענטימענט פאַר די פרומע לאָקאַטאַרן, היינט אָבער, ווער ווייסט? אפשר וויל ער אים גאָר עקסמיטירן, אַ קשיא אויף אַ מעשה?

ר' זלמן דערמאָנט זיך טאַקע, אַז פאַרן לעצטן קוואַרטל איז ער שולדיק דירה־געלט, האָט נישט פאַרלויפיק צו באַצאָלן און דאָס איז אַ גאַנץ גוטער תירוץ פטור צו ווערן פון יידישן לאָקאַטאַר...

דער פּאַן מאוריצי האַניגמאַן פון שכנותדיקן הויף איז אויף אַזאַ אופן פּטור געוואָרן פון זײַנע יידישע „כאַלאַטשאַזשעס״ מיט זייערע זמירות אין פרייטיק־צו־נאַכטן, מיט די סוכות און די סוכות־טעג. אפשר, טראַכט זיך ר׳ זלמן, איז דער פּאַן, נישט ווערנדיק שוין געשטערט פון קיינעם, אויך זיך געפּרוּווט אַ נעם צו טאָן צו די פרומע איינוואוינער פון הויף?

מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ איז ער העריבער אַרויף צום באַלעבאָס. דער יונגער פּאַן יוזשעק איז גראָד צו הער באַשטימטער צייט נישט געווען. זיצט אַזוי ר׳ זלמן און באַקוקט אויפמערקזאַם די אַלע קאָסטבאַרקייטן וועלכע זײַנען אויסגעלייגט איבערן וואַרטע־צימער אין פּאַן טורקיעוויטשעס וואוי־נונג. ער קען דאָס אויג נישט אַראָפּנעמען פון די וואונדערלעכע מאַקאַטקעס, לאַנדשאַפטן און צייכענונגען, וואָס זײַנען צעהאָנגען איבער די ווענט.

ער באַטראַכט די מאַרמאָרנע זעקס־רעריקע־מנורה, די הויך פון אַ מיטלוואוקסיקן מענטש, וואָס שטייט אין ווינקל פונעם צימער נישט ווײַט פון אַ ברייטער שוואַרצער פּיאַנאָ אָנגעשטעלט מיט זעלטענע בראָנז־סקולפּ־טורן, דאַן דעם פינקלדיקן געשליפענעם קאַנדעלאַבר, וואָס פאַלט אַראָפּ פון דער הויך מיט זיין ראָזן שיין.

ר׳ זלמן באַטראַכט נאָך די זעלטענע קאָסטבאַרע טאַפּעטן און דעם מאָזאַ־איק אויסגעאַרבעטן טעפּיך און קלערט, אַז פון דעם אַלעם האָט דער פּאַן איגנאַצי געמוזט פונדעסטוועגן זיך שיידן, גאַרבישט מיטגענומען מיט זיך. פונדעסטוועגן, טראַכט זיך ר׳ זלמן, איז פאָרט אַ שטיקל שאָד דער אַלטער. אַליין אפילו אַ קנאַפּער ייד געווען, האָט ער כאָטש ליב געהאַט אַ יידן. דער זון זײַנער, דער פּאַן יוזשעק, איז דאָך אַ יידן־פיינט, אַזוי טראַכטנדיק האָט אים ווידער באַהערשט די מורא וואָס האָט אים דורכגענומען איבערטרעטנדיק די שוועל; קיינמאָל לאָזט דער פּאַן יוזשעק נישט אַרויף אַ ייד צו זיך, וואָס קען עס זיין וואָס מען האָט אים פּלוצעם גערופן? עס האָבן זיך אים גענומען פאָרשטעלן שרעקלעכע בילדער; דאָס גרויזאַמע בילד פון עקסמיסיע; די פיצעלעך קינדער אויפן הויף, בעטגעוואַנט וואַלגערט זיך אויפן ברוק, ער איז דאָך דעם באַלעבאָס זײַנעם שולדיק געלט און האָט נישט אָפּצוגעבן.

די מינוטן פון וואַרטן האָבן זיך פאַר אים פיינלעך געצויגן, מיט אומגע־דולד און האַרץ־קלאַפּעניש האָט ער זיך קוים אויף יענעם דערוואַרט.

עס האָט זיך אויפגעמאַכט די שכנותדיקע טיר און דער פּאַן יוזשעק איז געשטאַנען אַן אומעטיקער, ווי אַ דאָקטער וואָס איז צופיל מיד פון אָנ־נעמען פּאַציענטן. אויף זיין וואונק איז ר׳ זלמן אים נאָכגעגאַנגען אין זיין קאַבינעט און די אברים האָבן זיך ביי אים געטרייסלט פאַר פּחד. אַ פיינ־לעכע שטילשוויגעניש. ר׳ זלמן האָט קוים זיך אָנגענומען מיט מוט צו פרעגן:

— וואָס דאַרפט איר מיר אַ שטייגער?

דער פאַן יוזשעק, דער שטענדיק גרויסמויליקער, גאַווהדיקער הער — האָט זיך נישט געוואָלט פּילן אין דער ראָל פון אַ געפּאַלענעם און באַדערפטיקן, אפילו אויף איין מינוט און באַדאַרפנדיק פאַרט די טובה פון ר׳ זלמנען, האָט ער געוואָלט אויסגעפּרוּווט עפּעס אַ פּאָרטל עס זאָל נישט אויסקוקן ווי אַ בקשה. ער האָט אַ קלוגג געטאָן און עס איז אַריינגעקומען דער הויז־אַדמיניסטראַטאָר, וואָס איז געזעסן אין שכנותדיקן צימער. ר׳ זלמן איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ טויטלעכן שווייס, ערשט ווייסט ער דאָך שוין מיט וואָס עס שמעקט. אוודאי האָט אים דער פאַן יוזשעק אויף קיין טובות נישט גערופן. יאָ, ס׳איז קלאָר, דער פאַן יוזשעק האָט נאָר געוואָרט אויפן טאַטנס טויט כדי ער זאָל קענען פּטור ווערן פון זיינע יידישע לאָקאַטאָרן. דער פאַן יוזשעק האָט רואיק און מיט זאַכקענטעניש געמישט אין די ביכער וואָס דער הויז־אַדמיניסטראַטאָר האָט דערלאַנגט.

— גראַסמאַן זלמן האָט פאַר אַ קוואַרטל נישט באַצאָלט. פּאַניע גראַסמאַן, פאַרוואָס צאָלט איר נישט רעגולער? — ר׳ זלמן האָט גענומען זיך אָפּבעטן, געקלאָגט זיך אויף דער שלעכטער פּרנסה, אויפן קריזיס, עס קלעקט קוים אויף דער הוצאה, נאָר דער אייבערשטער וועט העלפן. ער, זלמן גראַסמאַן, איז נאָך קיינמאָל פאַר קיין דירה־געלט נישט שולדיק געבליבן. ער איז אין קיין סאַנדעס נישט געגאַנגען און ער האָפט, אַז ער וועט ווייטער נישט גיין.

אַ וואָרנק מיט דער האַנט פון פאַן יוזשעק האָט ר׳ זלמנען איבערגע־האַקט די רייד.

ער האָט איבערגעגעבן דעם אַדמיניסטראַטאָר:

— „ספּראַווע זאַלאַטוויאָנאַ, מאָזשעטשע ווישטש“ (דער ענין איז דער־לייִדיקט, איר קענט גיין).

בלייבנדיק אַליין מיט ר׳ זלמנען האָט ער ערשט אָנגעהויבן צו זאָגן וואָס ער וויל:

— מיט וואָס קענט איר מיר דינען? איר זענט שולדיק פאַר דריי חדשים דירה־געלט און האָט נישט צו באַצאָלן. איך וועל אייך שענקען נאָר מיט אַ תנאי.

ר׳ זלמן האָט ערשט גענומען אָפּאָטעמען; איז דאָך נאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. ער האָט געמיינט, אַז דער רשע גייט אים שוין אַרויסוואַרפן. — „נאָר איר ווייסט וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך?“ — ווענדט זיך שוין דער פאַן יוזשעק עטוואָס מילדער, — איר האָט דאָך געקענט מיין פאָטער, אַ פּראָ־גרעסיווער מענטש אפילו, נאָר ער האָט נאָך געהאַט „זאַבאַבאָנעס“. פאַרן טויט האָט ער מיך צוגערופן און פאַרלאַנגט פון מיר איך זאָל נאָך אים זאָגן קדיש, נו, איך בין אפילו נישט קיין „זאַצאָפּאַניעץ“ (קיין צוריקגעשטאַנענער), אָבער ס׳איז דאָך געווען זיין וואונטש.

— איז וואָס, הייסט עס, ווילט איר? — פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט ר׳

זלמן וואָסער שייכות ס׳האָט די גאַנצע מעשה מיט די דריי חדשים דירה־געלט מיטן קדיש.

— איך פאַרלאַנג, אַזוי ווי איך קען דאָס נישט טאָן, ווייל איך האָב מיך דאָס נישט געלערנט, פאַרלאַנג איך דעריבער, איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז איך וועל אייך באַפרידיקן. דריי חדשים דירה־געלט שענק איך אייך אויך, איר וועט דאָך קיין מי ניט אנלייגן. איר פאַרשטייט דאָך וואָס איך מיין הערמיט ?... — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ר׳ זלמנען איז עפּעס אַזוי מאָדנע געוואָרן אויפן געמיט. ניין, קיין שרעק איז עס נישט געווען נאָר אַ געפיל וואָס איז נאָך ווייטיקלעכער ווי שרעק.

ער האָט פאַרשטאַנען ...

מזל טוב!

.1

— אסתר, אסתרל, קחי יקירה בבקשה, את השוקים מעל האש — (נעם טייערע אַראָפּ די פּאָלקעלעך פון פייער).

די מרת סירקין, די באַלעבאָסטע פון פּענסיאָן „ירושלים״, וואָס גייט געוויינטלעך אַרום ווי אַ פעלד־מאַרשאַל און גיט באַפעלן אויף רעכטס און אויף לינקס, דאָ אסתרן, דאָ צו יונגע איראַקישע קיך־מיידלעך, דאָ די תימנער ווייבער, וואָס גרייטן צו די סאַליע צו איינס אַזייגער בייטאָג, ווען מ׳הייבט אָן קומען אויף מיטאָגן—מרת סירקין, איז היינט אַזוי אויפגעלייגט, אַזוי פריי־דיק צעשפּיעליעט, אַז זי שרייט ניט אויף אסתרן, פאַרוואָס זי האָט לאַנג געלאָזן שטיין דאָס געפליגל אויפן פייער, אַז דער טשאַד איז ממש אַזש אַריין אין דער סאַליע — זי איז אַזוי מילד, אַז זי רעדט צו אסתרן מיט אַזאַ ווייך לשון, מיטן זעלבן לשון, וואָס זי רעדט צום פּראָפעסאָר טאָלד, דער וועלט־באַרימ־טער דאָקטער, וואָס קומט אַהער עסן מיטאָגן, ווען ס׳וויב זיינס פאָרט אַרויס קיין אויסלאַנד.

מרת סירקין האָט ערשט פאַרגעסן אפילו אין איר „דעלוזשן״, איר שטענדיקע מחלה די גייסטיקע מחלה פון וועלכע זי קען זיך נישט באַפרייען, נישט בייטאָג נישט ביינאַכט, יענעם שוידערלעכן טאָג, ווען די „בונטאָווּר־שטשיקעס״, די יונגע בחורים פון דער אונטערערד, וואָס האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן די ענגלענדער, האָבן אויפגעריסן איר וואונדערלעכן האָטעל־פּאַלאַץ, וויל מרת סירקין האָט אים פאַרדונגען צו ענגלישע אָפיצערן. פאַר מרת סירקינס אויגן שטייען ביז היינטיקן טאָג די צעריסענע קערפּערס און טייכן בלוט, און דער גרויסער באַרג שטיינער, און גלאָז פון אַלע פּרעכטיקע ווינקעלעך, וואָס זי האָט מיט אַזוי פיל מי אויסגעשייערט, אויסגערייניקט, דערפירט צו אַ גן־עדן אויף דער וועלט.

מרת סירקין האָט פאַר דער צייט געהאַט אַ צווייטן אומגליק: דער מאַן אירער, דער לערער אין אַ ירושלימער גימנאַזיע, איז געשטאָרבן, אָבער די אויפטרייסלונג, דער טראַסק, דער ווילדער געבראַזג פון איר חרוב־גע־וואָרענעם פּאַלאַץ, שטייט איר נאָך אין די אויערן.

אמת, די יידישע בחורים האָבן נאָך איר מיט וואָכן צוריק געוואָרנט, און אפילו בלויז צוויי שעה פאַרן אַטענטאַט, האָבן זיי איר צוגעשיקט אַ בריוועלע, אַז זאָל זי וויסן, די מרת סירקין, וואָס זי האָט צו טאָן, און זאָל זי זיך און אַלע אירע יידישע דינסטן אַרויסקלייבן באַצייטנס, זאָל זי וויסן

אַז „ידינו לא שפכו את הדם הזה" (מיר זיינען, הייסט עס פאַר אייער בלוט נישט פאַראַנטוואָרטלעך, מיר האָבן אייך באַצייטנס געוואָרנט). האָט טאַקע מרת סירקין, גיך זיך אַרויסגעקליבן, אַנגעהויפּט אויף זיך און אויף אירע מוידן אַזעלכע שווערע פּעק, וואָס מוחמד, דער אַראַבער, פלעגט עס נישט אָנלאָדן אויף זיינע אייזלעך, אָבער דאָס איז געווען אַ טייזנט חלק פון דעם וואָס ס'איז באַגראָבן געוואָרן אונטערן גרוז.

מרת סירקין רימט זיך אפילו, אַז די ענגלענדער האָבן איר געגעבן קאָמפּענסאַציע, אָבער דאָס „קנייפּט זי די באַקן און שטעלט די פאַרבן" פאַר אַנדערע. פאַר זיך אַליין, גייט זי אַלץ אַרום פאַראומערט, כאָטש קום און זע: וואָס פעלט איר הענ דאָ? זי פאַרנעמט אַ גאַנצן עטאַזש אין איינעם פון די שענסטע הייזער פון מר. בלומעל אין רחביה, איינעם אַריסטאָקראַטישן קוואַרטאַל פון ירושלים, און ברושים און אייקאַליפּטוסן אַרום. פּשוט עס טונקט זיך אין גרינס, און בלויז אַ צווייי גאַסן פון דאַנען איז די יידישע אַגענץ און די בית־הממשלה און זייער אָפט קומט מען צו איר פון דאָרטן אויף מיטאָגס. נישט צום פאַרזינדיקן, וואָלט נאָר געווען אַזויפיל הענט צו אַרבעטן, און וואָלטן נאָר אירע מוידן אַזוי פיל געקענט צוגרייטן. יאָ, מ'איז היינטיקע צייטן פויל, און מ'האָט איבגעזינען נעכטיקע טעג, עליהיי איר אסתר, די „מבשלת" (קעכין), זיך פאַרדרייט אַ קאָפּ מיט אַ חתן, וואָס צאַפּט פון איר דאָס געלט אפילו אין דער „סינאַמע" (מאַווי) גיט ער נישט אויס אַ פּרוטה פאַר איר, און די בהמה איז אין אים פאַרקאָכט און וויפל זי האָט איר שוין נישט געזאָגט וועגן דעם, ענטפערט אסתר, אַז: — הוא בחור נחמד... — און טו איר עפּעס.

און דאָס וואָס די טאָכטער אירע קען קיין שידוך נישט קריגן איז גאָר־נישט? און זע: אַ טייער קינד, איר בילד הענגט דאָ אויף דער וואַנט אַלס אַ נײַן־יאָריק מיידעלע, מיט אַ פידל אין דער האַנט, דאָס האָט זי געשפּילט אויף אַ קאָנצערט און אויסגעוואַקסן אַ ליאַלקע, אַ שיינהייט, און געענדיקט דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, און איז עוסק אין דערפּינדונגען, נאָר אַז ס'איז קיין הצלחה נישטאָ! שוין נאָענט צו די פערציקער און קען קיין שידוך נישט טאָן; אפילו אויף דער טאָכטער פון דעם פּרדסן (פרדס אייגנטימער) אין „זכרון יעקב" איז אויך געקומען אַן אויפּריכטונג, געמיינט אַז זי וועט שוין אַזוי פאַרזיצן, איז געקומען עפּעס אַ דאָקטער פון דייטשלאַנד און ס'איז געוואָרן אַ פאַרפאַלק אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן! זי קומט דאָ אַמאָל אין פּענסיאָן מיטן מאַן אירן.

אָבער ס'וועט זיך אָנהייבן דאָס גוטע, — טראַכט מרת סירקין, טאַקע אין דעם זכות, וואָס זי האָט מזווג געווען דעם זווג צווישן דער טאָכטער פון דער מרת קלויזנער פון די עולי גרמניה מיטן פקיד הממשלה מר. פישמאַן. און געווען איז עס אַזוי:

2.

אין די פרייטיק־צו־נאַכטן קומט בלויז אַ געקליבענער עולם צו מרת סירקין אין פּענסיאָן, נישט אַריינרעכנענדיק די פּאָר טוריסטן וואָס פּאַר־נעמען דאָ צימערן און שפּייזן זיך ביי איר טיש. כאָטש די אַלע זוכן כשרות, ווייל מרת סירקין איז באַוואוסט אין ירושלים מיט איר כשרן פּענסיאָן — אָבער קיין „קידוש־מאַכער" זיינען זיי נישט על־פּי רוב: ס'איז דאָך היינטיקע צייטן, טייל עסן אפילו בגלוי־ראש, אָבער אויף דעם לייגט מרת סירקין נישט קיין אַכט. מרת סירקין גייט נאָר אין גוטן נאָמען פון איר פּענסיאָן, אַז אַ טוריסט זאָל זיך למשל נישט דערלויבן אַרויפצונעמען אַ בתולה אויף דער נאַכט, דערויף רעאַגירט מרת סירקין גלייך אויפן אָרט, דהיינו: זי טרייבט דעם מענטשן גלייך אַרויס, זי וואָרנט גלייך וועגן דעם אירע געסט. אָבער מרת סירקין וויל אַליין אויך הערן קידוש מאַכן און מר פישמאַן, דער אַלטער בחור מאַכט קידוש — איז ווי אָרגלען וואָלטן געשפּילט, עס פּאַר־קלינגט דאָס הויז!

נאָכן עסן בלייבט דער מר פישמאַן אַ ביסל לענגער, ס'איז דאָך שבת און „פּוסעים בו פּסיעה קטנה" (מען גייט אום שבת מיט אַ טריטל־טראָט) וואָס האָט ער זיך צו אײלן? זיצט ער אונטער אַ ווילע, לייענט איבער דעם ערב־שבתדיקן נומער „הארץ" און די „דזשערוזאַלים פּאָוסט" און דער־וואַרט זיך, אַז די מרת קלויזנער קומט מיט איר טאָכטער צו גאַסט. מרת קלויזנער רעדט פון געוואוינשאַפט נאָך אַלץ דייטש. זי פּאַרגעסט נישט קיינמאָל, אַז איר מאַן, עליו השלום, איז געווען פּראָפעסאָר פון מאַלעריי, זיינע בילדער הענגען דאָ אין פּענסיאָן אויף די ווענט, דאָס האָט דער פּראָ־פעסאָר באַשאָנקען מיט יאָרן צוריק דער מרת סירקין, ווען מ'האָט זיך באַקאַנט. מר פישמאַן, כאָטש ער רעדט נאָר העברעאיש, ווי אַשטייגער ער וואָלט נישט געקומען אַהער סך־הכל מיט פופצן יאָר צוריק פון אַ גאַ־ליציאַניש שטעטל, פּאַרגעסט זיך אַ ווייל און הייבט אָן צו רעדן אַ היימישן יידיש מיט דער מרת קלויזנער, ער חזרט כסדר איבער די געשיכטע פון זיין יחוס, אַז ער שטאַמט פון ר' שאול וואָל וואָס איז געווען איין טאָג אַ מלך אין מדינת פּוילן... שושנה, די טאָכטער פון מרת קלויזנער, כאָטש זי אַר־בעט אין דער ממשלה און קען גוט העברעאיש, רעדט דאָ אויך ווי די מאַמע איר דייטש לשון, אָבער אַ דייטש איבערגעמישט מיט אַ סך העברעאישע ווערטער. זי איז פּאָרנעם און עלעגאַנט און אַז איר ווילט, — אַ גאַנץ שיינע, אַ שטאַלטנע אין דער פיגור און טאַקע אַ פּרוי ממש, ס'איז דאָ אויף וואָס אַ קוק צו טאָן, און נישט ווי די היינטיקע מיידלעך דאָרט וואָס פאַסטן תעניתים צוליבן קריגן אַ פיגור און באַקומען אַ צורה אויף אַלע שונאים געזאָגט גע־וואָרן: הויט און ביינער! שושנה איז רונדיק וואו די גיסט נאָר אַ קוק,

און אַלץ איז אויף איר אויסגעפּרעסט, אַז ס׳מאַכט בולט די רונדיקייט, אָנ־הויבנדיק פון איר געזיכט ביז די היפּטן און אַז ער, מר פישמאַן, פאַרשפּילט אַזוי זיך בליק אויף דער רונדיקייט, רויטלט זיך שושנה, זי רויטלט זיך בכלל ווי אַ יונג מיידעלע, כאָטש זי איז אוודאי שוין נאָענט צו די פערציקער, און אַז מ׳קוקט זיך גוט איין אין אירע האָר קען מען געפינען דאָ און דאָרט גראָע שלייפעלעך . . .

און טאַקע אָט דאָס רויטלען זיך געפעלט דעם מר פישמאַן, אוודאי גע־פעלט עס אים, אַנישט וואָלט ער דאָך נישט געזעסן און דערציילט אויסגע־טראַכטע מעשיות וועגן זיין גרויסקייט און וועגן זיין יחוס און פאַרוואָס קוקט ער נישט אויף קיינעם העמאָלט, אפילו נישט אויף פּרדסנית (פּרדס אייגנ־טימעריך) פון „זכרון יעקב", וואָס קוואַרטירט דאָ ביי דער מרת סירקין איר חודש אין ירושלים. די פּרדסנית מרת כספי, רעדט דאָך זעקס לשונות און רעדט דאָך פון פאַרגעניגן וועגן רוסיש! (אָן אַנצוהערעניש אויף הער רוסי־שער גימנאַזיע וואָס זי האָט געענדיקט אין קרים) און זינגט אַריעס פון „באַריס גאָדונאָוו" און „יעווגעני אָניעגין" און האָט אַזוי פיל אינטערעסאַנטס צו דערציילן, פאַרוואָס קוקט ער נאָר אויף הער מרת קלויזנער? פאַרשטייט עס טאַקע די מרת סירקין, אַ, ווי זי פאַרשטייט דאָס! זי האָט שוין נישט איינמאָל אַזוי אַ מעסט געטאָן אים, צי ער וואָלט נישט געפּאַסט פאַר איר טאָכטער, אָבער ניין, אַרום און אַרום שלאָגט פון אים אַרויס דער אַלטער בחור, און איר חביבהלע וועט נישט נעמען קיין פּקיד, אויף הער האָט זי אַזוי לאַנג געוואַרט, אויסגעלאָזט אַזעלכע שידוכים צו נעמען עפּעס אַ פּקיד? וועט זי אַ פּרוּאוו טאָן רעדן דעם שידוך מיט הער מרת קלויזנער.

3.

איז געווען אַזאַ פרייטיק־צו־נאַכט ווי אַלע פרייטיק־צו־נאַכטן פון אַ גאַנץ יאָר. הער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן די פּרשה פון דער וואָך. עס זיינען געקומען אַ ביסל נייס פון הער וועלט און הער וועכנטלעכער פּאָליטישער איבערזיכט אין די מעלאַנכאָלישע מזרחדיקע ניגונים. אינדרויסן איז גע־שטאַנען אַ ליבער לבנה־אָוונט פון סעפּטעמבער, נאָר נישט קיין קאַלטער, פאַרקערט, די פענצטער זיינען געווען אָפן, און שטילע, קילבלעכע ווינטלעך האָבן מיטגענומען מיט זיך העם שמעקעדיקן אַראָמאַט פון די בלומען־בייטן אַרום דעם הויז.

אין הער גרויסער סאַליע זיינען געבליבן בלויז מר פישמאַן און מרת קלויזנער מיט שושנהן. מרת סירקין האָט דערלאַנגט טיי און דער שמועס האָט זיך געפירט אַרום דער שאלה: „ווער איז אַ ייד?" וואָס דער „הארץ" האָט אַזוי ברייט קאָמענטירט.

מר פישמאַן האָט אַ רוק געטאָן דאָס קאָפּעלע אַרויף קאָפּ, און אויף־געוויזן אַז געררעכט זייַנען די „יראים״, די פרומע ייִדן, וואָס זייַנען קעגן פרעמ־יערס אייַנשטעלונג, אַז אַ ייִד איז כלומרשט דער וואָס דערקלערט זיך אַז ער איז אַ ייִד.

מרת קלויזנער מיט איר טאָכטער, האָבן ווי שטענדיק צוגעשטימט צו מר פישמאַנס רייד, און דעמאָלט איז מרת סירקין אַזוי, מיר־ניט, דיר־ניט צוגעשטאַנען צו מר פישמאַן מיט דער שאלה:

— מר פישמאַן, וואָס זאָל מען זיך שפּילן אין פאַרבאַהעלטעניש, איך זע, אַז אייַך געפעלט דאָס מיידל און זי איז אין אייַך פאַרליבט, טאָ וואָס דאַרף מען וואַרטן?

וואָס אַן אמת, האָט מרת סירקין זיך דערשראָקן פאַר אירע אייגענע רייד און זיך געוואָלט פאַרענטפערן, און שושנה איז טאַקע רויט געוואָרן און אַ כאַפּ געטאָן מרת סירקין פאַר דער האַנט און מר פישמאַן האָט זיך אויך אַ ביסל פאַרלוירן:

— וואָס עפּעס איינמיטן דעריינען? מיר שמועסן דאָך פון ערנסטע ענינים! — אָבער דווקא אַט די צעמישעניש ביי ביידע צדדים האָט מרת סירקין צוגעגעבן מוח און זי האָט גלייך אַ זאָג געטאָן:

— פאַרוואָס איינמיטן דעריינען, איך טראַכט שוין לאַנג, אַז ס׳וואָלט געווען אַ פּאַסיקער שידוך: שושנה איז אַן עכט ייִדישע טאָכטער, און שבת איז שבת און כשר איז כשר און קריסט נישט אַרום ווי די הייַנטיקע מיידן גאַנצע נעכט, און אַ פאַרדינערין איז זי אַ גוטע און...

מ׳האָט נאָך אַ ביסל געשמועסט נאָך דעם, אָבער די רייד זייַנען שוין נישט געווען וועגן אַלגעמיינע ענינים נאָר וועגן דער משפחה. מר פישמאַן האָט זיך אויסגעפרעגט וועגן שושנהס זעליגן פאָטער דעם פּראָפעסאָר, מיט צופרידנקייט באַקוקט די עקספּרעסיאָניסטישע בילדער אויף די ווענט די אַרבעט פון שושנהס פאָטער: „אַ ווינקל אין צפת״, „מאה שערים״, „אַ שטיל לעבן״ און כאָטש מר פישמאַן האָט ווייניק וואָס זיך דערויף געקענט, האָט ער כסדר געהאַלטן אין איין פּאַסמאַקעווען זיך:

— מצוין באמת, יפה מאד! (באמת אויסגעצייכנט, זייער שיין!). און מר פישמאַן האָט פאַרבעטן שושנהן אויף אַ שפּאַציר, אַ ביסל אַזוי אויף רחוב המלך דזשאָרדזש, און לאַנג האָט מרת קלויזנער געוואַרט דעמאָלט ביי דער מרת סירקין אויף זייער צוריקקער, כאָטש שושנה האָט אַרויסגיי־ענדיק בפירוש געזאָגט: „איך קאָמע אויגנבליקליך צוריק״. און מר פישמאַן האָט אויך צוגעגעבן: — על רגעים אחדים (אויף אַ פּאָר מינוט נאָר) — —

— —

און טאַקע באַלד שבת־צו־נאַכט נאָכדעם ווי מר פישמאַן האָט געמאַכט הבדלה ביי דער מרת סירקין אין פּענסיאָן, האָט זיך אומגעריכט געיאַוועט

מרת קלויזנער מיט שושנהן; מ׳האָט געטרונקען טיי און אָנגעזאָגט דער מרת סירקין, אַז איבעראַכטאָג וועט זיין די תנאים, קיין גרויסער עולם וועט נישט זיין, נאָר אַלץ וועט פאַרקומען ביי מרת סירקין אין דער סאַליע, און זי, די מרת סירקין, זאָל צוגרייטן עסנוואַרג אַזוי פאַרא צען פאַרשוין.

4.

אויף דער קיך שטייט נאָך אַלץ דער טשאַד, כאָטש אסתר די „מבשלת״ (קעכין) האָט שוין געמאַכט אַ צוג־ווינט, עפענענדיק די באַלקאָן־טיר. קיין וואונדער ניט: אסתרל טראַכט הען וועגן דער קיך? איר ליגט דאָך אַלץ אין קאָפּ דער חתן, דער „בחור בחמד״, דער „נהג״ (שאָפער) וואָס האָט זיך, אַנומלט מיט איר צעקריגט, ווייל זי האָט אים אָפּגעזאָגט צו געבן די הונ־דערט פונט וואָס ער האָט ביי איר געבעטן אויפן רעמאָנט פאַר זיין מאַשין.

אָבער מרת סירקין בייזערט זיך נישט איצט, זי איז מלא שמחה, זי זעט דאָך באַשיינפּערלעך, אַז איר מזל האָט אויפגעשיינט. זי האָט מיט איין וואָרט משדך געווען אַ פּאָרל, ערשט וועט זיך גאָט דערבאַרעמען אויף איר חביבהן, זאָל טאָקע זיין מיט מזל! און אָנשטאָט צו בייזערן זיך אויף אסתרן זאָגט זי איר אין אַזאַ מוטערלעכן טאָן:

— אסתרל, אסתר חביבה, את יודעת? (אסתרל, אסתר טייערע, דו ווייסט?).

— מה מרת סירקין? (וואָס מרס. סירקין?).

— זווגתי זווגים, את שושנה קלויזנער עם מר פישמאַן, חגיגת התנאים תתקיים אצלינו בפנסיון. למזל טוב! (כ׳האָב צונויפגעפּירט אַ שידוך, שושנה קלויזנער מיט מר פישמאַן. די תנאים וועלן פאַרקומען ביי אונדז אין אַ מזלדיקער שעה).

די שוואַרץ־חנעוודיקע אסתר ווישט זיך דעם שווייס פון פּנים מיטן פאַרטוך און ווערט אויך אָנגעשטעקט מיט איר באַלעבאָסטעס פרייד.

נאָכן אומגליק

ס׳האָט באַהאַרפט געשען אַ גרויס אומגליק אין שטאָט, אַז מיסעס ווייַנ־שטייק זאָל פּלוצעם, פאַר אַלעמען אין די אויגן, אין רעסטאָראַן, פון איין געריכט צום צווייטן, געבן אַזאַ פאַרשפּיץ די ליפּעלעך ווי דאָס קעפּל פון אַ באַרנע און אַ קוש טאָן איר מאַן, איזאַק ווייַנשטיין, גלייך אין זיין, מיט עסן אויסגעשמירט, מויל.

וועגן אומגליק האָט נישט אויפגעהערט צוויי מאָל אין טאָג צו מעלדן די טעלעוויזע־סטאַנציע אין דער פּראָווינץ־שטאָט: ... מען האָט געפונען אַ יונגע פרוי, עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה, אַ דערשטיקטע און צעשניטענע אין איר בעט. אַזוי ווי דער מאַן איז אַוועק און מיטגענומען אַלע זיינע מלבושים, איז פאַראַן מער ווי אַ חשד, אַז ער האָט עס אָפּגעטאָן.

און דערווייל האָבן ווייבער זיך גענומען טוליען צו זייערע מענער, מיט דער טריפהנער סאַטיספאַקציע, אַז זייערע מענער זיינען דערויף נישט פעיאיק. פונקט אַזוי ווי מאַמעס, וואָס נעמען נאָך זייערע קינדער מער ליב האָבן בעת אַ מגיפה...

איזאַק ווייַנשטיין, דער רייכער ביזנעסמאַן, דער אייגנטימער פון דריי סטאָרס אין שטאָט, גייט שטענדיק אַרום מיטן חשבון, אַז ער האָט אייגנטלעך שוין אָפּגעלעבט פינף־און־צוואַנציק יאָר מיט זיין פרידאַן. קיין שלעכטער מאַן איז ער ווייט נישט, ער גיט אַלע מעגלעכקייטן זיין פרידאַן זיך אַרומצו־הענגען מיט גאָלדענע און זילבערנע פליטערלעך ווי די קלייגע פּראָווינץ־שטאָט, אַ שטייגער, באַהענגט אירע גאַסן צו ניי־יאָר.

נאָר וואָס דען?

— די פּאַרטיס!...

פרידאַ וואָלט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק געגאַנגען אויף אַן אַנדער פּאַרטי. ערשטנס טאַקע איז אין דער קליינער שטאָט לאַנגווייליק, און ס׳איז זיך נישטאָ וואו אַהינצוטאָן, צווייטנס טראָגט זיך פרידאַ אַרום מיט איר ביסל געבליבענער שיינקייט, ווי דער חודש סעפּטעמבער טראָגט זיך אַרום מיט זיין ביסל גאָלד: נאָך אַ חודש — און אַ סוף...

פרידאַ האַלט, אַז זי איז נאָך היינט אַזוי שיין ווי איר טאָכטער, וועלכער מ׳האָט פאָראויסגעזאָגט אַ פילם־קאַריערע, נאָר האָט זיך לעבן איר מאַן, דעם אינזשעניר, געסטאַטקעוועט און קינדלט און גייט אין טעמפּל נאָך מער ווי צו ראש־השנה און יום־כיפור...

פרידאַ האָט שוין פיר מאָל געביטן דעם קאָליר פון די האָר: פון איר נאַטירלעכן פעך־שוואַרץ אויף געל, אויף בלאָנד, אויף ווייס, אויף באָרשט־קאָליר. די קליידער בייט זי לויטן קאָליר פון די האָר, גיט זיך אַ שטראָצל

אויס און אַרבעט אַרום איר מאַן, אַרום די העמדער, קראַוואַטן, אָנצוגן, קלייבט אויס וואָס אים אָנצוטאָן, און אַז אַלץ איז פּאַרטיק הויבט זי אים אָן מושטירן ווי אַזוי ער זאָל זיצן און ווי אַזוי ער זאָל זיך באַוועגן, אַז ער זאָל זיך אויס־לערנען געבן אַ שמייכל און נישט זיין אַזוי טויט־ערנסט.

— דו זיצסט דאָך אויף אַ פּאַרטי ווי אין קאָורט.

— וואָס זאָל איך טאָן ? איך טראַכט וועגן מיינע ביזנעס.

— וועגן דיינע ביזנעס טראַכט אין אָפיס.

אויף דער פּאַרטי גייט טאַקע איזאַק ווינשטיין אַריין שטענדיק נאָך זיין ווייב, נאָר אַלצאַיינס פילט ער זיך ווי געפירט פון אַ קאָנוואָי. איזאַק ווינשטיין, דער ניכטערער געשעפטסמאַן, פילט דאָס גאַנצע פאַלשקייט סיי אין די קאָמ־פּלימענטן, וועלכע מען מאַכט אויף זיין חשבון, סיי די אין גוטע ווערטער וואָס פרידאַ צעטיילט אַרום; ער טוט זיך פונדעסטוועגן אָן אַ כוח צו שמייכלען, קומט ביי אים דער שמייכל אַרויס ווי מ׳וואָלט אָנגעהויכט אויף אַ פאַרפרוי־רענער שויב: אַ קייַלעכיק אויגל אינעם אַרומיקן אייז.

פרידאַ קאָמאַנדעוועט ווי אַ גענעראַל אויפן שלאַכטפעלד. אַלע טייערע שטיינער אויף איר האַלדז און אויף די פינגער, ווי זיי וואָלטן צוגעגנבעט דאָס גאַנצע שיך פון זאַל אויף צו פראַווען אַ באַזונדערן יום־טוב... דעמאָלט געשעט אַלעמאָל דאָס זעלבע, שטימען לאָזן זיך הערן:

— פרידאַ, זינגט עפּעס.

— פרידאַ, עפּעס אַן אַריע פון אַן אָפּערע.

— אַ פאָלקסליד, פרידאַ, אַ פאָלקסליד.

פרידאַ הויבט ווי געווינטלעך אָן אונטערצוהוסטן, באַווייזנדיק דערמיט, אַז זי איז היינט נישט מיט אַלעמען, אַז זי איז אַ ביסל צוגעקילט. פונדעסט־וועגן לאָזט זי זיך צורעדן, שטעלט זיך אַוועק אין אַ טראַגישער פּאָזע, דער קאָפּ אַ ביסל איינגערזייט, פאַרקוקט אויבן אין עפּעס אַ פונקט, דער פונקט איז אַ דערמאָנונג אין אַן אַמאָליקער ליבע. דאָס דאַרף זיין אַ סגולה, אַז איר שטימע זאָל קלינגען האַרציקער.

די הענט האַלט זי געשלאָסן פייניקנדיק אַ זיידן־טיכל פאַר אָנשטרענגונג, אָבער אַלצאַיינס פלאָנטערט זיך שטענדיק אַריין דאָס שדל אין איר שטים, אין דער שיינער קאָלאָראַטור, דאָס שדל צוליב וועלכן דער פּראָפעסאָר פון מוזיק האָט איר מיט יאָרן צוריק אַזוי גרויזאַם אָפּגעזאָגט די קאַריערע פון אַ זינגערין...

עפּעס אַ דעפעקט אין די שטים־בענדער, אַ חסרון וועלכן מען קען נישט פאַרבעסערן, נישט מיט קיין מעדיצינען, נישט מיט קיין גאָגל־מאָגלס.

אָבער אַלצאַיינס שטורעמען די אַפּלאָדיסמענטן, און פרידאַ מוז נאָך עפּעס זינגען, כאָטש נאָך אַ פאָלקסליד.

מיסטער גרין, דער אַלטער בחור, לויפט דער ערשטער אַ קוש טאָן איר אין האַנט, ווי אַמאָליקע רייכע מעלאָמאַנען פלעגן דאָס טאָן צו די אַרטיסטינס

צווישן איין אַקט און אַנדערן אונטער די קוליסן, און פרידאַ טראָגט אַנטקעגן דעם „טעגק יו״ און שייַנט פון נחת.

נאָך אַזאַ אָוונט, קומט איזאַק ווייַנשטיין אַהיים אַ מידער, ווי ער וואָלט למשל איבערגעשטעלט צען זעק צוקער אין אַ סטאָר, פון איין אָרט אויפן צווייטן, ווי ער פלעגט עס טאָן אין די ערשטע יאָרן, ווען אין זיין קליינער גראָסערי איז אויסער אים קיינער נישט געווען, ווייל זיין פרידאַ האָט דעמאָלט אַלץ נאָך געחלומט פון דער קאַריערע פון אַ זינגערין.

ערשט לייגט ער זיך דער ערשטער אין בעט און נעמט גלייך כראָפּען. פרידאַ דרייט זיך נאָך אַ לאַנגע צייט אַרום, מעסט אָן אַ טוץ קליידער פאַרן שפּיגל און שטעלט זיך אין זיי אַוועק אין דער פּאָזע פון אַ זינגערין. פאַר אירע אויגן שוועבט אַצינד דער העלד פון איר ערשטער ליבע, דער יונגער לערער, וואָס פלעגט איר „פּאַלן צו די פיס״ און איר ווידמען לידער. זי האָט דעמאָלט געאַרבעט אין אַן אָפיס פון אַ דאָקטער, געזען ווי איר באָס ווערט רייך, און ס׳האָט איר געצויגן צו רייכטום. דעמאָלט האָט זיך איזאַק אַרייַנגעמישט אין איר לעבן. זיין ענערגיע האָט איר פאַרבלענדט. מיט רייכקייט האָט ער איר פאַרזאָרגט, אָבער פרידאַ האַלט אַלץ, אַז זי זייַנען אַזוי ווייט איינער פון צווייטן, אַזוי ווייט...

פרידאַן גלוסט זיך אַ רייץ טאָן איר מאַן, אַוועק פון אים. זי זעט ווי פון זיין מויל בלאָזט זיך אויף אַ שוימעלע, ווי אַ פּענכערל, וואָס קינדער האַלטן אין מויל, פּאַלט איין און בלאָזט זיך ווידער אויף. זיין כראָפּען דערמאָנט אין ווילדע גאַמען, וואָס אַ גראָבע האַנט פון אַ שיכור פירט אַמאָל דורך איבער אַ פּיאַנאָ. זי וועקט אים:

— איזאַק, וואָס כראָפּעסטו אַזוי שווער?

איזאַק ענטפערט נישט אין אַנהויב, נאָר שפּעטער גיט ער אַזאַ בורמאַטשע אַרויס אָפּגעריסענע ווערטער:

— „סעווענטי דאָלארס... טוועלוו אָ׳קלאָק... קלאָוז די לייט״. א?

***

ערשט נאָכן אומגליק אין שטאָט מיטן יונגן פּאַרפּאָלק איז מיסעס ווייַנשטיין אַזוי גליקלעך מיט איר מאַן... מיסעס ווייַנשטיין הערט נישט אויף צו זוכן אין דער אָוונט־צייטונג, צי מ׳האָט שוין דעם מערדער געכאַפּט און קוקט דעם מאַן אין די אויגן אַריין, ווי אַ מאַמע, וואָס איר קינד האָט זיך איר אָפּגעפונען נאָך אַ לאַנגער זוכעניש אין דער נאַכט.

אָנדענק נאָך אַ לעבן

דער פרילינג־אָוונט האָט זיך אַזוי ווייך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער דער גרויסער שטאָט. אַ פאַראייניזאַמטע חורבה איבער די שיינע, אויפדאָסביי אויפגעבויטע גאַסן זעט איצט אויס ווי אַן איינצלנער אָנגעגריפענער צאָן אין אַ מויל פון אַ שיינהייט, וועלכע באַהערשט דיך, אַז דו דערזעסט נישט דעם קליינעם חסרון.

דאָס גאַנצע לעבן פון דער שטאָט איז ווי אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויף די גאַסן. אַלץ איז אַזוי גוט און מילד אַז ס׳דאַכט זיך — נישטאָ דאָ קיין איבעריקע זאַך. די לאַנגע שורות מיט טאַקסיס, טראָליבוסן, אויטאָבוסן, טראַמווייען וואָס איילן זיך צו זייער באַשטימטן ציל. די מענטשן וואָס שפּאַצירן, וואָס גייען זייער גאַנג, די קינדער וואָס האַלטן זיך אָן אין די הענט פון זייערע עלטערן, אַלץ איז ערשט יום־טובדיקער ווי שטענדיק, אפילו דער גלאָקןקלאַנג פון קאָשטשאָל וואָס קוילערט זיך דורך פונדערווייט און שטאַרבט ערגעץ אָפּ בידעריק, בידעריק — איז איין זאַך, איין אַלגעמיינע האַרמאָניע.

אין אַזאַ אָוונט זיץ איך ביי דער פאַמיליע ז. פון זייער וואוינונג אויף קראַקאָווער פאָרשטאָט עפנט זיך אויף די אָוונטלעכע פאַנאָראַמע אויף דעם שענסטן ווינקל אין וואַרשע. פון דאָרט זעסטו די נייע בויאונג פון קעניגלעכן שלאָס, דעם אויסבליק אויף דעם ווייסל, וואָס ס׳דאַכט זיך ווי ס׳וואָלט עמעץ זי באַרואיקט, איינגעשטילט ווען זי פליסט נישט נאָר איז שטייענדיק פאַרטראַכט אויבן אויפן פאַרבן־שפּיל אויפן הימל. די נייע רעסטאַוורירטע הייזער געהאַלטן שטרענג אין אַלטן סטיל וואָס דערמאָנען אַזוי אין פוילנס אַמאָל, דעם מאָנומענט פון מלך זיגמונט, די קליינע אַראָפּלויפנדיקע שמאָלע געסלעך פון אַלט־שטאָט. אין דער געראַמער וואוינונג פון אָט דער פאַמיליע האָט צו די שיינע פאָרטרעטן אויף די ווענט דער פאַרנאַכט ווי אויסגעגאָסן זיינע פענצטערלעך געלד און צוגעגעבן אַ באַזונדער גלאַנץ די פאַרשיידענע זילבערנע קלייניקייטן, וואָס זיינען פאַנאַנדערגעשטעלט אויף די קרעדענסן.

ביי אַ ווינקל פון טיש זיצט די צען־יאָריקע פאַניע, — אַ בלאָנד מיידעלע מיט בלוי אויגעלעך, מיט אַן אַרויפגעשפּיצט ווייס נעזל, מיט בעקעלעך ווי מ׳וואָלט זיי אויסגעקניפּט אויף אייביק מיט קליינע רויטע חן־פלעקן, — זיצט און פאַרענדיקט אירע לעקציעס. די מאַמע וואָס איז אַזוי ענלעך אויף דער טאָכטער, אַז ס׳דאַכט זיך אַז זי איז אַ מין דערוואַקסענע פאַניע, איז ערשט פאַרפאָרעט ביים שטעלן כיבודים. זי לאָזט מיך דערוויל איבער אין רשות פון איר מאַן, וואָס איז אַן אינזשעניר אין איינער פון די וואַרשעווער אונטער־

טעמונגען. אַלץ דאָ אָטעמט מיט אַזאַ שלווה און איינגעפונדעוועטקייט, אַז שווער גייט איבער דער שמועס אויף יענע גרויזאַמע יאָרן פון דער אָקופּאַציע ווען זי, איז פאַרבאַהאַלטן געווען אויף דער „אַרישער זייט״.

דאָס איז געווען גאָרנישט ווייט פונדאַנען, איבער יענער מויער, וואו ריווע, די באַלעבאָסטע פון דער איצטיקער אַזוי פייך־אויסגעשטאַטער וואוי־נונג, האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי דער פאַמיליע פון אַ וואַרשעווער גאַזאָווניע־אַרבעטער. יענער מויער איז בעתן וואַרשעווער אויפשטאַנד אין 1944 אויפ־געריסן געוואָרן. פון אָט דעם פענצטער ווייזט מיר ריווע אָן דאָס נייע הויז, וואָס איז רעסטאַווירט געוואָרן פון דער אַלטער, צעשטערטער געביידע. דאָס דאָזיקע הויז איז פאַר איר אַן אָנדענק פון יענע יאָרן פון פאַרשעמט־קייט, פיין און שרעק. ריוועס קעמערל איז געווען אַ קליין פענצטערל, וואָס האָט זומער אַריינגעשיקט אָן אַ שיעור זון־שטראַלן און ווינטער גע־שפיגלט די זינדיקע וועלט, וואָס האָט זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט און פאַרדעקט דאָס פנים מיט שניי. ביי טאָג האָט ריווע געטאָן אַלע אַרבעטן פון אַ שטוב־מיידל, געוואַשן די דילן און די וועש, געריימט און געקאָכט מיטיקן. איר געהער איז געווען אַזוי אָנגעשפּיצט און פאַרשאַרפט, אַז זי האָט שוין דערקענט די טריט פון אירע באַלעבאַטים היינטער דער טיר און אָן שרעק זיי אויפגעעפנט. זי האָט אונטערשיידט אפילו גערוישן און געטומלען, פאַרדעכטיקטע און באַרמאַלע.

יאַן, דער באַלעבאָס אירער, און מאַלגאַשע, דאָס ווייב זיינס, אַ קינ־דערלאָז פאָרפאָלק, האָבן זיך צו ריווען גוט באַצויגן און נישט איינמאָל מיטגעוויינט ריוועס וויטיקדיק ביסל זכרונות וועלכע זי האָט אַהער מיט־געבראַכט פון געטאָ.

די זכרונות אירע — ווי פייגעלעך מיט אָפּגעריסענע פליגעלעך, זיי־נען די גאַנצע צייט געשפּרונגען איבעם שטייגעלע פון איר מוח. ס׳איז ביי דער ערשטער אַקציע געווען. זי איז צוזאַמען מיט אירע עלטערן שוין געשטאַנען ביים „אומשלאַג־פּלאַץ״ איבעם קאָשמאַר פון געוויינען, קלעפּ פון די שאוליסטן (די ליטווישע היטלעריסטן), געדראַנג פון דער מאַסע טויט־פאַראורטיילטע, האָט די האַנט פון אַ פאַבריק־אייגנטימער, אַ פּאָליאַק, זי צופעליק אָנגעוויזן אויף רעכטס. אַזוי איז באַשטימט געוואָרן איר גורל. זי האָט זיך געקלאַ־מערט צו איר מוטער, נאָר די זעלבע האַנט האָט זי אָפּגעריסן פון איר און צוריקגעיאָגט צו די וועלכע זיינען אויף אַ שטיקל צייט באַשטימט געוואָרן צום לעבן.

אין דעם קליינעם קלומעקל וואָס איז ביי ריווען, דעם דעמאָלט נאָך פּופּצן־יאָריק מיידל, געבליבן אין האַנט זיינען פאַרהיט געוואָרן די פּאָטאָס פון אירע עלטערן, אַ ביסל צירונג און ירושהדיקע שנירלעך פערל פון דורות. דאָס אַלץ האָט ריווע פאַרהיט ביז אויפן היינטיקן טאָג.

דאָס איבערגיין אירס אויף דער אַרישער זייט איז פּונקט אַזוי פּאַר ריזהען בּישט פֿאַרשטענדלעך ווי דאָס אָפּגעראַטעוועט ווערן פון דער מאַסן־עקזעקוציע. אירע חברטעס, האַנט בּיי האַנט מיט איר, זיינען דערשאָסן געוואָרן און געבליבן ליגן אויף דער געטאָ־זייט. איר מאַמע וואָלט געזאָגט: דער זכות פון דער באָבען, דער צדיקת, האָט אויף איר מגין געווען זי מציל צו זיין פון פֿאַרלענדונג. בּיי אירע פופצן יאָר איז איר לעבנס־אינסטינקט אַנטוויקלט געוואָרן אויף צען יאָר פֿאַראויס און זי האָט גענומען טאָן זאַכן וואָס זיינען פֿאַר איר אַליין בּישט פֿאַרשטענדלעך געווען. איז ווער קען אָפּגעבן דעם חשבון פון יענע טעג, וואָס האָבן אויסגעזען ווי יאָרן, ווען דאָס שטיקל לעבן איז געטראָגן געוואָרן צווישן די פינגער ווי דאָס פיצל פֿאַרטריקנט בּרויט?

דאָס שטילע ווינקעלע פון איר קעמערל איז דורך אַלע יאָרן פון איר לעבן דאָ דאָך פול געווען מיטן קאָשמאַר וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעטראָגן פון דאָרטן, פון געטאָ־זייט, — די פון הונגער־געשוואָלענע וואָס זיינען אויף די גאַסן געפאַלן און פֿאַרדעקט געוואָרן מיט פּאַפּיר, די רציחות פון דער געטאָ־פּאָליציי בּיים אַוועקנעמען פּיצלעך קינדער פון זייערע עלטערן, זייער יאָגן אויף אַרבעט, דאָס שלאָגן מכות רצח, דאָס אַלץ האָט זיך מיט יעדן טאָג אויסגעקלאָרט, געוואָרן באַזונדערע אָביעקטן פון גרויל. זי האָט זיך גענומען צוגעוואוינען צו איר לאַגע ווי עס וואָלט אַזוי בּאַדאַרפט זיין פון תּמיד אָן. מיט יעדן בּישט היימישן שאָרך איז זי בּישט געוואָרן. אין דער האָזיקער לאַגע פון בּישט ווערן, האָט זי זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער אויסגעלערנט גוט־פֿאַרטראַכטע שפּיצלעך: אַמאָל האָט זי זיך פֿאַרדעקט מיטן בּינטל בּרודיקע וועש וואָס איז געלעגן אויסצוואַשן. אַמאָל איז זי געוואָרן אַזוי דין, אַז זי האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דעם שפּאַלט צווישן קופערט און דער וואַנט, אַמאָל האָט זי זיך פֿאַרדרייט אין אַ קנויל און זיך פֿאַרשטעקט אונטער דער אָטאָמאַנקע און ווידער אַ פּאָר מינוטן פון איבעררייס אין דער געשפּאַנטקייט פון פּאַנגען שטיקלעך פרימאָרגן, שטיקלעך בּישט־באַאומרואיקנדיקן אָוונט.

זי איז אַזוי געווען איינגעהאָרכט אַז אפילו דער חלום אירער, איר לייכטער שלאָף, איז געשטאַנען אויף דער וואַך און זי אָפּגעהיט פון דער לאָקערונג. נאָר מיטאַמאָל האָט זיך איר צוגעוואוינטקייט אויפגעטרייסלט, ווי מ׳וואָלט אַ שטיין געוואָרפן אין אַ שטייענדיק וואַסער. עס זיינען געקומען די טעג פון אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ. איבער דער גאַנצער שטאָט איז געשטאַנען אַ קנויל רויך. דער דאָזיקער רויך האָט זיך אויך דערטראָגן צו איר קליין פענצטערל. דעם ערשטן טאָג האָט ער זיך געקנוילט מיט כעס, אַ שוואַרצער ווי אַ צעפּלאַטערטער קאָפּ האָר פון אַ משוגענעם, און אויף די וואָלקנס בּיי די ראַנדן האָבן זיך געשפּיגלט גאַנצע

בעכט די פלאַמען. שפּעטער איז דער רויך שטילער געוואָרן, געגאַנגען אַליץ בידעריקער, בידעריקער, ווי דער לעצטער אָטעם פון אַ גוסס. פון אונטן פון דער גאַס, האָט זיך אַליץ מער געטראָגן רעש און געפּילדער, גזלנישע קולות פון היטלעריסטן, און די ידיעות וואָס אירע באַלעבאַטים האָבן געבראַכט זײַנען געווען אַזעלכע גרויזאַמע, גרויזאַמע, שווערע. מאַלגאַשע, איר באַלעבאָסטע האָט געהאַלטן אין איין ציטערן איבער איר און זי, ריזוען, נאָך ליבער באַקומען, ווייניקער שוין אַרויסגעלאָזן אין גאַס אַליין, געוואַכט איבער יעדן בישט־היימלעכן שאָרך. — — — — — — — —

און ערשט זוך איך אין אירע אויגן די שפּורן פון יענער צייט. איר געזיכט האָט אין זיך אַלע חנען פון אַ פּרוי אין דער פולער רייפקייט. די צייט האָט פאַרגלעט דעם אײַנגעזויגענעם אומעט אין אירע וואונדערלעכע אויגן, נאָך צוגעגעבן מער חן. אַליץ אין איר שטוב האָט פאַרווישט די שפּורן פון אַמאָל. בלויז איין ווינקעלע ביי איר דאָרט איבער דער פּיאַנינע, אויף וועלכער איר טעכטערל איבט זיך אין שפּילן אויפן פאַן פון אַ סאַמעטענעם קילים איז אויסגעהאָנגען דאָס אייניציק אָפּגעראַטעוועטע פון איר פאַרגאַנגענהייט — דאָס בילד פון אירע עלטערן און די שניירעלעך ירושה־פּערל, אַן אָנדענק פון אַ לעבן וואָס איז מיטן וואָרצל אויסגעריסן געוואָרן.

דאָס דאָזיקע ווינקעלע איז אַ סך מאָל אַן אילוסטראַציע צו דעם וואָס זי דערציילט אַמאָל איר קינד.

שטעטל האָט געוואַרט

זייַנען אָנגעקומען רעגנדיקע טעג.

וואָלקנס האָבן זיך איבערן שטעטל צעלייגט און אָנגעוואָרפן אַן אומעט און מרה שחורה. זומער האָט מען דאָך פּאָרט אַזוי נישט דערקענט די אָרעמקייט, אַז סך־הכּל איז מען דאָך אויפן גאַס און מען שמעקט נאָר אַריין אין די שטובן בייַנאַכט. און די גאַס איז דאָך די זעלבע געווען וואָס אַמאָל, אַמאָל אין די גוטע צייַטן. די זון מיט איר גאָלד אָן אַ מאָס איבערן ברוק און דער טיפער בלויער הימל האָט ווילד אַראָפּגעבליקט מיט זייַן פאַרטראַכטקייט און אַזוי געריעדט צום האַרץ און גייסט.

מ׳האָט פאַרגעסן דאָס אָרעמקייט, פאַרגעסן, אַז אין די געוועלבער קומען גאַנצע טעג קיין קונים נישט אַריין, אַז די שטייערן עסן אויף דאָס גראָשן לייזעכץ און עס איז אויף קיין מלבוש נישטאָ, און דאָס ביסל ריוח קלעקט קוים אויף ברויט מיט וואַסער — מ׳איז די זומערדיקע טעג געשטאַנען אויפן מאַרק און זיך געאַמפּערט איבער כּלל־עניינים. חיים זיידלס, דער לעדערסוחר מיט נחמן שלמהס, דער פון דער שפּייז־קראָם, צוויי שכנים פון כּמה יאָרן האָבן אַן אַמפּערניש פאַרפירט איבערן נייעם שוחט, וועלכן מ׳האָט צוגענומען. עס האָט זיך אַרום זיי געבערגלט מענטשן און שעהן איז מען אָפּגעקומען אין פרידלעכן פאַרברענגען אויפן מיטן גאַס.

נאָר מיטן אָנקום פון די רעגן־טעג האָט זיך אַ מאָדנער ערנסט פאַרגנבעט ביי אַלעמען. יעדער האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן דערפילן זייַנע ווייטיקן און קוועלעבישן.

מ׳האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אין די ווינקעלעך און ערשט דערזען דעם אמתן דלות. יעדער האָט זיך גענומען מאַכן חשבונות און אויסגעפונען אַז ער איז אונטערשטעליק מיט הונדערטער, מיט טויזנטער.

*
**

חיים זיידלס האָט געהאַלטן אין איין איבערוואַרפן זייַנע „בלעכן"־לעדער און מעדיטירט איבער זיי, שוין אויסגערעכנט די הכנסה, פאַרגלייכט דאָס מיט די אויסגאַבן און אָנגעהויבן צו שפּאַנען הין און צוריק איבערן געוועלבל, פאַריאושט אַרייַנוואַרפנדיק אַלע מאָל צו זיך אַליין:

— נו, קען איך דען דערפון לעבן און נאָך קינדער חתונה מאַכן?

יעדער האָט זיך זייַן חשבון, געליענט און געזען אַז ער גייט אונטער. יעדן האָט מען אין דער גרויסער שטאָט דעם קרעדיט אָפּגעשטעלט,

און אַלע טאָג איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל איינער מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם מיט אַ קאַפּעלושל, אַ מענטש פון אַ פירמע, אַרייַן אין דעם און יענעם געוועלבל און געוואָרבט, געוואָרבט און געמאַכט הערווייל אַ רשימה פון איינווענטאַר, וועלכן ער האָט געטראָפן: אַ צעבראָכענעם טונבאַנק מיט אַ פּאָר שקאַרמיצלועך קאָלאָניאַל, גערעדט לאַנג, זיך געבייזערט, אַז מען פאַרבאַהאַלט, וואָרעם היתכן? פאַראַיאָרן האָט ער געטראָפן אַ געוועלב מיט סחורה און היינט זאָל שוין פּוסטעווען, געבייזערט זיך און אַוועקגעפאָרן צום סוף מיטן זעלבן וואָס ער איז געקומען.

יעדן טאָג איז מען פון שטייער־אַמט געקומען נעמען פּאַר פּאָדאַטקעס, יעדן טאָג צו אַן אַנדערן. ווער ס׳האָט געקענט רעדן האָט אַוועקגעלייגט זיין ביסל רייד, אַז ער האָט היינט נישט ווער עס זאָל זיך דערבאַרעמען איבער אים. ער האָט היינט נישט, ער וועט צאָלן מאָרגן, איבערמאָרגן... באָר דער שטרענגער „סעקוועסטראַטאָר” (באַאַמטער פון פינאַנץ־אַמט) איז געזעסן און רואיק אויסגעהערט און זיך דערפון נישט געמאַכט, אַ וואונק געטאָן צו אַ באַלעגאַלע און ס׳האָבן אָנגעהויבן זיך הויפענען אויף דער פור מעבל־שטיק פון אַ סאָפע, אַ קאַזעטקע און פאַרשיידענע ספרים. יעדן טאָג איז די פור פאַרפאָרן צו אַן אַנדערן און דאָס געוויין פון אָרעמען סוחר און זיין ווייב און קינדער האָבן דער פור באַגלייט לאַנג, לאַנג אויפן גאָס רעגן. לאַנג האָט זיך דאָס געוויין געהערט אויפן גאָס ווי מ׳וואָלט באַגלייט אַ בר־מינן.

די איינציקע טרייסט איז געווען דער בית־מדרש בין מנחה למעריב; יידן האָבן פאַרגעסן די אַלטע אַרומרייסעניש און תרעומותן, וואָס איינער האָט צום צווייטן געהאַט. אפילו פאַלעקל, דער בית־מדרש גבאי, מיט זיין דם־שונא, כאַנעלע, דער שטול־מאַכער, האָבן זיך איבערגעבעטן. פאַרגעסן וואָס מ׳האָט זיך אַלץ אַרויסגערעכנט פאַרן גבאות.

חיים זיידלס, דער לעדער־סוחר האָט פאַרגעסן די שנאה צו משה נחומס, דעם האָלץ־סוחר, אַ שנאה וואָס ציט זיך שוין כמה יאָרן. אייגנטלעך, קיין גרויסע זאַכן זיינען דאָס נישט געווען, מער נישט איינער דעם אַנדערן האָט נישט געקענט פאַרשוויגן: חיים זיידלס האָט נישט געקענט צוזען ווי משה נחומס, אַן עם־הארץ, מישט זיך ביים אויפנעמען אַ רב און זאָגט דעות. חיים זיידלס האָט מיט וואָס גרויס צו זיין; ערשטנס איז ער אַ ייד אַ בן־תורה אין שטאַמט טאַקע פון ליטער רבנים און שיינע יידן, האָט מען זיך צעווערטלט בשעת מעשה און איבערבעטן זיך איז שווער געווען די גאַנצע יאָרן. חיים זיידלס האָט דער „האָנאָר” נישט צוגעפּאַסט און משה נחומס איז דאָך דער גביר און כבוד ביי אַזוינע יידן איז נישט קיין קלייניקייט — האָט זיך עס אַזוי יאָרן געצויגן. מ׳האָט קינדער חתונה געמאַכט און זיך ניט איבערגעבעטן, אפילו ראש־השנה צום ווינטשן איינער צום אַנדערן נישט צוגעגאַנגען. נאָר היינט, אין דער שווערער צייט האָט מען אַלץ פאַרגעסן. חיים זיידלס

איז שוין לאַנג געפאַלן ביי זיך, אַנדערע צייטן! עטלעכע קינדער דערוואַק־סענע וואַרטן אויף שידוכים ביי אים און מיט זיין יחוס רעכנט מען זיך נישט. מען וויל געלט און דאָס האָט ער נישט חיים זיידלס, לגמרי נישט, און משה נחומס האָט זיך אויך נישט מיט וואָס איבערצונעמען. פון זיין טאַרטאַק איז גאָרנישט געוואָרן, פאַרקויפט פאַר אַ שיבוש און דער פלאַץ מיט האָלץ ווערט אויך איינגעשרומפּען פון טאָג צו טאָג, אויס גביר! איז מען אַזוי פון זיך אַליין איינער צום אַנדערן צוגעגאַנגען אין אַהויב מיט קליינקייטן, געבעטן אַ שוועבעלע... ביז מען האָט זיך אַזוי פּאַמעלעך איבערגעבעטן און מען זיצט שוין אַזוי ביז שפּעט איינדערנאַכט און מען דערציילט אַראָפּ איינס פאַרן אַנדערן דאָס פּעקל צרות...

עפּעס זיינען אָפּגעווישט געוואָרן די מחיצות. שוסטערס, שניידערס, בעל־עגלהס מיט בכבודיקע געוועזענע סוחרים זיצן אַרום די טישן נאָך די שיעורים חברה ש״ס, „חיי־אדם״ און „עין יעקב״. מען זיצט און מען שמו־עסט איינאיינעם אַריין און מען דערציילט דאָס שווערע לעבן. איינער אַן אַרבעטסלאָזער בעקער דערציילט ווי ער האָט נעכטן געקאָכט אויף מיטיק קאַרטאָפל־שאָל, ווייל ער האָט אפילו די פאַר גראָשן אויף קאַרטאָפל נישט געהאַט. און איינער אַ בכבודיקער שניידער דערציילט ווי ער האָט אַוועקגעשיקט זיין בת־יחידה קיין וואַרשע דינען. אַן איידל קינד, נאָך קיין 18 יאָר נישט אַלט. וואָס זאָל ער טאָן, אַז ער האָט פאָרט נישט פאַר איר צו עסן. און בסוד גיט מען זיך איבער וועגן דער אלמנה מיט די 5 פּיצ־לעך קינדער, וואָס האָט זיך בכבודיק געשפּייזט פון איר שפּיז־קראָם און געצאָלט שכר־לימוד די מלמדים ווי מ׳וועט עס איר מאָרגן עקסמיסירן, — מאָרגן אויפן גאַס רעגן, צו ווען וועט זי זיך קערן און ווענדן? מען דער־ציילט זיך בסוד און מ׳האָט פאַר זיך אַליין מורא: יעדער פון די זיצנדיקע האָט אַ וואָרנונג פון זיין באַלעבאָס פאַר דירה־געלט, וואָס ער איז שולדיק געבליבן און האָט נישט אָפּצוגעבן... קיין הלוואות קריגט מען נישט, קיין בענק זיינען שוין לאַנג נישטאָ און מען האָט מורא פאַר זיך, פאַר די שטובן מיט די פּיצלעך קינדער וועמען עס וואַרט אָפּ דער זעלבער גורל.

אַ בהלה האָט אַרומגענומען, מען האָט זיך אַנגעכאַפּט אין וואָס מען האָט געקענט אַבי דאָס לעבן צו ראַטעווען, מ׳איז משפחותוויז געזעסן און גע־חשבונט די אַלע קרובים און נאָכגעזוכט די אַדרעסן. אפשר, אפשר וועט מען זיך דערבאַרעמען און עפּעס אַריינשיקן. און מיטאַמאָל, אַלע טאָג מער, האָבן זיך די פאַרלעך גבאים און גבאיטעס איבערן שטעטל אַרויסגעלאָזט נאָך צדקה.

אין די צענדליקער, אין די הונדערטער האָט מען איינער ביים אַנדערן אָנגעהויבן בעטלען. נישט איינער פון די ביי וועמען מען איז נאָך צדקה געקומען האָט מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים פון בושה איינגערוימט אַ סוד אין אויער:

— כ׳האָב נישט... גאָרנישט, אַ פּרוטה אויך נישט... מע גייט היינט פאַר מיר אויך...

און ווידער איז מען פון די אָרעמע שטיבער אַנטלאָפן אין בית־מדרש. די ווייבער — אין ווייבער־שול; היינט איז יום־טוב אין בית־מדרש, פול געפּאַקט, קיין נאָדל נישט אַריינצושטעקן. אַ מגיד איז אין שטעטל אַראָפּ־געקומען. שוין אַ סך מאָל איז דער מגיד אין שטעטל געוועזן, נאָר היינט שלינגט מען זיינע ווערטער פון מויל אַרויס. מ׳האָט ביי אים געבעטן ער זאָל רעדן וועגן משיחן, וועגן דער גאולה, ווער דאַרף עס נאָך אַזוי האָבן ווי דאָס שטעטל?

— —

דער מגיד רעדט און ברענגט מעשיות און משלים, הערט מען, יונג און אַלט און מען וואַרט, מען וואַרט אויף אַ נס. שטעטל וואַרט.

אָפּטיילונג

פיר •

מיניאַטורן

• מיניאַטורן •

איר שוואַכסטע ראָל

זי שפּילט אינעם גרויסן טעאַטער גרויסע, טראַגישע ראָלעס. אויף יענעם שיינעם געזיכט פון דער בלייענדיקער פרוי בייטן זיך אויף דער סצענע זייער אָפּט גרימאַסעס; זי איז אומגליקלעך, פאַרצווייפלט, אין מאָמענטן ווען דאָס לעבן וואַרפט זי אַרויס. יעדעס אָדערל ציטערט דעמאָלט און וויינט אין איר. פון אירע אויגן ביזן הימל — אַזוי באָענט דער וועג. איר שלאַנקער שוואַנעך־האַלדז איז פאַרוואָרפן צו דער פּלייצע, און אַז דו הערסט אירס אַ מאָנאָלאָג, ווייסטו נישט פון וואַנען ער קומט. איר גאַנצער קערפּער איז איין אויסדרוק, איז איין וואָרט!

אַמאָל ווערט זי שלאַנגיק אין איר נקמה און פּאַרדרוס, „ער", דער פאַרלוימדער, ער, וואָס האָט רעגירט איר גורל, ווערט אַזוי קליין און נעבעכדיק אַקעגן דער דראַמאַטישער קראַפט, וואָס שלאָגט פון איר. זי טראָגט זיך אויף דער סצענע ווי אַ ווילדער, וואָס פאַריאָגט, וואָס צעדרויבלט, וואָס מעקט אָפּ אַלץ אויף זיין וועג, זי צעטרעט דאָס שלעכטס און באַוויזט זיך דערנאָך מיט אַזאַ שיינענדיקן אויסדרוק פון טריאומף. און ערשט זיצט זי נעבן מיר אָן גרים און גרימאַסע, טויזנט מאָל ווייבלעך־צאַרט און עלנט אין שטיקעלע פּריוואַט לעבן, וואו זי שפּילט טאָג־איין, טאָג־אויס אַזעלכע קליינע, קלייניבקע, באַנאַלע ראָלעס. זי איז אַזוי ווייך און עמפּינדלעך און פון מאַן אָפּהענגיק און נישט באַפעלעריש, און זי לאָזט זיך טראָגן פון גורל, ווי אַ פּאַפּיר־שיפעלע אַרויסגעשיקט אויפן טייך פון אַ קינדערישער האַנט.

אַז איך רעד וועגן גרויסע זאַכן, שלאָגט זי מיר איבער. איר איז ליבער צו שמועסן וועגן קלייניקייטן פון דער טאָג־טעגלעכקייט. זי שמייכלט מיט אַזאַ הכנעהדיקן שמייכל. אירע אויגן אָטעמען מיט אַ געווינלעכע פאַרטראַכטקייט און טרויער, ווי צענדליקער, ווי הונדערטער.

איז עס איר אָפּרו, אַן אָפּרו פון אַן אָדלער, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פון איבער די וואָלקנס, נישט אויף קיין פעלדז, נאָר דווקא ערגעץ אין אַ באַרג־שפּאַלט אין נידעריקסטן טאָל, כדי זיך שפּעטער געבן אַ מעכטיקן הויב צו די הימלען?

און אפשר איז עס די נקמה פונעם גורל, מיט וועמען זי קעמפט אַזוי העלדיש, אַזוי טאַלאַנטפול אויף דער סצענע, כדי איר צו באַזיגן כאָטש אין פּריוואַטן לעבן?

צופאַל אין באַנק

דאָס לעבן ווערט דאָ מאַטעמאַטיש ראַציאָנעל אויסגעקלאַפּט אויף רעכן־מאַשינקעס. די עטלעכע צענדליק באַאַמטינס זיצן פאַרגראָבן אין זייער אַרבעט פון רעכענען און ציילן און קאַלקולירן און איבערשרייבן. די מאַנירן זייַנען ביי זיי אויך אַזוי קיל־פאַרשלאָפן, די בוכהאַלטערישע ביכער, וועלכע זיי בלעטערן. קליענטן קומען און גייען. דאָס ביסעלע שמועס צעדרויבלט דעם לאַנגווייל — אַ ווייל און ווידער דאָס אייַנטאָניקע קלאַפּן אויף מאַשינקעס, דאָס אָנגעשטרענגטע וואַך זיין איבער ציפערן, ציפערן, ציפערן.

טאָג נאָך טאָג — יאָר נאָך יאָר.

נאָר וואָס איז דאָ געשען? פון ערגעץ אַ מאַט גלאָז־ווענטל צעטראָגט זיך איבערן זאַל אַזאַ היסטעריש שלוכצערייַ, אַלע מאָל העכער, העכער. קליענטן לאָזן איבער זייערע ענינים ביי די פענצטערלעך, קנוילן זיך צונויף באָענטער צום אָרט פון וואַנען עס הערגייט דאָס מאָומימדיק וויינען. די באַאַמטינס ווערן אומרואיק. פון חשובע, שווערע טירן באַווייזן זיך זייערע באַנק־לייטערס, אַזעלכע בכבודיקע הערן אין ברילן, מיט אַ מינע אויף די פנימער, ווי מ׳וואָלט זיי דאָ איבערגעריסן אינמיטן עסן.

— נו, יאָ, דאָס איז אַלץ דער מאַן אירער — קומט אַרויס פון הינטער דעם גלאָז אַ מאַאַמטיק — אַז מען האָט נישט קיין מזל דאַרף מען נישט געבוירן ווערן. האַכט זיך אַזאַ שיינע און אַזוי אומגליקלעך.

— ווידער זאָשע?

— נו, יאָ, ווען זיך דער גט, האָט זי עס נישט געקענט אויסהאַלטן, האָט זי זיך צעכליפעט.

— אָבער מיט אַזאַ ספּאַזם? כ׳האָב דאָך געמיינט עפּעס אַן אַטאַק פון גאַל־שטיינער . . .

דאָס גרויסע, מאָנאָטאָנע פאַרטאָן־זיין רייסט זיך איבער. כאַפּסט אַ בליק איבער די רייען טישלעך און דערזעסט פאַר זיך מענטשן, וואָס וואוינען אין פאָרשטעט, אין שטאָט, וואָס גייען צו זיך אַהיים דורך גאַסן און געסלעך, דורך אַזעלכע קאָרידאָרן און טרעפּ וועמען עס דערוואַרט נאָך דער אַרבעט אַ לעבן, וואָס איז שוין גאָרנישט אַזוי אויסגערעכנט און צעטיילט אויף דעבעט און קרעדיט, ווי אין די בוכהאַלטעריע־ביכער, וועלכע זיי פירן.

אין דיכטערס רשות

דאָס איז דאָס לאַנד מיינס, טייערע, מיין גאָלדענער ברעג, וואו ווייטע, פאַרנעפּלטע מעלאָדיעס, — שיכורע פון פריוד, פאַראַנקערן, ווי שיפן נאָך לאַנגע רייזעס, אין שטורעמדיקע ימים.

אינעם דאָזיקן לאַנד, וואו אַלץ רעדט זיך אויס, וואו אַלץ ווייזט זיך אויס, געפינענדיק זיך, ווי חתן־כלה, נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג.

דאָרט רעדט אַ שטיין אויס זיין געצוואונגען שוויגן, און פאַרב און קלאַנג נעמען זיך אַרום, מיליאָנען יאָרן אַרומגיענדיק באַזונדער, זוכנדיק זיך, ווי קינדער מיט פאַרבונדענע אויגן, וואָס שפּילן זיך אין „פאַרבאַהעלטעניש".

דער טאָג איז דאָרט ווייך און שטיל, ווי די נאַכט, און די נאַכט העלפט דעם טאָג אין זיין וואָך־זייק, אין זיין אָנשטרענגונג.

מיין דיכטעריש לאַנד:

— וואו דער רשע ליגט אין אַש און ווייט, און פאַרן צדיק זיינען זיבן שענסטע ביגונים אָנגעגרייט.

דאָס לאַנד וואו יעדער פאַרשעמטער קערט זיך אום ווי צו אַ מאַמען, פאַר וועמען ס'איז קיין חסרון נישט דער האָרב, בלינדע פירט זי פאַר דער האַנט, מיאוסע ווערן שיין אין איר געניאָד.

אַהין, אַהין, וואו אַלע רעטענישן זיינען באַשיידט, ציפערן טרעטן אָפּ, ווייל זיי גראַמען זיך ווי שלעכטע גראַמען.

נישט קיין טעג, נישט קיין יאָרן פאַר אונדזער דוויער, זאַכן אונטער־ליגן נישט דעם טויט.

דאָרט בעטן זיך ביכער איבער, — וואָס איז זייער דורותדיקער געשפּאַר אַקעגן איין אָטעם־צוג פון דער אייביקייט?

כ'האָב זיך שוין אויסגעזונגען; כ'האָב זיך שוין אַרויסגעזאָגט; כ'האָב זיך שוין צערעכנט מיט דער וועלט — מיין בעל־חוב.

און ערשט בין איך ווינטל־פריי אין מיין געזאַנגיקן גאַנג צום טאָג. לייכט זיינען מיינע טריט און לאָזן קליינע שפּורן אין דער נאַכט, ווי פייגל־טריט אין שניי.

כ'לאָז דיך איבער, כ'לאָז דיך שטיין, ווי כ'לאָז דיביימער איבער מיט צווייגן שאָקלען, ווי מיט הענט אויף געזעגענען.

דאָס גליק פון דיין קערפּער ברענט מיין חלום, ווי שווערע טריט אויף דינעם אייז.

כ'בעט סיי־ווי מיט דיין שמייכל און דיין טרער אין דיין בליק, וואָס אַ ווינט האָט אים פון מיין דיכטער־לאַנד פאַרטראָגן.

ז, אין ווייטן וואַלד־געזאַנג

בידעריקע שיינקייט מיינע — ווי אַ ליד פון סטראָפן צווי — אַזוי קליין און אַלץ געזאָגט!

שייך מעשהלע פון ווייטן שלאָס אויף אַ הויכעניש:

... זיי זיינען געווען, זיי זיינען אַוועק, די פרימאָרגנס און די פאַרנאַכטן — די פאַרבעטענע געסט אויפן באַל.

דאָ רוישט הער וואַלד, זיין לאַנגווייליק, שבייאיק געזאַנג און פאַרכטיקס צוגלייך.

און אַז ער דרימלט אין ביסטו זיין חלום — אַ וויכער, אַ גריבגער אויף די ליזשועס דיינע.

איך לייען מענטשן

מיד פון לייענען ביכער — נעם איך לייענען מענטשן.

מענטשן עפענען זיך פאַר מיר מיט זייער פריד, מיט זייער לייד. מענטשן שטילע, ליידנדיקע, וואָס זייער יעדער גאַנג איז אַ תפילה, אַזעלכע גוטע מענטשן מיט אַראָפּגעלאָזענע ברעמען.

אויב ס׳איז פאַראַן ערגעץ אַ גורל, שלאָפט ער באַזאָפן און לאָזט אָט די לייט גיין צופוס מיט אַ זאַמדיקן וועג.

פאַר איין גוט וואָרט זיינען זיי דיר גרייט צו דינען, זיך טיילן מיט זייער ווייטיק, ווי מיטן לעצטן שטיקל ברויט.

פאַר איין שעה שפּאַצירן זיי זיך איבער מיט דיר איבער זייער לעבן, וואָס איז אַזוי נישט ענלעך אויף קיין צוויטנס.

גאָפּסט, הערסט זיך איין אין די עפּיזאָדן, העלפסט זיי מיט אַ זיפץ און זיי זיינען אַזוי דאַנקבאַר!

טראַכסט: מענטשן דאַרפן טייל מאָל נישט אַזוי קיין הילף, ווי מיט־געפיל. און מענטשן זיינען דאָ, ווי אַלטע ביכער, וואָס קיינער לייענט זיי נישט. זיי שטייען אין אַלטן לעדער געבונדן אין פאַרשטויבטע ביבליאָטעקן. באַר אַז דו קריגסט זיך צו זיי צו, עפענען זיי דיר אויף זייערע שיינע געדאַנקען.

אַזאַ טיפע קלוגשאַפט שטייט אין ביי אַ פרימיטיוון פאָלקס־מענטש. ער אַנטפּלעקט זי דיר, די חכמה זיינע, האַלב שעמעוודיק, זשעניר־נדיק זיך פאַר דיין „חכמה״. שטיקל נאָך שטיקל עפנט ער דיר דעם אוצר זיינעם.

ווי בריליאַנטן פאַרבאַהאַלטענע אין פּושקעלעך אַזויגע, גאָלדענע, גראַווירטע. ער קאָרעגירט סיטואַציעס מיט איין קלוג וואָרט. און ס'איז אַזוי פּראָסט, דאָס וואָרט זייַנס — ווי זייַנע שווערע, פאַרפּראַצעוועטע הענט.

און מענטשן זייַנען דאָ — זיי האָט אויסגעטראַכט אַ ראָמאַנען־שרייבער מיט אַ גוט האַרץ.

זייערע מעלאָדיעס ענדיקן זיך שטענדיק מיט אַ גוטן סוף. דער, וואָס האָט זיי פאַרטראַכט, האָט זיי קיינמאָל נישט געלאָזט לאַנג זיך מאַטערן, און אין אַן אַנטשיידנדיקער שעה, האָט ער גלייך געפונען אַ באַלעבאַטיש פאָרטל, אַז אַלץ זאָל זיך ענדיקן מיט גוטן.

לייענען אַ מענטשן דאַרף מען זיך צוגעוווינען, ווי צו אַ שווער בוך.

טיילמאָל האָסט זיך אייך: איר האָט שוין אייער פאַרשויק אַזוי גענוי דערקענט און ס'הייבט זיך גאָרנישט אָן. ס'האָט לאַנג געמוזט נעמען ביז כ'האָב זיך איבערצייגט, אַז דער מענטש, וואָס גיט מיר אָפּ מיט אַזאַ פּינקט־לעכקייט די 50 גראָשן, ווי מיין שמייכל, וואָס איך האָב אים ווען עס איז געשענקט, ווי מיין גוטמאָרגן, וואָס איך זאָג אים — דער דאָזיקער מענטש איז אַ טרוקענער בוכהאַלטער. ער איז אַ זייער בייזער, גוואַלדיק עמפּינד־לעכער אויף כבוד, ווי אויף אַ גראָשן, וואָס ווערט אים פאַרפאַלן אין בילאַנס. כ'בין צוגעקומען צו דער הכרה, אַז איבערגעטריבענע ערלעכקייט, און דאָס שולחן־ערוך טרוקענע צעטיילן אויף דעבעט־קרעדיט אונדזער אָרעם, שטערבלעך וועלטל, איז פּונקט אַזוי אומווירדיק, ווי אַרויסנעמען עמעצן פון טאַש אַ הונדערטער.

דאָס ערשטע איז נאָך מער געפערלעך; דעם ערלעכן רשע קענט איר קיינמאָל נישט פּאַקן, בעת אַן אָפענעם גנב און מאַרוויכער פּאַקט איר אָפט ביי דער האַנט.

די לערערין מיסס קימאַנאַ

דער לערער־פּערסאָנאַל פון דער ענגליש־שולע פאַר דערוואַקסענע, האָט די לערערין מיסס קימאָנאַ, געמאַכט אַ סורפּריז: אויפן אָוונט פון אויסטיילן אַטעסטאַטן ביים פאַרענדיקן דעם לערן־יאָר, האָט מען, אויסער אַ סך האַרציקע רעדעס לכבוד איר, אויך געשאָנקען אַ מתנה אין נאָמען פונעם „באָאַרד אָוו עדאָלט עדיוקיישאָן" פון דער שטאָט — אַ זילבערנע טאַץ מיט אַ צושריפט.

צו דער פייערונג זיינען געקומען אַלע סטודענטן, ביי־געקומענע פון פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט, וואָס לערנען זיך דאָ צווי מאָל אַ וואָך ענגליש אומזיסט אויפן חשבון פון שטאָט. אַ סך שטאָט־טאַטועס, פריינד פון דער לערערין און באַקאַנטע.

מיסס קימאָנאָ איז אַ לערערין אין די מיטעלע יאָרן. זי איז געווען מיין לערערין אין דער ערשטער קלאַס.

קיין לערער אין דער שולע וויזט נישט אַרויס אַזויפיל געדולד, טאַקט און ליבעסווירדיקייט ווי מיסס קימאָנאָ.

מיס קימאָנאָ איז די פאָרזיצערין פון דער געזעלשאַפט פון נעגער־פרויען אין דער שטאָט.

מיסס קימאָנאָ האָט מסתמא אַ סך העלדישקייט באַוויזן אויף צו קענען ענדיקן אַזש צוויי פאַקולטעטן פון די אוניווערזיטעטן פון פאַרשיידענע שטעט.

עס האָבן געערעדט לערער: דערציילט, אַז מיסס קימאָנאָ קומט אין שולע פריער פאַר אַלע לערער און גייט אַוועק שפּעטער, אַז ביי איר אין קלאַס פאַר קינדער (זי לערנט אויך ביי טאָג) איז נישטאָ קיין אָפּגעשטאַנענע, אַז זי גייט צו די אָפּגעשטאַנענע קינדער אַהיים און העלפט זיי מאַכן די לעקציעס.

מיסס קימאָנאָ איז אויך אַ „סאָשל וואָרקער", פאָרשטייער פון דער סאָציאַלער הילף אין שטאָט, האָבן דערציילט מוסטערן פון אָפּפערוויליקייט, וואָס מיסס קימאָנאָ וויזט אַרויס ביים העלפן אָרעמע מענטשן.

קיינעם האָט נישט מיסס קימאָנאָ. זי האָט בלויז אַ זון, וואָס גרייט זיך ווערן אַ דאָקטער, און אַ מאַמען.

האָט דער זון דערציילט מיט וואָס פאַראַ מי זיין מאַמע האָט אים כסדר געגעבן די מעגלעכקייט צו שטודירן.

און מיסס קימאָנאָס מאַמע, אַ גרויע נעגערין מיט ברילן, האָט כסדר געהאַלטן אין איין ווישן די גלעזער, וועלכע זיינען פאַרגאָסן געוואָרן מיט אירע טרערן.

טרערן פון פרייד.

און מיס קימאָנאָ האָט אויך באַדאַרפט עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט זיך צעוויינט און אַ סך אין זאַל האָבן אויך מיטגעוויינט.

שרעק פאַר די מגיפות אויף דער וועלט

איך האָב געלייענט אַ סך באַשרייבונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור וועגן מאַסן־מגיפות: כאָליערע, פלעקן־טיפוס, מאַלאַריע. עס ווירקט ווי אַן אָנגעצונדענער וואַלד, חדשים גייען אַוועק איידער מען לעשט אים.

איר האָט געלייענט די באַשרייבונגען פון אָנגעצונדענע וועלדער, ווי חיות לויפן סטאַדעוויז, אַנטלויפן פון פייער?

איך האָב אַ סך געלייענט וועגן דער פסיכאָלאָגישער אייגנשאַפט פון שרעק ביי יחידים: ביי טשעכאָוון הענגט זיך אַ מענטש, ווייל ער האָט מורא פאַרן טויט. ביי אַרטור שניצלערן אין זיין נאָוועלע „די מתים שוויגן", איז זיך אַ פרוי מודה פאַר איר מאַן, וועמען זי האָט פאַרראַטן. זי האָט עס געטאָן פאַר שרעק, וואָס האָט איר באַהערשט צוליב אַ צופאַל: איר געליבטער, מיט וועמען זי האָט זיך געהיים געטראָפן, איז אויסטערליש אומגעקומען. זי איז אַנטלאָפן אַהיים, אָבער פאַר שרעק פון דער פאַסירונג, האָט זי גענומען שטאַמלען דאָס, וואָס זי האָט געטראַכט, אָנווערנדיק דעם קאָנטראָל איבער אירע מחשבות, אַזוי אַרום איז איר מאַן געוואָר געוואָרן אירע באַציאונגען מיט אַ פרעמדן מאַן...

איך האָב לעצטנס געלייענט עפּעס וועגן דער מאַסן־פסיכאָלאָגיע פון שרעק, ביי טאָטאַלע רעזשימען.

עס איז איגנאַצי סילאָנעס אַ באַשרייבונג פון רוים אין דער צייט פון אויפקום פון פאַשיזם און איז אָנגעמאָסטן אויפן צווייטן טאָטאַלן עקסטרעם־(אַלע עקסטרעמען גיבן זיך די הענט) לענדער פון סיבירער קלימאַט... אַ פראַגמענט פון דער דערציילונג „פאָנטאַמאַראַ".

דער פחד אין רוים איז ווי אַ קרענק, אַ סאָרט מגיפה. פאַראַן טעג און וואָכן פון מאַסן־בהלה. געניג אַן איבעריקע מינוט זיך איינצוקוקן אין עמעצנס געזיכט אין גאַס, אין רעסטאָראַן, אַז יענער זאָל ווערן בלייך ווי קאַלך און זיך אָפּטראָגן.

פאַרוואָס? פאַר שרעק.

— שרעק פאַר וועמען? האָט בעראַרדו געפרעגט — פשוט, שרעק צוליב שרעק.

— שרעק פאַר וועמען? האָט נישט אָפּגעלאָזט בעראַרדו:

— פאַר שרעק, קיין מענטש ווייסט נישט פאַרוואָס. סתם שרעק. אַז די שרעק ווערט אַ מאַסן־הערשיטונג, קען מען זי נישט דערקלערן מיט קיין זאַך. די שרעק באַהערשט דעם מענטשן פון קאָפּ ביז די פיס. און נישט די שונאים פון דער רעגירונג ווערן פחדנים; די וואָס שטייען ביים רודער,

די פאַשיסטן שרעקן זיך נישט ווייניקער. פאַרוואָס הרגענען זיי די קעג־נערס? צוליב שרעק, פאַרוואָס האַלטן זיי אין איין פאַרגרעסערן זייער פּאָ־ליציי און מיליטער? פאַר שרעק. וואָס מער זיי טוען אָפּ כל דבר אסור, אַלץ ווערט גרעסער זייער שרעק, און וואָס מער עס איז גרעסער זייער שרעק אַלץ מער זינדיקן זיי.

הער וואָס האָט געלעבט ביים סטאַלין־רעזשים אין רוסלאַנד, ווייסט הערפון.

גרויסע שרייבערס לעבן אין רוסלאַנד. עס וועט אפשר קומען אַ צייט און זיי, נישט ווייניקער ווי סילאָנע, וועלן שילדערן יענע עפּאָכע — די עפּאָכע פון מאַסן־שרעק.

אין סאַמע מיטן ניו־יאָרק

ס'האָט באַדאַרפט דויערן כמעט גאַנצע 5 יאָר איידער איך האָב זיך דערוואוסט געגוי וואו מיין טאַטע האָט געלעבט די פּאָר יאָר איידער ער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין מאַנגאַמערי האָספּיטאַל מיט איבער 40 יאָר צוריק. אין מיין זכרון שטייען נאָך די דיקע, דיקע צוזאַנציק אָדער דרייסיק־זייטיקע בריוו דורכגעטעצטע מיט טרערן, וואָס דער טאַטע האָט דער מאַמען געשריבן, און כאָטש אַזויפיל דינגעבישן און פּאַראַיבלס, געדענק איך צווישן טאַטע־מאַמע פון פריער קינדהייט אָן, און כאָטש דער טאַטע, פון זינט איך געדענק אים, איז אַזוי ווייניק געווען אינדערהיים — פלעגט די מאַמע נאָכן באַקומען אַזאַ בריוו שוין אָפּויינען אַ גאַנצן טאָג און איבערלייענען דעם בריוו צו מיר „צו מיין איינציק קינד", וואָס איז דורכגענומען געווען מיט אַזויפיל געפילן, אַז איך האָב זיך אויך צעוויינט, כאָטש אין חדר האָבן אַלע ייִנגלעך געהאַט ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָנבעמען, אויב עמעצן איז געשען אַן עוולה. און איך האָב אויסער דער מאַמען קיינעם נישט געהאַט, — דער זיידע פלעגט קיינמאָל מיר נישט געבן גערעכט.

ס'האָט מיך שטאַרק געצויגן צום אָרט פונוואַנען אַט די טרויעריקע בריוו זיינען צו אונדז קיין פוילן געשריבן געוואָרן. אַ גאַנץ לעבן בין איך געווען אַ יתום, האָט זיך מיר היינט געדאַכט, אַז איך וועל אַליין זיין אין דער וואוי־נונג וואו דער טאַטע האָט געלעבט, וועט מיין לעבן באַקומען ערגעץ אַן אַדרעס.

כ'געדענק ווען עס איז פלוצעם אָנגעקומען דער בריוו קיין פוילן, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן. געשריבן אָט דעם בריוו האָט עפּעס אַ רבייאיש־איניקל פון טאַטנס משפחה. אַן איניקל פון ייד הקדוש האָט צו מיר געשריבן איך זאָל קדיש זאָגן, און, אַז ער האָט זיך באַמיט דעם טאַטן צו לייגן צווישן קרובים פון שומרי שבת. איך בין פון דעם בריוו אַזוי קראַנק געוואָרן, אַז דער פעטער, ביי וועמען איך האָב געלעבט אין וואַרשע, האָט אַזש געמוזט אַרויסרופן דער מאַמען פון שטעטל, ווייל אַלץ אין מיר האָט זיך איבערגעדרייט און האָקטער אהרן סאָלאָווייטשיק, איינער פון די גרעסטע כירורגן האָט באַפוילן זיך גרייטן צו אַן אָפּעראַציע.

און אַ מאָדנע זאַך: דאָרט וואו דער טאַטע האָט געוואוינט ביי יענעם אין אַ צימער אויף דער סאַפאָלק סטריט, איז ערשט אַזוי פריילעך . . .

כ'האָב זיך געפילט אַזוי ווי ווען איך בין געשטאַנען אין פוילן, אין מיין שטעטל, ביים ברודער־קבר פון די צעשאָסענע זעקס הונדערט יידן, צווישן וועלכע עס איז אויך דאָ מיין מאַמע.

מיין מאַמע האָט זיך ביי דער היטלער־אָקופּאַציע אין פּוילן פאַרבאַ־האַלטן אויף אַ בוידעם, האָט אַ שגץ זי געפונען און איבערגעגעבן צו די דייטשן.

כ׳האָב געמיינט, אַז ווען איך וועל זיין אַמאָל ביי אַט דעם קבר פון דער מאַמען, וועט בישט אַנדערש מוזן זיין, נאָר אַ גאַס־רעגן, אָדער דונערן און בליצן וועלן זיין, אָדער אַ שטורעם פון שניי און ווינטן. ערשט אַזאַ מילדער וועטער איז געווען און דער ריוו וואָס ליגט ביי אַ וואַלד שמעקט פונדער־ווייטן מיט מיליאָנען בלומען אויף אים און אַזויפיל טויזנטער פייגל האָבן געזונגען אויף אַלע שפּראַכן.

... ועפּעס אַן אַלטער קרוב פון מיין טאַטן האָט מיר געפירט דורך אַ פלאַנטער פון גאַסן, וואָס זענען אויס ווי גרויסע הויפן, ווייל דאָס גאַנצע לעבן פון די מויערן איז אויף זיי אַרויסגעטראָגן.

עס האָט געשמעקט אויף זיי מיט צוגעזיערטע ביר פון די אַרומיקע ביר־געשעפטן, מיט שאַרף געפּרעגלטס; גוידערדיקע ווייבער האָבן אויס־געשריגן זייערע סחורות אויפן מיטן גאַס. די אַלע מציאות־שטעלן די אַלע אָנבאַטן צו געווינען מיט איין וואָרט דיינס, מיט איין ריר פון פינגער, מיט איין קליינער מטבע האָבן עפּעס געהאַט פונעם שטעטלס סטענגע־ציער פון האַלדז, שווערדן־שלינגער, קונצנמאַכער, עס האָט נאָר געפעלט אַ קאַטערינקע.

דער אַלטער ייד האָט מיר געפירט אין אַ פיר־שטאָקיגע הויז, וואָס איז אַרומגעהאַנגען געווען מיט וועש פון אַלע קאָלירן, ווי אַ שיף מיט פענער. אין די ברוידיקע קאָרידאָרן האָבן זיך אַרומגעיאָגט פאַרברודיקטע קינדער מיט פאַרשמירטע נעזלעך. בראַנדזענע פאַרטאַריקאַנער קליינע מאַמעלעך האָבן געיאָגט צו זיי ווערטער שנעל־שנעל, ווי מען יאָגט אַראָפּ אַ קייט מיט אַן עמער אין ברונעם אריין נאָך וואַסער.

איך קלעטער מיט קרומע טרעפּ און מיר דאַכט זיך, אַז איך קלעטער אַזוי צוריק צו מיין יוגנט, צו מיין קינדהייט.

אויף אַ דריטן שטאָק, מיטן טונקעלן קאָרידאָר עפנט זיך כסדר און פאַרמאַכט זיך אַ טיר. ביי אַ שטריקער־מאַשין שטייען מיידלעך און באַ־יאָרטע ווייבער מיט טיכלעך פאַרבונדן די האָר און שטריקן סוועטערס. אַ ייד אַ ביהעריקער, אַ דיקלעכער, מיט אַ יונג פּנים און מיט אַ געדיכטער, גראָבלעכער באָרד, מיט אַ קורץ געהאַקט קאַפּעטל, און מיט אַ סאַמעטן קאַפּל אויפן גאָלן, ברייטן קאָפּ, גיט אונדז שלום, ווי מען פלעגט געבן אין בית־מדרש אָדער אין חסידים־קלייזל אַן אורח: — פון וואַנען קומען יידן?

אָבער אײדער ער הויבט אָן צו פאַרשטיין די סיבה פאַרוואָס צוויי יידן זיינען עס אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, אינעם רוישנדיקן, האַוונדיקן ביר־יאַרק פלוצעם אַרויס זוכן עפּעס אַ דירה, וואו עס האָט געוואוינט און זיך אָפּגע־מאַטערט אַן אַמאָליקער שבת־יום־טובדיקער ייד אין שטעטל, פול מיט יחוס,

אַן אָפּענער מוח, וואָס איז געוואָרן אַ משכיל, אַוועק קיין אַמעריקע און זיך געמאַטערט ביי פּרעסן הויזן — אײדער מיר האָבן דעם יידל אַלץ געגעבן צו פאַרשטיין — האָבן מיר זיך אָנגעהערט מיט אַ זאַפטיקן יידיש מיט אַ טראַנסילוואַנער הברה מיט דריי ד״ר־רישן. מיר האָבן גלייך געוואוסט, אַז „ברוך השם״ מען מאַכט אַ לעבן, מען האָט פּרנסה, אַז דאָס האָט ער עס דאָס געשעפט מיט אַ שותף, זינט ער איז געקומען פון קאָנצענטראַציע־קעמפּ. אין אַ טונקעלן צימער, פון וועלכן די פענצטער גייען אַרויס צו אַ שוואַרצער וואַנט און דער צימער ווערט גאַנצע טעג באַלויכטן מיט עלעקטריע האָבן יונגעלייטלעך מיט פּילצענע הוטן און פלעשעלעך פּיאות זיך געפּאָרעט אַרום קאַרטאָנענע פּושקעס, אין וועלכן זיי האָבן איינגעפּאַקט די פּאַרטיקע סוועטערס.

— אָט דאָ אין דעם צימער האָט אײער פאָטער עליו השלום געוואוינט — מאַכט צו מיר דער עלטערער ייד, וואָס שטאַמט פון איין גזע, וואָס מיין טאַטע.

כ׳האָב זיך געפילט ווי ווען איך בין געשטאַנען אין מיין לעבן אין אַל־טערטימלעכע ערטער, אין מוזייען, ביי ווענט, אין קעלערס וואו עס זיינען פאָרגעקומען אַמאָל גרויסע געשעענישן, און ערשט דרימלט די אייביקייט איר לאַנגווייליקן דרימל. איך האָב זיך בישט געוואונדערט, אַז דאָ, אינמיטן ניו־יאָרק, אין אַ שטריקער־פאַבריקל האָט מיר אַן עלטערע יידענע גענומען באַווייזן אַ בריוו אין לשון־קודש, וואָס זי האָט פון אירס אַ פעטער באַקומען פון „מאה שערים״ אין ירושלים.

אין טויטן־קאַמער

איך בין אַריינגעפאַלן אין טויטן־קאַמער אַ הונגעריקער; גאַנצע 5 טעג האָט מען מיר אויספאַרשער געהאַלטן אויף צווי הונדערט גראַם ברויט מיט אַ גלאָז וואַסער טעגלעך.

און כאָטש דאָס אָרט האָבן מיר אַלע גוט געקענט פון די צווי גרויסע צוגאָב־שלעסער אין דער דיקער, שטאַלענער טיר, וועלכע מיר זיינען פאַר־בייגעגאַנגען ביים אַראָפפירן אונדז אויפן טורמע־הויף אויף שפּאַציר, בין איך אַריינגעפאַלן אינעם האַזיקן קאַמער מיטן אַן אויסגעשריי:

— חברה! עסן איז עפּעס דאָ?

אַרום זיינען אויף די נאַרעס האַלב געזעסן, האַלב געלעגן אַרעסטאַנטן מיט פינצטערע פּנימער, מיט אויגן ווי זיי וואָלטן אַריינגעקוקט אין זיך. עטלעכע האָבן זיך אַרומגעדרייט רויטערנדיק אָן אויפהער.

אויפן טיש איז נאָך געשטאַנען כמעט נישט געריהרט דער מיטיק; פע־טער זופּ, פלייש, ווייס־ברויט, קאָמפּאָט, טיי. — די אַלע טייערע זאַכן, וועלכע מיר האָבן נישט אַנגעזען אַזויפיל חדשים; דערמיט שפּייזט מען נאָר די וואָס דערוואַרטן דעם טויט.

אָבער צום טויט־פאַראורטיילטע עסן געוויינלעך ווייניק.

מיך האָט דער אויספאַרשער אַריינגעוואָרפן אַהער פּשוט אָפּצושרעקן. איך האָב עס ערשט שפּעטער דערפאַרן.

איך האָב זיך געוואָרפן אויפן זופּ, אויפן פלייש, אויפן ווייסן ברויט.

קיינער פון די אַרעסטאַנטן האָט מיר נישט געשטערט. כ'האָב זיך אָנ־געגעסן ביז דער מאָגן איז מיר שווער געוואָרן.

נאָכן אָנעסן זיך האָב איך מיר גענומען נעענטער אַרומקוקן אויף מיינע שכנים:

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זיינען די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט; מיר זיינען זאַט.

מיינע שכנים זיצן שוין דאָ לאַנג, זיי דערוואַרטן ענטפערס פון העכסטן געריכט אויף זייערע אַפּילן אָדער אויף דער פאַרטאָגיקער שעה, ווען מען וועט עמעצן אַרויסרופן צום דערשיסן אונטן אין קעלער.

איך דאַרף זיך שרעקן, נאָר איך בין גאָר צופרידן און מיר ביינדט זיך אויף דער צונג און נעם פרעגן מיינע פאַרשויבענע, ווי אויפן באַן פרעמדע פּאַסאַזשירן.

איינער שפּייט אויס אין מיין זייט:

— חזיר, כאָטש פאַרן טויט פּאַק זיך נישט אָן דעם בויך.

און איך זע אין מיין זכרון די פּאָר חדשים איינצל־קאַמער, די הונגער־פּאַרציעס וואָס מיין אויספאָרשער האָט מיר זייער אָפט פאַרשריבן פאַרן נישט געבן קיין „לשון".

איך וויל טראַכטן וועגן טויט; וועגן פאַרבינדן מיר די אויגן, וועגן דער אָפּטיילונג זעלנער, וואָס וועט צילן אין מיר. מ׳האָט דאָך מיך נישט אומזיסט אַהער געבראַכט. אָבער איך בין זאַט, איך בין שיכור פון זאַטקייט און דער מוח טראַכט נישט.

מיר איז גוט.

מיין אויספאָרשער האָט מאָרגן אַ פּרעטענזיע צו מיר:

— ביסט טעמפּ ווי דער ערגסטער באַלוואַן און דו ביסט אַן אינטעליגענט? נאָר פרעסן דאַרף מען, ס׳אַרט דיך נישט דער טויט? וועסט ביי מיר הונגערן ווי אַ הונט! הונגערן און לעבן!

אָבער איך בין נאָך פון נעכטן זאַט, אַזוי זאַט פון מיין באַגעגעניש אין טריטן־קאַמער און איך ענטפער אים נישט.

טורמע־קינסטלער

איך טראַכט:

דאָס אָפּגעזונדערט זיך, דאָס קאָנצענטרירט זיך אין אַן ענגער קאַמער מוז אוודאי שטאַרק אַ שליף טאָן די חושים.

אַ פֿויערל פֿון ווייס־רוסלאַנד האָט אין איינעם אַן איינדערפֿרי אַ זאָג געטאָן:

— עס גייען אויף אונדז טויזנט טויטן.

אַ שיינער זאָג!

אַלע ליבן זיך אין דער יונגיטשקער פֿעלדשעריצע, וואָס קומט אונדז איין מאָל אין צען טעג שערן און יעדן צווייטן טאָג קומט זי (אין באַגלייטונג פֿון אַ וועכטער) פֿרעגן אויף וואָס עמעץ קלאָגט זיך און טיילט באַזונדער פּאַנאַנדער באַרויִקונג־טראָפּנס אָן אַ דאָקטער.

עמעצנס אַן אויג האָט שוין באַמערקט, אַז הינטער דעם שיין־פּאַרקעמטן שוואַרצן לאָק פֿון דער באמת שיינער מילך־ווייס־הויטיקער קאַטיען, דער פֿעלדשעריצע אונדזערער, ציט זיך פֿאַרבאַהאַלטן אַ ברוינער פֿלעק נעבן שליף.

ער האָט אונדז דערציילט דאָס און געוועזן פֿיאיק צו הערקלערן זיינע צעשפּאָלטענע געפֿילן פֿון רחמנות צום איינציקן גוטן וועזן פֿון דער טורמע־אַדמיניסטראַציע, און די בקמה זיינע צו אַלע מענער אויף דער פֿריי, וואָס „שאַרן" זיך מסתמא צו קאַטיען.

זאָל, הייסט עס, זיער גליק נישט זיין גאַנץ...

קאַטיע האָט אַ פֿעלער אויפֿן פּנים...

געזאָגט האָט עס אַ פּשוטער באַן־אַרבעטער פֿון אַמסק, מענטשן ווערן קינסטלער אין טורמע.

ביי מאָפּאַסאַנען אין דער דערציילונג וועגן בירגערמייסטער, וואָס האָט פֿאַרגוואַלטיקט אַ מינדעריעריק מיידל און זי נאָך דערמאָרדעט, ווערט דער־ציילט, ווי דער זעלבער בירגערמייסטער האָט צוזאַמען מיטן דאָקטער און פּאָליציי־פֿאַרשטייער אָנטיילגענומען אין אַן אויספֿאָרשונג ביים „געפֿונענע" דעם טויטן קערפּער פֿונעם קינד.

דער בירגערמייסטער, וואָס האָט גוט געשפּילט די ראָל אַ שטיקל צייט פֿון אַן אויפֿגערעגטן היטער פֿון געזעץ, ביז דאָס געוויסן האָט אים שפּעטער דערפֿירט צו זעלבסטמאָרד, אָט דער בירגערמייסטער באַקוקט דעם טויטן קערפּער און דערזעט אויף אים די מינדסטע קלייניקייטן, אפֿילו אַ פֿאַרבן־

שפּיל, אפילו אַ שטיקל צעריסענע העמד, וואָס פלאַטערט אויפן ווינט, אפילו אַ וועראַצעלע ביים האַלדז.

ביי טאָלסטאָיען האָט איר דאָס זעלבע אין „טויט פון איוואַן איליטש".

דאָס פויערל פון ווייס־רוסלאַנד, צי זשער באַן־אַרבעטער פון אָמסק, ווערן פאַמעלעך קינסטלער אין טורמע.

זייערע חושים שאַרפן זיך צווישן טורמע־ווענט, וואָס טיילן זיי אָפּ פון דער וועלט.

פרויען

זי איז אַזוי צאַרט, זי איז אַזוי דין — כאַטש גיב אַ בלאָז און זי צעפליט זיך ווי אַ פוך־בלום.

ס׳איז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ערגעץ אין אַן אַמעריקאַנער שטעטל.

אַן אומעטיק רעסטאָראַנטל נעבן וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער צווישנשטאָטישער אויטאָבוס.

אַ גאַנצן וועג האָט זי מיר דערציילט וועגן איר פּראָפעסיע פון אַן אַקראָ־באַטין אין אַ צירק. זי איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ שטריק, איבער וועלכן זי האָט געשפּרייזט און געלויבט צו גאָט, אָפּגעקומען בלויז מיט עטלעכע צעבראָכענע ריפּן און מיט אַ צעשעדיקטן האַלדז. זי פאָרט ערשט פון דער מאַמען אין קאַנאַדע ביי וועמען זי האָט זיך אַ פּאָר חדשים דערהאַלט נאָכן שפּיטאָל. ערשט פאָרט זי צוריק קיין ניו־יאָרק; זי וועט זיך שוין מער מיר איר פּראָפעסיע נישט קענען פאַרנעמען. זי זופּט שוואַרצע קאַווע און רויכערט אַ דינעם סיגאַרעט און דער קלאָרער רויך איז שטאַרק ענלעך צו איר פיגור; זייד, וואָס קרייזלט זיך אַרויף, קרייזלט, קרייזלט זיך אַרויף.

זי וואַרפט אַריין אַ דאַים אין עפּעס אַן אַפּאַראַטל און דאָס פאַרשלאָפענע רעסטאָראַנטל כאַפּט זיך אויף פון עפּעס אַ הויך נעגעריש ליבע־ליד.

דאָס געזאַנג איז אַזוי פּליישיק־מגושם קעגן איר פוכיק דין וועזן!

און דאָרט, אין סיביר, איז עס אַזוי אַנדעריש געווען!...

נאָך צוויי יאָר נישט אָנקוקן פאַר די אויגן קיין פרוי האָבן מיר זי פּלוצעם דערזען.

מיר האָבן אין איינעם אַ פרייליגג באַקומען אַ לייכטע אַרבעט פאַר לאַ־גער־באַדינגונגען.

מיר האָבן אַרויסגעפירט די פאַרפרוירענע שטיקער מיסט פון אונדזער לאַגער־אָפּטריט אויף די פעלדער. מיר האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין אַ שליטן און אַרויסגעפירט דעם שליטן פון טויער. ווייטער דאַרף מען שוין אַ ספּעציעלן קאָנוואָי, דאָרט האָט מען שוין געוואַרט מיטן פערד אויף איינצושפּאַנען אים אין שליטן און פירן אים ווייטער ביז אויף די פעלדער. זי איז געווען די אַרעסטאַנטין, וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט צו אַרבעטן אָן אַ וועכטער.

אַ הויכע שטיק, אַ גראָבע, מיט אַ בוזעם פאַרשאָסן אויף אַרויף, אַנגעטאָן

אין וואַטענע הויזן האָט זי עס אָפּגעטומען פון אונדז אַרעסטאַנטן די פורן מיט מיסט.

געהאַט האָט זי אַ מענערישע שטים און מיט מיאוסע באַוועגונגען כסדר געריצט זיך מיט אונדז, אַז מיר „טויגן שוין צו גאָרנישט"...

עס האָט אונדז געדאַכט ווי נאַטשאַלסטווע וואָלט ספּעציעל צוגעשיקט אָט דאָס פּאַרזענעניש אונדז מיאוס צו מאַכן דעם זכרון פון דעם אידעלן און צאַרטן, וואָס יעדער פון אונדז האָט באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון זיין נשמה.

מיר האָבן דעמאָלט פּיינט געקראָגן אַלע פרויען אויף דער וועלט.

אין קליינע שטעטלעך

ווידער אַמאָל פעלדער, פעלדער, פעלדער, און דאָ און דאָרט — פאַרמס און די לאַנגע שלאַנקע העלדזער פון פערד וואָס בייגן זיך אַן אַזוי נאָענט צו דער ערד אויף דער פאַשע און בהמות און אַ סטאַדע שעפסן.

עס הערוואַרטן אים קליינע אַמעריקאַנער שטעטלעך פאַרבענקטע און גלוביקע מיט נייגעריקע אויגן, מיט קינדער וואָס שפרינגען נאָך אַלץ אַרויס פון די הייזער ביים אַנקום פון באַס, מיט אַ הויפּט־גאַס און קליינע געסעלעך אין דער זייט, מיט אַ שפּיטאָלעכל, אַ קלויסטער, לעצטע הייזער וואָס שפּרייזן אַוועק אויף אַ בערגל צו אין אַ טאָל.

אין די דאָזיקע שטעטלעך וועט אוודאי עפּעס געשען אויסטערלישעס ווי אין די אַלע ראָמאַנען וועלכע ער האָט געלייענט.

ער זיצט אויף אַ הויך־בענקל אין אַ פאַרשלאָפן רעסטאָראַנדל די פון אונטערן טונבאַנק, פרעגט אים נייגעריק פונוואַנען ער קומט, כדי איר צו פאַראינטריגירן, טראַכט ער אויס אַן אויסטערלישע געשיכטע. אים איז אַזוי ליב ווי דער פשוטער פרעמדער מענטש פילט אים מיט. ער זאָגט איר אַזוי פיל גוטע ווערטער וועגן איר פיצימאַנציק שטעטעלע. זי קלאָגט זיך אויף איינזאַמקייט און ער רעכנט אַן אַזוי פיל לשון־הרע אויף דער ריזיקער שטאָט, די שטאָט וועלכע ער האָט אַזוי ליב ווי אַ וואונדערלעך אינטערעסאַנטע פרוי וועלכע האָט אין אים געפּעלשט. אָ ווי ער האָט ליב די גרויסע שטאָט! זי איז שיין אין איר עלנט אין די מיטנאַכטיקע רעסטאָראַנען און שיין אין דער לאַנגער פּראָצעסיע פון שורות מענטשן אויף די ברייטע טראָטואַרן. אַזוי פיינט האָבן קען מען נאָר ווען מען האָט שטאַרק ליב.

דאָ אינעם קליינעם שטעטל וועט ער זיין אַזוי גוט! ער וועט מאָדנע משוגעט אַ פייף טאָן צו ווילד־פרעמדע קינדער כדי אַרויסצורופן אַ שמייכל אויף זייער געזיכט, ער וועט זאָגן מענטשן וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געזען אַ „גוט־מאָרגן" מיט אַזאַ פּנים ווי ער וואָלט זיי לאַנג־לאַנג געקענט. ער וועט קויפן פּאָפּ־קאָרן און זיי אַ וואַרף טאָן צו טויבן, אַז זיי זאָלן זיך צו־נויפקומען פון אַלע עקן.

ער וועט זיין לייטיש־שטיל און נישט האָבן זיינע נאַרישע תרעומות צו גאָט פאַרוואָס ער מאַכט טעותים און עס ליידן דערפון דאָס גאַנצע לעבן בלינדע, הויקערס, קאַליקעס און באַשעפענישן וואָס מוזן פויזען אויפן בויך באשר זייער עלטער, עלטער, עלטער זיידע האָט צוגערעדט דעם ערשטן מענטש צו עסן פון עץ־הדעת...

די מענטשן וועלכע איך זע נאָר איינמאָל בלויז

די מענטשן וועלכע איך דערזע ערגעץ אויף אַ ווייטע גאַס, פון אַן אויבערשטן שטאָק אַראָפּקוקענדיק.

אויף אָט דער גאַס וועל איך מער נישט זיין.

די מענטשן וועלכע איך דערכאַפּ קוים מיטן בליק אין פאַרבייפליענדיקע צוגן.

האַלב־רגעדיקע באַקאַנטשאַפטן מיטן אויג בלויז.

מיר קענען זיך נישט און זייערס אַ בליק בלייבט אין מיר שטיק.

די מענטשן ווערן אַמאָל נאָענט ביי דער קלענסטער סיטואַציע.

איינעם אַ פאַרנאַכט, אַ גאָלדענעם פאַרנאַכט אין אַ ווייט פרעמד שטעטל ביים ברעג פון ים בין איך אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ ניגון.

איך האָב געזעגנט פון זיך אַליין אויף וויפל מיינע שטים־בענדער האָבן עס דערלויבט אַ פראַגמענט פון „מאָצאַרטס 24טע", דעם פיאַנאָ־קאָנצערט אין „סי" מינאָר וועלכן איך האָב אַזוי ליב, ווייל דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געהערט אין אַ הויז פון אַ ליבן פריינד און ביי אַ העצידרינגדיקן מאָמענט אין מיין לעבן.

איך האָב געזונגען מיט מיין שלעכטער שוואַכער שטים דאָס, ביי וועלכן אַרטור רובינשטיין אַרבעט אַזוי אַריין, אַז יעדער קלאַנג זאָל זיין ווי אַ „אל מלא רחמים" נאָך אונדזערע שעהען וואָס ציען זיך אַלע אַהין, אַהין, אַהין, אונדז נישט פרעגנדיק.

און מיטאַמאָל הער איך פאָרזעצן די ענדע פון צווייטן טייל די „לאַרגעטטאָ", וואָס ס'דוכט זיך אַז עמעץ, עפּעס אַ ידין פאַרחלומט ווען וואָלט אויסגעטאַנצט אויף די שפּיץ־פינגער אַזאַ פאַרצוויפלטן טאַנץ צום אַוועק־גייענדיקן לעבן.

די ערשטע באַקאַנטשאַפט איז שוין געמאַכט געוואָרן, זי איז אַ פיאַנאָ־שפּילערין. אַ לערערין פון מוזיק אין שטעטלס מוזיק־שול.

אַלע פרטים פון מיין לעבן מוזן אַזוי ווייט זיין פון איר לעבן.

נאָר דער פאַרנאַכט איז גוט צו אונדז ביידן און דער ניגון איז אונדזער בייחנס שפּילן.

צו איר פאַרבאַרגענעם שטעג

„... לנתובך הנעלם"
(ביאַליק)

ס'איז געקומען צו אַזאַ מאָמענט אין זיין לעבן ווען ער האָט אין זיין זכרון געבענטשט ווי אין אַן אַלטן שופלאָד און אַרויסגעוואָרפן דאָס אַי־בעריקע, דאָס בישט־בויטיקע און אַז ער האָט געטראַכט וועגן איר, האָט זי זיך אַליין שטענדיק באַגלייט ווי אַ גוטער טיפער ניגון באַגלייט זיך מיט צוגעפּאַסטע הינטער־טענער. ווען ער האָט נאָר געטראַכט וועגן איר איז אים געשטאַנען ח. נ. ביאַליקס ליבע־לידער „לנתובך הנעלם" — „צו דיין פאַר־באַרגענעם שטעג".

זי איז אין זיין לעבן אַריין און אַרויס אַזוי געשווינד, און דאָך איז זי געווען ווי אַ קאַמער־טאָן פאַר אַ סך געשעענישן. מיט איר האָט ער זיי געמאָסטן, מיט איר האָט ער זיי פאַרגליכט.

... צו איר פאַרבאַרגענעם שטעג...

ער האָט איר אומדערוואַרט ווידער באַגעגנט אין יענעם ווייטן לאַנד וואו ער האָט זיך פאַרלוירן און ער האָט אַזוי קיינעם בישט געהאַט, קיינעם בישט. נאָך זיבן יאָר באַגעגנט.

אָט ביידע זיינען דערנאָך געשטאַנען אינעם פּאַרק וואָס איז ווי אַן אינדזל אַריינגעשניטן אין וואַסער און ביימער צעדרייטע האָבן געהאַלטן אין איין וועלן נאָכשפּרינגען די כוואַליעס און דאָך געבליבן שטיין אויף איין אָרט.

זי האָבן זיך געשטעלט אין ביידע זייטן פון אַ בוים צום ווייטן טייך פאַרקוקט.

קען דען זיין נאָאיווער?

און זי האָט אים דערציילט פון איר מאַן דעם פּליער וואָס איז אויך דאָ אין שטאָט נאָר ער איז ערגעץ אַוועק עפּעס קויפן און זי איז ערשט דערזיבער פריי.

פריי צו אירע מאָדנע ווילדקייטן וואָס דער מאַן פאַרשטייט אודאי נישט.

אָט אַזוי ביי דער האַנט אָננעמענדיק האָט זי דאָך אים געפירט אין דער טייגע זען דעם וואונדערלעכן פאַרנאַכט.

אָט אַזוי האָט זי זיך דאָך צעגליט ווי דער פאַרנאַכט אַליין וואָרפנדיק אין פייער אַלע אירע שיינקייטן ווי אין אַ גאָטעס־דינסט פון פאַרצייטנס.

זי האָט אַזוי וויניק שטענדיק גערעדט, געשוויגן ווי אַ בוים.

זי איז אַזוי פאַרוועבט געווען מיט דער אַרומיקער נאַטור, אַז ווען ער

האָט זיך אויסגעדרייט צום מאָדנעם געשריי פון אַ וועווריק, צום שאָרך פון אַ האָז, צום שנעלן שפּריינג פון טריט פון אַ הירש — האָט ער איר געזען.

ער האָט נישט איינמאָל געטראַכט: דאָס דאָזיקע ווענן איז עפּעס דורך אַ צופאַל פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין דער סביבה וואו מ׳איז אַזוי קלוג און מען יאָגט זיך איינעם דעם צווייטן איבערצוקלוגן.

געבענטשט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן באַגער צום לעבן און מיט אַ לייכטקייט דאָס לעבן אָפּצוגעבן ביי יעדער קלייניקייט, האָט ער דאָך איר אַליין געראַטעוועט פון אַ זעלבסטמאָרד פּרואוו.

עפּעס האָט זי עמעצער פאַרשעמט אין שפּיטאָל וואו זי האָט געאַרבעט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער.

ער האָט אַ סך כוחות אָפּגעגעבן איר צו ראַטעווען.

ווידער נאַריש ווי אין אַ ביליקן ראָמאַן.

אָבער זי איז דאָך אַזוי אַנדעריש געווען, אַזוי וויט פון טראָפּאַרעט און ביליקייט.

ס׳איז אים ליב צו וויסן אַז זי, אַט די ווילדע וואונדערלעכע ציג פירט ערשט אַן מיט יענעם שפּיטאָל אין וועלכן זי האָט געפּרואווט באַגיין זעלבסט־מאָרד. זי איז דאָקטער, כירורג, ד״ר ק. מ.

פאַרוואָס זי האָט אים נישט געשריבן אַלע יאָרן?

צו דעם דאָזיקן נאַטור־קינד דאַרף מען נישט האָבן מער קיין פּרעטענזיעס ווי צו דער נאַטור אַליין. מען פרעגט דאָך נישט פאַרוואָס לויפט אַזוי די קאַץ נאָך דער מויז, פאַרוואָס מוזן אַזויפיל זאַכן אומקומען כדי עפּעס זאָל בלייבן לעבן? אָ, ווי זי האָט פיינט געהאַט די אַלע מעדיטאַציעס! — —

— —

יאָ, ער ווייסט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ סך וויכטיקערס וועגן וואָס צו טראַכטן, דאָך פירט אים דער געדאַנק אַלץ אָפּטער אַרויף אויף אָט דעם קליינעם פאַרוואָס? ווער ווייסט?

אָפּטײלונג

• פינף

לידער

שטעטל

גייט מיר נאָך דער לעצטער וועג,
וואָס פּלאָנטערט זיך פון געסעלעך אַרוים
און אַנטלויפט אין דער וועלט אַריין.

דאָ שטיי איך נאַכט ביי נאַכט און הער זיך איין:
ווידער קלאַנג פון ווידערקלאַנג
טוליעט זיך צום טויערל
פון פאַרלאָזענעם בית־עולם.

אַ וועלט אַ גאַנצע טיילט מיך אָפּ,
און וואו איך שטיי — שטיי איך אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ.

און וואָסער איז אַלץ דאָ אויף דער וועלט
מער ווי ערד,
און איך שטיי נאָך אַלץ אויפן לעצטן וועג
איינגעהערט.

דער נביא וואָס איז נישט אַריין אין תנ״ך

דער נביא וואָס איז נישט אַריין אין תנ״ך
וויינט אין מיר שטיל אוים זיין פאַריבל,
ס'איז אַ לעבן אַ זית געוועזן זיין סכך,
ערגעץ אין די בערג אויף זיין אָרים שטיבל.

ס'אייגן לעבן געלאָזט אויף גאָטס באַראָט,
אויף צו פאַנגען דאָס וואָרט דאָס גליאיקס,
און האָט מען אים פאַריאָגט פון דער שטאָט,
האָט ער פאַר צוויי יידן געזאָגט נבואה.

אַ נביא, וואָס איז נישט אַריין אין תנ״ך,
כ'האָב אַמאָל ביים כרמל געזוכט אַ שפור פון דיין טריט,
און ס'האָט אַ סטעזשקעלע פון סטעזשקעלעך אַ סך
געפירט מיך צו דיין פאַרגעסן ליד.

איך גיי אויף לוויות

איך גיי אויף לוויות
אין אַלע פיר עקן פון שטאָט,
ס׳שטאַרבט אַלץ דער, ס׳שטאַרבט יענער.

איך זאָג: זאָל זיין אָפּגעשיידט,
איך בין פון אַלץ דער יבדל לחיים,
כ׳קלייב אויף די שיריים
פאַרנאַכטן, אויפגעענגס, די פרייד
פון טאָג, אַ קינדס אַ שמייכל,
וואָס דער „יענער" האָט מיר איבערגעלאָזט.

דער גוטער גאָט
פאַרקוקט אַלע מיינע פאַרטלען
זיך אויסצובאַהאַלטן פון טויט
און שמייכלט.

נאָר אַמאָל וועל איך זיין „יענער",
אַלץ וועט נישט געהערן מער צו מיר,
די פרעמדע פיס וועלן ליגן צום טיר,
מ׳וועט זאָגן: זאָל זיין אָפּגעשיידט,
און איך וועל זיין אָפּגעשיידט
אויף אייביק.

אויף ווייטע וועגן

אַ פריידיקער מענטשלעכער סימן
אויף ווייטן, פאַרוואָרפענעם וועג,
ווי אַן אויפגעהויבענער סעמאַפאָר: מען מעג! —
הויבט זיך אויף אַ שטאַנג פון אַ ברונעם.

ס׳ווערט מיין קיניגרייך גרויס,
מיין מלכות ווערט גרעסער, ווערט שענער,
ס׳פלאַטערן ווייסע פענער:
וועש צעהאַנגענע פאַר יעדן הויז.

פאַרנאַכט ברענט ווי דער מאָן
און פאַרגיסט די וועלט אין צונטער,
נאָר הייזעלעך גיבן זיך אונטער,
און צעוויגן וועש ווי אַ פאָן.

לאָמיר פאַרהאַלטן דעם זומער

לאָמיר פאַרהאַלטן דעם זומער,
לאָמיר אים פאַרהאַלטן,
לאָמיר דעם גרינעם גערויש זיינעם באַהאַלטן,
לאָמיר אים אָנבינדן ביים שטאַרקן בוים.
הינטערן בוים איז דאָ אַ שייער
און טירן שטייען אָפן.

די רויטע אויפגעגנגס לאָזן איבער צויטן בלאַסע,
און פון די פאַרנאַכטן בלייבן העלע פאַסן,
לאָמיר זיך פאַרגאַרטלען מיט זיי,
לאָמיר זיי פאַרבינדן
צו די שטאַרקע פלאַנצן, וואָס ציען זיך פון וואַסער,
לאָמיר פאַרבאַהאַלטן דעם זומער,
לאָמיר אים פאַרנאַרן,
אין די טיפע טאָלן — וועלטס ליבע־וואונדן,
לאָמיר אים נישט לאָזן שיידן.

זוך נישט אין מיין האַרצן קיין סך

זוך נישט אין מיין הארצן קיין סך,
ס׳זיינען אַלע מיינע שפּרוכן אויסגערונען
פאַר זיסער מינוט, פאַר באַשערטער,
זיינען געבליבן אַ פּאָר שטילע ווערטער,
און פאַר געדענקשאַפט —
אַזויפיל בענקשאַפט און בענקשאַפט און בענקשאַפט,
וואָס כ׳האָב צוריקגעוואונען.

ווער וויים נאָך, ווער קען נאָך די שפּראַך
ווי איך פון אַ קעסטעלע שיין,
וואָס גליטשט זיך פאַרביי אויף דער וואַנט,

(ס׳איז אין טורמע דאָס איינציק געשאַנק)
נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך,
וואָס זאָל הייליקער זיין ווי די פּיין
און ס׳ווייס שוין קלאָר מיין געדאַנק,
אַז ביזט ווי אַ שטראַל פאַרביי
און האָסט מיך איבערגעלאָזט, —
זיך נאָרן מיט זכרונות פון לאַנג,
און די וואָר איז אַ געדעכעניש בלויז.

כ׳בין לאַנג שוין פון זיך אַרויס,
ווי פון אַן אַלט אָפּגעלאָזן הויז,
און מיין שפּרייז, מיין עלנטער שפּרייז
איז ביי זיך אַליין אין דער פרעמד,
ביי זיך אַליין אין דער פרעמד.

די פידל

כ׳זאָג דיר: מען דאַרף האָבן כוח,
געדולד דאַרף מען האָבן בשעת
עס גיט אַ צעקריג זיך די פידל,
אינמיטן דער שפּיל מיטן באַס.

וואָס איז געשען? נו זאָג זשע,
די יונגפרוי, די פידל, זי בענקט,
זי האָט אַ פאַרגעסענע ליבע
פּלוצעם אין שפּילן געדענקט.

אין וועמען פאַרליבט זיך אַ פידל?
אַוודאי אין נעכטיקע טעג,
דער באַס — איר מאַן אויף דער עלטער,
אָט וואַרפט ער זיך גלייך אין געשלעג,

און ברומט ווי אַ בער אויס זיין בו בו,
אַזאַ מין איינטאָניק געברום,
אַזוי ווי די שעהען וואָס קריכן
פּוסט אַרום זייגער אַרום.

און זי, די פידל, זי פרואווט זיך
אים נעמען מיט גוטינקע רייד:
— כ׳בין דאָך ניט מער ווי אַ פידל,
וואָס גלייכסטו מיך צו צום טרומפייט?

יענער געוואוינט איז צום טומל,
זיין סוד איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד,
נאָר ער מאַכט אַרום אַזאַ ליאַרעם
ווי ער וואָלט עס געפונען אַ גאָט.

און איך בין געוואוינט צו באַהאַלטן
אפילו מיין פיצעלע גליק,
און אין די אייגענע טרערן
ווער איך נישט איינמאָל דערשטיקט.

נאָר וואָס פאַרשטייט זיך אַ באַס דען,
ער הויבט־אויף אַ גראַשן פון מיסט,
און צו די הימלען דער פידל
באַלד וועט זיך געבן אַ ריס.

דזשאַז

יינגעלע, דאָס פעטערל איז צעדרייט:
ר׳האָט אָנגעטאָן די זון ווי אַ מיצל אויפן קאָפּ,
די אַרבל אַרויף, דעם קאָלנער אַראָפּ,
און די שטערנס אין מאַנטל איינגענייט.

ער שפּילט אויפן וועלדל ווי אויף אַ קאַם,
און ס׳איז דאָס וואָלקנדל זיין ביבעלע פּאַפּיר,
ווייַ איז מיר, ס׳איז זיין ציר
די גראָבע רייד פון שיכורן כאַם.

יינגעלע, אַנטלויף, אַנטלויף,
פעטערל האָט אַלע טויערן פאַרמאַכט,
און פרי געמאַכט נאַכט, כאָטש ס׳איז ווייט צו נאַכט,
און ליגט אין ווינקל מיד באַזויפט.

מענדעלע

נאָכן חורבן דעם גרויסן, ווען אַ ייד איז אַ רענדעלע,
לייען איך דיך ווידער זיידעניו, מענדעלע.

ביזט געקומען צו מיר אַ גאַסט אינדערוואָכן,
אַ רעג טאָן, אַ וועק טאָן אַ ביסל בטחון.

אָמר ר׳ מענדעלע, זאָגט ערשט ר׳ מענדעלע:
וואָס האָט צעוויינט זיך איצטער מיין סענדערל?

— אַ זיידעניו, ס׳איז אומעטיק און כ׳קוש אוים די טריט ערשט
פון בנימין דעם לעצטן, פון בנימין דעם דריטן

וואָס גיט מיר נאָך שלום און רעדט צו מיר יידיש,
ווען מויערן די אויערן לייגן צו ווי אויף חידוש.

מיר האָבן זיידע געהערט דיך און וויסן געקליבן
און זיינען אַלצאיינס נאַראָנים געבליבן,

און פונקט ווי אַמאָל נאָך יאָרן, נאָך וואָכן,
געבליבן ביים יידישן מינהג: בטחון.

נישט פרי, נישט שפּעט, אַזוי זיך אַ בייטאָג

דאָס האָב איך צונויפגעשאַרט נידעריק איבער גאַסן,
ווען עלעקטריש ליכט האָט געברענט בייטאָג,
און פרעמדע בליקן האָבן אַזוי געבענקט נאָך מיר.
דאָס לעבן האָט אויסגעזען ווי אַרויסגעטראָגן אין גאַס,
דאָס ביסל עלנטקייט האָט זיך פאַרקליבן צווישן ווענט.
(ס׳איז פאַר אַלע, אַלע דאָ אָן אינעווייניק
וואו מען גרייט זיך צו אַ יום־טוב).
ביימער קומען צוריק פון וויטן וועג
און ברענגען מיט דעם פאַרבענקטן ערגעץ מיט זיך.

ס'איז געווען נישט פרי, נישט שפּעט,
דער זייגער איז ווי געבליבן שטיין
דערעסן אים געווען די שעהען צו ציילן,
און איך בין צוזאַמען מיט דער גאַס
געבליבן שטיין ביים ראַנג פון גאַס,
וואו דאָס ביסעלע שניי
פאַרשטעקט פון בושה זיך
אין אַ ברעגל קויט,
דער רעגן האָט דין-דין געטריפט,
ווי ער וואָלט וואַשן פון אַ גרויסער זינד
די וועלט.

„איבער אַללען גיפּפעלן"

אַלע געמעלער
שווייגן אין שטוב,
פון טיפע טעלער
וויינט אַרויס
ווי פון אַ גרוב.

טאָג און נאַכט וויגן זיך,
ווי אויף אַ וואָג.
אַ מאַנטל האָט זיך אויפגעהאָנגען
אויף אַ האָק
(פון פאַרדרוס)
און וואַרט דאָס זעלבע
פון זיין באַלעבאָס.

וויוואַלדי

אויף אַלע דיינע פאַרפלאָנטערטע וועגעלעך
גיי איך געהאַרכזאַם דיר נאָך.

אַוונט-שיין וועט די שכינה זיין,
ביז שויבן וועלן נעמען וואונדער דערזען.

די גאַנצע וועלט ווערט עק גאַס צום פעלד אַרויס,
דעם שיינעם טרויער צו באַגעגענען.

דורות שטייען קעפּ אויף קעפּ,
און איך האַלט נאָך ביים אומעט פון טרעפּ.

וואָס זיינען יאָרן? וואו זיינען מיינע יאָרן?
אין מיר דער טרויער פון ליידיקע קאָרידאָרן.

עמיץ גייט אַדורך, עמיץ שליסט אויף אַ טיר
און לאָזט דעם קלאַנג פון שלאָס איבער מיר.

מיין כלה לערנט זיך אַ קנוילעכל אויפצובינדן,
די מאַמע זאָל צום שידוך מסכים זיין.

אין „פיונעראל פּאַרלאָר״

מיטן שדכן פון מיין אייביקער רו,
מיטן באַלעבאָס פון „פיונעראל״, בין איך אויף דו.
ער זאָגט מיר גוט מאָרגן און פרעגט וואָס איך טו
„האַו דו יו לאַיק?״ כ׳שענק אים אַ סיגאַרעט,
ער פּאַרציט אַ רויכל און פרעגט מיר מיין מיין
אין וועלט-פּאָליטיק, אויף אַלץ וואָס געשעט.
— איר ווייסט, זאָג איך, ר׳ קרוב, דער טויט ביי אייך איז צו שיין.
איך האָב זיך דערשראָקן פאַר אייערם אַ מת,
וואָס זעט אויס ווי לעבעדיק און טונקט זיך אין בעז,
מיט אַ צוגעפאַרבט געזיכט און געשמינקטער ברעם,
דער מת האָט פאַר מיר זיך געשעמט, איך האָב פאַר אים זיך געשעמט.
אויב טויט, זאָל זיין טויט, ווי איך געדענק
פון שטעטל דעם טויט, די וועלט איז אים ענג,
ווען דער טאָג און די וואָלקנס און ס׳ווינטל פאַרנאַכט,
האָבן מיטן וועג צום בית-עולם אַ שותפות געמאַכט,
אַזאַ טרויעריק שותפות מיטן גראַשן אין קוואָרט
„צדקה תציל״ צום טויט צוגעפאָרט.

און בלויז אַהין, אַהין, אַהין
מיטן ווינט די ביימער ציִ׳ן.
און די וועלט, די גאַנצע וועלט בלייבט אַליין, — — —
דער טויט איז ביי אייך צו שיין.

צו מיין אייניקל

און צו מיין אייניקל, חנהלען, זאָג איך:
— ווייס, אַז דו האָסט אַן עלטער־זיידן געהאַט,
דעם ייד הקדוש, איז וויל איך, קינד מיינס,
זאָלסט האָבן אַ גאָט, און נישט קיין „גאָד".

וואָס ר'איז געווען וועסטו זיכער נישט וויסן,
אָבער ביזט פאַרט פון אים דער נייַנטער דור,
אַ שטראַל פון אים פאַרפלעכט זיך
ווי אַ בלימל אין דיינע גאָלדענע האָר.

זאָל בלייבן ביי דיר כאָטש זיין לשון,
דאָס מעשהלע דערציילט זיך אַליין:
ער האָט זיין לעצטן צאָן גערופן רשע,
ווייל ר'איז אים אין מויל געבליבן שטיין.

און נישט אַרויסגעפאַלן אים פאַר פחד
פאַר גאָט, אַ רשע אַ צאָן,
דאָס מעשהלע האָט ביי דיין זיידן
דאָס גאַנצע לעבן געמאָנט.

געפלאַמט זיין נשמה פאַרלאָשן
אין טעג פון נסיונות אַ סך,
זאָל בלייבן ביי דיר כאָטש דאָס לשון,
זיין לשון אין דער אַרומיקער נאַכט.

יאַנוש קאָרטשאַק צווישן די קינדער אין געטאָ

אַלע תפילות קומען צוריק ווי בריוו אָן אַדרעסן:
„גאָט וואוינט דאָ לאַנג נישט, ער איז אין דער פרעמד";
מע שעמט זיך שוין מער נישט מיט דער לייזיקער העמד,
וואָס האָט דאָס שיינע מיידל־לייב אַ העלפט שוין צעפרעסן.

מע איז נישט געוואַשן, מע איז נישט געקעמט,
מע שעמט זיך שוין לאַנג נישט מיטן אייגענעם פנים;

אויב די צורה פון מענטשן אין גאָט טוט דערמאָנען,
וואָלט גאָט זיך אַוודאי אין די הימלען פאַרשעמט.

זאָג, אָ, זאָג, ווער האָט אויסגעטראַכט,
אַז צייט זיך צעטיילט אויף טעג, אויף חדשים,
אַז סע רעדן די פאַרבן, די שטומע, מיט לשון,
אַז פאַראַן אַזאַ בריק פון טאָג צו דער נאַכט? —

אַז דער טאָג פאָרט מיט גליק זיך אין פאַעטאָס אַ פאַרגלייך? —
די זון ווערט ווי ברויט דאָ אויף לויטן געוואויגן;
דאָס יינגעלע וואָס האָט שוין נישט מער ווי די אויגן,
ווי אַ מייזל דערשראָקן דאָס געסעלע ווייכט.

ווער האָט אויסגעטראַכט, אַז שיין איז דער בוים,
וואָס שפּילט זיך מיט קינדער אינמיטן די גאַסן;
אַז דער ווינט זיך בייזערט, אַז דער רעגן טוט שפּאַסן,
און טרייבט די לייט פאַנאַנדער אַהיים?

די פלאַמיקע ליבשאַפט פון אַ מאַמע צום קינד,
פון אַ קינד פון דערזען זיין מאַמען דאָס גליק?
דאָ ווערט אַ זויגלינג מיט די הענט דאָך דערשטיקט,
ווייל ס'איז דאָס וויינען אין בונקער אַ זינד.

טאָ ווער איז דער מענטש, וואָס טראָגט פייגל אין טאַש
און פול איז זיין בוזעם מיט פרילינגס-פרימאָרגנס,
און אין זיינע אויגן זיינען שליסלען פאַרבאָרגן
צו געהיימע פּאַלאַצן אונטערן אַש?

דאָ וואַלגערן זיך מתים באַדעקט מיט פּאַפּיר,
אין דער הויך נאָר די וואָלקנס עס פּראַוועון לוויות,
נאָר ער קומט ווי אַ מעשה אַריין מיט אַ נייעס:
די וועלט איז גאָר נאָענט, ווי אַ מאַמע ביים טיר!

דאָס טשייניקל סיקעט: אַמאָל... אַמאָל...
עס גאַפן די קינדער צו מעשיות, צום וואונדער:
דער זיידעשי ברענגט פון הימל אַרונטער
די זון, די לבנה און שטערן אַן צאָל.

צו איינער

און צו דיר נייגן זיך אַזוי פּשוט מיינע מעסלעסן,
אַלע מיינע שיינע ניגונים לאָז איך איבער,
כ׳ווייס אַז דיר איז ליבער
אַ נאַרישע טאַנגאָ, וואָס כ׳האָב לאַנג שוין פאַרגעסן.

אויף אַלע מיינע בריוו שרייב איך איבער די אַדרעסן,
ים אַריבער, לאַנד אַריבער, לעבן אַריבער,
צום שייבעלע דעמער, צום נישט דאַאיקן פיבער,
צו אַ ווייטן שטערן, צו דיין וועזן.

צום סאָנעט

אין שטילן, קילן הויז פון דעם סאָנעט
איך רוים, ווי אַ גזלן זיך אַריין ביינאַכט,
דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז געוואָרן וואַך,
דעם באַלעבאָס איך שלעפּ אַרויס פון בעט.

— „איי קיל יו" — קאַלטער, אַלטער שד,
מיליאָנער פון שטילן טראַכט און דאַכט,
דאָ ליגט אַ וועלט ווי אַ שיף וואָס קראַכט
און דו ביסט אַלץ ווייכער גלעט, געבעט.

דאָס שטילע, קילע הויז פון דעם סאָנעט
איך צענעם אַזוי־אָ ברעט נאָך ברעט
און גזל רו וואָס מיין האַרץ עס פעלט.

מ׳וועט מיך יאָגן לויט די צייכנס שרעק
און אומרו צעשאָטן אויפן וועג,
לויפנדיק אין דעם עק פון וועלט.

ירושלים

און ס'איז ירושלים דאָס ליד פון די לידער,
זוך קיין פאַרגלייך, מוחל די טירחא!
ארץ ישראל איז איין גרויסער סידור
און ירושלים — „ולירושלים עירך".

און אַז דו הערסט נישט אויף גאַסן — גיי אין אַ געסל,
אין אַ געסל אַ זייטיקס, אַ סימטא אַ שטילע
און וועסט זיך דערמאָנען — אויב דו האָסט שוין פאַרגעסן
פון פרי פון דיין יוגנט אַזאַ נאָגנדע תפילה.

און מעג אויף אַ גאַס אַ פילם-רעקלאַמע
דיך רייצן מיט ליכט, דיך פּרוּאוון באַזיגן —
דו הערסט אַלץ דעם ניגון וואָס ס'האָט דיך די מאַמע
מיט ווייטיק פאַרצויגן איבער דיין וויגל...

כנרת

און אויך דעם כנרת בין איך שולדיק אַ בריוו:
אָ, פאַרחלומטער אויג, אָ, שטילינקער בליק,
צו מאָלן דיין הימל איז מיין שפּראַך נישט געשיקט,
נאָר ער מאָלט זיך אַליין אַזוי שיין אין דיין טיף...

כ'האָב אַזוי פיל פאַרלאָזט נאָך וועלכן איך בענק:
אַ זית פאַרחלומט ערגעץ אין פעלד.
אַ וועג צווישן בערג, אַ טאָל, איך געדענק
דאָס פיצעלע הארבסט, דאָס טראָפּעלע געל...

און דאָ ביי מיר איז טויזנט מאָל הארבסט,
אַזש סע זיך ווארפט מיט הארבסט יעדער צווייג, יעדער בוים,
נאָר אָטעם-פאַרכאַפּט טיילמאָל איך וואַרט
און טרוים אויף דער וואָר כנרת דיין טרוים...

מיטן ים

און דאָס איז דאָס ליד פון ים:
דער ים,
דו
און איך
דיין נאָמען צו טייערן.
סע זיינען דאָ ערגעץ שטעט מן הסתם
און סע ברענען פייערן,
נאָר דאָ איז מיטן ים,
מיטן נאַכט,
פינצטער
און ווייט צו אַ האַפן.
דערווייל איז בלויז וואַסער,
די ערד
דאַרף ערשט ווערן באַשאַפן...

אַ שעה פון שעה׳ן

דעם ליבשאַפטס-גרוס, וואָס עס אַנט דאָס בלוט אין מיר,
האָט מיר אַ שטראַל געבערענגט פון אַ ווייטן שטערן,
צוריק צוויי טויזנט יאָר האָט ווער אַ קרעכץ געלאָזן הערן,
און עס טראָגט דער שטראַל אים ערשט אויף דער שוועל פון מיין טיר.

מיין ליבשאַפט-גרוס, אָ, טראָג מיין שטראַל צוריק,
ביז דו וועסט אים אין דיין לויף דערגרייכן,
ווייס איך וואויל, אַז ס׳וועט דאַן קיין צייכן
נישט זיין, נישט פון מיין צער, נישט פון מיין גליק.

נאָר די נשמה האָט אַמאָל אַ שעה פון שעהען,
ווען פרעמד זי ווערט און נישט דאָאיק,
מוז אַוודאי אַ שטאַמלינג זיין פון אַ ווייטן שטערן.

דער ציטער אירער, דאָס אייביק גאָרן,
זי געדענקט איר אַלטע ליבשאַפט און וויל זיך נישט גענאַרן,
זי האָט ווען געלעבט אין די ווייטע ספערן.

אויפן טויט פון אַ פויער

ביסט אַהער געקומען מיטן עלנטסטן וועג,
מיטן שטילסטן וועג, וואָס פירט צום צווינטער,
און געשטאַנען איז דאָרט אַ טאָג צווישן טעג,
אַ טאָג אַזאַ מאָדנער, נישט זומער, נישט ווינטער.

ווען סע רוישן די ביימער מיט צווייגן־געפלעכט,
מיט טרוקענע צווייגן — ביימער אָן בלעטער,
און דער וועג, דאַכט זיך, פירט גלייך פון טאָג צו די נעכט,
צו שנייאיקע נעכט און ווינטיקן וועטער.

און דאָ האָט געוואַרט אויף דיר אַזאַ בעט,
אַזאַ גנאָדיקע בעט, אַ בעטעניש, אַ תפילה,
מיט מילדקייט אַזאַ מין ווי אַ מאַמע, וואָס גלעט
איר קינד איבערן וויג מיט אַ ניגון אַ שטילן.

און דאָס ערשטע מאָל אין דיין לעבן געווים
זיך געבאָדן, געוואַשן אין זיבעטן וואַסער,
און אַ העמד אַזאַ ווייסע געגעבן אומזיסט
און ווערטער אַזעלכע שטילע און געלאַסן.

האָט די שוועסטער געפליסטערט צו דיר אַזוי צאַרט
אַרום דיר, ווי אַ פויגל געשוועבט אויף שפּיץ פינגער,
און אונטערגעבעט מיטן אייגענעם האַרץ
דאָס געלעגער, וואָס האַרט, צו מאַכן אים גרינגער.

פאַרוואָס אַזוי שטיל, אַזוי ווייך איצט דיין קול?
די מאַזאָליקע הענט, פאַרוואָס געבן זיך אונטער?
פאַריאָג אים, דעם טויט, ווי דו פלעגסט יעדן וואָלף
מיט אַ דראַנג פאַריאָגן פון דיין הויפל אַרונטער.

צעפיר מיט די הענט, ווי אַמאָל אין געשלעג
אַזוי צווישן זיך. ווי שטיל ליגט דיין קערפּער,
ס'האָט דער טויט דיך באַזיגט, און דאָרט ביי אַ וועג
פאַרברעכן די הענט די ביימער אַרום דערפל.

וואַרשע.

*
**

און די וועלט שטייט ערב חורבן אָדער ערב נס,
זי פאַלט אַראָפּ און דראַפּעט זיך אויף שטיגן,
דערווייל טרינקט מען אַ קאַווע און מען פאַרגעסט,
מען הערט אַ ניגון.

דער טאַנגאָ איז טרויעריק אין האַרבסט און אין מאַי,
כאָטש גאַסן מאַכן אַ וואַרע פאַרן הימל,
ס'איז די וועלט, די פעלשערקע, געוואָרן איצט געטריי,
זי וויל דעם מאַן געפעלן מיט אַ גרעזעלע, אַ בלימל.

און די מיידלעך טראָגן די לעצטע מאָדע: זעק,
און ניילאָן איז דער קעניג פון וויטרינעס,
דער טאָג פרעגט ביי דער נאַכט: מען מעג?
און ווערט אַזוי אינמיטן גאַנג אַנטרינען.

וואַרשע, 1958.

*
**

דאָס נאָענטע — פילן ווייט און אַרומגיין שטיל און בענקען,
דער היינט — אַ נעכטן אַזאַ, וואָס דרימלט אין געמיט,
ווי דער אָנהויב פון עפּעס אַזאַ וואונדערלעך ליד,
אָדער ווי דינע שפּיץ־פינגערדיקע טריט
פון אַ ניגון, וואָס איז אַוועק און דאָך געבליבן הענגען.

קוים אָנצוטאַפּן אַלץ, וואָס לעבט דערנעבן שטום:
ס'איז שטיל, שטיל געזאַנג,
קראַנקע בלומען זויגן דעם שלאָף־געטראַנק,
און אַלץ דאָ איז אַ מעשה, וואָס איז געשען לאַנג,
אָדער וועט געשען אין יאָרן און יאָרן אַרום.

***

ס'איז מיר קיינער גאָרנישט שולדיק און כ'וויל ביי קיינעם גאָרנישט מאָנען,
פֿאַר אָוונטן ווען כ'בין צווישן טויזנטער אַליין,
פֿאַר טעג אָן בריוו און אָן טעלעפֿאָנען,
פֿאַר נעמען צווייפֿלען צי די וועלט איז טאַקע שיין.

ס'יאָגט מיך נאָך דאָס ליד און ס'יאָגט מיך נאָך דער ניגון,
און טויזנט בליקן וויינען: וואָס האָסטו אונדז פֿאַרלאָזט?
אָ, שיינער, אויסגעטראַכטער ליגן,
פֿאַר וויפֿיל אמתן באַהאַלט איך דיך, ווי אַ בלום פֿון פֿראָסט?

***

„איך בין נאָך אַ מחותן
מיט אַלץ און מיט אַנאַנדער,
איינער פֿון דער חברה,
איינער פֿון דער באַנדע"
י. י. סיגעל

מיין ברוגז מיט דער זון,
מיטן טאָג מיין קידער-ווידער,
איז אַ שפּיל אין קאַץ און מויז,
ביז סע קומט צו לידער.

ס'איז נישט די ערשטע איינזאַמקייט,
דער אָנשטעל אָנגעצויגן,
ביסט אין אַלץ פֿאַרליבט
מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

לויפֿסט צום לעצטן שטראַל
איידער די זון וועט פֿאַרלאָשן,
ווי אַ גיריקער אָרעמאַן
נאָך אַ געשענקטן גראָשן.

פֿייגל זיינען משוגע, —
אָן אכזר דער בוים, וואָס רייך איז,
נאָר האָסט צום נאַרישן געזאַנג
און צום גרין אַ נאָענטע שייכות.

ט ו י ט

זיי האָבן איינמאָל אים דערפילט אין זייער בלוט,
וועלן זיי שוין אַ לעבן לאַנג זיין שווייגן אין זיך טראָגן,
און פילן נאָר אַ קוים דערהערטן קלאָגן
פונעם האַרבסט־ווינט, אין זייער געמיט.

זיי וועלן האַנדלען־וואַנדלען, נאָר אינדערמיט
בלייבן שטיין ערגעץ וואו, ביי ראָגן
און זען, אַז דער האַסט פון זייער וואָגן
פירט דאָך אויפן שפור פון זיינע טריט.

וועלן זיי אַלץ פאַרשטיין און אויף אַלעמען פאַרבויגן,
און וואונדער זען אין יעדער, יעדער זאַך,
און זוכן די געמיינשאַפטלעכע שפּראַך,

צום בעל־חים שטומקייט אין די אויגן,
און פון דעם ווי, וואָס דרימלט נאָך און וועט ווערן וואַך
אין דער צוקונפט ערשט — שוין פילן אין זיך די רויגן.

זעענדיק דזשאָקאנדא

זי לעבט נאָך, מייסטער, יונג אין אַלע פאַרבן,
זי טראָגט נאָך דין איר שמייכל און איר לוסט,
נאָך ווייעט לייכט איר שטאָלצער גלוסט
איבער צייט און איבער שטאַרבן.

נאָך ווייגט דער ניגון שטיל אַרום די קאַרבן
פון געוואַנט, וואָס האַלדזט אַרום די ברוסט,
ס׳איז נאָך שטיין געבליבן לייכט פאַרדרוס
אַרום געזיכט, פון געדאַנקען בייזע, האַרבע.

אָט באַלד — און דער שפּרונג פון די קאָלירן
וועט אַן עפן טאָן געהיימע, וויטע טירן,
די שיינקייט וועט שענער ווערן, שענער!

אָ, מייסטער, וואָס איז פאַרגאַנג און שטאַרבן,
ווען טענער פאַרגייען זיך אין פאַרבן,
און פאַרבן פאַרגייען שטיל אין טענער.

אַ חתונה

אַ גאַנצע נאַכט אין רוישיקייט פאַרוויגט זיין,
פידלען, טענץ, ווייטע געסט;
מיין זעל — אַ פויגל ביי אַ פרעמדער נעסט
צוויטשערט שיין דאָס ליד פון באַגליקט זיין.

אַ בליק, אַ נייער קלאַנג, וועט געניטט זיין
צו ווייטיקן דעם ווי, וואָס האָט קיין מעסט,
יענעם ווייטיק, יענעם גליק, דו זעסט:
דער טויט אַליין וועט אויך פון אים באַזיגט זיין!

צום וויפלטן מאָל, מיין זעל, וועל איך דיך פירן
אויף חתונות, דו זאָלסט זיך דאָ פאַרלירן,
דערפילן דעם עלנט — אַ וויינענדיקן ניגון.

חתן-כלהס טרער מיינט דיך און אַלע אומעטיקע אויגן,
דער באַצערטער באַס און די סטרונע „גע" צעצויגן,
און די נאַכט אַליין — דער גרויזאַם-שיינער ליגן...

מאַרינער 2

עס איז געווען אַ שנייאיקער טאָג נעבן ניאַגראַ פאַלס,
הייזער האָבן געשנאַרכט ווי קעץ.
דער פילאָזאָף האָט פאַרגעסן זיין בונט
קעגן הימלען,
זיך געמאַכט באַקוועם
מיט אַ הייסער גלאָז טיי,
געדאַנקט, אַז עס זיינען דאָ ווענט,
וואָס פאַרשטעלן אים פאַרן ווינטיקן דרויסן.
דער ווינט האָט זיך געטשעפּעט,
געטשעפּעט צו אַ שלאַנקען בוים,
צו אַן אָפן טויערל,
צו אַ פאַלע פון אַ דורכגייער,
(געפרעגט, געפרעגט
און נישט באַקומען קיין ענטפער...)

אונ פלוצעם:
אין טעלעוויזיע,
דאָס קרעכצנדיקע פייפל פון מאַרינער,
וואָס ביי פופציק מיליאָן מייל ווייט
פליט עס אַלץ איבערן דאַך.
און ווי דוד לייב איצלס — „דער שאַרפער מוח״,
וואָס לערנט „מורה נבוכים״ אַ גאַנץ יאָר,
אָנגעטרונקען שימחת-תורה,
שרייט פון בוידעם אַראָפּ:
— יאַך וואָים גוניש...

לאָז זיך, פאַרוואונדיקט האַרץ

לאָז זיך, פאַרוואונדיקט האַרץ,
לאָז קומען דער ניגון און פאַרוויגן,
זיי נישט בייז אויף דעם פאַרנאַכט,

וואָס וויל דיך,
ווי אַ גוטע באָבעשי
מיט דער וועלט איבערבעטן.

אויף יעדער צווייג — אַן אַנדער שווייג,
הייזער פאַרדרימלען זייער נאָענטקייט צו דער ערד,
אפילו דאָס שלעכטע ווערט גוט אין דרימל.

ווייסע וואָלקנדלעך האָבן פאַרמעקט
דאָס ביסל, וואָס שרעקט
אויפן הימל.

ביי דער זעקסטער עוועניו

ביי דער זעקסטער עוועניו, אויף אַ גאָס אַ זייטיקער
טרעפט —
אַ פעלד מיט זאַנגען ברענגט אַ טויב,
סע צעפאַלן זיך די הויכן.
און אָוונט ווערט אין יעדער שויב,
און גאָלדיק שווימען שמאָלע רויכן.

אינם רעסטאָראַנטל,
וואו מיידלעך ציען מיט שטרויעלעך דעם וויסקי,
פֿאַלט אַריין די לבנה אין בעכערם.
באַלד וועט דער מיטן הארמאָשקע קומען
און זיך פֿאַרנאָגן אין דער ליידיקייט אַריין,
און מיידלעך נאַרישע,
ווי דער טאַנגאָ,
וועלן צום האָדסאָן לויפֿן,
ווי צו דער סאַזשעלקע אין שטעטל
מיט בענקשאַפֿט.

אויף אַלטע מאָטיוון

ה׳ צלך — (תהלים)

גייסט מיר נאָך ווי אַ שאָטן,
גרעסער פֿאַר מיר,
לענגער פֿאַר מיר.
אַלע שטעט ווערן
לעצטע גאַס פֿון שטאָט
דיך צו באַגעגענען.

מיר וועלן זיך שוין אַזוי באַגלייטן
איינער דעם צווייטן,
ווי אין פֿאַרבענקטן פֿאָלקסליד.

ת פ י ל ה

פֿאַרשעם מיך נישט צופֿיל
ביים זוכן מיין ביסל שפּייז,
לאָמיר זיך נאָר אַ ביסל אַ נויג טאָן
און נישט קניען...

דער טאָג איז היינט גוט צו מיר,
און ניגונים זיינען ווי פֿייגל
אין מיין בוזעם געקומען צו פֿליען.

איך בין שיין און גוט
און פאָלגעוודיק,
ווי אַ קינד פון דער מאַמען אויסגעוואַשן,
און מיט חכמה
ווי אַ שיין, ווייס טיכעלע
פאַרשטעקט אין די טאַשן.
פאַרשעם מיך נישט צופיל
ביים זוכן מיין ביסל שפּייז,
לאָז דאָס ביסל שלעכטס
זיין אין מיר באַהאַלטן,
אַזויפיל נאָר ווי דאָס פסולת
אינעם גאָלד,
עס זאָל זיך קענען האַלטן...
פאַרשעם מיך נישט צופיל,
דערנידעריק מיך נישט.

אין שפּיטאָל

אַ קעסטעלע הימל,
מיין בלאָינקע טויב,
פויקסט צו מיר ווידער
אַריין איצט אין שויב.

געשמידט צום געלעגער
פאַרגיב מיר, פאַרגיב
זיי ערשט דער צייכן
פון אַלץ וואָס כ׳האָב ליב.

כ׳האָב ליב צווישן מענטשן
צו ווערן פאַרמישט,
איך קען זיי נישט קיינעם,
זיי קענען מיך נישט.

נאָר נאָענט איז מיר יעדער
און ערנסט, און שפּאַס,
ווען דער שפּאַציר־גאַנג
מאַכט יום־טוב אין גאַס.

ווען אַוונט עס רויטלט
די שעהען ווי ווייַן,
דער שטיין אונטער טריט
ווערט ווייך פון דער שייַן.

אַ קעסטעלע הימל,
מייַן בלאַינקע טויב,
פויקסט צו מיר ווידער
אַרייַן אין דער שויב.

אונדזער גולמ׳ל

אונדזער ניכטערער דור האָט פאַרגעסן אַלע שמות,
מיר לעבן מיט צירופי ציפערן,
און נישט פון פּראָג דער הייליקער מהרל
באַשאַפט אונדזער נייעם גולם,
מיר באַשווערן אונדזער גולם
מיט מאַטעמאַטישע סך־הכלען
ער זאָל זיך נישט וואַקלען:
זיי אונדזער כלי־זין
קעגן מיליאַרדן יאָרן סוד
פליט אונדזער גולמל
מיט ציפער אונטערן צונג,
און פון דער גרויסער הויך
פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ
און שרייט: „לית דין ולית דיין
אני אמלך, אנכי!"
איך — פאַרשטעלטער שיפער,
פון מוח מיט ציפער
האָב געפונען דעם שליסל
צו אַלע „דיזן דאַזן"
צו די וועלטן די מילי־מיליאַסן,
צו שטח און צו צייט,
נאָר פון אונטער שמות
אין דער פּראָגער שול
— וויינט דער טויטער גולם
דעם מהרלס ווערק
אויף אַלע גולמס
פון היינט און פון אמאָל.

די דרייצנטע שעה

זיי דער גוטער מענטש
אינעם וויסטן באַר,
זאָלן אומעטיקע לייט האָבן אויף וועמען צו קוקן.
די נאַכט דורכן שויב האָט נישט קיין גאָט
און נישט קיין אָפענע טיר,
זי איז אָן אַ דאַך,
און ס׳רעגנט אַריין אין איר.
ס׳רעגנט,
רעגנט
און איר.

קלענער ווערט דאָס ביסל שיין
און גרעסער די שאָטנס
אין דער דרייצנטער שעה.
פון אונטער אַלעמענס ברעמען
איין גרויסער: וועמען? וועמען? וועמען? —
זיי דער גוטער מענטש
אין דעם וויסטן באַר.

ירושלים

כ׳האָב דיך קיינמאָל נישט געזען, שטאָט, נאָר ביזט געווען פאַר מיר
אַ זאַך פון דער וואָר, געזען אין חלום:
ביי מיין וויגעלע צוקאָפּנס בייזאָם מיטן ציגעלע פון גאָלד,
און מיט די ראָזשינקעס-מאַנדלען, וואָס כ׳וועל באַקומען געצאָלט
אין שכר פאַר מיין לערנען תורה,
ווי עס האָט די מאַמע געוואָלט,
ביסטו אויך געשטאַנען, אַ שטאָט
אַזוי וואונדערלעך געצירט,
ווי דער מאָמישער פאַרלאַנג
נאָענט צום הארץ.

און אין מיין רבינס חדר אין ווינטער נעכט
אַזוי טרויעריק ווי מיין רבינס ניגון,

וואָס האָט אַזוי באַצערט
דער מוטער רחלס קבר באַווײנט,
ביסטו, ירושלים, אַזוי נאָענט צום האַרץ געשטאַנען.
וואו הויבסטו זיך אָן, אַ וואונדערלעכע שטאָט?

אָט דאָרט, אָט דאָרט, וואו מיר שטייען בײדע און קענען נישט אַריבער,
איך און מײן חבר, ראובן, איבערן טײכל דאָרט,
פון וואַנען עס קומט דער ווינט, פון וואַנען די פײגל קומען,
פון וואַנען די מעשה קומט אַזוי אויסטערליש געהיים
און פורן פאָרן אויסגעשפּאַנט פון פערד
און צום הימל פירט אַ וועג וואו פון דער ערד.

שפּעטער האָב איך דיך געקענט פון די אַלטע כוללות-סטעמפּלען
„ירושלים עיר הקדוש", אויף סטעמפּלען פון קופּת ר' מאיר בעל הנס,
האָבן ביימער דריי אויפן כותל מערבי געוויינט,
געוויינט דעם עלנטן געוויין, ווי די בעריאָזעס מײנע דאָ,
וואָס וויגן זיך אין האַרבסט-ווינט אין דער זייט.

— זײדעשי איז מער נישטאָ, נישטאָ דאָרט
ווי אָט די וואַנט און די ביימער
וואַקסן גלייך פון איר,
גלייך פון איר אַרויס?
— נישטאָ, נישטאָ מער מײן קינד — — —

פונדעסטוועגן, אַז ס'פלעגט אַ ספר קומען
צו מײן שכן, ר' מעכל, אָט פון דאָרט,
מיט רש"י-כתב אַ דריבנעם און בלעטלעך פאַרגעלט
(בשכר פאַרן שפּאַרן דעם ביסן ברויט פון מויל
און מדי חודש שיקן אַ ישיבה וואו אין צפת)
און ר'האָט דעם שער-בלאַט נאָר געזען
„ירושלים עיר הקודש",
האָט זײן טרוקן פּנים מיט די קנאָכן שטאַרענדיק
(ווי פון דער ערד אַ געריסענער שטאַם)
אַ פלאַם געטאָן מיט אַזאַ הייליקן פלאַם
אין די אויגן זײנע, די אַלטינקע, באַטריבטע
האָבן קינדעריש פאַרשעמט וויינען אָנגעהויבן

מיט אַ מאָדנער פרייד:
— אַ ניי ספר פון ירושלים,
יינגעלע, גיב דעם ספר אַ קוש!

און שפּעטער, שפּעטער,
יינגלווייז,
אונטער זיידנס טלית שטייענדיק
יום־כּפּור שוין צו נעילה צו,
ווען אַ שטעטל קרעמער זיינען מלאכים גאָר געוואָרן
און דער הימל איז אַזוי נאָענט געווען,
אַז מ'האָט קיין פליגל נישט באַדאַרפט
אַ פלי צו טאָן צו אים,
האָט עמעץ דעם טויער דאָרט פאַרשלאָסן
מיטן וואָרט ירושלים אויף זיין ליפּ,
ר' ישראל חזן און די עדה באַלד נאָך אים:
— ירושלים!

היינט שרייבט זי מיר פון דאָרט אין אַ פרעמדער שפּראַך
פאַרלאַנגען וואָכיקע און פרייד פון טיש געדעקטן,
און ירושלים שרייבט זי מיט אַ רוימיש כּתב.

וואו איז מיין קינדהייט? זי ליגט פאַרשאָטנט וואו
ערגעץ אין אַ וויימן לאַנד,
דאָס וויגעלע צעבראָכן און די מאַנדלען לאַנג נישטאָ,
און איך בין דערוואַקסן, קלוג און ראַפינירט
און דאָס כּתב אירס שטעכט ווי בערלעך
וואָס קינדער וואַרפן תשעה־באב
צו פיניקן אַלטע לייט.

.1938

לידער פון פאַר 1939

באַמערקונג: — די דאָזיקע לידער האָב איך געפונען אין אַלטע זשורנאַלן „בית יעקב”, אין וועלכן איך האָב אַמאָל אין דער יוגנט מיטגעאַרבעט. די זשורנאַלן וועלכע איך האָב געפונען, זיינען אפשר די איינציקע פאַרבליבענע אויף דער וועלט, און כ׳האַלט נישט פאַר איבעריק פאַרצושטעלן מיינע לידער פון יענער צייט. כאָטש עטלעכע באַבע־לידער זיינען געווען אונטער דער השפעה פון מרים אוליבאַוועהר הי״ד, וועלכער איך האַלט פונקט אַזוי ווי דוד פרישמאַן בשעתו, פאַר איינער פון די אָריגינעלסטע יידישע דיכטעריגס.

די מומע שרייבט

די מומע שרייבט צו דער באַבעשי אַ בריוו:
„אָ, שוויגער קרוין, ס׳איז אַלץ דאָ נאָר צו זען
ירושלים איז אַ שטאָט, קען מען יאָרן גיין
און נישט וויסן אַלץ, וואָס איז אין איר געשען.

„און גלאַט אַזוי אַ שבת אינדערפרי צום כותל־מערבי גיין,
און ביי דער וואַנט אַ תחינה אויסצואוויינען,
איז גאָר אַן אַנדער טעם ווי אינדערהיים אין שול,
אַ, שטראָף נישט גאָטעניו, איך טו דאָך שלעכט נישט מיינען.

אַז ס׳איז גרוים די זינד און דער גלות גרוים,
אָ, שוויגער קרוין, וועט מען נאָך דערלעבן?
מען שמועסט שוין דאָ פון קץ און דערווייל איז שלעכט,
שטייט אַ בית מדרש וואו, שטייט אַ טיפלע דערנעבן.

אין ערגעץ איז גאָטס שטראָף נישט אַזוי ווי דאָ,
זעט מען צו די שאַנד, קלאָגט מען גאַנצע שעהען,
מיר בעטן דאָ פאַר אייך, דאָך בעט איר אויך פאַר אונדז,
ס׳איז דאָס הארץ אַזוי שוואַך קעגן דעם נסיון....”

1939.

תחינה

ס'ווערט דאָס לעבן אָן זיין יום-טוב,
דאָס לעבן ווערט אַלץ שווערער, שווער,
און דיין תחינה, ליבע באָבע,
זאַפּט אין זיך איין טרער נאָך טרער.

אויסגעפּונען האָט די באָבע
אָן אַלטע תחינה, וועלכע הייסט:
„שערי רחמים", זי נאָר איינציק
דעם וועג צום כסא-הכבוד ווייסט.

נישט אַנדערש, סמוז דאָס רחמים-טויער
אין שווערער צייט אויך זיין פאַרמאַכט,
ווי אַמאָל בעת דער מגיפה,
דער שטעטלשער, נישט היינט געדאַכט...

אָבער, וואונדערט זיך די באָבע:
איז אַלץ פאַרשטעלט אויך פאַר אַ טרער?
ס'איז פון אַלע צייטן דאָך מקובל,
ס'גייען טרערן נישט צו לער?

ווערט די באָבע שוין פאַראומערט
און וויל זיך שוין נישט טרייסטן מער,
און דער תחינהס געלע בלעטלעך
זאַפּן איין אין זיך טרער נאָך טרער.

פינף דורות

— באָבע קרוין, אַ, באָבע טייערע,
לעב אונדז כאָטש ביז הונדערט יאָר.
— נישט געזינדיקט, קינדער מיינע,
כ'וויל זען בלויז דעם פינפטן דור.

ס'האָט די באָבע וואו געהערט,
צי געזען ערגעץ גאָר,

אַז פון חיבוט הקבר ווייסט נישט
ווער עס זעט דעם פינפטן דור.

— ס'איז די וועלט הבל־הבלים —
גיט די באָבע צו פאַרשטיין —
ס'האָט דאָס געזאָגט דער מלך שלמה,
אַ גרויסער חכם דאָך געווען.

איז אויב, חלילה, אָפּצוקומען
פאַר עוונות איז באַשערט,
איז כאָטש דאָרט, אויף יענעם עולם
און נישט פון מלאך דומהס שווערד...

אַז ס'איז דער עונש אויך ליב דאָרט,
צי פון פייַן, צי פון קעלט,
נאָר נישט ווייטער זיך צו מוטשען
אין קבר, אויף דער שקר־וועלט.

זאָל דער אין הימל ס'לעבן שענקען,
דערלעבן בלויז דעם פינפטן דור.
— באָבע קרוין, אָ, באָבע טייערע,
פאַרוואָס נישט גאַנצע הונדערט יאָר?...

קינדער־יאָרן

געסלעך מיינע אונטער שניי
פון קינדערישע יאָרן,
פון אייך פלעגט פירן מיר אַ וועג
קיין בית־אל און קיין חרן.

ער הויבט זיך אָן ביים הויפל דאָ
פון מיין רבינס חדר,
ער ציט און ער שלענגלט זיך
דורך פלויטן און דורך סעדער.

קיינער זעט אים נישט, דעם וועג,
דער חומש, ווי אין חלום,

עס עפנט נאָר דער רבי אויף,
איך זיץ שוין און איך מאָל אים.

עס בלייבט פון שניי קיין זכר נישט,
באָקסן־בוים און פייגן,
עס בליען און וואַקסן אויף
פון ווינטערדיקע צווייגן.

איז דער קבר רחל נאָענט,
באַשרייבט איר די הנאה ?
פרעגט דער רבי וואו פדן איז,
ענטפער איך אים : דאָ־אָ !

אָ יאָרן מיינע קינדערישע,
קיין באָקסן מער, קיין פייגן,
ווינטער, אָפּגעשטאָרבן ערשט
אויף ביימער אַלע צווייגן.

און קיין פדן ווייטער ווערט,
דער וועג אַלץ ווייטער, ווייטער,
ס׳איז אַלץ פאַרגאַנגען, דער חדר בלויז
ווי ער איז געשטאַנען, שטייט ער.

ארץ־ישראל זאַמד

ארץ־ישראל זאַמד אַ שקעטעלע
וויים און גלאַנציק טרוקן,
דעם זיידנס אַן אַלטער גוטער פריינד
פון לאַנד געטאָן האָט שיקן.

און יעדן אויף דער נאַכט צו חצות
אין ווינטער־נעכט די לאַנגע,
פלעגט דער זיידע היטן זיך
דאָס שקעטל זאַמד דערלאַנגען.

און אויפן חורבן וועמען לאַנג
און פון זיינע טרערן

דורכגענעצט דאָס שקעטל זאַמד
ליימיק פלעגט אַזש ווערן.

דורכגענעצט דאָס שקעטל זאַמד,
מיט טרערן דורכגעקנעטן,
דער זיידע האָט די גאולה אַזוי
ביים הימל זיך געבעטן,

נאָר נישט דערלעבט דער זיידע האָט
אינעם לאַנד צו קומען,
די ערד פון קבר רחל נאָר
אין קבר מיטגענומען.

ווינטער־אָוונט

אויפן גאַס שטאַרבן עלנט קלאַנגען,
פיאַנאָ־שפּיל זיי שטיל פאַרדעקן שנייען,
אַ זונען־שטראַל אַנטגייט מיט בלוט און ווייען
איז ערשט אין די אָרימס פון אַ שאָטן אויסגעגאַנגען.

אין אַלע ברונעמס דערטרונקען זיך די שטאַנגען,
עפּעס איז אַלץ געבליבן אַליין... אַליין...
אַ פערד ציטערט... ער האָט אין חלום דערזען
זיין באַלעבאָס שעכטן אַלע זאַנגען...

ס'איז געשטאָרבן ווער און יעדער וויגנדיקער טויער
שפּילט אוים שאָפּענס מאַרש פון טרויער.
אים באַגלייט אַ שטיל, אַ דין געוויין
אָן אויג בליקט: ער האָט ביי‌טאָג געלאָזן

די ערד — אַ מיאוסקייט בלאָטיק און פאַרלאָזן
און געפונען זי אין שקיעה אַזוי טרויעריק שיין.

דערוואַרטונג

דורכן רעגנדיקן, האַרבסטיקן, טאָג,
דורך מיין לעבן, וואָס פאַלט אַזוי פּלוצעם צו דער נאַכט
ווי אַ קורצער טאָג צו דער נאַכט,
דורך מיר אַליין — די לעצטע גאַס פון שטאָט,
וואָס ווייינט דורך צווייגן אין דער ווייטער וועלט אַריין.
דורך אַלע מיינע רייד — פּורים שפּילער טרויעריקע,
וואָס זוכן אַן אָרט וואו קיינער זעט נישט
צו בלייבן אַליין און וויינען,
זע איך דיך שעה מיין אויסגעבענקטע,
דורך מיין נאַכט — די פאַרבלאָנדזשעטע קו פון דער סטאַדע
דורך אומרואיקן חלום פון מיין נאַכט —
דער שוואַרצער הונט וואָס יאָגט זיך נאָך איר,
דורך אַלץ, איבער אַלעמען אַריבער
זע איך דיך, שעה מיין אויסגעבענקטע,
ביזט אַ וויים מעשהלע דערציילט
און ביזט דאָך דאָ,
אַזוי נאָענט אַזוי דערנעבן דאָ
ווי דער הר־נבו פון צוגעזאָגטן לאַנד.
איך זע דיך ווי אויף דער האַנט,
כ׳קען דעם ציטער אין מיין האַרץ,
כ׳קען דעם שטערן־פאַל
כ׳קען די שטילקייט פון דער נאַכט,
וואָס האַלט דעם אָטעם איין און הערט
כ׳קען דעם פיבער אין מיינע הענט —
(פרעמדע ווענס וואָס וואוינען דאָ ביי מיר
ווי סובלאָקאַטאָרן אונטער פרעמדער טיר),
וואָס זיינען פּלוצעם היימיש געוואָרן מיט מיר
ווי ווייטע משפחה וואָס האָט זיך אָפּגעפונען
אויף אַ שמחה וואָס דאַרף ערשט פאָרקומען
און ווילן פריינדשאַפט געווינען.
דיך אַנט מיין ווייטיקס מאָדנער סוף,
וואָס איז אַזאַ וואונדערלעך געמיש
פון טרויער און פרייד צוזאַמען
ווי אין פאַרטעך, אַ קאַנטשיק טראָגט די מאַמע
פאַר איר קינד אַ שטראָף

און אין האַרצן — אַ קוש.
איך בין ווייטער דאָס קאַפּריזנע קינד,
דאָס שלעכטע, דאָס נישט דערטרעגלעכע קינד,
נאָר דיין ווייטער הויך איז אַזוי לינד
דער גזלן אין וואַלד האָט אים אויך געמוזט דערשפּירן,
ער האָט געבונדן זיין קרבן און נישט געטאָן אים רירן.
דער גזלן אין וואַלד וועט אַ בעל-תשובה ווערן
און איך וועל פרייען זיך, פרייען זיך דורך טרערן.

שפּעט האַרבסט

ס'איז שוין נאָך אַלעמען: נאָך ווינט און געוויין און געוויג,
נאָר שטילקייט דריקט טיפער אין דער נאַכט אין דער שפּעטער,
טויזנט שטילע ראָגן ציען זיך צו געבעט
און אַלץ זוכט אַ גאָט צו ווענען צו בעטן.

ס'וועט נישט געשען קיין נס, אַלע פענסטער אין שטאָט
האָבן פאַר שרעק זיך פאַרבונדן די אויגן,
נאָר מאָצאַרטס סאָנאַטע נאָגט נאָך אַלץ —
אַ מעשה אַזאַ נישט געשטויגן.

⁂

עס בענקט נאָך טרויער
דער טונקל אין מיין שטוב,
וועלן מיר פראַווען האַרבסט:
מיינע הענט זיינען אומעטיק,
ווי עס וואָלטן בלעטער פון זיי געפאַלן,
דעם בלאָנדן טרויער פון די פאַרנאַכטיקע הימלען
פאַרבאַהאַלט אין זיך דאָס גאָלדיקע גלאָז טיי;
אויף אַלע פיר
קריכט דער טיש צו מיר:
ער האָט קיינעם נישט
ביי מיר איז קיינער נישטאָ.

פּ י י ז אַ ז ש

עס איז פֿאַרהוילן געווען. נאָר איצט האָט זיך עס אויפֿגעדעקט ווי אַ
וואונדערלעכער פּשט.
דעם הימלס פּנים האָט אויפֿגעשיינט: דער פּשט ליגט דאָך אויפֿן אָרט!
דאָס טייכל וואָס האָט זיך געוונצלט ווי אַ שטערן ביי אַ טיפֿן געדאַנק
האָט נאָכגעלאָזט, געשטילט. ס'איז פּשוט אַלץ און קלאָר.

דער וואַלד האָט אַ ווייל זיך געוואַקלט און געשאָקלט מיט די צווייגן
צום סוף אויף יאָ.
פֿייגל האָבן זיך דערפֿרייט ווי חדר־ייִנגלעך וואָס קענען שוין דעם שיעור
און אַלע קרעמער ביי די סטראַגאַנעס האָבן געוואויגן זאַלץ און עפּעס
וואָס געצאַנט.
אין זייער האַרץ אַ מאָדנע פֿרייד ווי ביים געפֿינען אַ מציאה.

***

און וואו איך וועל פֿאָרן און וואו איך וועל וואַנדערן,
וועלן מיר נאָכגיין געבויגן די אַלטינקע גופֿים
פֿון מיינע אָרעמע שטעטלשע ייִדן
און מיין געוויין וועט זייער זיין.
און וואו וועל איך לאָזן זיי שפּעל דאָ בלייבן?
זיי שלענדערן אַרום זיך — געשאָסענע פֿייגל.
און זייערע אויפֿגעהויבענע הענט זיינען צעבראָכענע פֿליגל
נאָר זיי שטאַרבן נישט.

און יעדער פֿרימאָרגן פֿאַר זיי איז אַ מינחה,
אַ מינחה אַ טרויעריקע בין השמשות פֿון שבת,
ווען די וואָך קומט מיט ווינטן און רעגנס פֿון יעשען
און טעג ווי געשאָכטן אינדערמיט.

זיי קענען נישט שרייען, שטומע נאָר רעווען
די צעבראָכענע פֿידלען ביי אַלטע כלי זמרים
און סע ווייגען יתומהם מיט אַלטע אלמנות
אויפֿן בית־עולם זייער חופּה געשטעלט.

דער געוויין פון יתומהם און געוויין פון די פידלען
און סע קלאָגט מיט דער ווינט פון פעלדער געקומען —
דעם פיין פון מיין שטעטל און די צעבראָכענע גלידער
וויינען נישט וויינענדיק.

דער ניגון *)

(באַלאַדע)

וואָס איז מיר אַזוי אומעטיק, ווי טויזנטער ווינטן
וואָלטן וועלדער מיט ביימער אין מיר הארבסטיק צערוישן,
און ווי איינער וואָס זוכט טיף אויף אין ערגעץ אָפּגרונטן.
זיין אוצר און געפינט ניט און טוט זיך אַנטוישן,
ס'איז אלול. דער רעגן צו סליחות גאָר קלאַפּט ער...
אָבער וואָס טרייבט דער געדאַנק מיך אויף ר' מאירל אַפּטער? *)

ר' מאירל אַפּטער, דער שר פון נגינה,
אַ תלמיד פון „חוזה", און ווי אַלע תלמידים
איז איינער פאַרבלאָנדזשעטע נשמות געפונען,
געפאָרן אויף אַלע ירידים,
און אַזוי־אַ פאַרקליידט אויף אַ פשוטן פויער
אויף אַ ווייטע נשמה געשטאַן אויף דער לויער...

אַ צווייטער געטאַן האָט אין פדיון־שבוים,
אַ דריטער — אַ תיקון געגעבן דער חקירה,
אַ פערטער — פאַרפּייניקט מיט אַלע עינויים —
משכילים אָפּגעקערט האָט פון פלאָם פון דער כפירה —

---

*) ר' מאירל אַפּטער איז געווען איינער פון די חשובסטע תלמידים פון חוזה מלובלין (נפטר געוואָרן תקפ"ח). האָט אויסער זיין צדקות געשמט מיט זיין נגינה, ווי אַ וואונדערלעכער קאָמפּאָזיטאָר. ביי אים פלעגט זיך לערנען שפּילן דער באַרימטער פידל־ווירטואָז פון אַלט־לובלין, יאַנטל, וואָס פלעגט גערופן ווערן נישט בלויז אויף חתונות, נאָר אויך אויף פריצישע פייערונגען אין יענער צייט.

די פאַבולע איז געבויט אויף אַ לעגענדע, וואָס גייט אַרום צווישן חסידים אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן. לויט איינער, אַז יאַנטל האָט געשפּילט איין ניגון, וואָס ר' מאירל האָט אים נישט געהייסן, און איז ביים שפּילן געשטאָרבן.

און ר׳ מאירל געזוכט האָט און זיך אָפּגעפונען
אַן עולם הנגינה!

וואָס שייך נגינה? מע שמועסט, אַז זיין ניגון
קען טויזנטער מענטשן צעווייקן אין טרערן.
און מיט איין ווענד נאָר פון עפּעס אַ תניעה געשטיגן
צו פרייד אָן אַ גרענעץ, זיי אַלע אומקערן...
און וואָס איינער האָט ווען נאָר געחלומט במסתרים,
דאָס אַלץ אָפּגעפונען אונטער נגינישן אָרעם.

נו, מילא, איז ר׳ מאיר דער גרעסטער מנגן —
איז יאנטל לובלינער אַ גאון פון פידל.
בעט זיך יאנטל אַ ניגון און פאַרשרייבט מיט די תגין
כלי זמרישע, דריבנע, אַ ליד נאָך אַ לידל.
ר׳ מאירל זינגט און יאנטל פאַרדבקהט,
שפּילט איבער און ווערט פון מתיקות צעווייקעט.

אָט איז ר׳ מאירלס ניגון דער נייער,
ספק אויף וואָר, ספק אין חלום,
געבוירן אין געלייטערטן הייליקן פייער
פון אַ מחשבה וואָס האָט געשפּאָלטן די שאָל אים.
און אַזוי, אין הייליקער דבקות, געקוויקט זיך
האָט דער ניגון אויף דער וועלט אויסגעפּיקט זיך.

מע דאַרף אַ ניגון באַנעמען... נאָר יאנטל צעציטערט,
מיט אויגן פאַרמאַכטע, וואָס הערט ער, וואָס הערט ער?
אָט זעט ער אַ וויכער, צעשטורעמט געוויטער,
און אַ מאַמע וואָס שיידט איר בן-יחיד אַ באַטרערטע.
אַ שטילן פאַרטאָג אויף צעפּרילינגטע פעלדער,
און אַ פויגלס געוויין אין האַרבסט-טאָג אַן עלנטער...

און אַ כלה אין חופּה-טאָג געשטאָרבן איר באַשערטער
אין בענקשאַפטן ווייטע, שטילע, פאַרבאָרגענע,
און עפּעס אַזעלכע טריסטנדיקע ווערטער, אָן ווערטער,
געבאָרן אין חלום און אין חלום דערוואָרגענע...
וואָס זייערע פאַרבליבענע, ליכטיקע שפּורן,
ציטערן אין האַרץ לאַנג, נישט צו באַרירן.

און פּלוצעם — ווי אַלץ אין אַ תּפילה אַ פרומער,
זיך פאַרנייגט ווי דער קאָרן פון ווינט דורכגעטריבן,
ס׳האָט אַלץ וואָס העכער פּלוצעם באַנומען,
און מיטן סוד אַנגעפּילט, ווי פאַרגליווערטע געבליבן,
און אין טיפע, צעהעלטע געפילן פאַרטאָן
גאָרנישט געטאָן, און דאָך תּפילה געטאָן...

אָבער אַ גאון איז יאנטל — נאָר אַ ייד דאַרף דאָך לעבן,
און פון פידלישער גאונות מע שפּייזט נאָך קיין קינדער,
און ס׳וואָלטן קיין בים ברויט דעם וויב נישט געגעבן
יאנטלס אַלע פידלישע וואונדער...
ווען נישט עפּעס אַ שמחה ביים פּריץ, צי שררה,
וואָס טוען קיין שכר יאנטלען קיינמאָל ניט שפּאָרן.

אויף פּאַראַדן, אויף שמחות, אויף פּריצישע בעלער —
מ׳איז אין גלות — און יאנטל מוז שפּילן,
שפּילן אַ „קאַזאַצקע“, אַ „מאַזור“ און אַוודאי
מיט אַ „וואַלאַך“ אויך רעדן צו די געפילן...
נאָר פון אַלע זיי ליבן שטענדיק צו הערן
אַ ניגון פון אַפּטער און גיסן מיט טרערן...

— שפּיל עפּעס פון „ראַבין“! און אַ נעם גיט אַ סטרונע
יאנטל, און דערמאָנט זיך: „ס׳איז דער ניגון דער נייער!“
אַ ניגון — ער ווייסט נישט פון אים די כוונה,
נאָר געדענקען געדענקט ער ר׳ מאירלס תנאין:
— „אַלץ מעגסטו שפּילן זיי, נאָר דעם השמר והזהר
דעם „נייעם“, זאָל הערן ווער ס׳איז נישט טהור.

נאָר וואָס אין די געציילטע טענער געלעגן? —
ביזן סוף פאַרענדיק דעם וואונדערלעכן ניגון.
„ווי טרויעריק זיינען די מענטשלעכע וועגן!“
עס ווערט פּלוצעם יאנטל טרויעריק, אַנטשוויגן
און ווייס: ס׳איז דעם שררהס באַפעל נישט צו בייטן.
נישט פאָלגן — קומט באַלד דער תליון צורייטן.

אַ יאַנטל, יאַנטל! וואָס האָסטו פאַרגאַפּט זיך?
עס שפּילט שוין דער יאנטל דעם ניגון דעם נייעם.
אַ ווינט לויפט אַרום און האָט אַלץ דאָ פאַרכאַפּט זיך,

אוןם ס׳קען קיינער פונעם ווירבל זיך מער ניט באַפרייען.
נישט טאָג איז, נישט נאַכט איז, קיין באַל, קיין געצעלטן,
נאָר מענטשן וואָס הענגען אין דער לופט צווישן וועלטן...

און סע וויל איינער רעדן און קען מער נישט רעדן.
סע דאַכט זיך אים: עס רעדט פאַר אים קלאָר שוין דער ניגון.
און צו זיינע אַלע חלומות, די קלאָרע באַשיידן
זעט אַ צווייטער, און בלייבט אויף דער ערד אַזוי ליגן,
דער שררה דעם לאַקיי ער האַלט אין איין גלעטן...
און דער ליץ האָט צעוויינט זיך, אין מיטן זיין שפּעטן.

נאָר אין מיטן איז אַנטשוויגן געוואָרן נאָר איינער —
יאַנטל. זיין קאָפּ אַרויף אויפן פידל...
עס דאַכט זיך, אַז אין דער לופט הענגען נאָך טענער.
נאָר וואָס איז געשען דערין מיטן ייד דאָ?
בלייך און שטאַר, קוים וואָס מען דערקענט אים —
גלייך מיטן ניגון געשטאָרבן איז יאַנטל!

אָפּטיילונג

• זעקס

איבערזעצונגען

לידער פון לעאָפּאָלד סטאַף

1.

דעמער

אין ווייטע פענצטער פון שטאָט האָט דער מערב הונדערט זונען געבוירן,
און אונדזער גאָרטן דער דעמער אַלץ זיסער, אַלץ זיסער טוט הויערן,
אַלץ שטילער זיין קלאַנג צעזילבערט דער וואַסער־פאָנטאַן,
ליפּ צו ליפּ און האַנט צו האַנט דיר...
אַנטשטילט שוין די פייגל, די בוימער און חלומות פאַרזינקען,
אין אונדז נאָך שטילער... לאָמיר נשמה אין נשמה אַריינדרינגען...

2.

פּאָל ווערלען

מיט אַ האַרץ אַ גוטס ווי תבואה און אַ קינדישס ווי בלומען זעלטן
האָט אַ דיכטער געלעבט, — אַ הימלאַזער פויגל צעשראָקן,
ער האָט ליב געהאַט ליבן דעם ים, און ביים אָפּפאַר קלאַנג פון די גלאָקן
פון סטאַציעס, און געבענקט נאָך גאָלדענע וועלטן, נאָך נישט אַנטדעקטע וועלטן.

ער איז זויבער געווען, כאָטש געשיכורט האָט ער נישט ווייניק,
אַ סך זיך פאַרשולדיקט... און באַצאָלט דעם גורל דעם וויסטן
דעם חוב מיט יאָרן שפּיטאָל און אורטיילן אין תפיסות
פון וואַנען ר'איז אַרויס: אַ פאַרברעכער מיט גאָט אין זיך פאַראייניקט.

ביז ר'האָט זיך געעלטערט און ווי אַ שיף, וואָס בלייבט אין האַפן שטיין
געבענקט און געהאַלטן אין איין מאָלן אין זיין צימער תמיד
די טיר, דאָס בעט, די שטול, אין וועלכער ר'האָט געביטן אויף לידער זיין אומעט,
דעם פענצטער, און אויפן לאָמפּ דעם ביליקן פּאַפּירן־שיין.

און געפונען זיין גילדענע וועלט, דער קינדישער אַנטדעקטער מן־הסתם
און דער שיף פון זיין צימער, אין טיפע חלומות פאַרשוואומען,
מיט כוואַליעס פון טרוים צו די גאָלד־אינזלען ר׳איז גליקלעך געקומען—
דעם ווײַן דעם גוטן, וואָס וויגט אײַן ווי אַ צעכוואַליעטער ים.

.3

אַ פאַרפירט לעבן

האָסט מיך פאַרפירט אַ נאַכט, מיט דײַנע טיפע, געהיימע קוואַלן,
אַז ביסט שטילער פון חלום געצערטלט, און ביזט גאַר טיף פון
אָקעאַנען!
דער חלום האָט פאַרפלאָנטערט מײַן מאַכט און דער ים — אַ הוראַגאַן
זינגט, אַז זים איז די, וואָס ווערן אין אים פאַרפאַלן...

כ׳קען מער נישט לעבן! פאַרפאַלן ווערן און העלדיש באַזיגן!
און כ׳האָב דאָך דאָס קדושין־רינגל באַדאַרפט וואַרפן דעם ים אין
הארצן,
אויף זיגרייכע קאַמפן צו גיין, פריילעך אויפן וואַסער געשטיגן,
דאָס לעבן האָט גליקלעך געוואַרט... אויפן גליק, דעם גזלן דעם
שוואַרצן...

איך בין פאַרפאַלן—איך—דער אַמאָליקער קעניגלעכער געליבטער
פון ים, דאָס לײַדיקגיין האָט צעביסן מײַן שיף, דעם געלעגער פון
חלומות,
דער וואַנזין שלאָגט אויף אַ טרומנע פון זײַנע ברעטער געבליבן.
אַ נאַכט! פאַרוואָס ווילסטו מיך אומברענגען פאַר מײַן חתונה
מיט די ימישע תהומות?

אָ, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרפירט, נאַכט, מיט חלום מיר די הענט
געבונדן,
איידער כ׳האָב אין זיגרייכן ים צודריקן געקענט די טראָפייען,
אָדער אומקומען מיט כבוד, היינט גיי איך אויס, אַ פחדן, אין די
וואונדן,
נאָר דער ים ליבט אַלע מתים אַנטגאַנען אין אים אין ווייען...

אַ שוואַרצע נאַכט

פון חלומות אויפגעוועקט, אין וועטער פייכט טוט טריפן,
מיינע געדאַנקען ווי טראָפּ נידערן אין מיינע טיפן.
אָ! איך ווייס: עס זיינען מתים געווען ביי מיר פיל,
נאָר איך האָב באַפוילן ביינאַכט זיי אַרויסטראָגן נ׳דערשטיל...

און אינדערפרי זיינען מענטשן דאָ געקומען המונים
און שרייענדיק געהייסן מיר נאָך יעדן אָרון וויינען.
און ווען כ׳האָב ביטער געוויינט, האָבן זיי אויך איבער מיר געביטערט,
אַ טראַסק געטאָן דעם טויער און אַוועק אין נאַכט-געוויטער.

אָ, גיי, נשמה מיינע, זיי נאָך אין דער ווייט;
ס׳האָט ווער אויף שוואַרצער טיר אַ קרייץ געצייכנט מיט קרייד,
און אַ טרויער-פאָן האָט ווער אין דאַך פאַרשטעקט,
און וועלכע אויפן בוים זיך צעפלויגן שנעל אין שרעק.

אָ, קוק נישט מער אַריין פאַרצווייפלט אינעם פענצטער,
אָ, וויפיל האָב איך דאָרט געחלומט, מיין גאָט! וויפיל טרוים-געשפענסטער!
קום פון דאַנען און לאָמיר פון לוויות מער נישט רעדן,
אָ, נשמה מיינע! ס׳האָט היינט איבערגעלעבט ווער דעם צווייטן פון אונדז ביידן...

וועגן דער גוטער נאַכט

און די, וואָס האָבן בלומען פאַרזייט מיט דער זעל,
און זייער האַרץ מיט רחמים עס וואַכט;
און די, וואָס האָבן בלומען פאַרזייט מיט דער זעל,
האָט דערבאַרעמדיק געטוליעט די נאַכט.

די נאַכט, וועלכער דער פאַרגעפיל זיך טרויט,
זיך פאַרטראַכט האָט אויפן איבערוועלטישן צויבער;
די נאַכט, וועלכער דער פאַרגעפיל זיך טרויט,
האָט די זילבער-האָר ביי די שטערן צעשויבערט...

די בוימער וואַרפֿן אויפֿן גראָז זייער שאָטן
מיט דעמער־לבֿנה באַקליידטע;
די בוימער, וואָס וואַרפֿן אויפֿן גראָז זייער שאָטן,
זיינען ווי די וואַלד־חלומות פֿון זילבער געניייטע.

מיט אַ קוש פֿון דערבאַרעמדיקן דעמער
קלייבט די נאַכט אויף ביי די בענקשאַפֿטן די טרערן;
מיט אַ קוש פֿון דערבאַרעמדיקן דעמער
די אויגן פֿון חלומות געעפֿנט ווערן.

און אַזאַ גוטסקייט זי האָט אין איר בליק,
(אַ עוולה טו אָן דעם זאַק פֿון געוויסנביסן)
און אַזאַ גוטסקייט זי האָט אין איר בליק,
ווי די קראַנקן־שוועסטערס הארציק באַגריסן.

אויפֿן זילבער־האָריקן שטערן פֿון דער נאַכט
דרימלט שטערנגליק, רוט מיין געמיט שוין!
אויפֿן זילבער־האָריקן שטערן פֿון דער נאַכט
גאָטס הענט, די הייליקע גערוט שוין.

אַ פֿרעסטל

גאָלדיק־בלייך, פֿאַרחלומט,
מיט תּכלת־טוי באַדעקט,
דאָס ערשטע האַרבסטיק ווינטל
מיטן פֿראָסט געבערענגט אַ שרעק...

פֿוילינקע און שווערלעך
שלעפֿט אָן אָקם דעם אַקער ווייט,
פֿון פֿעלד די שוואַרצע גרודעס
פֿאַס נאָך פֿאַס ער שניידט.

דער ווינט באַוועגט טאָפּאָלן,
עס פֿאַלט אַ בלאַט אָפּ געל.

ווי קומט דיר אוים אין פעלד איצט
אליין צו גיין מיין זעל?

און אין וואַסער־שפּיגל
בליק נישט, טויט אָן אַ סוף,
אפשר אויך אויף דיינע שלייפן
ז'אַ פרעסטל וויים אַרויף...

***

פונדערווייטן טויזנט האַרפן
אַ ליד גערוימט:
אַ האַרץ דיר וואַרט אַף ערגעץ צערפּול
וואו אין טרוים.

טויזנט האַרפן זיי קעגנאיבער
צעווײנט אין רוים:
„דאָס האַרץ אַנטגיין איז אין זיין פיבער
אַ קינדישם קוים..."

***

צי איז דער פויגל אין דער לבנה
געפלויגן, צי פון איר
געפאַלן, און דיין פּנים
מיט אַ שאָטן באַרירט.

און אויף מיין האַרצן געפאַלן
פון דיין פּנים אַראָפּ,
מיר ווײנען אוים קוואַלן,
אַ, רעד נישט, לאָז־אָפּ!

אַ תפילה

(פראַגמענטן)

וועגן גענאַדיקן זיין צו די
וואָס ווייסן נישט פון קיין טוגנט.

אַ האַר אונדזוערער, מער נאָך ווי גערעכטער,
וואָס פאַרגעסט גיך און פאַרגעבן טוט די זינדער,
זיי אונדז נישט קיין שופט, פאַרגיב אונדז שנעל דאָס שלעכטע,
צו אומגליקלעך זיינען דיינע קינדער.

די, וואָס פחד פון זייערע צעשראָקענע אויגן
מיט שלאָף אומרואיקן זיי פּרוּאוון צו שטילן
אין קעלערס פון נישט פאַרענדיקטע מויערן פאַרנויגן
די טאָג-מעשים מיטן שאָטן פון דער נאַכט צו פאַרהילן.

כ'שטעל זיך איין פאַר די, וואָס אין וויסטע רואינען,
פון הייזער, אין הונגער און קעלטן גאַר שטאַרקע,
פאַר זייערע געפּייניקטע קערפּערס קוים געפונען
אַ געלעגער אויף אַ באַנק פון פאַרשטאָטישע פאַרקן.

כ'שטעל מיר איין פאַר די, פון אורטייל געיאָגטע
דעם פאַרדרוס זייערן אין חלום געטראָגן —
אַ בליק אויף די אַלע מיט דיינע אויגן גנאַדיקע,
זיי זיינען צו אָרעם דאָך עפּעס מענטשלעכס צו פאַרמאָגן.

און אויב דו האָסט באַפעלן: באַקעמפן די זינדן,
פאַרגיב זשע ווען דו האָסט ווייניק כוחות געגעבן,
פון רחמים מיט אַ שמייכל, אַ לינדן,
פאַרגיב דעם בית-עולם-וועג פון זייער לעבן.

אָ, זאָל דיין האַנט מיט דער מאָס פון זייער זינד זיי נישט שלאָגן,
גיב זיי כאָטש פון זייער זינד דאָס ביסעלע גליק,
מ'איז דאָס צווייטע מאָל רייכער ווער ס'האָט שוין געהאַט געבליבן
די טוגנט,
ווייל ער האָט איבערגעלעבט שוין פאַרגעניגן גענוג.

ווייל טוגנט איז אַ גליק דאָך, צו וואָס זאָל די נויט
אַ צווייטע נויט, אַ טרערנדיקע, אויף דער וועלט נאָך געבוירן?
זאָל דער שטיינערנער גרונט זיי אויך געבן ברויט,
זיי וועלן סיי־ווי דאָך האָבן פון אים מער צער און באַדויערן...

דעריבער, דעם פוילן אַרבעטער אין פעלד,
וואָס אַ הונגער־לוין איז זיין גאַנץ שטיץ,
זאָל ער פאָרן אויפזעערס אויג ווערן פאַרשטעלט,
ווען ער וועט מיד אַוועקפאַלן אין דער שטאַרקער היץ.

און דעם אָרעמען שיכור ביי דער האַנט
אַהיים פיר, אויף אַ וועג אַ גלייכן,
ער זאָל אַהיימקומען ביינאַכט אָן שאַנד,
און די ראָוועס בשלום דורכשלייכן...

און דעם בעטלער, וואָס ציטערט פון דערשעפּונג,
אָן אַ נדבה דעם טאָג אָפּגעשטאַנען אין יסורים
פון הונגער, ער זאָל ביינאַכט ערשט זיך דערשלעפּן
צו אַ בעקעריי מיט נאָך אָפענע טירן.

און דער מיידל, פון איר פאַרפירער פאַרראַטן,
מיטן זויג־קינד אויף דער האַנט און יאוש,
עס אונטערצווואַרפן אַ, העלף, עס זאָל איר געראָטן,
צו טרעפן גראָד אונטער אַ רייכער טיר מיט איר ביוש...

און זאָל דיין האַנט מיט דער מאָס פון זייער זינד נישט שלאָגן,
גיב זיי כאָטש פון זייער זינד דאָס ביסעלע גליק...
ס'איז דאָס צווייטע מאָל רייכער, ווער ס'האָט שוין געקליבן די טוגנט,
ווייל ר'האָט איבערגעלעבט שוין פאַרגעניגן גענוג.

און נאָכדעם, דערבאַרעמדיקער, ווען עס וועט זיי נישט מיידן
דער טאָג פון פאַרצווייפלונג, וואָס ווייל זיי דערדריקן,
אַ, גיב זיי דעם חסד, דעם גליק פון די וואָס ליידן:
אַ טויט, אָן אומגעריכטן זיי פלוצעם צו שיקן.

אַ, דערלאָז נישט, באַשאַפער, די פון אַזויפיל גילדערנע וועלטן
אויף דיין זוניקער ערד פול פאַרבן,

אַ געצירטע פֿון לאַנקעס און בלומען צעקוועלטע,
זאָל באַפֿלעקן דאָס בלוט פֿון אַ קינדערשן שטאַרבן.

דערלאָז נישט דיין טייך מיט ניגונים צעברויזטן
זאָל פֿון די כוואַליעס אַרויסוואַרפֿן אַ דערטרונקענעם צעפּוילט,
אַז דיינע בוימער, די שיינע געקרויזלטע,
זאָל פֿאַרשוועכן אַ געהאַנגענעמס בלאָ-פּנים, וואָס גרוילט.

אָ, האַר, דו, וואָס שרייבסט זיין נאָמען מיט די שטערן,
אָ, געוועלטיקער, דו פֿון דער זונס לויב-געזאַנג,
זאָל נאָך אַ טאָג פֿון שאַנד אַ טויט געשאָנקען ווערן,
די וואָס זיינען צו אָרעם פֿאַר אַ טוגנט-פֿאַרלאַנג.

יעזשי פּיצאָווסקי

אַ בריוו צו מאַרק שאַגאַלן

1.

אוי, אַ שאָד, וואָס איר האָט נישט געזען ראָזע גאָלדן,
די אומעטיקסטע פֿון אַלע גאָלדענע רויזן.
איר איז בלויז נאָר זיבן יאָר געווען,
ווען געענדיקט עס האָט זיך די מלחמה.
כ'האָב איר אין ערגעץ נישט געזען,
אָבער זי האָט פֿון מיר נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.
צוויי מאָל איז דער שניי זיך אויף זיי צעגאַנגען,
צוויי טויזנט מאָל זיינען זיי געשטאָרבן,
די זעכצניעריקע אויגן פֿון ראָזע גאָלדן.

„דער ברודער איז אַרויס ביינאַכט, אַנגעטרונקען זיך מיט וואַסער פֿון רינשטאָק און געשטאָרבן. איינמאָל איז דער פֿעטער אַרויס פֿון בונקער און מער נישט צוריקגעקומען. אַזוי זיינען מיר געווען פֿאַרבאַהאַלטן 18 חדשים ביז די רוסן זיינען צוריקגעקומען. מיר האָבן אינגאַנצן שוין נישט געקענט שטעלן קיין טראָט. אפילו אַציַנד האָבן מיר נאָך אַלץ שוואַכע פֿיס, און ראָזע איז אייביק אומעטיק. אָפֿט וויינט זי און וויל זיך נישט שפּילן מיט די קינדער.“

ווי גוט איז, וואָס איר קענט נישט ראָזע גאָלדן.
דאָס הענגל בעז וואָלט אויפגעפלאַצט אין הענט פון פאַרליבטע,
די פידל ביים בלויען מוזיקאַנט וואָלט דעם האַלדז אים איבערגעשניטן,
דער טויער פון בית-עולם וואָלט ווערן שטויב, אָדער מיט ציגל
פאַרוואַקסן,
די פאַרב וואָלט פאַרבליאַקעוועט דעם לייוונט,
ווייל דער לעצטער, דער שרעקלעכסטער געשריי
איז שטענדיק נאָר דאָס שווייגן.

אוי, אַ שאָד אַזוי, וואָס איר קענט נישט פראָימלען.
זיין מאַמע האָט באַוויזן נאָך ביזן קריג אים צו געבוירן,
און ער האָט אַ הערינג געוואָלט זיין אין זיין אייגן ביסל זאַלץ,
אָדער אַ פליג זיין, וואָס מעג רוישן,
ווייל אים איז דערלויבט געווען נאָר אַ ביסל צו זיין.
ס'האָט זיך אים געחלומט הינטער דער שאַפע אַ ציבעלע,
ווי האָט ער נישט געקענט וויינען פון אַזעלכע חלומות?

„איך בין געזעסן הינטער דער שאַפע. אַז ס'איז ווער אַריין, בין איך געזעסן שטילינקע; קיינמאָל נישט אַרויס אויף דער זון. כ'האָב זיך צו־געדעקט מיט דער קאָלדרע, וועלכע איז פול געווען מיט לייז. כ'האָב געטראַכט, אַז כ'וועל שטענדיק אַזוי זיין. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי פאָרן קיין טשענסטאָכאָוו און מיר וועלן זיי איבערלאָזן. איך האָב שוין געוואָלט וויינען, אָבער כ'האָב מיר באַרעכנט: איז וואָס אַז זיי וועלן פאָרן? וועל איך אַרויס פון הינטער דער שאַפע".

ווי גוט, וואָס איר קענט נישט פראָימלען,
וואָס איז הינטער דער שאַפע אַ שטיקל שפינוועבס געוואָרן.
זיצט דאָס טעכטערל אין גרינעם פענצטער,
דורך יאָרן רוישט דער סאַמאָוואַר פון וויטעבסק,
קאָפּטשן פאַרשלאָפענע נאַפט-לעמפּ,
דער צעפליגלטער הערינג באַגריסט די מערק פון הימל אַראָפּ.
באמת וואָס עפּעס גלייבן פראָימלען?
וואָס איז ער? דער רבונו של עולם?

2.

„אין אַ געוויסן טאָג איז די מאַמע געקומען און מיך גענומען אין אַן אַנדערע וואוינונג. וואו איך האָב צו דער מאַמען געמוזט זאָגן „פאַני". ס'האָט געטראָפן: איך האָב פאַרגעסן זאָגן דער מאַמעשי „פאַני", דעמאָלט איז די

מאַמע געוואָרן זייער דענערווירט, אָבער מיר איז זייער שווער געווען זיך צוגעוואוינען צו דעם, אַזוי שווער, אַז כ׳האָב אַמאָל געמוזט שעפּטשען דער מאַמען אויפן אויער עטלעכע מאָל: „מאַמעשי, מאַמעשי, מאַמעשי״, און כ׳האָב געפרעגט: מאַמעשי, און אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועל איך דיר קענען זאָגן הויך אויפן קול „מאַמעשי״?

אָט זיינען פּסוקים פון נייסטן טעסטאַמענט.
אין אים זיינען 6 מיליאָן פאַרקוילטע בלעטער,
און פון די געבליבענע קוקט שוין יאָרן אַרוים
אַ רויטע מנורה פון שׂרפות,
און עדות זיינען פאַראַן
אין שפּיגל פון פריזירער.
דער בערדיקער פּחד
האָט רינגען געשאַפן אַלץ ברייטער און ברייטער
ווי אין אַ פאַרלאָזט וואַסער אַ גרינס,
און האָבן צעלייגט יענע וועלט,
נישט לאָזנדיק דערין קיין אָפּבילד.

איך וואָלט אייך געשיקט, הער שאַגאַל,
כאָטש אַ צעבראָכן שטיקל שפּיגל,
אָבער אַלץ איז אַזוי טיף, טיף פאַרלייגט
צווישן שיכטן פון אַ פאַרשטאַרבענער ערד;
אַרום זיי ביינער געבליבענע,
וואָס ווילן איין זאַך נאָר:
מ׳זאָל אַ טראָפן שווייגן וועגן זיי,
וועגן זיי, וואָס ליגן אין אומבאַוואוסטע ערטער,
און אָפּזאָגן פאַר זיי
הויך
דאָס וואָרט: „מאַמעלע!״

„דאָס קינד האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַרן טויט. ס׳האָט זיך געטוליעט צו דער מוטער און זיך געפרעגט: „מאַמעשי, דער טויט טוט שטאַרק ווי?״ די מאַמע האָט געוויינט און געזאָגט: „ניין, אַ מינוטקעלע נאָר״. אַזוי האָט מען זיי דערשאָסן״.

און ס׳זיינען אויפגעקומען נייע מדבריות,
זאַמדן פון מיידאַנעק און סאָביבאָר,
געשפּענסטער פון טרעבלינקע און בעלזשעץ,

וואו דער ווינט פאַרוויגט אויף אייביקער רו.
נישט קיין סיליקאַט, סליודע און שטיקער זאַמד,
נאָר וואַפּנע און קויל
פון מענטשלעכן מין אויסגעגלייכט צו דער ערד,
איך — מענטש, איך — אַ זון פון דער ערד,
איך — דער נישט פאַרברענטער ברודער זייערער,
זע נאָר ווי אייער האַן, דער בלינד געוואָרענער
פאַרהיט די שטיקעלעך מענטשלעכע ענינים,
און אין לעצטן טאָג פון צעשטערונג
וועט ער זיך אַ טראָג טאָן איבער די אַשן.

„אויף די שטחים פון די אַמאָליקע פאַרניכטונג־לאַגערן גראַסעווען רויב־באַנדעס, זוכן גאָלד אין די אַשן, וואָס זיינען געבליבן פון די פאַרברענטע קדושים".

אין חושך די אַשן
שווימען דורך קלעפּסידרעס
און אין דער לופט איז אַזוי,
ווי ס'וואָלט אַן אָטעם געטאָן מיטן לעצטן אָטעם.

אַמאָל צעלייכט די נאַכט
פון תחית־המתים אויפגעשטאַנענער שטערן:
אַ גאָלדענער צאָן אַרויסגעריסן פון די אַשן,
און דעמאָלט זעט מען אין דעם גלאַנץ
הענט פון מענטשן־געשטאַלט,
וואָס וואַרטן אויפן פייער־גלי.
היינט האָב איך דערקענט אָט די הענט,
בלייכע און דאַרע.

האָבן זיי בראַוואָ געקלאַפּט אַ פאַרנדיקן צוג,
אין וועלכן עס האָבן אונדז פאַרלאָזט אויף אייביק
ראָזע גאָלד און פּראַימל פון הינטער דער שאַנק,
איבערלאָזנדיק זייערע פאַרשטאָרבענע.
איך מיין, אַז זיי וועלן געפינען אַ באַהעלטעניש,
אַז כ'וועל זיי נאָך ערגעץ באַגעגענען
אין זייערע ווינקעלעך,
מיט סודותדיקע פאַרבן
ביי אייך, הער שאַגאַל!

סט. יעזשי לעץ

די תפילה פון אַ יידן אויף דער אַרישער זייט

וואָס איז דער כותל אין ווייטן ירושלים,
דער דערנער־קראַנץ אויף ישון פון נצרת?
כ׳האָב אַלע טאָג געקרייציקט פונדאַסניי אים
דעם ייד אין מיר. אָט דאָ פאַרביי אים
וואו דער געטאָ ביז לעצטן שטיין צעשטערט איז.

די טריט נישט קושט דער ברוק. דער ברוק ער וויינט
מיט פאַסמעס פייער־פלאַמען, מענטשן־צינגער
ס׳האָט די וועלט אַליין זיך נישט דערקענט:
דאָס געוויסן ליגט אונטער פאַלנדיקע ווענט
און מענטש — אַ וואָרט אַלט און אָפּגעקלונגען.

יעדער בליק זויגט איין זיך אין געזיכט,
יעדער בליק דערשלאָגט מיך צו דער ערד
דער שטערן — מיך פירט נישט מער זיין ליכט
כ׳זע טויטן זיך הויבן הויך געדיכט
מיליאָנען קרעכצן כ׳האָב אַצינד דערהערט

דערלאַנגסט אַ האַנט — דיין פריינד ווי נישט געוואָרן,
דיין יעדן נערוו זעט מען דורך דער הויט.
פאַנגסט דעם ווינט. פון מזרח גייט מיט צאָרן
די אָפּענסיווע, נאָר אונדזערע יאָרן
פאַרשניידט דער אינדוסטריעלער טויט.

וואָס איז דער כותל אין ירושלים ווייטן,
אַז דיין היימלאַנד שטאַרבט ערשט אונטער הויט.
דיין פאַרשטאַרבן בלוט וואָס קיין טויט וועט מער פאַרבייטן
איך טראָג אָבער אין זיך אַ וווערט פון אַלטע צייטן
עס לוינט זיך אָפּזאָגן פון טויט.

אַרנאַלד סלוצקי

פאַרגיב מיר, מאַמעשי, גלויב,
אין אַ שפּראַך פאַר דיר אין אַ פרעמדער
ווי אַמאָל שטייט דיין זון אין איין העמדל
פאַר דיין בליק — אַ שטילינקע טויב —
מיין לעבן דאָס גאַנצע פאַרשעמט זיך.

גענוג ס׳זאָל אַ גרילץ טאָן דער גריל,
וואָס וועט זיך פלוצעם אויפוועקן —
פלעגסטו מיר פליסטערן שטיל:
זאָל אַזוי פיל גוטסקייט זיין ביי מענטשן
וויפל וואַסער ביים טייך אין זיין בעקן.

האָסט געזיפצט
האָבן געזיפצט אַלע שטערן
איבער דער הוטשווע*) ביים ברעג
כ׳וויל ס׳זאָלן מענטשן דערהערן
דיין זיפץ זאָל איבערגעזעצט ווערן
צי אויף יידיש צי אויף פּויליש די טרערן
זיינען דיינע דאָך מאַמע!

*) הוטשווע — אַ טייך אין גאַליציע.

נאָכוואָרט

מיינע עסייען אויף סאָוועטיש־יידישע טעמעס און די אַנדערע עסייען זיינען נישט קיין אָפּהאַנדלונגען אָפּגעשלאָסן און פאַרגאַנצט; נישט איך בין דער פוסק אחרון, און נישט אָט די אויפגאַבע האָב איך זיך געשטעלט. איך האָב אויך נישט געהאַט בדעה אויפצושטעלן קיין אַנטאָלאָגיע. ווייל נישט וועגן אַלע אָנגעזעענע שרייבער שרייבט זיך דאָ, אוודאי און אַוודאי נישט צוליב נישט אויפמערזאַמקייט. דאָס שרייבן מער אָדער ווייניקער וועגן אַ שרייבער איז אויך ביי מיר נישט געווען קיין מאָס צו מעסטן גרויסקייט.

די אַלע אימפּרעסיעס זיינען געשריבן אין פאַרשיידענע ציטן. אפשר וועט עמעץ זען געוויסע סופּערלאַטיוון אין טייל אָפּשאַצונגען — קומט עס פון מיין אויפריכטיקער, גרויסער באַוואונדערונג פאַר אונדזער ליטעראַטור, באַזונדערס די פּאָעזיע, וואָס האָט זיך דערשלאָגן צו אומגעזעענע הויכן, סיי אין אינהאַלט, סיי אין דער פאָרם.

איך בלאָנדזשע אַלץ צום ווערק פון מיין לעבן, וואָס דאַרף נאָך געשריבן ווערן, און די אומרואיקייט, וואָס מיינע טורמע־יאָרן האָבן פאַרזייט אין מיר — געבן נישט דערווייל די מעגלעכקייט דערצו. פונקען דערפון זיינען צעזייט אין דער אָפּטיילונג סקיצן און מיניאַטורן.

די לידער זיינען מערסטנס נייע, כאָטש אַ סענטימענט האָט מיך אומגעקערט צו טייל געשריבענע פאַר דער מלחמה, וועלכע איך האָב געפונען אין זשורנאַלן. די איבערזעצונגען זיינען נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פון דעם, וואָס איך האָב איבערזעצט און איז פאַרפאַלן געוואָרן, צווישן דעם פון דער העברעאישער פּאָעזיע.

פאַר דעם ביסל, וואָס איז דאָ צונויפגעזאַמלט און דער מעגלעכקייט דאָס צו פאַרעפנטלעכן דאַנק איך אין דער ערשטער ריי מיינע ראָטשעסטער פריינד: די מיטגלידער פונעם בוך־קאָמיטעט, ראַבאַי הערבערט בראונסטיין (טעמפּל „ברית קודש"); ראַבאַי אברהם קאַרפּ (טעמפּל „בית אל"); לואיס ראָזענשטיין, מעַנואל ל. האָפמאַן (פאָרזיצער פון דעם בוך־קאָמיטעט); פיליפּ מ. ליפשיץ, ד"ר מאָריס שאַפּירא, שלמה באָגאָראַד, סעם באָגאָראַד, עלמער לואיס, ד"ר דוד טאָדעס, יידישער קאָמיוניטי קאָונסיל פון ראָטשעסטער.

די פריינד פרעד פאָרמאַן, איזידאָר וואָלק פון באָפאַלאָ, ה. א. איבראַמסאָן (ניו־יאָרק), בען בערמאַן (ראָטשעסטער).

די אָרגאַניזאַציעס: בילדונגס־קאָמיטעט אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק (ז. יעפּרויקין); יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט (ב. טאַבאַטשינסקי); נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, ניו־יאָרק (לואיס סיגעל אין אָנדענק פון זיין

טראַגיש־פאַרשטאַרבענעם זון בנימין); פען־קלוב, ניו־יאָרק פונעם ווינעצקי־פאָנד); קולטור־פאָנד פון אַרבעטער־רינג אין ראטשעסטער; נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, ראָטשעסטער; ראָטשעסטער קאונסיל פיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע; יידישער קולטור־קאונסיל אין ראטשעסטער (וועמעס דריי מיטגלידער זיינען אינעם בוך־קאָמיטעט און איטשע ניומען איז קאַסירער); נחמן ארליוק, פיטסבורג; אַ צאָל ראַבאַיס און פריינד אויפן רוף פון די ראַבאַיס פיליפ בערנשטיין, הערבערט בראונסטיין און אברהם קאַרפּ.

איך מוז דאָ אויסדרוקן מיין אויפריכטיקן דאַנק די מיטגלידער פון דעם בוך־קאָמיטעט וועלכע זיינען באַזונדער געווען אַקטיוו. דאָס זיינען די פריינד ראַבאַי הערבערט בראונסטיין, עלמער לואיס (עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פונעם יידישן קאָמיוניטי קאונסיל פון ראָטשעסטער) און מענואל ל. האָפמאַן.

ס'איז איבעריק צוצוגעבן אַז אויב דאָס בוך וועט דערשיינען אָן גרייזן זיינען דערין די בחורים־הזעצערס — העגרי קעימער און הערי וואָלאָשקין — בישט וויניק „שולדיק"...

דער מחבר

יעפים ישורין

ישראל עמיאָט ביבליאָגראַפיע

ישראל עמיאָטס ווערק

1א. מיט זיך אַליין
אָסטראָוו, מאז., תרצ״ב, 1932, 24 ז״ז.

1ב. טראָפּנס אין ים
פאַרלאַג „מנורה״, וואַרשע, תרצ״ה, 1935, 64 זייטן.

1ג. איבער מחיצות
פאַרלאַג „מנורה״, וואַרשע, תרצ״ו, 1936.

1ד. ביי דער זיט
פאַרלאַג „מנורה״, וואַרשע, תרצ״ח, 1938.

2א. לידער
מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע, 1940, 48 זייטן.

2ב. אויפגאַנג
ביראָבידזשאַנער געגנטלעכער מלוכה־פאַרלאַג, 1947, 64 זייטן.

3. בענקשאַפט
פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע, 1957, 140 זייטן.

4. דער ביראָבידזשאַנער ענין
(כראָניק פון אַ גרויליקער צייט), פאַרלאַג שלמה באָגאָראַד, ראטשעסטער, ניו־יאָרק, 1960, 191 זייטן.

5. אין ניגון איינגעהערט
(לידער), אַרויסגעגעבן דורכן ראטשעסטער קולטור־ראַט, 1961, 112 זייטן.

6. פאַרדעקטע שפּיגלען
פאַרלאַג פון פוילישן יידנטום, בוענאָס איירעס, 1962, 200 זייטן.

וועגן ישראל עמיאָט אין ביכער

7. ביק, אברהם
די ביראָבידזשאַנער פּאָעזיע, „וואָרט און צייט״, בוענאָס איירעס, 1951, 220 ז״ז.

8. ביקל, שלמה
דער דיכטער מאָטל סאקציער, רומעניע, פאַרלאַג „קיום״, בוענאָס איירעס, 1961, 289 זייטן.

9. גלאַטשטיק, יעקב
ישראל עמיאָטס לידער, „מיט מיינע פאַרטאָג ביכער״, 1963, 530 ז״ז.

10. גראָסמאַן, משה
חיים סעמיאטיצקי, „היימישע געשטאַלטן״, תל־אביב, 1953, ז״ז 173, 174, 175, 176.

10א. דאָברושין, י.
פאָרוואָרט, י. עמיאָט לידער, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע, 1940, ז״ז 3—4.

11. זשיטעניצקי, דר. ל.
מחשבות צום אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, „אַ האַלבער יאָרהונדערט יידישע ליטעראַטור״, בוענאָס איירעס, 1952, ז׳ 63.

12. מייזיל, נחמן
פרילינג און שחיטה. „דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור״, ניו־יאָרק, 1942, ז׳ 74.

וועגן ישראל עמיאָט אין צייטונגען און זשורנאַלן

13. איזבאַן, שמואל
ישראל עמיאָטס גרויל־כראָניק, „דער ביראָבידזשאַנער ענין״, „קענעדער אָדלער״, מאָנטרעאָל, פעברואַר 13, 1961.

14. אייזענשטאַדט, אַמנון
ישראל עמיאָטס ליטעראַרישע בייַשטייערונגען, „יידישער זשורנאַל״, טאָראָנטאָ, נאָוועמבער 14, 1962.

15. אײכענבױם, י.
דער טראַגישער עקספּערימענט, „לעבנס־פראַגן", תל־אביב, דעצ. 1960, ז"ז 13־14.

16. אײכענבױם, י.
דער טראַגישער עקספּערימענט, ישראל עמיאָט: „דער ביראָבידזשאַנער ענין", „דער װעג", מעקסיקע, פעברואַר, 18, 1961.

17. אַליצקי, ל.
פרײַנדלעכע באַמערקונגען צו אַפרײַנד־לעכער רעצענזיע, „לעצטע נײַעס", 1958 (גענױע דאַטע אומבאַקאַנט).

18. אַליצקי, ל.
פרײַנדלעכע באַמערקונגען צו אַ פרײַנדלעכער רעצענזיע, „פאָלקס־שטי־מע", װאַרשע, יוני 7, 1958.

19. אפרים, צבי
קעגן יידישע שרײַבער איז אין מאָסקװע אַלצדינג דערלױבט! „יידישער זשור־נאַל", טאָראָנטאָ, סעפּ. 24, 1959.

20. אקרוטני, י.
„פאַרדעקטע שפּיגלען", „יידישע צײַ־טונג", בוענאָס אײרעס, 1962.

21. אקרוטיני, י.
דער ניצול־געװאָרענער פּאָעט, „יידישע צײַטונג", בוענאָס אײרעס, נאָװ. 4, 1956.

22. אקרוטני, י.
„און דו װעסט אַנגסטן טאָג און נאַכט", „יידישע צײַטונג", בוענאָס אײרעס, פעברואַר 10, 1960.

23. אקרוטני, י.
דער װײ־געשרײ פונעם קרבן, „ייִדי־שע צײַטונג", בוענאָס אײרעס, סעפּ. 27, 1960.

24. אקרוטני, י.
„אין ניגון אײַנגעהערט", ישראל עמי־אָטס נײַ לידער־בוך, 1961, „יידישע צײַטונג", בוענאָס אײרעס, יולי 7, 1961.

25. באַטאַשאַנסקי, יעקב
און די „אָרעמע פּראָזע" האָט אים גע־ענטפערט: „אַרײַן", ישראל עמיאָטס „פאַרדעקטע שפּיגלען", דערצײלונגען און סקיצן, אַרױסגעגעבן דורכן צענ־טראַל־פאַרבאַנד פון פױלישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס אײרעס, 1962, ביכער־סעריע „דאָס פּױלישע יידנטום", 126, 201 ז"ז, „די פּרעסע", בוענאָס אײרעס, יוני 29, 1962.

26. באַטאַשאַנסקי, יעקב
געלײענט און פאַרצײכנט. װאָס לידער דערצײלן. „די פּרעסע", בוענס אײרעס, נאָװעמבער 21, 1962.

27. באשעװיס, י.
זאַמלביכער, נומער 4, „צוקונפט", ניו־יאָרק, אויגוסט 1939, ז' 489.

28. באשעװיס, י.
„אַרום דער יידישער ליטעראַטור", „צוקונפט", ניו־יאָרק, אויגוסט 1943, ז' 472.

29. [באשעװיס, יצחק] יצחק װאַרשאַװסקי
ישראל עמיאָטס בוך, „דער ביראָביד־זשאַנער ענין", „פאָרװערטס", ניו־יאָרק, אויגוסט 7, 1960.

30. [באשעװיס] יצחק װאַרשאַװסקי
י. י. שװאַרץ און ישראל עמיאָט, „פאָר־װערטס", ניו־יאָרק, נאָװ. 26, 1961.

31. ביק, אברהם
דער חסידישער מאָטיװ אין דער מאָ־דערנער יידישער פּאָעזיע, „המשך", 2, ניו־יאָרק, 1940, ז' 57.

32. ביק, אברהם
יידישע דיכטער פון פױלן און אַרגענ־טינע אין ביראָבידזשאַן, „טאָג", ניו־יאָרק, מערץ 17, 1946.

33. ביק, אברהם
אַ יידישער דיכטער באַזינגט זײַן הײמ־לאַנד, „מאָרגן־פרײהײט", ניו־יאָרק, נאָװעמבער 4, 1956.

34. ביקל, ד״ר. שלמה
ליטעראַרישע געסט, ישראל עמיאָט, „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, דע־צעמבער 28, 1958.

35. בײלין, י. ב.
פאַרטריקנטע בלומען אין נײַע װאַזאָ־

נעס, „מאָרגן־פרייהייט", ניו־יאָרק, יאַנואַר 14, 1945.

36. ברוקער, בן־ציון
איז דאָס זיין מיינונג? (וועגן אַן אַרטיקל פון מאראן אהרן ווערגעליס), „די נייע צייט", בוענאָס איירעס, פעברואַר 5, 1960.

37. גאָטליב, נ. י.
וועגן צוויי ביכער: „צום נאָענטסטן שטערן יידיש" פון מאָטעס דייטש: „דער בירעבידזשאַנער ענין" פון ישראל עמיאַט, „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, יאַנואַר 23, 1961.

38. גאָטליב, נ. י.
„אין ניגון איינגעהערט". אַ בוך געקליבענע לידער פון ישראל עמיאַט, „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, יוני 25, 1961.

39. גאַלאַי, יוסף
אַ בילד פון געזעצלאָזיקייט און גרויל. „דער בירעבידזשאַנער ענין", פון עמיאַט ישראל, „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, סעפּטעמבער 16, 1960.

40. גאָלדבערג, ב. צ.
וועגן „בירעבידזשאַנער ענין". „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, יאַנואַר 8, 1961. „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, מערץ 1, 1961.

41. גאָלדבערג, ב. צ.
נאָך עפּעס אַרום פּאָעזיע, „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, יוני 5, 1961.

42. גאָלדבערג, ב. צ.
עמיאָטס „פּאַרדעקטע שפּיגלען", "טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 5, 1962.

43. גאָרדין, אבא
די רעטעניש — מענטש און די רעטעניש — רוסלאַנד. ישראל עמיאַט, „דער בירעבידזשאַנער ענין", „די גאָלדענע קייט", 40, תל־אביב, 1961, ז"ז 200־208.

44. גלאַטשטיין, יעקב
„אַפּקלייב"—צום זעקסטן מאָל. „יידישער קעמפער", ניו־יאָרק, פעברואַר 15, 1960, ז' 14.

45. גלאַטשטיין, יעקב
„אַפּקלייב" פון יידישע לידער, 1960. „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, מאַי 7, 1961.

46. גלאַטשטיין, יעקב
ישראל עמיאַטס לידער. „יידישער קעמפער", ניו־יאָרק, יולי 21, 1961, ז' 119.

47. גלאַטשטיין, יעקב
ישראל עמיאַטס לידער. „יידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, אויג. 18, 1961.

48. גלאַטשטיין, יעקב
יידישע ליטעראַטור אין „בריטאַניקאַ". „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, מאַי 12, 1963.

49. גלאַטשטיין, יעקב
ישראל עמיאַטס לידער. „יידישער קעמפער", ניו־יאָרק, יולי 21, 1963, ז"ז 9־10.

50. גלאַנץ, א. לעיעלעס
בירעבידזשאַנער ענין. „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, אָקט. 2, 1960.

51. גלאַנץ, א. לעיעלעס
ישראל עמיאַטס לידער. „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, אויג. 6, 1961.

52. גרוביאַן, מ.
נייע לידער פון אַ יידישן דיכטער אין בירעבידזשאַן. י. עמיאַט, „אויפגאַנג", „מאָרגן־פרייהייט", ניו־יאָרק, אויגוסט 22, 1948.

53. גרשני
אַוונט געווידמעט די שאַפונגען פון ישראל עמיאַט. „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, נאָוועמבער 5, 1957.

54. דאַווידאָוויטש, א.
ישראל עמיאַטס „פאַרדעקטע שפיגלען". „אונדזער צייט", ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1962.

55. [דאַמאַנקעוויטש, ל.]
דער דיכטער ישראל עמיאַט וועגן בי־

ראָבידזשאַן. „אונדזער וואָרט", פּאַריז, סעפּטעמבער 6, 1958.

56. [דאָמאַנקעוויטש ל.]
ישראל עמיאָט. „אונדזער וואָרט", פּאַריז, סעפּטעמבער 27, 1958.

57. האָרן, י.
יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד לעכצן נאָכן יידישן וואָרט, ברענגט אַ גרוס דער דיכטער ישראל עמיאָט. „יידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, אויגוסט 4, 1958.

58. האָרן, י.
אין יידישן ליד. „יידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, פעברואַר 14, 1960.

59. האָרן, י.
דער דיכטער ישראל עמיאָט דערציילט פון ביראָבידזשאַן. „יידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, יולי 3, 1960.

60. מ. וו.
„בענקשאַפט" פון ישראל עמיאָט. „נייע פּרעסע", פּאַריז, נאָוועמבער 30, 1957.

61. זאַלעווסקי ש. [זלמן לעווי]
מגילת ביראָבידזשאַן. „דרום־אַפריקע", יאָהאַנעסבורג, מאַי־יוני, 1962, ז"ז 19־21.

62. [זאַראַמב], ש.
ישראל עמיאָט — ביי דער זייט (ליד־דער). „שריפטן", וואַרשע, פעברואַר 1937, ז"ז 47־48.

63. זינגער, ש. ד.
וועגן שרייבער און ביכער. ישראל עמיאָט. „אונדזער וועג", ניו־יאָרק, דעצעמבער 1961, ז' 11.

64. טורקאָוו, יצחק
עמיאָטס „ביראָבידזשאַנער ענין". „פאָלקסבלאַט", תל־אביב, אָקטאָבער 10, 1960.

65. טורקאָוו, יצחק
דער דיכטער און זיין ניגון (ישראל עמיאָט און זיין בוך „אין ניגון איינגעהערט"). „פאָלקסבלאַט", תל־אביב, נאָוועמבער 8, 1961.

66. טענענבוים, ש.
„ביי דער זייט" — ישראל עמיאָט. „יידישער קוריער", שיקאַגע, דעצעמבער 27, 1936.

67. טענענבוים, ש.
יהואש'ס תנ"ך־איבערזעצונג פון ישראל עמיאָט. „יידישער קוריער", שיקאַגע, אָקטאָבער,15, 1939.

68. טענענבוים, ש.
דריי בריוו פון יידישע שריפטשטעלער פון פוילן. (יוסף וואָלף, א. סוצקעווער, י. עמיאָט). „יידישער קוריער", מאַי 7, 1944.

69. טענענבוים, ש.
ליטעראַרישע נאָטיצן. „דער ביראָבידזשאַנער ענין", „די שטימע", מעקסיקע, סעפּטעמבער 15, 1960.

70. טענענבוים, ש.
ישראל עמיאָט — דער דיכטער וועגן „ביראָבידזשאַנער ענין". „די שטימע", מעקסיקע, יאַנואַר 7, 1961.

71. טענענבוים, ש.
ישראל עמיאָט — דער דיכטער וועגן „ביראָבידזשאַנער ענין". פּרעמירט דורך דער צבי קעסעל ליטעראַטור פּרעמיע, 1960, „די שטימע", מעקסיקע, יולי 1, 1961.

72. טענענבוים, ש.
ישראל עמיאָטס „פּאַרדעקטע שפּיגלען". „די שטימע", מעקסיקע, יאַנואַר 5, 1963.

73. יאַנאַסאָוויטש, יצחק
אויף אַ פּען־קלוב מסיבה אין ניו־יאָרק. „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, סעפּטעמבער 6, 1961.

74. יאַסני, א. וואָלף
ישראל עמיאָטס בענקשאַפט נאָך יידן. צו זיין באַזוך אין ארץ־ישראל. „לעצטע נייעס", תל־אביב, 1958.

75. יאַסני, א. וואָלף
דיכטער ישראל עמיאָט אין זיין משפחה־היים. „לעצטע נייעס", תל־אביב, אויגוסט 1, 1958.

76. יאַסני, א. וואָלף
דער ניגון פונעם דיכטער ישראל עמי־

אַט. „לעצטע נייעס״, תל־אביב, מערץ, 2, 1962.

77. יקירא־אדמתא, אליהו

לויבט ישראל עמיאַטס אַרטיקלען וועגן ביראָבידזשאַן. „פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, מערץ 13, 1959.

78. כרמלי, אלישע

„אין ניגון איינגעהערט״, ניי בוך פון ישראל עמיאַט. „פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, יוני 4, 1961.

79. לייזעראָוויטש, מ.

ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט דער שאַפונג פון דיכטער ישראל עמיאַט. „פאָלקס־שטימע״, וואַרשע, דעצעמבער 6, 1956.

80. לעווין־שאַצקעס, י.

די סאָוועטישע תוכחה. ישראל עמיאַט: „דער ביראָבידזשאַנער ענין״. „דער וועקער״, ניו־יאָרק, אויגוסט 1, 1960, ז״ז 11־12.

81. מייזיל, נחמן

אַנטאָלאָגיעס פון ידישער פּאָעזיע. „יידישע קולטור״, ניו־יאָרק, פעברואַר 1955, ז׳ 12.

82. [מייזיל, נחמן]

פון חודש צו חודש. „יידישע קולטור״, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1956, ז׳ 55.

83. [מייזיל, נחמן]

פון חודש צו חודש. „יידישע קולטור״, ניו־יאָרק, אָקטאָבער, 1957, ז׳ 58.

84. נאָוויק, פּ.

שרייבער, דיכטער וואָס האָבן ניט וואָס צו זאָגן . . . „מאָרגן־פרייהייט״, ניו־יאָרק, יוני 13, 1960.

85. סאַנדלער, פּ.

אַ בוך וואָס דערציילט פון אַ גרויליקער צייט. „דער ביראָבידזשאַנער ענין״, פון ישראל עמיאַט. „קולטור און דערציאונג״, ניו־יאָרק, פעברואַר 1961, ז״ז 15־17.

86. סולער, חיים

באַגעגענישן מיט ידישע שרייבער אין מאָסקווע. „מאָרגן־פרייהייט״, ניו־יאָרק, אויגוסט 1, 1956.

87. ספּארד, א. ד.

אין רויען צושטאַנד. (וועגן דער דיכטונג פון י. עמיאַט). „ליטעראַרישע בלעטער״, נומ׳ 651, דעצעמבער 11, 1936, ז׳ 800.

88. ספּארד, דוד

אייניקע געדאַנקען וועגן דעם לידערבוך „בענקשאַפט״, פון ישראל עמיאַט. „יידישע שריפטן״, וואַרשע, דעצעמבער 1957, ז״ז 3־4.

89. פּאָמעראַנץ, א.

חיים גראַדע טוט זיי אָפּ אויף טערקיש! „מאָרגן־פרייהייט״, ניו־יאָרק, פעברואַר 23, 1941.

90. פּאָמעראַנץ, גרשון

ישראל עמיאַט. „יידישער זשורנאַל״, טאָראָנטאָ, יוני 12, 1960.

91. פּאָמעראַנץ, גרשון

פייערלעכער אָוונט אין ראָטשעסטער געווידמעט ישראל עמיאַטס בוך „דער ביראָבידזשאַנער ענין״. „יידישער זשורנאַל״, טאָראָנטאָ, יולי 4, 1960.

92. פּאָמעראַנץ, גרשון

אָפענע דיבורים. ישראל עמיאַט. „יידישער זשורנאַל״, טאָראָנטאָ, פעברואַר 26, 1961.

93. פּאָמעראַנץ, גרשון [ישראל עמיאַט]

„יידישער זשורנאַל״, טאָראָנטאָ, מאַי 29, 1961.

94. פּערלאָוו, יצחק

ישראל עמיאַטס לידער און פּראָזע. „פרייע אַרבעטער שטימע״, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1, 1962, ז׳ 5.

95. פּאַגעלמאַן, ל.

„פּאַרדעקטע שפּיגלען״ פון ישראל עמיאַט. „פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, מערץ 10, 1963.

96. פוקס, ח. ל.

מיט די סאָוועטיש־יידישע שרייבער

פאַר זייער פיזישן אומקום. „דער וועקער" נאָוועמבער 15, 1956, ז' 8.

97. פיגעס, מ.

ישראל עמיאָטס נייעסטער בוך „פאַרדעקטע שפיגלען". „פאָרווערטס", ניו־יאָרק, אָקטאָבער 14, 1962.

98. פענסטער, ב.

אַ בוך וואָס מען קאָן ניט פאַרגעסן. „דער ביראָבידזשאַנער ענין". פון ישראל עמיאָט. „דער פריינד", ניו־יאָרק, נאָוועמבער־דעצעמבער 1960, ז' 10.

99. קוואַטערקאָ, א.

אַ באַגעגעניש מיטן לייבלעך־אייגענעם דיכטער. „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, דעצעמבער 20, 1956.

100. קוואַטערקאָ, אברהם

אַ פייערונג אין וואַרשע צום 50סטן געבוירנטאָג פון ישראל עמיאָט. „מאָרגן־פרייהייט", ניו־יאָרק, סעפטעמבער 8, 1957.

101. קנאַפהייס, משה

דער כוח און אחריות פונעם וואָרט. „די פרעסע", בוענאָס איירעס, יולי 29, 1953.

102. [ראַבינאָוויטש], י.

גוט מאָרגן. „שפּיאָנען פאַר אַמעריקע". „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, מערץ 31, 1960.

103. ראַבינאָוויטש, יחזקאל

באַריכט פונעם דיכטער ישראל עמיאָט אַ סאָוועטישער ביראָבידזשאַנער קרבן. „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", דעצעמבער 30, 1958, ז"ז 14־15.

104. ראַוויטש, מלך

ישראל עמיאָט. „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, דעצעמבער 28, 1959.

105. ראָזשאַנסקי, שמואל

יידישע שרייבערס אין ראַטנפאַרבאַנד. „יידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, פעברואַר 19, 1950.

106. ראַפּאָפּאָרט, דוד

די שענדונג פון מענטש. (ישראל עמיאָטס „דער ביראָבידזשאַנער ענין"). „אויפסניי", נומ' 28־29, ניו־יאָרק, 1960, ז"ז 27־28.

107. ראַפּאָפּאָרט, י.

יחיאל לערער — דער דיכטער פון אונדזער חורבער היים. „צוקונפט", ניו־יאָרק, מערץ 1950, ז' 138.

108. ראַפּאָפּאָרט, י.

אין פינטל אַריין. פון אַ קריטיקערס טאָג־בוך. „די יידישע פּאָסט", סעפּטעמבער 21, 1960.

109. ראַפּאָפּאָרט, י.

אַ בוך וועגן דער לינקער זייט פון אונדזער חורבן. (ישראל עמיאָטס „דער ביראָבידזשאַנער ענין"). „צוקונפט", ניו־יאָרק, יאַנואַר 1961, ז"ז 39־40.

110. ראַפּאָפּאָרט, י,

יידישער קריטיקער וועגן ישראל עמיאָט. „יידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, פעברואַר 23, 1961.

111. ראַפּאָפּאָרט, י.

אַ לירישער ניגון. ישראל עמיאָט: „אין ניגון איינגעהערט". „צוקונפט", ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1961, ז"ז 448־449.

112. ראַפּאָפּאָרט, י.

בעלעטריסטישע עסקיזן. (ישראל עמיאָט: „פאַרדעקטע שפיגלען"...). „צוקונפט", ניו־יאָרק, פעברואַר 1963, ז"ז 97־98.

113. א. ג. ש.

„דער ביראָבידזשאַנער ענין", פון ישראל עמיאָט. „לעצטע נייעס", תל־אביב, יולי 15, 1960.

114. שולמאַן, אברהם

„מיין גאָט, איך גלויב דיר אַזוי פיל — גלויב מיר אויך אַ ביסל..." (וועגן דעם בוך לידער פון ישראל עמיאָט „אין ניגון איינגעהערט"). „דער וועקער", ניו־יאָרק, אויגוסט 1, 1961, ז"ז 17־18.

115. שולמאַן, אברהם

„מיין גאָט, איך גלויב דיר אַזוי פיל —

גלויב מיר אויך אַ ביסל...״).
„אונדזער שטימע״, פּאַריז, סעפּטעמ־
בער 2־3, 1961.

116. שולמאַן, אברהם

דער מאָטיוו פון טויט אין דער ניט־
יידישער און אין דער יידישער פּאָ־
עזיע. „צוקונפט״, ניו־יאָרק, דעצעמ־
בער 1961, ז״ז 485־489.

117. שולמאַן, אברהם

ישראל עמיאָטס נייער בוך „פּאַרדעק־
טע שפּיגלען״. „אונדזער שטימע״, פּאַ־
ריז, דעצעמבער 1־2, 1962.

118. שטיין, מ. ב.

אַ דיכטער מיט שטאַרקע פּאָטענצן.
ישראל עמיאָט: „מיט זיך אַליין״.
„דאָס נייע וואָרט״, וואַרשע, אויגוסט
27, 1937.

119. שטיינוואַקס, פּנחס

„אין ניגון איינגעהערט״, פון ישראל
עמיאָט. „יידישער זשורנאַל״, טאָראָנ־
טאָ, יולי 3, 1961. „קענעדער אַדלער״,
מאָנטרעאַל, יולי 31, 1961. „אונדזער
וואָרט״, פּאַריז, סעפּטעמבער 16, 1961.

120. שטערן, שלום

טרער און טרייסט. „בענקשאַפט״, פון
ישראל עמיאָט. „מאָרגן־פרייהייט״,
ניו־יאָרק, דעצעמבער 29, 1957.

121. שטערנבערג, יאַנקעוו

מיטן פּנים צו דער ווירקלעכקייט.
„איינקייט״, מאָסקווע, סעפּ. 18, 1948.

122. שמולעוויטש, י.

ישראל עמיאָט. יידישע שרייבער פון
סאָוועט־רוסלאַנד וואָס איז נעכטן אָנ־
געקומען קיין ניו־יאָרק. „פאָרווערטס״,
ניו־יאָרק, יוני 6, 1958.

123. שמולעוויטש, י.

גערעטעוועטער שרייבער פון רוס־
לאַנד דערציילט שטוינענדע פאַקטן
וועגן ביראָבידזשאַן. ישראל עמיאָט.
„פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, דעצעמבער
16, 1958.

124. שמולעוויטש, י.

ביראָבידזשאַן און מדינת ישראל. נייע
סעריע פון ישראל עמיאָט וואָס דער
„פאָרווערטס״ הויבט איצט אָן דרוקן.
„פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, פעברואַר
6, 1959.

125. שענהערץ, משה

אַ ליטעראַרישער קווערשניט. „פאַר־
דעקטע שפּיגלען״ פון ישראל עמיאָט,
פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום״,
בוענאָס איירעס, תשכ״ג, 1962. „יידי־
שע צייטונג״, בוענאָס איירעס, יולי
8, 1962. „קענעדער אַדלער״, מאָנ־
טרעאַל, יולי 30, 1962.

126. שקליאַר, מ.

לאָמיר זיך באַקענען. „פאָלקס־שטי־
מע״, וואַרשע. [גענויע דאַטע אומבאַ־
קאַנט].

127. שקליאַר, משה

גרויסע בענקשאַפט. [ישראל עמיאָט].
„פאָלקס־שטימע״, וואַרשע, אויגוסט
31, 1957.

וועגן ישראל עמיאָט אין צייטונגען און זשורנאַלן

128. „אויפסניי״, ניו־יאָרק

[גענויע דאַטע אומבאַקאַנט]. די שענ־
דונג פון מענטש. (ישראל עמיאָטס
„דער ביראָבידזשאַנער ענין״.

129. „אונדזער וועג״, ניו־יאָרק

דעצעמבער 1961. וועגן שרייבער און
ביכער. ישראל עמיאָטס בוך לידער
„אין ניגון איינגעהערט״.

130. „אונדזער וועג״, ניו־יאָרק

יולי־אויגוסט, 1962. „פאַרדעקטע
שפּיגלען״ — ניי בוך פון ישראל עמי־
אָט דערשיינט די טעג.

131. „אונדזער שטימע״, פּאַריז

יולי 8, 1958. יידישער שרייבער
ישראל עמיאָט אָנגעקומען קיין אַמע־
ריקע.

132. „אונדזער שטימע״, פּאַריז

נאָוועמבער 10־11, 1962. ישראל
עמיאָטס נייעסטער בוך.

133. „יידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ
פעברואַר 24, 1961. באַרימטער יידי־שער פּאָעט ישראל עמיאָט, גאַסט פון טאָראָנטער יידן.

134. „יידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ
פעברואַר 26, 1961. באַרימטער יידי־שער פּאָעט, ישראל עמיאָט גאַסט פון טאָראָנטער יידן.

135. „יידישע צייטונג", בוענאָס איירעס
מאַי 22, 1962. ישראל עמיאָט פּרע־מירט פאַר זיין בוך „אין ניגון איינ־געהערט".

136. „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער", בוענאָס איירעס
נאָוו.־דעצ., 1953, ז' 14. וואו איז אַהינגעקומען דער דיכטער ישראל עמיאָט ?

137. „אָפּקלייב", ניו־יאָרק
העפט פינף. יאַנואַר 1959, ז"ז 231־232. ישראל עמיאָט.

138. „אָפּקלייב", ניו־יאָרק
העפט זעקס. יאַנואַר 1960. ז"ז 284־285. ישראל עמיאָט.

139. „אָפּקלייב"־אַנטאָלאָגיע, ניו־יאָרק
יאַנואַר 1961, ז"ז 318־319. ישראל עמיאָט.

140. „אָפּקלייב", ניו־יאָרק,
העפט אַכט, יאַנואַר 1962, ז"ז 357־358. ישראל עמיאָט.

141. „אָפּקלייב", ניו־יאָרק
העפט 9, יאַנואַר 1963, ז"ז 408־409. ישראל עמיאָט.

142. „אַרבעטער וואָרט", פּאַריז
אויגוסט 2, 1957. דער דיכטער ישראל עמיאָט אַלט געוואָרן 50 יאָר.

143. „דער וועקער", ניו־יאָרק
יולי 1, 1962, ז' 4. „פאַרדעקטע שפּיג־לען" — ניי בוך דערציילונגען און סקיצן פון ישראל עמיאָט.

144. „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק
אויגוסט 28, 1960. עמיאָטס בוך וועגן „ביראָבידזשאַן" שוין דערשינען.

145. „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק
יולי 24, 1961. ישראל עמיאָט אָוונט, מאָרגן, זונטיק, אין ראטשעסטער.

146. „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק
נאָוועמבער 1, 1961. ראטשעסטער קולטור־ראַט פייערט שבת אַ י. עמיאָט אָוונט צו זיין געווינען ליטעראַטור־פּרעמיע.

147. „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" ניו־יאָרק
מאַי 16, 1962. ישראל עמיאָט און גבריאל פּרייל צווישן די פינף פּרע־מירטע פון יידישן ביכער־ראַט אין אַמעריקע.

148. „ישראל־שטימע", תל־אביב
סעפּטעמבער 9, 1958. ישראל עמיאָט צו גאַסט אין ארץ־ישראל.

149. „לעצטע נייעס", תל־אביב
[גענויע דאַטע אומבאַקאַנט]. דער אמת וועגן ביראָבידזשאַן. קבלת־פּנים פאַרן דיכטער י. עמיאָט אין יידישן ליטע־ראַטן־פאַראיין.

150. „לעצטע נייעס", תל־אביב
[גענויע דאַטע אומבאַקאַנט]. ישראל עמיאָט אין רעדאַקציע „לעצטע נייעס".

151. „מאָרגן־פרייהייט", ניו־יאָרק
ישראל עמיאָט, באַוואוסטער יידישער דיכטער פון פּוילן, געקומען קיין אַמע־ריקע צו זיין פאַמיליע.

152. „די פּרעסע", בוענאָס איירעס
יולי 30, 1961. „אין ניגון איינגע־הערט", ניי בוך לידער פון ישראל עמיאָט, דערשינען.

153. „פאָלקסבלאַט", תל־אביב
יוני 7, 1962. עמיאָט — פּרעמירט.

154. „פאָרווערטס", ניו־יאָרק
מאַי 1, 1961. אָוונט מיט די דיכטער יאַנאַסאָוויטש און עמיאָט ביים יידישן פּען־קלוב.

155. „פאָרווערטס", ניו־יאָרק
מאַי 16, 1962. יידישער פּאָעט ישראל עמיאָט; העברעאישער — גבריאל פּרייל, באַעהרט פאַר זייערע ביכער.

156. „קלאָרקייט", בוענאָס איירעס
יאַנואַר 1959, ז' 95. ישראל עמיאַט אין מדינת ישראל.

157. „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל
סעפּטעמבער 13, 1960. ישראל עמי־אַט אין מאָנטרעאָל, וועט האַלטן רע־פעראַט שבת אָוונט אין ביבליאָטעק.

158. „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל
יוני 19, 1961. „אין ניגון איינגע־הערט", ניי בוך לידער פון ישראל עמיאַט.

159. „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל
סעפּטעמבער 7, 1961. ישראל עמיאַט אויף דער טעמע, סאָוועטיש־יידישע שרייבערס פון דער נאָענט.

160. „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל
יוני 18, 1962. יידישער פּאָעט ישראל עמיאַט און דער העברעאי־שער דיכטער גבריאל פּרייל ווערן באַערט פאַר זייערע ביכער.

161. „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל
יולי 23, 1962. „פאַרדעקטע שפּיגלען", נייער בוך דערציילונגען, פון ישראל עמיאַט.

162. „די שטימע", מעקסיקע
נאָוועמבער 30, 1960. פיר שרייבער פרעמירט געוואָרן.

163. „דער שפּיגל", בוענאָס איירעס
[געניע דאַטע אומבאַקאַנט]. דיכטער ישראל עמיאַט נייער מיטאַרבעטער פון „שפּיגל".

וועגן ישראל עמיאַט אין אַלמאַנאַכן און לעקסיקאָנען

164. אייזענשטאַדט, שמואל
די העברעאישע און יידישע ליטעראַטור אין ישראל. „איקוף"־אַלמאַנאַך, ניו־יאָרק, 1961, ז"ז 110.

165. בודיש, י. מ.
דער אויפבוי פון דער יידישער קול־טור אין בירעבידזשאַן, אין דינסט פון פאָלק. — אַלמאַנאַך פון יידישן פאָלקס־אָרדן, ניו־יאָרק, 1947, ז"ז 382.

166. מאַרק, בער
צווישן לעבן און טויט. „איקוף"־אַל־מאַנאַך, ניו־יאָרק, 1961, ז"ז 64.

167. רובין, רבקה
אונדזער ליטעראַטור. אויף נייע וועגן — אַלמאַנאַך, ניו־יאָרק, 1949, ז"ז 14.

וועגן ישראל עמיאַט אין העברעאיש

168. אחיגר, י.
ענין בירובידז'אן, כרוניקה של תקופות זועה. „מעריב", תל־אביב, אויגוסט 19, 1960.

169. גרנטשטיין, י.
ישראל אמיוט — לצאתו. „הצופה", תל־אביב, [געניע דאַטע אומבאַקאַנט].

170. גרנטשטיין, י.
שירה מעבר למסך הברזל. [וואו און ווען געדרוקט אומבאַקאַנט].

171. גרנטשטיין, י.
ענין בירובידז'אן. „הצופה", תל־אביב, אויגוסט 26, 1960.

172. ב. מ.
נדודים וכיסופים (עם ביקורי בישראל של המשורר י. אמיוט). „דבר", תל־אביב, אויגוסט 29, 1958.

173. בן־מש, י.
האודים המוצלים. האמת על ביר־בידז'אן. „דבר", תל־אביב, פעברואַר 25, 1960.

174. עתיד, ש.
מבירובידז'אן עד ירושלים. (עם ביקורו של המשורר י. אמיוט בישראל). „על המשמר", תל־אביב, סעפּטעמבער 12, 1958.

175. שבתאי, ק.
„משורר שמרד במפני חטאינו". „דבר", תל־אביב, 1958. [געניע דאַטע אומ־באַקאַנט].

176. דבר, תל־אביב
[געניע דאַטע אומבאַקאַנט]. על האמת מבירובידז'אן בבית „דבר".

177. מעריב, תל־אביב
אויגוסט 29, 1958. ישראל אמיוט.

װעגן ישראל עמיאָט אין פרעמדע שפּראַכן

178. **Clune, Henry W.**
Seen and Heard. Reunion. [Publication and date unknown].

179. **Dobzynski, Charles**
Premier Regard Sur La Poesie Yidich. Domaine Yidich, Paris, Hivre 1958. P. 47.

180. **Lazer, Dr. Dawid**
Israel Emiot. [Publication and date unknown].

181A. **Liptzin, Sol**
A sensitive Poet Returned From Hell. In nign aingehert. (In Melody Absorbed). By Israel Emiot. Rochester Culture Council, 1961. In Jewish Bookland, New York, May 1962, P. 3.

181B. **Margoshes, Dr. S.**
News and Views. "Fardekte Shpiglen", by Israel Emiot. Stories of Jewish Life and Man's Inhumanity to Man. Day-Jewish Journal, New York, June 14, 1963.

182. **Salisbury, Harrison E.**
Emigre Describes Purges By Stalin. Yiddish Poet Tells of Terror in Jewish Soviet Region, over plot charges. New York Times. August 12, 1958.

183. **Bufallo Jewish Review**
March 15, 1963. Forum Will Present Talk in Center Sunday By Poet Israel Emiot.

184. **Jewish Ledger**
[Place and date unknown]. Honored-Israel Emiot.

185. **Jewish Telegraphic Agency News Bulletin, New York.**
May 17, 1962. Jewish Book Council Picks Outstanding Works of 1961 Jewish Literature.

186. **Nasz Glos, Warszawa**
Mar. 15, 1958. Wieczor dwoch Poetow.

187. **Rochester Times-Union**
November 28, 1962. Authors Honored.

188. Poet Who Fled From Soviets To be Feted By Israeli Group.
[Where and when printed unknown]

189. Refugee Yiddish Poet Will Address Culture Forum on Sunday.
[Where and when printed unknown]

190. Powitanie Poety-Izraela Emiota.
[Where and when printed unknown]

191. Jewish Group to Fete Author Israel Goldwaser Emiot.
[Where and when printed unknown]

אינהאַלט

●

אָפּטיילונג איינס

אויף סאָוועטיש־יידישע טעמעס

זייט

דער בסתר אין בירא ביזשאַן — 7
בלומען אויפן אומבאַקאַנטן קבר — 15
דער טויט פונעם סאָוועטיש־יידישן שרייבער, עמאַנועל קאַזאַקעוויטש — 20
שמואל האַלקין — דער פּאָעט און דראַמאַטורג — 25
שמואל האַלקין — 30
דער טראַגישער פּלאַנטער — 33
משה בראַדערזאָן — 37
דאָס בוך פון סאָניע מאַלאַדיעץ — 40
לייב אַליצקי — דער משלים שרייבער — 43
אַן אייגנאַרטיקע פּאָעטישע פּערזענלעכקייט — 48
דער דעמב — 54
די סאָוועטישע יידן און די „אונדערגייער" — 57
די צוויי „מאָדנע" יידישע אַרעסטאַנטן אין סיבירער לאַגער — 60
האָט זיך גאַרנישט געענדערט ? — 64
איינער פון די וויניקע — וולאַדימיר קאָנסטאַנטינאָוויטש איקאָוו — 69
עגין ערענבורג — 74
אַ נס — 79

אָפּטיילונג צוויי

עסייען

איז טאַקע פּאָעזיע נישט פאַרשטענדלעך ? — 85
דער שיינער ליגן — 89
וועגן קליינע און גרויסע טעמעס — 91
די פּרייד פון יידישן וואָרט — 95
יעקב גלאַטשטיין דער עסייאיסט — 99

זייט
וועגן וואָרט ווערט מוזיק — — — — — — — — — — — — 103
„דער מענטש פון פייער" — — — — — — — — — — — — 108
א. לעיעלעס אין העברעאיש — — — — — — — — — — — 112
וועגן קינדער רעדן מיט דער שפּראַך פון דערוואַקסענע — 117
אַ באַזוך ביי לייוויקן — — — — — — — — — — — — — 122
דער פּאָעט פון ליבשאַפט — — — — — — — — — — — — 125
פון יחזקאל קאָטיקס זכרונות ביז מלך ראַוויטשעס „דאָס
מעשה־בוך פון מיין לעבן" — — — — — — — — — — 129
יוסף רובינשטיין — — — — — — — — — — — — — — 132
איציק מאַנגער — — — — — — — — — — — — — — 135
די ליריק פון זלמן שניאור — — — — — — — — — — — 138
„הייליק, הייליק איז דער מענטש" — — — — — — — — — 143
דאָס געזאַנג פון פאָלק — — — — — — — — — — — — — 147
זעליק דאָרפמאַן „ליכט אויפן דאָרן" — — — — — — — — 151
יצחק באַשעוויסעס „גימפּל תם און אַנדערע דערציילונגען" — 155
י. מעצקערס „גאָטס באַשעפענישן" — — — — — — — — 157
דוד פרישמאַן — — — — — — — — — — — — — — — 159
אויפן פרישן קבר פון דוד שמעונוביץ (שמעוני) — — — 163
מאַני לייב אין העברעאיש — — — — — — — — — — — 166
די וועלט פון נעכטן — — — — — — — — — — — — — 169
איך האָב קיין צייט נישט — — — — — — — — — — — 173

אָפּטיילונג דריי

בילדער, דערציילונגען

מיין רבי און דעם קיסרס פּאָרטרעט — — — — — — — — 179
אַ חתונה אויף די זאמדנס — — — — — — — — — — — 185
אַליין — — — — — — — — — — — — — — — — — 190
חנה די שרייבערין — — — — — — — — — — — — — 194
פּאַרשטאַנען — — — — — — — — — — — — — — — 199
מזל טוב — — — — — — — — — — — — — — — — — 203
נאָכן אומגליק — — — — — — — — — — — — — — 209
אָנדענק נאָך אַ לעבן — — — — — — — — — — — — 212
שטעטל האָט געוואָרט — — — — — — — — — — — — 216

אָפּטיילונג פיר

מיניאַטורן

זייט

איר שוואָכסטע ראָל — 223
צופאַל אין באַנק — 224
אין דיכטערס רשות — 225
זי, אין ווייטן וואַלד־געזאַנג — 226
איך לייען מענטשן — 226
די לערערין מיס קימאָנאָ — 228
שרעק פאַר די מגפות אויף דער וועלט — 230
אין סאַמע מיטן ניו־יאָרק — 232
אין טויטן־קאַמער — 235
טורמע־קינסטלער — 237
פּרויען — 239
אין קליינע שטעטלעך — 241
די מענטשן וועלכע איך זע נאָר איינמאָל בלויז — 242
צו איר פאַרבאָרגענעם שטעג — 243

אָפּטיילונג פינף

לידער

שטעטל — 247
דער נביא וואָס איז נישט אַריין אין תנ״ך — 247
איך גיי אויף לוויות — 248
אויף ווייטע וועגן — 248
לאָמיר פאַרהאַלטן דעם זומער — 249
זוך נישט אין מיין האַרצן קיין סך — 249
די פידל — 250
דזשאַז — 251
מענדעלע — 252
נישט פרי, נישט שפּעט, אַזוי זיך בייטאָג — 252
„איבער אַללען גיפּפלען״ — 253
וויוואַלדי — 253
אין „פיונעראל פּאַרלאָר״ — 254
צו מיין אייניקל — 255
יאַנוש קאָרטשאַק צווישן די קינדער אין געטאָ — 255

זייט
צו איינער — 257
צום סאָנעט — 257
ירושלים — 258
כנרת — 258
מיטן ים — 259
אַ שעה פון שעה'ן — 259
אויפן טויט פון אַ פויער — 261
*** — 261
*** — 261
*** — 262
*** — 262
טויט — 263
זעענדיק דזשאַקאַנדאַ — 263
אַ חתונה — 264
מאַרינער 2 — 264
לאָז זיך, פאַרוואָרנדיקט האַרץ — 265
ביי דער זעקסטער עוועניו — 265
אויף אַלטע מאָטיוון — 266
תפילה — 266
אין שפּיטאָל — 267
אונדזער גולמל — 268
די דרייצנטע שעה — 269
ירושלים — 269
די מומע שרייבט — 272
תחינה — 273
פינף דורות — 273
קינדער־יאָרן — 274
ארץ־ישראל זאַמד — 275
ווינטער־אָוונט — 276
דערוואַרטונג — 277
שפּעט האַרבסט — 278
פייזאַזש — 279
דער ניגון — 280

אָפּטיילונג זעקס

איבערזעצונגען

זייט

דעמער — 287
פּאָל ווערלען — 287
אַ פּאַרפּירט לעבן — 288
אַ שוואַרצע נאַכט — 289
וועגן דער גוטער נאַכט — 289
אַ פּרעסטל — 290
אַ תּפילה — 292
אַ בריוו צו מאַרק שאַגאַלן — 294
די תּפילה פון אַ יידן אויף דער אַרישער זייט — 298
ליד — 299
נאָכוואָרט — 300
יעפים ישורין — ישראל עמיאַט ביבליאָגראַפיע — 302
אינהאַלט — 312